STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05493

OYFN SHEYDVEG

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויפן שיידוועג

זאַמלביכער

אונטער דער רעדאַקציע פון
א. טשעריקאָווער און י. עפּרויקין

צווייטער זאַמלבוך — אויגוסט 1939

פּאַריז

אינהאַלט :

שמעון דובנאָוו, וואָס דאַרף מען טאָן אין המנס צייטן? (אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פון „אויפן שיידוועג“) — 3

אַ. טשעריקאָווער, וועגן „שיידוועג“ און וועגן „שלאַכטפעלד“ (אַ פריינדלעכער ענטפער אויף אַ פריינדלעכער קריטיק) — 8

י. עפּרויקין, וואו האַלטן מיר אין דער היינטיקער וועלט? — 14

ד"ר אהרן שטיינבערג, בטחון! — 27

אַ. גאָלאָמב, וואָס איז יידישע טראַדיציע? (פראַגמענטן) — 37

אַ. מענעס, דער זינען פון אונדזער צייט — 59

ז. קלמנאָוויטש, יחיד און פאָלק אין דער יידישער פראַגע — 72

מלך ראַוויטש, כאַאָטישע ווערטער וועגן דאָגמעס — 81

ד"ר י. וואָלפסבערג, כוחות פון ירידה און כוחות פון עליה — 88

ראָבערט וועלטש, קאַמף אַרום דער ירושה פון רעוואָלוציע — 99

י. טשעריקאָוו, די לאָגיק פון דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע (צום 150־יאָריקן יובל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע) — 106

משה וואַלדמאַן, פּרשה „ווייסבוך“ — 122

מ. ערעם, אויף די שליאַכן פון דער נאַציאָנאַלער אַראַבישער באַוועגונג — 133

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, וואָס איז יידיש־וועלטלעכע קולטור? — 152

ש. ניגער, נייע טענדענצן אין דער יידיש־ליטעראַטור זינט נאָך דער מלחמה — 167

דניאל טשאַרני, ווי האַלט עס מיט דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד? — 187

ח. אַראָנסאָן, ביי די קוואַלן פון יידישער קונסט — 199

ד"ר מיכאל שוואַרץ, דער מאָדערנער יידישער הומאַניזם — 215

רעצענזיעס און ביבליאָגראַפיע — 220

1) מ ש ה ש. — יידישע רעוואָלוציאָנערן אָדער רעוואָלוציאָנערן יידן? (וועגן דעם ב. 3 „היסטאָרישע שריפטן“); נ י נ אַ ג. — דער ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם אין דער אָפּשאַצונג פון די פראַנצויזישע קאַטויליקן (איבערבליק); 3) ד"ר ר. פעלדשוה, יידישער געזעלשאַפטלעכער לעקסיקאָן, ב. 1; 4) די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו־יאָרק; 5) על פּרשת דרכינו; 6) Prof. S. Goldelman, Löst der Kommunismus die Judenfrage?; 7) Shem — Revue d'action hébraïque.

ביבליאָגראַפישע נאָטיצן — 235

שמעון דובנאָוו / ריגע

וואָס דאַרף מען טאָן אין המנס צייטן?

אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פון „אויפן שיידוועג"

חשובע פריינד!

אין 1937 איז געוואָרן צוויי טויזנט יאָר פון יענעם מאָמענט אָן, זינט דער רוימישער הערשער פּאָמפּעאוס האָט מיטגעבראַכט די ערשטע יידישע געפאַנגענע פון ירושלים קיין רוים (63 פאַר קריסטוסן). דאָס איז געווען דער אָנהויב פונעם יידישן ישוב אין אייראָפּע. אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיינען שוין די געפאַנגענע געוואָרן פרייע מענטשן, און דער גרויסער רוימישער אָראַטאָר ציצעראָן האָט אַליין עדות געזאָגט, אַז יידן שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָלע אין רוימישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַזוי וואָלטן מיר געקענט מאַכן איצט אַ צוויי־טויזנטיאָריקן יובל פון אונדזער אייראָפּעאישן ישוב, ווען ס'וואָלט אונדז אין אָנהויב פון דריטן יאָרטויזנט ניט פאַרשטערט אָט דעם יום־טוב אַ גילגול פון יענע גערמאַנישע באַרבאַרן, וואָס האָבן אין דער צייט פון פּאָמפּעאוס־צעזאַר נאָך געפירט אַ האַלב־ווילדן לעבן. די לעצטע צוויי היטלער־יאָרן 1938-1939 מאַכן אויף אַ סך מענטשן דעם איינדרוק, אַז עס הויבט זיך אָן דער חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום און אַז דער העגעמאָנישער צענטער פון אונדזער פאָלק וועט זיך מוזן אַריבערטראָגן אויף יענער זייט ים — קיין אַמעריקע אָדער אַזיע.

מיר לעבן איבער איינעם פון די גרעסטע קריזיסן אין אונדזער געשיכטע. די יאָרן תרצ"ח - תרצ"ט וועלן פאַרצייכנט ווערן אין דער רשימה פון די שרעקלעכסטע היסטאָרישע דאַטעס: תתנ"ו (קרייצצוגן), ק"ח - ק"ט (שוואַרצער טויט), רנ"ב (גירוש ספרד), ת"ח ות"ט (כמעלניצקי), תרמ"א - תרמ"ב און תרס"ג - תרס"ו (רוסישע פּאָגראָמען), תרע"ט - תר"פ (אוקראַיניש־פּעטליורישע פּאָגראָמען). אין די היינטיקע גזירות אין מיטל־אייראָפּע האָבן זיך פאַראייניקט אַלע צרות פון אַמאָליקע צייטן מיט אַ מאָדערנסטער סיסטעם פון רציחות, רויב און פּייניגונגען, וואָס עס האָט געקענט צוטראַכטן נאָר די אינקוויזיטאָרישע פאַנטאַזיע פון אַ היטלער, אַ גערינג אָדער אַ שטרייכער. מיר לעבן איבער באמת המנס צייטן: היטלערס „אויסראָטונג־סיסטעם" איז אַ פּשוטע איבערזעצונג פון המנס פּלאַן „להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים" — מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָרט איז עס געבליבן נאָר אַ פּלאַן, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט און האָט דערפירט המנען צו דער תליה, און היטלער — האָט זיין פּלאַן כמעט ווי דורכגעפירט. אַ מיליאָן יידן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע זיינען פאַרניכטעט, באַרויבט, צעשלאָגן, לערך אַ העלפט — פאַרטריבן, און די אַנדערע

העלפט זיצט נאָך אין דעם היטלער־לאַנד, ווי געפאַנגענע אָדער ווי ערבותניקעס, וואָס ווערן לאַנגזאַם פּאַרפּייניקט. אויף אַלע קאָנטינענטן און ימים הערן זיך איצטער די געשרייען פון צענדליגער טויזנטער „גולי אשכנז", וואָס קלאַפּן אין די טירן פון אַלע לענדער — און מען לאָזט זיי ניט אַריין צוליב די אימיגראַציע־געזעצן אָדער סתם רשעות.

וואָס דאַרף מען טאָן אין אַזאַ צייט? ווען דער חלק ליגט אויפן האַלדז, מוז מען זיך איילן אָפּצושטעלן די האַנט פון גזלן און ראַטעווען דעם קרבן. מען דאַרף שאַפן אין דער גאַנצער וועלט אַ באַוועגונג קעגן דער באַנדע רוצחים און אויך אָרגאַניזאַציעס צו זוכן לענדער פאַר די פאַרטריבענע אָדער אַנטלאָפענע. שוין עטלעכע יאָר, ווי די יידישע און טיילווייז אויך די ניט־יידישע וועלט אַרבעט אין אָט דער ריכטונג. אין דער לעצטער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אין דער גאַנצער וועלט דער אַנטי־אַגרעסיווער קאַמף קעגן יענעם פאַשיסטיש־נאַציסטישן בונד, וואָס איז גלייכצייטיק אַ סכנה פאַר דער מענטשהייט, ווי פאַר איר יידישן טייל. אין דעם דאָזיקן גרויסן קאַמף דאַרפן זיך אַריינוואַרפן אַלע אַקטיווע כוחות פון דעם יידישן פאָלק, כדי אַרויסצושלעפן אייראָפּע פון דעם זומפּ, וואָס זי איז אין אים אַריינגעפאַלן, און ראַטעווען די אייראָפּעאישע יידן פון אונטערגאַנג. אין דער ערשטער ריי שטייט די רעטונג־אַקציע, און שפּעטער וועט קומען די ריי איבערצובויען די צעשטערטע וועלט אין אונדזער אייגן וועלטל אויף יסודות פון גערעכטיקייט און פרייהייט, מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן פּראָגרעס.

איז גראָד אין אָט די טעג פון מהומות און מלחמה־שרעק, צווישן פּעק מיט צייטונגען, פול מיט געשרייען פון היטלער־קרבנות, אָנגעקומען צו מיר דער ערשטער פון אייערע זאַמלביכער „אויפן שיידוועג", וואָס אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט ער מיר פאַרשאַפט פיל פאַרגעניגן, אָבער היינט רופט ער ביי מיר אַרויס קריטישע געדאַנקען. איך וואָלט באַגריסט דעם עצם פאַקט, וואָס מענטשן שטעלן זיך אָפּ „אויפן שיידוועג" און פאַרטראַכטן זיך, צי זיינען די פריערדיקע וועגן פון דער יידישער אינטעליגענץ געווען ריכטיקע און צי דאַרף מען ניט עפּעס ענדערן אין אונדזער אידעאָלאָגיע פון 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט. אָבער א י צ ט ע ר , ווען עס גייט דער קאַמף פאַר אונדזער פיזישן קיום, פאַר אונדזער מענטשלעכער ווערדע, ווען יעדער טאָג רייסט אַרויס פון אונדזערע רייען טויזנטער קרבנות, ווען ביי אַ מיליאָן ברידער גייען אויס די כוחות פון די שרעקלעכע יסורים, וואָס דערפירן אַ סך מענטשן צו זעלבסטמאָרד אָדער משוגעת, — צי קענען מיר אין אַזאַ צייט טראַכטן וועגן אידעאָלאָגישע רעוויזיעס? איך מיין, אַז מיר שטייען ניט אויפן שיידוועג אין גייסטיקן זינען, נאָר אויפן ש ל א כ ט ־ פ ע ל ד , וואו אַרום אונדז פאַלן צעשלאָגענע, פאַרפּייניקטע מענטשן.

מען וועט פרעגן: וואָס קענען אומבאַוואָפנטע יידישע מאַסן אויפטאָן אויפן שלאַכטפעלד? זייער אַ סך. אַן אינטערנאַציאָנאַל מיליאָנען־פאָלק, פול מיט האַס צום פאַשיזם און נאַציזם, קען דינען, ווי אַ שטאַרקער פערמענט אויף אויפ־

צורודערן די וועלט קענן די דאָזיקע מערדערישע באַוועגונגען, אויפוועקן דאָס וועלט־געוויסן. מיר האָבן שוין ניט ווייניק אויפגעטאָן מיט דעם באָיקאָט פון דייטשע סחורות, באַזונדערס אין אַמעריקע, וואו עס גייען צוזאַמען מיט אונדז אויך ניט־יידישע אַרבעטער־מאַסן. די לעצטע סטאַטיסטיק באַווייזט, ווי עס איז אַ דאַנק דעם באָיקאָט געפאַלן דער עקספּאָרט פון דייטשע סחורות, און היטלער אַליין מיט זיינע אַגענטן האָבן געמוזט מודה זיין, אַז דאָס וועלט־יידנטום האָט אָנגעטאָן נאַצי־דייטשלאַנד גרויסע צרות. אָפּנעמען דאָס שטיקל ברויט אָדער פּוטער פונעם מערדערס מויל — הייסט אַרויסרייסן פון זיין האַנט דעם שווערד, מיט וועלכן ער וויל אונדז טויטן. מיר העלפן דערמיט דער ע ק אָ נ אָ ־ מ י ש ע ר בלאָקאַדע, וואָס די גרויסע אַנטי־אַגרעסיווע מלוכות שאַפן אַרום היטלער־לאַנד און מוסאָליני־לאַנד. דורך אונדזער פּראָפּאַגאַנדע העלפן מיר צו שאַפן אויך די מ אָ ר אַ ל י ש ע בלאָקאַדע אַרום ביידע רויבערישע מלוכות. ווען עס וועט קומען צו אַ וועלט־מלחמה, וועלן באַגייסטערטע יידישע סאָלדאַטן פּרייוויליק קעמפן אויפן פראָנט פונעם אַנטי־אַגרעסיוון בלאָק.

דאָס איז איין זייט פון אונדזער קאַמף — די אַנדערע איז נאָך וויכטיקער: איינאָרדענען אונדזערע פאַרוואָגלטע ברידער, וואָס זוכן אין אַלע טיילן וועלט אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָ מוזן מיר אויך פירן אַ שווערן קאַמף: אין ארץ־ישראל — מיט די אַראַבישע טעראָריסטן און אַראַבאָפילן אין דער ענגלישער רעגירונג, אין די איבעריקע אימיגראַציע־לענדער — מיט די וועכטער פון פאַרשלאָסענע טויערן. אין יענע עמיגראַציע־לענדער, וואָס זיינען מער אָדער ווייניקער אָנגעשטעקט מיט דער נאַציסטישער מגיפה און ווילן פּטור ווערן פון דער יידישער באַפעלקערונג, מוז מען נאָך וויטער פירן דעם אַלטן קאַמף פאַר אונדזערע בירגערלעכע רעכט.

אַזוי־אַרום האָבן מיר דרינגענדיקע אַרבעט, אַרבעט איבער אונדזערע כוחות. און דאָ קומט מען צו אונדז מיט שטימונגען פון יאוש און רעזיגנאַציע, מיט הרהורי־תשובה און גאָט־זוכענישן. ניט צום ערשטן מאָל הערן מיר אַזעלכע תשובה־שטימונגען. אפילו אין די לעצטע זעכציק יאָר — פון די רוסישע ביז די דייטשע פּאָגראָמען — האָבן מיר שוין עטלעכע מאָל דורכגעמאַכט אַ רעוויזיע פון אונדזערע אידעאַלן: חיבת־ציון, פּאָליטישער און גייסטיקער ציוניזם, גלות־אויטאָנאָמיזם, טעריטאָריאַליזם און סאָציאַליסטישע קאָמבינאַציעס פון אָט די אַלע „איזמען“. איר, מיינע פריינד, זייט גאַנץ גערעכט, ווען איר שרייבט („אויפן שיידוועג“, 1, ז. 5): „נאָך יעדער גרויסער קאַטאַסטראָפע אין לעבן פון פאָלק פלעגט פון די חורבות אויפגיין אַ נייע שטאַרקונג און אַ חשבון־הנפש“. יאָ, נ אָ ך דער קאַטאַסטראָפע, אָבער ניט א י ן ד י ט ע ג פון דער קאַטאַסטראָפע. מיר זיינען נאָך פון איר ניט אַרויס, ווייל זי איז לענגער און שאַרפער, ווי אַלע פריערדיקע קאַטאַסטראָפעס אין לעצטן יאָרהונדערט. ווען דער „גירוש אשכנז“ וועט זיך פאַרענדיקן, און מיר וועלן האָבן אַלע הונדערטער טויזנטער פליטים איינגעאָרדנט אין אַנדערע לענדער, וועלן מיר דעמאָלט זיך אַרומזען, אויף וויפיל די

אסימילאַציע־ריכטונג איז ביי אונדז אויסגעוואָרצלט נאָך דעם שטורעם פון ראַסיזם און היטלעריזם און ווי קען מען גייסטיק ראַטעווען די אויסגעליידיקטע נשמות פון דעם נייעם דור. דערווייל אָבער דאַרפן מיר ראַטעווען זייערע גופים. אַפריער יידן — דערנאָך יידישקייט. דערווייל דאַרפן מיר קעמפן מיט דער מגיפה פון שנאת־ישראל אין איר נאַציסטישער פאָרם, מיט די פּלענער פון נייע גירושים און רדיפות אין מזרח־אייראָפּע.

אין אונדזער תקופה פון ק אָ נ ט ר ־ ע מ אַ נ ס י פּ אַ צ י ע טאָר מען ניט שטעלן די איראָנישע פראַגע: נו, און וואָס האָט זי אונדז געבראַכט אָט די עמאַנסי־פּאַציע? יאָ, זי האָט מיטגעבראַכט אסימילאַציע, אָבער אויך — פרייהייט, מענטש־לעכע ווערדע, זי האָט אויפגעלעבט דעם פרייעם מענטשן אין דעם יידן — און די אויפגאַבע פון אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין לעצטן האַלב־יאָרהונדערט באַשטייט דערין, אַז מען זאָל קעמפן פאַר עמאַנסיפּאַציע אָ ן אַסימי־לאַציע, פאַר בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט צוזאַמען. נאָך דער וועלט־מלחמה האָבן מיר אַזאַ פרייהייט שוין אויסגעקעמפט, אָבער נאָר י ו ר י ד י ש , אין די אָפּמאַכן פון פעלקער־בונד מיט די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. מען האָט קוים באַוויזן צו פּאַרווירקלעכן די דאָזיקע פּ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע עמאַנסי־פּאַציע, איז געקומען די היטלעריסטישע מגיפה און האָט פאַרסמט די מוחות אין די לענדער פון גרויסע יידישע צענטערן. הייסט דאָס, אַז די עמאַנסיפּאַציע האָט אונדז אָפּגענאַרט? מיר מוזן קעמפן קעגן דעם גייסט פון קאָנטר־עמאַנסי־פּאַציע, קעגן די מיאוסע פּלענער פון „עוואַקואירן" מיליאָנען יידן פון די לענדער, וועלכע זיי האָבן געבויט הונדערטער יאָרן צוזאַמען מיט דער קריסטלעכער באַפעל־קערונג, קעגן דער מגיפה פון די היטלער־גירושים, אָבער ניט אַראָפּלאָזן די הענט און זיפצן: די עמאַנסיפּאַציע האָט אונדז אָפּגענאַרט! איר וועט זאָגן, אַז אין מזרח־אייראָפּע קען זיך איבערחזרן דער „גירוש־אשכנז" פון היטלער־לאַנד, — אָבער דאָ האָט מען דאָך שוין פאַרזוכט דעם טעם פון היטלעריזם, און מען האָט דאָך געמוזט צושטיין צום אַנטי־אַגרעסיוון בלאָק פון די דעמאָקראַטישע לענדער קעגן די וועלט־גזלנים. ווען די אַנטיאַגרעסיע־באַוועגונג באַפרייען אייראָפּע, וועט באַפרייט ווערן אויך איר יידישער טייל.

אָט פייערט מען איצטער, אין דער צייט פון דער שרעקלעכסטער קאָנטר־רעוואָלוציע, דעם 150־טן יובל פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געשאַפן אַ נייע תקופה אין דער וועלט־געשיכטע. און אונדזער פּאָלק וועט אין זיינע פּראָגרעסיווע קרייזן מיט התלהבות פייערן דעם ערשטן סימבאָל פון „זמן חירותנו". אין צוויי יאָר אַרום וועט קומען דער יובל פון אונדזער ערשטער עמאַנסיפּאַציע (1791) — ווען מיר דערמאָנען דער וועלט, אַז צו דער דאָזיקער עלעמענטאַרער בירגערלעכער עמאַנסיפּאַציע האָבן מיר אין דער לעצטער תקופה צוגעגעבן די נאַציאָנאַלע, אָדער די זעלבסט־עמאַנסיפּאַציע. מיר שטייען און פאַלן מיט דעם פּראָגרעס אָדער רעגרעס פון דער גאַנצער מענטשהייט, ניט מיט עטלעכע אירע דעגענערירטע טיילן.

דער רוף „צוריק צום געטאָ“ איז שוין ניט ניי, און מיר האָבן אים שוין עטלעכע מאָל געהערט אין די לעצטע צענדלינגער יאָרן. אויף וויפיל דאָס הייסט: „צוריק צו יידישער קולטור, אָדער צו יידישקייט אין מאָדערנעם זינען“ — גייט דאָך דאָס אריין אין דער פּראָגראַם פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אָבער צום מיטל־עלטערלעכן געטאָ און זיין יידישקייט וועט דאָס פּראָגרעסיווע יידנטום קיינמאָל זיך ניט אומקערן. דער רוף „צוריק צו גאָט, צו דער אַלטער פרומקייט“ וועט האָבן דעם זעלביקן דערפאָלג, ווי ענלעכע רופן פון די קריסטלעכע קירכן צו זייערע פעלקער. די רעליגיעזע מאַסן וועלן בלייבן ביי זייער גלויבן, אָבער די פריידזיניקע וועט מען ניט אריינשלעפּן צוריק ניט אין בית־מדרש אריין און ניט אין דער קירך אריין.

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דער שאַפער פון דער ניי־אָרטאָדאָקסיע שמשון רפאל הירש אין זיינע „19 בריוו“ פּראָקלאַמירט די הארבע פאָדערונג: „ניט די תורה דאַרף זיך צופּאַסן צום לעבן, נאָר דאָס לעבן צו דער תורה“. און דאָך האָבן די נייע דורות באַוויזן, אַז מען קען אָפּהיטן דעם ריינעם קערן פון יידישקייט נאָר דורך צופּאַסן זיך צו די פאָדערונגען פונעם נייעם לעבן. מיר האָבן איצטער אַ רעליגיעזע יידישקייט און אַ נאַציאָנאַלע יידישקייט, אָדער אַ קאָמבינאַציע פון דיביידע. זאָל יעדע פּאַרטיי גיין אין איר ריכטונג. אָבער מאָנאָפּאָליזירן די גאַנצע יידישקייט פאַר זיך האָט קיינער קיין רעכט ניט. די חילוקי־דעות זיינען געשאַפן געוואָרן דורך גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס אַ לעבעדיק פאָלק מוז דורכמאַכן. דער פרייער אידעען־קאַמף מוז ווייטער אָנגיין, און דער אינסטינקט פון נאַציאָנאַלן קיום וועט שוין באַווייזן דעם עלטסטן היסטאָרישן פאָלק דעם ריכטיקן וועג פאַר זיין ווייטערדיקער עקסיסטענץ.

וועגן די אַלע אינעווייניקסטע פראַגן וועלן מיר נאָך שמועסן, ווי נאָר די משוגע־געוואָרענע וועלט וועט זיך בארויקן, נאָך דעם, ווי דער נייער „אַנטי־אַגרעסיווער בונד“ וועט אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער די רויבער־מלוכות אין יענעם קאַמף, אין וועלכן די מער פון אַלעמען בארויבטע און צעשלאָגענע יידישע נאַציע מוז זיך אַקטיוו באַטייליקן אין די גרענעצן פון אירע מעגלעכקייטן.

א. טשעריקאָווער / פּאַריז

וועגן „שיידוועג" און וועגן „שלאַכטפעלד"

אַ פריינדלעכער ענטפער אויף אַ פריינדלעכער קריטיק

חשובער לערער און טייערער פריינד שמעון דובנאָוו,

איך קען זייער גוט פאַרשטיין, אַז מיט דער אָדער אַנדער מיינונג, זאָל זיין אפילו מיט אַלע, וואָס קומען צום אויסדרוק אויף די שפּאַלטן פון „אויפן שיידוועג", קען מען גרייליך אויך ניט מסכים זיין. זיי זיינען ניט מן השמים — זיי קומען פון אומרואיקן געמיט, און געמיט איז סוביעקטיוו. אָבער ניט פאַרשטענדליך איז, ווען מען איז ניט מסכים מיט דעם עצם געדאַנק, אַז אַזעלכע פּראָבלעמען דאַרפן געשטעלט ווערן, און ווען מען דערשפּירט ניט, אַז איז דער איצטיקער מהומה־צייט איז עס ממש אַ געבאָט פון דער שעה צו פאַרטיפן זיך אין אונדזערע אינעווייניקסטע פּראָבלעמען און מאַכן אַ חשבון מיט זיך: וואו האַלטן מיר אין דער וועלט היינט און ווי געפינט מען אַ פעסטן אָנהאַלט אויף מאָרגן?

און באַזונדערס איז אַ חידוש — און אויך אַ געוויסער פּאַרדוקס, — וואָס גראָד איר טיילט ניט מיט אונדז אָט דעם געפיל. איר זייט דאָך דער, וואָס האָט אונדז שטענדיק געלערנט צו באַנעמען אַלע יידישע דערשיינונגען sub specie historii מיט אַ ברייטן קוק פון דעם נעכטן — דורך דעם היינט — צו דעם מאָרגן; אין אייער אידעען־לעבן האָט איר ניט איינמאָל אַליין שאַרף רעווידירט אָנגענומענע אמתן, געזוכט נייע וועגן קעגן דעם שטראָם. און איצט פרעגט איר פאַרוואונדערט: „צי דאַרף מען עפּעס ענדערן אין אונדזער אידעאָלאָגיע פון 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט?". איר שרייבט, אַז אין אַזאַ צייט „קען מען ניט טראַכטן וועגן אידעאָלאָגישע רעוויזיעס". ווען אויף דעם שטאַנדפּונקט שטייט אַ פּאַרטיי־סאָציאַליסט, אַ פּאַרטיי־קאָמוניסט, אַ פּאַרטיי־מענטש בכלל, וואונדערט עס אונדז ניט. אָבער איר, וואָס איר זיינט שטענדיק געשטאַנען, און שטייט נאָך איצט, איבער פּאַרטיי־דאָגמעס און קענט אַזוי וואונדערלעך כאַפּן מיטן אויג אָט די לאַנגע, לאַנגע מגילה פון המנען ביז היטלערן, וואָס אונדזער וועלט־געשיכטע וויקלט פונאַנדער פון צייט צו צייט, — איר זאָלט ניט דערשפּירן אָט דעם גרויסן אומרו פון דער יידישער נשמה? און וואָס עפּעס נאָר פון דער יידישער? אויפן שיידוועג שטייט איצט די גאַנצע וועלט. אַלטע געטער און גלויבנס ווערן געטראָטן, די דעמאָקראַטיע לעבט איבער אַ גייסטיקן קריזיס, הויכע פּרינציפּן זיינען פאַרמיאוסט אָדער אויסגעביטן אויף קליינגעלט. אַ וועלט האַלט אפשר אין פאַלן און אַ וועלט אין געבוירן ווערן — איז איצט ניט די צייט פאַר אַ חשבון־הנפש?

איר שרייבט, אַז אַ רעוויזיע איז גוט אין נאָרמאַלע צייטן, אָבער ניט איצט — „אין איינעם פון די גרעסטע קריזיסן אין אונדזער געשיכטע"; זאָל זיך

אפריער די „משוגע־געוואָרענע וועלט" בארואיקן, און דעמאָלט וועלן מיר זיך ארומזעען „ווי קען מען גייסטיק ראטעווען די אויסגעלײדיקטע נשמות פון דעם נייעם דור". איך ווייס ניט, ווי געשיקט זיך דאָ א „מוקדם ומאוחר", אָבער זאָלן מיר אפילו אָננעמען פאר ריכטיק אָט די טיילונג אין נאָרמאלע און אין קריטישע צייטן, פרעגט זיך: זיינען עס געווען נאָרמאלע צייטן פאר יידן, ווען סוף די 70־ער יאָרן האָט פרץ סמאָלענסקין אונטערגענומען די גרויסע רעוויזיע פון דער מענדעלסאָן־תקופה און האָט אין זיין „עת לטעת" ארונטערגעריסן די ירושה פון השכלה און אסימילאַציע, און ווען, אויפן צווייטן פּאָלוס, האָט אהרן ליבערמאַן אין זיין „האמת" אונטערגענומען אן עקסטרעם־לינקע רעוויזיע פונעם יידישן גע־דאנק? זיינען עס געווען רואיקע פאר יידן צייטן, בעת ד"ר פינסקער אין 1880 און ד"ר הערצל אין 1896 זיינען ארויס מיט א נייער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט אונטערגעגראָבן די אַלטע? האָט מ. ל. ליליענבלום געשריבן זיין „דרך תשובה", ניט אין סאמע ברען פון די פּאָגראָמען און רדיפות, און צי זיינען ניט פון פיין און קאטאסטראָפעס ארויסגעוואקסן די „ביל"ו" און „עם־עולם", ווי בכלל די באוועגונג פון צוריק צום אייגענעם פאָלק, וואָס מיט איר גייסט שפייזן מיר זיך נאָך עד היום? איז עס ניט געווען די „משוגע־געוואָרענע" צייט אין רוסלאַנד פון קעשענעווער פאָגראָם אָן ביז נאָך די פּאָגראָמען פון אָקטאָבער 1905, ווען עס זיינען אויפגעקומען די נאַציאָנאלע יידיש־סאָציאַליסטישע טעאָריעס, דער פּאָל־קיסטישער געדאנק, די שפּעטערישע נאַציאָנאלע אידעאָלאָגיעס?

און נעמען מיר טאַקע אייך אַליין. איז באמת געווען אזוי רואיק און נאָרמאַל די צייט, ווען איר זייט סוף די 80־ער ארויס מיט א רעוויזיע פון אייער אמונה אין אסימילאַציע, אָדער בעת איר זייט שפּעטער, אין די סאמע יאָרן פון קאַמף, ארויסגעטראָטן קעגן די אָנגענומענע דאָגמעס און האָט אין אייערע „בריוו וועגן דעם אַלטן און נייעם יידנטום" געגעבן די קלאַסישע באגרינדונג פון גלות־נאַציאָ־נאַליזם, אויטאָנאָמיזם און נאַציאָנאַלער גלייכבארעכטיקונג? געוויס האָט מען אייך דעמאָלט געקענט אָפּענטפערן — און מען האָט עס טאַקע ניט איינמאָל געטאָן, — אַז ניט איצט איז די צייט, מען שטייט אין א ביטערן קאַמף מיטן צאַריזם, מען איז אויפן שלאַכטפעלד, אפריער קאַמף און דערנאָך טעאָריעס, „אפריער יידן — דערנאָך יידישקייט", ווי איר שרייבט איצט. ווען־זשע זייט איר געווען גערעכט — דעמאָלט צי איצטער?

מיינט איר ניט, אַז ס'וועט זיין צו שפּעט, אויב מיר זאָלן וואַרטן ביז די וועלט וועט זיך בארואיקן, און ערשט דעמאָלט נעמען זיך „ראטעווען די אויסגע־ליידיקטע נשמות"? דאָס פאַרגאַנגענע, האָט אַמאָל געשריבן דער רוסישער שריי־בער און קעמפער אַלעקסאַנדער גערצען, איז „ניט קיין קאָרעקטור־בויגן, נאָר א מעסער פון דער גיליאָטינע". און ווער קען עס זאָגן אויף זיכער, ווען וועט זיך די „משוגע־געוואָרענע" וועלט בארואיקן און א ו י ף ו ו אָ ס זי וועט זיך בארואיקן? מיר זיינען דאָך ערשט אַליין געווען עדות, וואָסערע גוואַלדיקע נאָריש־קייטן און וואָסערע גוואַלדיקע עוולות האָבן די אזוי גערופענע ד ע מ אָ ק ר אַ־

ט י ש ע ל ע נ ד ע ר אָפּגעטאָן פאַר די לעצטע יאָרן. באמת, די וועלט איז משוגע געוואָרן, אָבער — „אין דעם וואַנזין שטעקט מעטאָדע" (האַמלעט)...

און אָט צו דער מעטאָדע קענען מיר יידן ניט האָבן קיין בלינדן גלויבן אָ ן ב אַ ו אָ ר ע נ י ש ן. דער שאָטן פונעם „שונא נומער 1" פאַרשטעלט צומאָל דאָס בילד פון דער יידישער לאַגע אין די אַנדערע לענדער און דעם מצב פון יידישן פאָלק אין דער וועלט בכלל. אין פאַרגלייך מיט ד ע ם שונא און מיט ז י י נ ע רציחות זיינען די אַנדערע חטאים לגבי יידן געווים אַ קינדער־שפּיל. אָבער נאָר אין פאַרגלייך. און מיר וואָלטן געווען בנאמנות שלעכטע פּאָליטיקער, ווען מיר וואָלטן געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט פון דער דייטשער פינצטערניש. מיר האָבן נאָך אונדזער דין־תורה מיט די אומגערעכטיקייטן פון דער וועלט ניט פאַרענדיקט און ניט פאַרגעסן. אַ האַרבע פּאָליטיש־טאַקטישע פּראָבלעם, וואָס לאָזט זיך דרשנען — און שוין דאָס אַליין איז אַ שטיק „שיידוועג".

דער חושך־מצרים פון דייטשלאַנד און איטאַליע האָט אפילו אין אייערע אויגן, וואָס איר האָט שטענדיק אַזאַ קלאָרן און ברייטן קוק און אַזאַ חוש פאַר היסטאָרישער רעאַליטעט, פאַרוואַנדלט דעם יידישן מצב נאָך דער וועלט־מלחמה ביז 1933 אין אַ מין אידיליע. איר שרייבט מיט צופרידנקייט, אַז אין יענער תקופה האָבן מיר יידן „שוין אויסגעקעמפט" די פולע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע פרייהייט, אָבער קוים האָבן מיר באַוויזן צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע „פול־שטענדיקע עמאַנסיפּאַציע, איז געקומען די היטלעריסטישע מגיפה". אמת, אויפן פּאַפּיר, אין די אָפּמאַכן פון ווערסאַל און אין די אַנדערע, זיינען טאַקע אַריינגע־שטעלט געוואָרן יורידיש גאַנץ שיין פאָרמולירטע פאַראַגראַפן וועגן גאַראַנטירן די יידישע רעכט און וועגן אַ „נאַציאָנאַלער היים" — אָבער א י ן ל ע ב ן איז עס אין ס'רוב לענדער גראָד געווען די צייט פון נאַציאָנאַלער גרויסהערשאַפט און אַנטיסעמיטישער פּראַקטיק, וואָס האָבן ליקווידירט די יורידיש אויסגעפּוצטע „עמאַנסיפּאַציע" — וועגן דעם זע דעם „עפּילאָג" טאַקע צו אייער „וועלט־געשיכ־טע". דאָס, וואָס מיר זיינען דורכגעפאַלן, איז, ווי מ'זאָגט, אַ גאָט־זאַך. אָבער צי קען מען דען זאָגן, אַז מיר האָבן דעמאָלט באמת געקעמפט און אויסגעקעמפט? מיט סאַלאָן־אינטערווענציעס, רעזאָלוציעס און מעמאָראַנדומס — אַך, אָט די מעמאָ־ראַנדומס, וואָס אַ פּאַפּירענעם בריק צום גן־עדן וואָלט מען פון זיי געקענט אויס־בויען! — מיט שתדלנות און פּאַפּיר האָבן מיר געוואָלט פאַרשטאָפּן די לאָך פון דער וועלטס אומיושר און איינשטילן דעם ווייטאָג פון אָפּגענאַרטע. מיר קענען ניט פאַרגעסן, אַז גראָד אין אָט די יאָרן איז צערונען געוואָרן די האָפע־נונג, וואָס פון אייך האָבן מיר זי גענומען, וועגן יידישער אויטאָנאָמיע און יידי־שער זעלבסטפאַרוואַלטונג, און עס איז פון דעם געוואָרן אָדער אַ חלום, אָדער אַ קאַריקאַטור. אָט פון יענער תקופה שטאַמען טאַקע אונדזערע ערשטע אַנטוישונגען אין דעם געוויסן פון דער וועלט און אין דעם שכל פון דער יידישער פּאָליטיק. פאַלש זיינען געווען יענע וועגן.

איר זייט קעגן יעטווידער רעוויזיע דערפאַר, ווייל מיר שטייען איצט „ניט

אויפֿן ש י י ד וו ע ג אין גייסטיקן זינען, נאָר אויפֿן ש ל א כ ט פ ע ל ד". אָבער צווישן די דאָזיקע צוויי באַגריפֿן איז לחלוטין ניטאָ קיין סתירה, נאָר אויב איר ווילט — אפֿילו פֿאַראַן אַן אינעווייניקסטע פֿאַרבינדונג. ווען מיר רופֿן גראָד איצט איבערצוקוקן די אַלטע דאָגמעס, איז עס טאַקע דערפֿאַר, ווייל מיר ווילן אויסשמידן אַ שטאַרקן יידישן ווילן, בכדי יידן זאָלן ווערן אַ ר ע אַ ל ע ר פֿ אַ ק ט אָ ר אין דער מלחמה קעגן היטלעריזם. מיר ווייסן, אַז דאָס איז אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט, און בלינד גייט איצט קיין פֿאָלק ניט אויפֿן פֿעלד. צו מלחמה גייט מען איצט מיט חשבון, מיט באַוואָרענישן — איר זעט דאָך ווי שווער עס קומט אָן צונויפֿצורעדן זיך אַפֿילו די אַנטיילנעמער פֿון דעם אַנטי־אַגרעסיוון בלאָק. גערעכט זיינען די מאָדערנע מיליטערישע אויטאָריטעטן, אַז פּאָליטיק איז אייגנטלעך מלחמה אין אַ רואיקער צייט און מלחמה איז פּאָליטיק אין אַ מיליטערישער צייט. דאַרפֿן מיר אַפֿריער, שוין איצט, מאַכן אַ חשבון מיט זיך און מיט דער וועלט: וואָס איז ווערט אונדזער וואָג ווי אַ פּאָליטישער כוח און ווי מאַכט מען, מיר זאָלן ווערן אַ רעאַלער פֿאַקטאָר. עס איז אומדערטרעגלעך פֿאַר אונדז די לאַגע, ווען די אַזוי גערופֿענע דעמאָקראַטישע לענדער האַלטן, אַז וועגן יידן איז ניטאָ וואָס צו קימערן זיך און זיי קיין „פּרעמיעס" פֿאַרן קאַמף קעגן היטלערן איז ניטאָ וואָס צו געבן. נאָך טרויעריקער איז, וואָס י י ד ן ג ו פ א זאָגן זיך אָפּ צו שטעלן תנאים, אָדער זיינען גרייט אויף לאַנגטערמי־ניקע קרעדיטן עד יעבור זעם. געוויס איז דער קאַמף קעגן היטלערן פֿאַר אונדז אַ מלחמת־מצווה אויף לעבן און טויט, דערצו איז דאָס אויך די פֿליכט פֿון יידן ווי בירגער פֿון לאַנד. אַלע יידישע פּאַרטייען, אַפֿילו די לינקע, האָבן זיך לאָיאַל און ערלעך געשטעלט אין דינסט פֿון זייערע וואוינלענדער פֿאַרן דאָזיקן קאַמף. מענטשלעך און פּאָליטיש קען מען דאָס פֿאַרשטיין: דער שאָטן פֿון היטלערן שטייט פֿאַר די אויגן. אָבער צי איז ניט גערעכט דער וואַרשעווער יידישער זשורנאַליסט, וואָס האָט, רופֿנדיק די יידן צו ערפֿילן זייער פּאַטריאָטישע פֿליכט, דערביי מיט אַ ביטערקייט צוגעגעבן: „זכרנו את הדגה, אשר ל א אכלנו"... צי האָט אויך דער צווייטער צד מענטשלעך אויפֿגענומען די לאָיאַלע געפֿילן פֿון די יידישע מאַסן און פּאָליטיש דיסקאָנטירט דעם כוח פֿון אַ וועלט־פֿאָלק? לייענט, אַ שטייגער, וואָס עס האָט די טעג געשריבן די אָפּיציעלע „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ": „זאָלן זיך די יידן ניט מאַכן קיין אילוזיעס, אַז פּוילן וועט זיי צאָלן פֿאַר זייער פֿאַרשטענדלע־כער שנאה צום היטלעריזם דערמיט, וואָס זי וועט זיך אָפּזאָגן פֿון איר פּראָגראַם צו לייזן די יידן־פֿראַגע... אויפֿן וועג פֿון א ו י ס וו א נ ד ע ר ו נ ג פֿון אַ באַ־דייטנדיקן פּראָצענט פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג". איר געדענקט, חשובער פֿריינד און לערער, אייער טראַגישע „געשיכטע פֿון אַ יידישן סאָלדאַט", וואָס האָט אין צאַרישן רוסלאַנד געקעמפֿט אויפֿן פֿראָנט און, אומקערנדיק זיך אַן אינ־וואַליד, געפֿונען זיין משפּחה פֿאַריאָגט פֿון דער היים? אויב מען רעדט מיט אונדז מיט אַזאַ לשון א י צ ט, קען מען זיך שוין משער זיין, ווי מען וועט מיט אונדז רעדן נאָך אַלעמען. און ווער ווייס, ווי אָט דער „נאָך אַלעמען" וועט אויסזעען?

מען זאָגט אונדז, אַז יידן, אַ מיעוט אין אַלע לענדער, קענען ניט שטעלן קיין תנאים פון אַ צד. אָבער אַט שטעלט דאָך יאָ די אָפּאָזיציע, וואָס איז דאָך לויט איר מהות אַ מיעוט, אין די פּאַרלאַמענטן פון די דעמאָקראַטישע לענדער תנאים ביים אָפּגעבן די שטימען פאַר דער פּאַרטיידיקונג פון פאַטערלאַנד, וואָס איז פאַר אירע מיטגלידער אויך אַ מוז און אַ געזעץ? אַזוי האָבן געטאָן בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, און טוען איצט אויך, ניט נאָר די פּ אָ ל י ט י ש ע אָפּאָזיציע, ווי אַ שטייגער די אַרבעטער־פראַקציעס, נייערט אין אייניקע ערטער אויך די פאָרשטייער פון די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע מיעוטים. און זיי ק ע נ ע ן אַזעלכע באַוואָרענישן פאָדערן, ווייל זיי זיינען אַן אָרגאַניזירטער כוח מיט אַ געשלאָסענעם ווילן. פאַר־וואָס האָבן יידן — דאָס אַלוועלטלעכע יידנטום און ניט נאָר דער ישוב — געקענט יאָ ווערן אַ צד בנוגע ארץ־ישראל, הגם אויך דאָ האָט מען זיי געוואָלט אָראָפּוואַרפן פון דער וואָג, און פאַר וואָס קען דאָס אייגענע ניט געשען בנוגע די יידישע רעכט אין גלות? געפינען אַ וועג און אַ מיטל דערצו איז די אויפגאַבע פון אַ געזונטער, אַקטיווער יידישער פּאָליטיק, און טאָן דאַרף מען דאָס אפריער, מבעוד יום. „אויב אַ מענטש האָט ניט צוגעגרייט פון ערב שבת — וואָס וועט ער עסן שבת?", פרעגט דער מדרש.

איר שרייבט: „ווען די אַנטי־אַגרעסיע־באַוועגונג וועט באַפרייען אייראָפּע, וועט באַפרייט ווערן אויך איר יידישער טייל". איך דערמאָן זיך, ווי שאַרף איר האָט אַמאָל, אין אייערע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום", באַקעמפט די באַקאַנטע פאָרמול פון די יידישע אינטערנאַציאָנאַליסטן און ליבעראַלן, אַז דער וועלט־פּראָגרעס (אָדער די רעוואָלוציע) וועט ב מ י ל א באַפרייען אויך די יידן („קענכטשאַפט אין רעוואָלוציע"). געוויס מיינט איר ניט, אַז יידן זאָלן באַ־האַלטן זייער פּנים אין דעם איצטיקן קאַמף; איר שרייבט אפילו בפירוש, אַז יידן דאַרפן אַרויסשטעלן זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, אָבער פאַר אַלעמען — מוז מען העלפן בייקומען דעם „שונא נומער 1". און איר לייגט פאַר אַ גאַנצע פּראָגראַם פון דעם, וואָס יידן קענען דערביי אויפטאָן: ווערן אַ פערמענט, אויפ־רודערן די וועלט, אויפוועקן דאָס וועלט־געוויסן, פּריוווּיליק קעמפן אויפן פראָנט. דאָס אַלץ ווערט אגב שוין געטאָן, בעסער אָדער ערגער. די פראַגע, וואָס אונדז אינטערעסירט דאָ, איז: ווי קען מען ווערן אַ פערמענט, אַ וועקער און אַ קעמפער מיטן שווערן פּעקל עוולות אויף די פּלייצעס, וואָס די וועלט באַגייט איצט קעגן אונדז? זאָלן מיר אפשר דערקלערן אַ מאָראַטאָריום אויף די יידישע תביעות, ביז מיר וועלן זיך אומקערן פון קאַמפּספעלד?...

און דאָ קום איך צו אייער לעצטן טעזיס וועגן „זמן חירותינו", ווי איר רופט אָן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די ערשטע יידישע עמאַנסיפּאַציע. די גרויסע פאַרדינסטן פון דער רעוואָלוציע פאַר באַפרייען דעם יידישן מענטשן איז געוויס ניט אָפּצושאַצן. אָבער איר שרייבט, אַז די עמאַנסיפּאַציע „האָט אונדז ניט אָפּגענאַרט", — און אַט לייענען מיר, וואָס איר האָט וועגן דער זעלביקער תקופה געשריבן מיט 33 יאָר צוריק: „מיר האָבן צעקאַלעטשעט אונדזער פאָלקס־אינדי־

ווידואליטעט אויף א פרעמדן שניט, און דער דאזיקער פעלער האט געבראכט זיינע פירות. מיר האבן פארלוירן אונדזער אינעווייניקסטן לעבנס־צענטער און אריבערגעטראגן דעם צענטער אין דער דרויסנדיקער סביבה... יא, מיר זיינען טיף געפאלן. ניט דער ערך א גרעסערן געפיל פון זעלבסט־ווערדע האבן מיר פארמאגט אין דער אלטער תקופה, בעת דער צענטער פון אונדזער לעבן איז געווען א י ן אונדז און ניט מ ח ו ץ פון אונדז". פון אייך טאקע האבן מיר געלערנט דעם מוסר־השכל פון יענער עפאכע. און מיר קענען ניט פארגעסן די ניזם פון א גרויסער נאציע". שפעטער מיט א פאר צענדלינג יאר האט דער קעמפער חרפה פון יענעם פרייז, וואס מיר האבן געהאט צו באצאלן פאר אט דעם באמת דערהויבענעם אקט פון עמאנסיפאציע: אפזאג פונעם יידישן כלל, פון זיין ירושה און צוואה. מיר קענען אויך ניט פארגעסן דעם היסטארישן ליגן פון נאפאלעאנס גראנדיעזער אינסצענירונג, בעת די יידישע נאטאבלען האבן אין נאמען פון יידנטום געמוזט עפנטלעך דערקלערן, אז „היינט צו טאג בילדן די יידן ניט מער קיין נאציע, ווייל זיי האבן זוכה געווען איינגעגלידערט צו ווערן אין דעם ארגאפאר דער יידישער עמאנסיפאציע אין דייטשלאנד גבריאל ריסער איבערגעחזרט דעם דאזיקן ליגן, אז יידן האבן שוין לאנג אויפגעהערט צו זיין א נאציע, אז די אמאליקע יידישע זעלבסטפארוואלטונג איז געווען ניט מער ווי „א פוילער פלעק פון יידישן לעבן", און האט אזוי שטאלץ דערקלערט: „מיר זיינען אדער דייטשן — אדער מיר זיינען היימאטלאז!" די לעצטע געשעענישן אין דייטשלאנד האבן איצט אויפגעדעקט די טראגישע אומגעלומפערקייט פון די דאזיקע ווערטער. עמאנסיפאציע און אסימילאציע זיינען לכל הפחות ביז איצט געווען א היסטארישער צווילינג. איר שרייבט, אז אט דעם צווילינג מוז מען איצט זען אפטיילן איינעם פונעם צווייטן, און איר זיינט טיף איבערגעצייגט, אז יידן וועלן מרוצה ווערן און די וועלט ארום וועט דאס פארשטיין.

מעגלעך, אז ריכטיק זיינען אייערע אפטימיסטישע פראגנאזן און ניט אונדזערע סקעפטישע, מיט באווארעניש און תנאים. אין אייערע פילט זיך די זיכערקייט פון דעם ראציאנאליסטישן דור, צו וועלכן איר געהערט, און די גאנצקייט און עפישקייט פון אייער סביבה. מיר זיינען אייך מקנא. עס אימפאנירט אונדז גוואלדיק דער יונגער טעמפעראמענט אייערער, אט דער „לא אזוז ממקומי", ניט געקוקט אויף אלע יידישע דורכפאלן. מיר אבער געהערן צו אן אנדער דור, א דור פון אומרואיקן און אומצופרידענעם געמיט, פון זוכעניש און בענקעניש נאך א תיקון פאר דער צערודערטער נשמה. איר קענט דאס אנרופן — רעוויזיע, חשבון־הנפש, תשובה, גייסטיקער שיידוועג, אבער איך פארזיכער אייך — יאוש איז דאס ניט און רעזיגנאציע אוודאי ניט. און בכדי מיר און איר, נאך אלעמען אזוי אינערלעך און ברידערלעך גייסטיק געקניפטע און געבונדענע, זאלן זיך קענען דורכשמועסן וועגן אט די פראבלעמען, וואס גייען אי אייך אי אונדז אין לעבן — שוין צוליב דעם אליין איז נויטיק דער „אויפן שיידוועג".

י. עפרויקין / פּאַריז

וואו האַלטן מיר אין דער הײַנטיקער וועלט?

איטלעכער פּרואוו פון זעלבסטקריטיק, אינעם שײַן פון די גרויזאַמע געשעענישן פון די לעצטע פינף היטלער־יאָרן ווערט בײַ אונדז מלכתחילה געפּסלט און אָפּגעפּטרט מיט דעם שרעק־וואָרט „דעפעטיזם". די, וואָס האָבן גאָר ניט געלערנט פון דעם מאָראַלישן און פּאָליטיש־סאָציאַלן קריזיס אין דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד אין דער וועלט, און פון דער טראַגעדיע פון מיליאָנען יידן בפרט, די וואָס ווערן ניט נתפּעל פון קיין שום קאַטאַקליזם — זײַ זײַנען מוטיקע „קעמפער". זײַ לאָזן זיך כלומרשט ניט רירן פון אָרט: „דאָ בין איך און דאָ בלײַב איך". פאַרקערט, האַלט אימעצער, אַז פון גרויסע געשעענישן דאַרף מען לערנען און אָפּלערנען, דאַרף מען זיך פאַרטראַכטן און דערגרונטעווען צו זייער מוסר־השכל, — ווערט ער פאַרשריען פאַר אַ פּחדן, אָדער גאָר פאַר אַ „רעאַק־ציאָנער". און דערמיט איז די פּראָבלעם אָפּגעפּטרט, דאָס געוויסן באַרואיקט.

געוויס איז כמעט ניט מעגלעך צו פאַרמײַדן גוזמאות בײַ יעטווידער „רע־וויזיע". מען דאַרף אָבער אויך די סכנה פון דער גוזמא ניט מגזם זײַן. דאָס לעבן וועט שוין במילא אַרײַנטראָגן זײַנע קאָרעקטיוון און מתקן זײַן דאָרט, וואו דער געדאַנק האָט נעגרײַזט. די דאָזיקע גוזמאות, וואָס זײַנען מעורר דעם עולם שאַרף אַוועקצושטעלן די פּראָבלעם, זײַנען אָפּט אַ סך מער שעפעריש, ווי די קאָנ־סערוואַטיווע, טעמפּע עקשנות, ווי דאָס אײַנשפּאַרן זיך בײַ אמתן, וואָס זײַ אַליין זײַנען אין זייער צײַט געבוירן געוואָרן, ווי אַ רעזולטאַט פון פאַקטן און געשעענישן, וואָס זײַנען שוין פאַרשוואונדן פון דער וועלט, אָדער האָבן דורכ־געמאַכט טיפע ענדערונגען.

עד כאן די הקדמה. און איצט צום עצם הענין.

1. דער פּאַשיזם און די דעמאָקראַטיעס

אויב מען וואָלט געקענט בײַקומען אַ שונא מיט ווערטער, וואָלט שוין לאַנג פונעם פאַשיזם און נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם קיין זכר ניט געבליבן, וואָלטן זיי שוין לאַנג דערטרונקען געוואָרן אינעם מבול פון ווערטער און פּראָזעס, וואָס יידן האָבן אויסגעגאָסן אויף זיי בעל־פּה ובכתב. ס'איז בײַ אונדז אַן אַלטע רגילות, אַ רגילות פון אַ שוואַכן, צו פאַרשטעלן די אינעווייניקסטע אָפּהענגיקייט, קראַפט־לאָזיקייט מיט שטאַרקע ווערטער. לייענט איר אונדזערע צייטונגען, קומט אויס, אַז דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז ניט מער, ווי עפּעס אַ מין אָנשיקעניש, אַז מוסאָליני און היטלער הערשן איבער זייערע פעלקער נאָר מיטן כוח פון גע־וואַלד, פון באַוואָפנטער פויסט, און היות ווי, כידוע, לאַנג קען מען ניט „זיצן אויף באַגנעטן", איז במילא באַשיימפערלעך קלאָר, אַז זייער ממשלה איז ניט

אויף לאַנג. די כוחות פון פּראַגרעס מוזן מנצח זיין, און אינאיינעם מיט דער גאַנצער וועלט וועלן אויך מיר, יידן, אויסגעלייזט ווערן. מיט די דאָזיקע חלשות־טראָפּנס קוויקט מען אונדזער עולם. און ער קוועלט אָן פון נחת, הערנדיק די זיסע רייד, און לאָזט זיך איינשלעפערן מיט דעם סקאַרבאָוון ניגון. ווי באַקוועם איז עס זיך צו פאַרלאָזן אויף אַ משיח, וואָס וועט אונדז אויסלייזן מיטאַמאָל פון אַלע צרות, בפרט אַז מיר אַליין דאַרפן דערצו קיין האַנט ניט צולייגן.

צי זיינען טאַקע דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם און דער פאַשיזם ניט מער, ווי עפּעס אַ זלידנע פליג, ניט מער, ווי אַ צופאַל, אַן עפּיזאָד, וואָס מוז גיך פאַרשווינדן? צי ליגט טאַקע זייער כוח נאָר אין דער פויסט, אָדער, פאַרקערט, מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן ערנסטער דערשיינונג, וואָס האָט טיפע וואָרצלען אין דער היינטיקער געזעלשאַפט און אינעם באַוואוסטזיין פון די היינטיקע מענטשן? לויט דעם, ווי מען ענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע, וועט במילא אַזוי אָדער אַנדערש דאַרפן זיין אונדזער אויפפירונג.

שוין לכתחילה דאַרף זיין קלאָר פאַר יעדן בר־דעת, אַז אויב דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז געראָטן אין לערך אַ קורצער צייט אויפצובריזן מיליאָנען מענטשן, צו ענדערן די קאַרטע פון אייראָפּע און צו ווערן אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אינעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן, איז דאָס ניט עפּעס אַ בייזער חלום, און מען קען דאָס ניט דערקלערן נאָר מיט דעם כוח און טעראָר פון דער „געסטאַפּאָ". כדי אַזוי טיף אויפצורודערן מיליאָנען און אַרויסרופן ביי זיי אַזאַ ענטוזיאַזם, מוז מען באַהערשן ניט נאָר זייער גוף, נאָר אויך זייער נשמה. ווייל מען זיך ניט פאַרלאָזן אויף לאָגיק אַליין, קען מען געפינען דערצו ראיות די והותר אין די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן. דער פּלעביסציט אין סאַאַר־געביט, די וואַלן אין די סודעטן־געביטן זיינען ניט פאָרגעקומען אונטער אַ ד י ר ע ק ט ן פ י ז י ש ן ד ר ו ק א ו ן ט ע ר אָ ר, און דאָך האָבן זיי געבראַכט אַ גוואַלדיקן נצחון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, וואָס האָט באַקומען כמעט די גלייכע צאָל ד י י ט ש ע שטימען, ווי ביי די וואַלן אין דייטשלאַנד גופא.

ווי אַזוי איז עס געקומען צו אַזאַ מצב, ווי אַזוי איז עס דערגאַנגען דערצו, אַז גראָבע יונגען און אויסוואורפן זיינען געוואָרן נאַציאָנאַלע העלדן און פירער פון צענדליגער מיליאָנען מענטשן? די דאָזיקע לייט האָבן נאָך די חוצפה צו ווערן די שאַפער פון אַ נ יי ע ר וויסנשאַפט, פון אַ נ יי ע ר קונסט און מאָראַל, און אמתע געלערנטע און קינסטלער זאָגן אָמן און גלאָריפיצירן די תורה פון מנוולים, וואָס זיינען, אינטעלעקטועל גענומען, ניט ווערט זייערע שטיוול צו פוצן. אַזוינס קען געשען נאָר אין אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס איז שוין פון פריער מאָראַליש קראַנק און וואָס האָט ניט קיין גייסטיקע כוחות אויף בייצוקומען די גיפטיקע מיקראָבן, וואָס זויגן אויס איר מאַרך און נשמה.

די מלחמה, וואָס אויף איר מזבח האָבן די פעלקער געבראַכט מיליאָנען קרבנות, האָט פאַרסמט די לופט אויף צענדליגער און צענדליגער יאָרן. דאָס האָט ז י אויפגעוועקט די חיה אינעם מענטשן. אונדז האָט זיך געדוכט,

אַז אָט די חיה איז שוין אויף אייביק פאַרשוואונדן, אָבער אין דער אמתן האָט זי נאָר טיף געשלומערט אונטערן צודעק פון הומאַניזם און מענטשלעכקייט. דער, וואָס האָט אויף דער מלחמה בלוט פאַרגאָסן און זיין ברודער אומגעבראַכט, איז געקומען צוריק פון שלאַכטפעלד מיט אַ קין־צייכן אויפן שטערן, וואָס לאָזט זיך ניט אַזוי פשוט און לייכט אויסמעקן. און אַז ס'זיינען דערנאָך געקומען מענטשן און האָבן דעם קין־צייכן דערקלערט פאַר אַן אויסצייכענונג, פאַר אַ סימן פון העלדישקייט, ווען זיי האָבן דעם חיה־אינסטינקט, טיף פאַרבאַהאַלטן אינעם מענטשן, דערקלערט פאַרן העכסטן מאָראַלישן געזעץ, וואָס רעגירט און דאַרף רעגירן אין די באַציאונגען צווישן פאָלק און פאָלק, — איז קיין חידוש ניט, אַז זיי זיינען געוואָרן די וואָרטפירער, די אידעאָלאָגן פון דעם נאָך־מלחמה־דור.

און וואָס פאַר אַ חורבות האָט געמוזט אָנמאַכן אין דער מענטשלעכער נשמה דער פולער קראַך פון די האָפענונגען, וואָס מענטשן האָבן באמת ובלב תמים אַריינגעלייגט אין דער מלחמה — דער „לעצטער", — וואָס האָט באַ־דאַרפט באַפרייען די אונטערדריקטע פעלקער, באַשאַפן אַ נייע יושרדיקע וועלט! אָנשטאָט דעם איז געקומען דער ווערסאַלער טראַקטאַט, וואָס האָט אויפן אָרט פון אַלטע עוולות און אומגערעכטיקייטן געשאַפן נייע.

איז דען אַ חידוש, וואָס דער פעלקער־בונד, געבוירן אין טומאה, האָט שוין פון ערשטן טאָג זיך אַרויסגעוויזן פאַר מאָראַליש שוואַך און במילא פאַר פּאָלי־טיש מאַכטלאָז? די מלחמה האָט ניט נאָר ניט געמאַכט קיין סוף צו די נאַציאָ־נאַלע ענגאָאיזמען פון די איינצלנע פעלקער, נייערט זיי פאַרמערט אין צאָל און פאַרשטאַרקט זייער אינטענסיווקייט. זיינען די פעלקער געזעסן צוזאַמען אין זשע־נעווע, אָבער קיין איינציקע רגע ניט געקלערט מקריב צו זיין אפילו אַ ברעקל פון זייער נאַציאָנאַלן אינטערעס צוליב ה ע כ ע ר ע צילן און אינטערעסן פון דער פעלקער־געמיינשאַפט. די דאָזיקע געמיינשאַפט איז בכן געוואָרן אַ פּוסט וואָרט.

און ס'האָט אָנגעהויבן פאַלן איין קרבן נאָכן צווייטן פונעם אַלטן, אויף ס'ניי איבערגעניצעוועטן נאַציאָנאַלן עגאָאיזם פון די הערשנדיקע פעלקער. ווי תמיד, זיינען מ י ר, יידן, געווען דער ערשטער קרבן. אונדזערע פייערלעך גאַראַנטירטע מינדערהייט־רעכט האָט דער פעלקער־בונד קיינמאָל ערנסט ניט גענומען. אונדזערע פּעטיציעס האָט מען אַריינגעוואָרפן אין אַרכיוו־קאָרב, כדי ניט צו דערצאָרענען די פעלקער־אונטערדריקער.

און נאָך די יידן זיינען געקומען די אַנדערע. פריש אין זכרון! כינע, אַבע־סיניע, שפּאַניע און טשעכאָ־סלאָוואַקיע. און ווי האָט די וועלט — ניט די רשעים, נאָר די „צדיקים" — רעאַגירט אויף די דאָזיקע רויב־אָנפאַלן פונעם שטאַרקן אויף דעם שוואַכן, אויף דעם שוצלאָזן?

איר קענט די דאָזיקע רעאַקציע — און איר שענדלעכסטער אויסדרוק הייסט „מינכען", דאָס מיינט — אַ קאָמפּראָמיס מיט די אָנפאַלער, דאָס מיינט אויסליווערן די שוואַכע צו די רויבער, כדי זיי זאָלן אונדז, די שטאַרקערע, לאָזן צו רו. און אויב נאָך מינכען איז געקומען דער איצטיקער קאַצניאַמער (ביי־

מעשים האָט עס נאָך דערוויי ניט), איז עס ניט חלילה דערפאַר, ווייל דאָס געוויסן האָט זיך אויפגעכאַפּט אין די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע לענדער, נייערט ווייל מען האָט זיך אַרומגעזעען, אַז די טאָטאַליטאַרע מלוכות קלערן גאָר ניט צו בלייבן שטיין ביי די שוואַכע פעלקער, אַז די לעצטע זיינען נאָר אַ פּרוזדור, כדי זיך אַריבערצוכאַפּן איבער זייערע קערפּערס צו די גרויסע, אַלט־איינגעפונדעוועטע מלוכות, ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך. וועט, למשל, איינפאַלן עמיצן פון די פאַרטיידיקער פון אַ פעסטער האַלטונג קעגן דער „אַקס", אויב זי זאָל אָנגרייפן דאַנציג אָדער דעם פוילישן קאָרידאָר און ריזיקירן דערביי אפילו מיט אַ וועלט־מלחמה, פונקט אַזוי שאַרף צו רעאַגירן, מיט ווירקזאַמע און מלוכהדיק־אָרגאַניזירטע רעפּרעסיעס קעגן דייטשלאַנד, ווייל זי באַגייט זיך אומ־מענטשלעך מיט אירע ייִדישע בירגער, ווייל זי האָט אומגעבראַכט טויזנטער אומשולדיקע מענער און פרויען? דאָ גילט דער הייליקער כלל פון ניט אַריינמישן זיך אין די „אינעווייניקסטע ענינים" פון אַ פרעמד לאַנד. איז דען ניט דער סאָציאַליסטישער פירער לעאָן בלום (אגב, כידוע, אַ ייִד און אַ האַל־בער ציוניסט דערצו!) געוועזן דער, וואָס האָט אַזוי קלאָר פאָרמולירט דעם גע־דאַנק, וועלכער איז איצט געוואָרן אַן אַקסיאָמע אין די דעמאָקראַטיעס, אַז די צייט פון רעליגיעזע און בכלל „אידעאָלאָגישע" מלחמות איז פאַרביי אויף איי־ביק? איז דען ווידעראַמאָל ניט געוועזן לעאָן בלום דער, וואָס האָט געהאַט דעם „געניאַלן איינפאַל" פון ניט־אינטערווענץ אין די שפּאַנישע ענינים?

וואָס באַטייט דען קאָנקרעט די דאָזיקע שיין קלינגענדיקע פאָרמול, אַז ס'איז געקומען אַ סוף צו רעליגיעזע, אידעאָלאָגישע מלחמות, אויב ניט, אַז אַ מלחמה איז באַרעכטיקט נאָר דעמאָלט, ווען זי ווערט געפירט אינעם נאָמען פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג און נאַציאָנאַלע אינטערעסן, און אַז מען טאָר קיין מלחמה ניט פירן, כדי צו פאַרטיידיקן דעם יושר אויף דער וועלט, צו באַשיצן די שוואַכע און ברענגען דעם נצחון פון כלל־מענטשלעכע אידעאַלן?

אָט האָט דער גרונטיקער זייל פון די דעמאָקראַטיעס, ענגלאַנד, ציניש זיך אויסגעלאַכט פון אַ טויזנטיאָריקער האָפענונג פון אַן אַלט אונטערדריקט פאָלק, כדי צו געווינען אויף זיין זייט די אַראַבישע מדבר-פעלקער. און ווי האָט די וועלט אויף דעם רעאַגירט? דווקא אין די דעמאָקראַטישע לענדער האָט מען ייִדן געגעבן אַן איידל אָנצוהערעניש, אַז מען זאָל קיין צו גרויסן גוואַלד ניט מאַכן און מען זאָל קיין ערנסטן קאַמף קעגן ענגלאַנד ניט פירן, ווייל דאָס וואָלט אָפּ־געשוואַכט דעם אַנטי-נאַציסטישן פראָנט. מיט אַנדערע ווערטער: מען עצהט דעם שוואַכן, ער זאָל זיך ניט אָקעגנשטעלן, ווי מען האָט דאָס געטאָן מיט טשעכאָ-סלאָוואַקיע, אין נאָמען פון העכערע אַלגעמיינע אינטערעסן. און מען וויל ניט באַגרייפן, אַז די גערעכטיקייט איז אומטיילבאַר, און אַז דער קאַמף מיט דער אומגערעכטיקייט מוז זיך אָנהייבן ווי נאָר עס באַווייזן זיך אירע ערשטע סימנים און ניט דעמאָלט, ווען די גאַנגרענע האָט שוין אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן אָרגאַניזם.

ווען אַט אַזוי האַלט עס מיט דער מאָראַל ביי די „צדיקים“, דעמאָלט ווערן די רשעים ניט נאָר פיזיש שטאַרקער, זונדערן אויך מאָראַליש געפעסטיקטער. אויב דער קאַמף צווישן די דעמאָקראַטיעס און די טאָטאַליטאַרע מלוכות איז ניט קיין אידעאָלאָגישער, אויב דאָס איז אַ קאַמף פאַר מ א כ ט - פ אָ ז י צ י ע ס, האָבן היטלער און מוסאָליני לכל־הפחות דעם פאַרדינסט פון אָפנהאַרציקייט. די רייכע און זאַטע לענדער, אַזוי טענהן זיי, האָבן פאַרכאַפּט די „פעטע ביסנס“, די רייכע קאָלאָניעס, די ווירטשאַפטלעכע און פינאַנסיעלע העגעמאָניע אין אַ ריי לענדער; אַט אַזוי ווי זיי, זיינען מיר אויך בארעכטיקט צו האָבן אונדזער חלק, און אויב מיר קענען עס ניט באַקומען מיט גוטן, וועלן מיר עס נעמען מיט בייזן.

פונקט ווי דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז געבוירן געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון דער וועלט־מלחמה און פונעם ווערסאַלער שלום, אַזוי איז אויך זיין השפעה אויף מיליאָנען דייטשן אַ רעזולטאַט פון דעם מאָראַלישן באַנקראָט פון די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטיעס (צו וועלכע, כידוע, ס׳געהערן אויך פוילן און רומעניע).

דאָס הייסט, פאַרשטייט זיך, ניט, אַז די דעמאָקראַטישע און די טאָטאַליטאַרע מלוכות זיינען פאַר אונדז היינו הך; דאָס הייסט אָבער, אַז דער חילוק צווישן זיי איז נאָר אַ לערכדיקער, אַז געזינדיקט האָבן א ל ע, אַז די גאַנצע היינטיקע געזעלשאַפט איז מאָראַליש קראַנק און אַז דער וועג צו מענטשלעכן יושר און צו אַ גערעכטן אינטערנאַציאָנאַלן לעבן דאַרף ערשט געפונען ווערן.

2. ד ע ר פ אַ ש י ז ם א ו ן ד י ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ב אַ וו ע ג ו נ ג

און איצט לאָמיר זען, ווי שטייט עס מיט אַ צווייטן כוח, אויף וועלכן די וועלט און בפרט מיר, יידן, האָבן געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען און פון דאָרט ארויסגעקוקט אונדזער ישועה, — איך מיין דעם סאָציאַליזם און די אַרבעטער־באַוועגונג.

מען דאַרף ניט דווקא זיין אַ שונא אָדער אַ מקטרג פון סאָציאַליזם כדי צו זען, אַז דער סאָציאַליזם אַליין לעבט איצט איבער אַ ניט קלענערן מאָראַלישן קריזיס, ווי דער ליבעראַליזם און די דעמאָקראַטיע. דער פאַשיזם און דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָבן צו פאַרצייכענען באַדייטיקע נצחונות ניט בלויז אין די צווישנפעלקערישע באַציאונגען, נאָר זיי האָבן אויך בלי שום ספק איינגענומען אין זייערע לענדער, אינעווייניק אין זייערע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטן, וויכטיקע און ווייכטיקע פּאָזיציעס, וואָס דער סאָציאַליזם האָט זיי געמוזט אָפּטרעטן. ק אָ נ ר אַ ד ה יי ד ן, אַ דם־שונא פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, אָבער אַן אָביעקטיווער און טיפזעעוודיקער באָאָבאַכטער, האָט אין זיין געשיכטע פון דער דאַזיקער באַוועגונג און אין זיין בוך איבער היטלערן באַוויזן, ווי נאָך פ אַ ר היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג ניט נאָר ביים קליינבירגערטום, זונדערן אויך ביים פּראָלעטאַריאַט, און דווקא אין זיין קאָמוניסטיש אָדער סאָציאַליסטיש אָרגאַניזירטן

טייל. אָבער דער שרייענדיקסטער באַווייז פאַר דער אינעווייניקסטער שוואַכקייט פון סאָציאַליזם איז דער פאַקט, וואָס ער האָט פשוט קיין שום ווי־דערשטאַנד נישט אַרויסגעוויזן אין דער בייזער שעה, ווען דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט איבערגענומען די מאַכט אין דייטשלאַנד. פאַר יעדן סאָציאַליסט, אָדער פּראָסט דעמאָקראַט איז אַ ווייטאָג זיך צו דערמאָנען, אַז אַפילו די רוסישע רע־אַקציע, די „ווייסגוואַרדייער", האָבן כמעט אין אַ משך פון צוויי יאָר צייט גע־פירט מלחמה מיט דער באָלשעוויסטישער מאַכט, — בעת אין דייטשלאַנד האָט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם מנצח געווען אָן אַ שאָס פּולווער. אַפילו אין איטאַ־ליע, וואו ס'איז יאָ געווען אַ ווידערשטאַנד מצד דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־שאַפט, איז ער אויך גאָר גיך געבראָכן געוואָרן, און — וואָס ס'איז אַ סך וויכ־טיקער — די דאָרטיקע אַרבעטערשאַפט איז שפּעטער אַליין אַריבער אין אַ היפּשער צאָל אין די פאַשיסטישע רייען. אין דעם צוזאַמענהאַנג איז אפשר נישט איבעריק צו דערמאָנען, אַז די איינציקע אָנזעעוודיקע און מוטיקע אָפּאָזיציע צו דער מאַכט וויזן אַרויס אין די ביידע „אַקס"־לענדער דווקא די קירך און די גייסטלעכע, וואָס מיר, ראַדיקאַלן, האָבן פון תמיד אָן זיי געהאַלטן פאַר אַ רעאַקציאָנערן כוח. אויף דעם פאַקט וואָלט מען זיך געדאַרפט פאַרטראַכטן און אפשר איבערקוקן די באַנאַלע אַפּיקורסישע באַציאונג צו רעליגיע, וואָס האָט נאָך, ווי אַ מאָראַלישע קראַפט, קענטיק נישט געזאָגט איר לעצט וואָרט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אָבער דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך, און דווקא אַ חשובע.

משמעות, אַז שוין פריער, נאָך פאַרן אויפקום פון פאַשיזם און נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, איז אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נישט אַלץ געווען אין אָר־דענונג; משמעות, אַז די עלעמענטן פון פונאַנדערפאַל זיינען שוין פון פריער פאַראַנען געווען אינעם סאָציאַליזם גופא.

דער פאַשיזם (אין ביידע טאָטאַליטאַרע מלוכות) האָט געטאָן איין קליי־ניקייט: ער האָט פאַרווירקלעכט אַ גרויסן טייל פון דער סאָציאַליסטישער פּראָ־גראַם־מינימום אויפן געביט פון סאָציאַלן שוץ פון אַרבעטער, און אין דער אייגענער צייט האָט ער דערקלערט אַ קאַמף אָן רחמנות דעם סאָציאַליסטישן ענדציל, דעם עטישן אידעאַל פון סאָציאַליזם, דער אינדיווידועלער פריי־הייט פונעם יחיד און דער אידעע פון דער גלייכווערטיקייט פון די מענטשלעכע באַשעפענישן און אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט. וואָלטן די מאַסן גע־קומען צום סאָציאַליזם אין נאָמען פון די דאָזיקע עטישע אידעאַלן און וואָלטן זיי פון די פּאַרטייען אין דעם גייסט דערצויגן געוואָרן, וואָלטן זיי זיך נישט אונטערגעגעבן אָן אַ בלוטיקן קאַמף, אָן גרויסע קרבנות — און אפשר וואָלטן זיי גאָר אינעם דאָזיקן קאַמף מנצח געווען. די מאַרקסיסטישע סאָציאַליס־טישע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך סומך געווען דער עיקר אויף די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פונעם אַרבעטער, אַלס יחיד און קלאַס, וועלכע האָט געלייגט אירע האָפענונגען נישט אויף די מאָראַלישע כוחות פון דער מענטשהייט בכלל און פון די אַרבעטער בפרט, זונדערן אויף אָביעקטיווע עקאָנאָמישע פּראָצעסן און אויף

מאַטעריעלע קלאַסן־אינטערעסן, — איז געבליבן אַן כלי־זין, ווען דער פאַשיזם האָט אין אַ גרויסער מאָס איבערגענומען דעם חומר פון סאָציאַליזם און פאַר־טריבן זיין גייסט, זיין נשמה. פאַר אָט דער נשמה האָט דער אַרבעטער־קלאַס ניט אַרויסגעוויזן קיין גרייטקייט צו קעמפן און קיין חשק צו ברענגען קרבנות. גע־ווים קען מען מיט ציטאַטן פון מאַרקסן און זיינע מפרשים ברענגען טויזנט און איין ראיה, אַז דאָס איז אַ וואולגאַריזירטע אויסטייטשונג פון מאַרקסיזם, אַז מאַרקס־ענגעלס און זייערע נאָכגייער האָבן כלל ניט איגנאָרירט די עטישע עלעמענטן פונעם סאָציאַליזם. דאָס באַווייזט אָבער גאָר ניט, ווייל די קאָנקרעטע אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען דורכגעדרונגען ניט מיט די איינצלנע פסוקים פון מאַרקס' ספרים, נייערט טאַקע מיט אָט דער וואולגאַריזירטער אויסטיי־טשונג. משמעות, אַז דער וואולגאַרער פירוש גיט איבער געטרייער דעם „קלי־מאַט" פון מאַרקס' תורה, ווי די אָדער יענע שטעל פון זיינע ווערק.

ניט קיין קליינע ראָלע אינעם מאָראַלישן קריזיס פון סאָציאַליזם האָט גע־שפּילט דער פאַקט, ווי אַזוי ער, דער סאָציאַליזם, איז פּראַווירקלעכט געוואָרן אין איין לאַנד — די איינציקע רעאַליזירונג פון סאָציאַליזם, וואָס די מענטש־הייט האָט באַקומען צו זען, נעמלעך: אין סאָוועט־רוסלאַנד. כראָנאָלאָגיש גע־נומען, האָט די פּאָליטישע דיקטאַטור פריער ווי אומעטום געפונען אָנווענדונג דווקא אינעם קיניגרייך פון סאָציאַליזם, און דער פאַשיזם האָט פון דאָרטן גענו־מען זיין מאָדעל. דער באָלשעוויזם האָט ציניש צעטראָטן מיט די פיס די וויכ־טיקסטע עטישע עלעמענטן פון סאָציאַליזם, די אינדיווידועלע פרייהייט און די דעמאָקראַטיע, האָט אויפגעבויט זיין ממשלה אויף טעראָר און גוואַלד און גע־מאַכט צו שפּאָט יעדן מאָראַלישן קריטעריום אין סאָציאַלן לעבן.

און האָט דען סאָוועט־רוסלאַנד אין צווישנפעלקערישע באַציאונגען זיך ניט געהאַלטן, זינט דעם אַריינטרעט אינעם פעלקער־בונד, כמעט ביי די זעלביקע פרינציפּן, ווי די בירגערלעכע דעמאָקראַטיעס? האָט דען ניט סאָוועט־רוסלאַנד רעאַגירט אויף די יידן־רדיפות אין דייטשלאַנד אַ סך ווייניקער און שוואַכער, ווי די בירגערלעכע דעמאָקראַטיעס, וועלכע האָבן לכל־הפחות פּראָטעסטירט און עפּעס געטאָן מיט פילאַנטראָפּישע מיטלען פאַר די קרבנות פון נאַצי־רעזשים, פאַר די פּליטים און הײמלאָזע? האָט דען סאָוועט־רוסלאַנד ווען ניט איז ערנסט גע־קלערט איבערצורייסן אירע דיפּלאָמאַטישע און האַנדל־באַציאונגען מיט דייטש־לאַנד — שוין ניט פאַר די רדיפות אויף יידן (פאַראַן אַ תירוץ — זיי זיינען על־פּי־רוב געוועזענע „בורזשויען"), נאָר פאַר די רדיפות אויף סאָציאַליסטן און קאָ־מוניסטן, אָדער צוליב דער אינטערווענץ אין שפּאַניע? האָט דען ניט סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס האָט פּראָקלאַמירט נייע פּרינציפּן אין די צווישנפעלקערישע באַציאונגען, וואָס האָט געשוואָרן צו פאַרטיידיקן די שוואַכע און אונטערדריקטע פעלקער, שוין זינט יאָרן אויפגעהערט יעטווידע פּראָפּאַגאַנדע אין די קאָלאָ־ניאַל־געביטן, ווייל דאָס שטימט ניט מיט דער איצטיקער אָריענטאַציע פון איר אויסערלעכער פּאָליטיק, און איבערגעלאָזט דאָרט פריי דעם אָרט פאַר היטלערן

און מוסאָליני, וועלכע האָבן אויף אַזאַ אופן באַקומען די מעגלעכקייט אָפּצונאַרן די דאָזיקע פעלקער און אַרויסשטעלן זיך פאַר זייערע פאַרטיידיקער? און צום סוף — צי קווענקלט זיך ניט היינט־צו־טאָג סאָוועט־רוסלאַנד, מיט וועמען זאָל זי גיכער מאַכן שלום: מיט דייטשלאַנד, אָדער מיטן דעמאָקראַטישן בלאָק? מיט וואָס די דאָזיקע קווענקלענישן זאָלן זיך ניט ענדיקן, איין זאַך בלייבט פעסט: איר באַשלוס וועט זיין דיקטירט דורך ר ו ס י ש ע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע אינטערעסן און ניט דורך וואָסערע ניט איז אַ ל ג ע מ יי נ ע פרינציפּן און אידעען.

3. מ י ר י י ד ן צ ו ו י ש ן ד י ה י י נ ט י ק ע פ ע ל ק ע ר

אָט אַזוי זעט זי אויס, די היינטיקע וועלט. אויף וועמען קענען מיר, יידן, די שוואַכסטע צווישן די שוואַכע, זיך שטיצן? אַליין און פאַרלאָזן שטייען מיר אין אַ וועלט, וואו ס'איז ניטאָ קיין יושר און קיין שוץ פאַרן שוואַכן. געוויס וועט דער דאָזיקער צושטאַנד אייביק ניט דויערן. די ירידה פון דער מענטשלעכער מאָראַל האָט איר גרענעץ, וואו זי מוז זיך אָפּשטעלן. אָן אַ מאָראַלישן געזעץ קען די מענטשהייט ניט לעבן און מוז זיך פונאַנדערפאַלן, צוריקקערן צו מענטשנפרעסעריי. געוויס וועלן וועלן ניט איז אויסוואַקסן נייע גייסטיקע כוחות. אפשר וועלן זיי ערשט אויפקומען נאָך אַ גרויסן חורבן, נאָך אַ „מלחמת גוג ומגוג", וואָס וועט אַריבערשטייגן די חורבנות פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. אָבער ביז ס'וועלן אויסוואַקסן די נייע מאָראַלישע כוחות אין דער וועלט, ביז די אידעען פון סאָציאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיקייט וועלן מנצח זיין, וועט נאָך דויערן אַ שפּאַר ביסל יאָרן, און ביז יענער געבענטשטער שעה שטייען מיר יידן איינזאַם און פאַרלאָזן. דאָס הייסט ניט, אַז מיר דאַרפן זיך מייאש זיין פון דער וועלט, דערקלערן די גאַנצע קריסטלעכע וועלט פאַר אונדזערע אייביקע שונאים. ניט מיט אַ מאָל וועט די אַבסאָלוטע גערעכטיקייט אַראָפּנידערן אויף אונדזער זינדיקע ערד. אויב מיר גלויבן אין איר לעצטן נצחון, גלויבן מיר במילא, אַז שוין היינט־צו־טאָג זיינען די געפילן פון יושר לעבעדיק ביי יחידים און ביי געוויסע קיבוצים. ניט צום ערשטן מאָל אין זיין געשיכטע שטייט דאָס יידישע פאָלק איינזאַם צווישן די פעלקער פון דער וועלט, און מיר האָבן קיינמאָל ניט פאַרלוירן און פאַרלירן אויך איצט ניט אונדזער גלויבן אין דעם „אחרית הימים". מיר האָבן געהאַט און האָבן אויך איצט אַן אָריענטאַציע אויף דער וועלט, אָבער — אַ ווייטע, וויל מיר זעען אויף ווייטע מהלכים ניט נאָר צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך פאָרויס אין דער צוקונפט. עס איז אָבער פאַלש און שעדלעך צו פאַרבייטן די דאָזיקע וועלטזעעוודיקע אָריענטאַציע אויף נייע כוחות, וואָס דאַרפן און וועלן אויפקומען, מיט אַ וואָלוועלער היינט־צו־טאָגיקער אָריענטאַציע אויף דער אָדער יענער פּאָליטישער פּאַרטיי און אויף איר פּראָגראַם־סידורל. מיר האָבן שוין געזען, ווי ניט פעסט, ווי ניט איינגעפונדעוועט ס'זיינען אין די מענטשלעכע נשמות פּאַרטיי־פּראָגראַמען. אויף זיי בויען הייסט זיך אָנשפּאַרן אויף אַ קנה־רצוץ, אויף אַן איינגעבראָכענעם צווייג.

דאָס הייסט ניט, אַז אין איטלעכן פאַל װעלן מיר ניט אויסקלייבן צװישן דעם קלענערן און גרעסערן בייז. געװיס מוזן מיר אין דעם מאָמענט גיין צוזאַ־מען מיט די דעמאָקראַטיעס. אָבער ס'איז גוט, אַז מיר און זיי זאָלן װיסן, אַז א י נ ג א נ צ ן אויף זיי פאַרלאָזן מיר זיך ניט, אַז מיר פאַרגעסן קיין איין רגע ניט, װי אַזוי מען האָט אונדז אויף יעדן שריט און טריט אויסגעליװערט צו אונדזערע אונטערדריקער און װי אַזוי מען האָט אונדז אָט ערשט אָפּגענאַרט אין אונדזער טייערסטער האָפענונג צו קומען צוריק צו אונדזער אייגן לאַנד. זאָל מען ניט מיינען, אַז װייל היטלער איז באמת אונדזער גרעסטער שונא, האָבן מיר קיין ברירה ניט און מ ו ז ן ביי אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנפליקט זיך אָריענטירן אויף ענגלאַנד. געװיס, אויב ס'װעט קומען צו אַ מלחמה, װעלן יידן, בירגער פון די דעמאָקראַטישע לענדער, טאָן זייער בירגער־פליכט. מיר װערן אָבער אַלץ מער אַ ה יי מ ל אָ ז פאָלק, ניט נאָר פאַקטיש, נאָר אַפילו פאָרמעל־יורידיש — מיליאָנען יידן זיינען שוין מער ניט קיין בירגער פון אַ װעלכן ניט איז לאַנד. װעלן אָט די דאָזיקע מיליאָנען און די יידישע בירגער פון די נייטראַלע לענדער, װי, למשל, אַמעריקע, האָבן התלהבות זיך מקריב צו זיין פאַר אַ „קלענערן בייז" — פאַרן נצחון פון ענגלאַנד, פון טשעמבערלען־האַלי־פאַקס־מאַקדאָנאַלד? צי װעט אין דעם פאַל געװנוג זיין אַ באַפעל פון די יידישע פירערס, װעלכע װעלן באַשליסן, אַז על־פי שכל־הישר לוינט אונדז צו גיין מיט די דעמאָקראַטיעס? עס װאָלט געװען נוצלעך אויפצוקלערן הן ענגלאַנד, װאָס האָט אונדז פאַרראַטן אין ארץ־ישראל, הן די אַנדערע מלוכות, װאָס פאַר־לאָזן אונדז אין די לענדער פון נגישות, אַז מיט אָט דער „לית ברירה" פאַר אונדז (און אפשר אויך פאַר אייניקע אַנדערע פעלקער, װאָס מען האָט זיי איבערגע־לאָזט אויף גאָטס באַראָט) שטייט עס גאָר ניט אַזוי פשוט, אַז אויב מיר פילן זיך איינזאַם אין דער נשמה, װעלן קיין שום פּראַקטישע חשבונות ניט העלפן. מיר זיינען אַ פאָלק פון אַ סך געדולד און אַ סך גלויבן, און מיר פאַרשטייען, װאָס הייסט װאַרטן אויף בעסערע צייטן און ביז דעמאָלט זיך אָנשפּאַרן אויף זיך אַליין, אויף אונדזערע שװאַכע מאַטעריעלע כוחות און אויף אונדזערע מאָראַ־לישע כוחות, װאָס זייער שטאַרקייט העגנט שוין אָפּ נאָר פון אונדז אַליין.

4. דער יידישער װידערשטאַנד

אָט דאָ, אין אונדזער איצטיקער מאָראַלישער שװאַכקייט, ליגט אונדזער גרעסטער אומגליק. ס'איז אַ גוזמא צו זאָגן, אַז מיר האָבן אין אונדזער גע־שיכטע קיינמאָל נאָך ניט געהאַט אַזעלכע צרות, װי די היינטיקע נאַצי־רדיפות. געװען ערגערע צייטן, װען מען האָט אונדז אין די צענדליגער טויזנטער געברענט און געבראָטן. מיר שטייען ניט דעם ערשטן מאָל, האָב איך געזאָגט, איינזאַם אויף דער װעלט. געװען צייטן, װען מיר האָבן די גאַנצע װעלט געהאַט ק ע ג ן אונדז, הייסט האָבן מיר די װעלט ניט פ אַ ר אונדז און יחידי־סגולה — אַפילו

מ י ט אונדז. דאָס איז אַ גרויסער חילוק. אונדזער איצטיקע טראַגעדיע איז דערפֿאַר טיפֿער און גרעסער, ווי ווען ניט איז, ניט ווייל דער אויסערלעכער שונא איז גרויזאַמער, נאָר ווייל אונדזער מאָראַלישע ווידערשטאַנד־קראַפֿט איז גוואַל־דיק געמינערט געוואָרן.

ניט דאָס איז אונדזער גרעסטער אומגליק, וואָס זעקס הונדערט טויזנט דייטשע יידן האָבן ניט געקענט ביישטיין קעגן אַ מלוכה פֿון זיבעציק מיליאָן. די קאַטאַסטראָפֿע באַשטייט ניט דערין, וואָס מיר האָבן געליטן אַ מפּלה, נייערט דערין, וואָס די מפּלה איז געקומען אָ ן אַ ק אַ מ ף פֿון אונדזער זייט, וואָס דער שונא האָט אונדז מנצח געווען אַזוי לייכט, אָן שום קרבנות און אָנשטרענ־גונגען פֿון אונדזער צד, און האָט זיך ניט באַגעגנט מיט קיין שום ווידערשטאַנד, ניט קיין מאָראַלישן, ניט קיין פֿיזישן. ס׳איז ניט ריכטיק, אַז יעטווידער קאַמף איז אויסגעשלאָסן ביי ניט גלייכע כוחות. וואָלט דאָס אַזוי געווען, וואָלטן די שטאַרקע פֿעלקער שוין לאַנג איינגעשלונגען אַלע שוואַכע. און אויב די לעצטע לעבן נאָך פֿאָרט, איז דאָס דערפֿאַר, ווייל דער פֿיזישער כוח האָט גרענעצן, ווייל די חיהשע אינסטינקטן פֿון די שטאַרקע ווערן געהעמעוועט דורך אַ מאָראַלישער רעאַקציע אינעם הערשער־פֿאָלק גופֿא. די דאָזיקע רעאַקציע איז אַלץ שטאַר־קער, וואָס איינגעשפּאַרטער ס׳איז די ווידערשפּעניקייט פֿונעם קרבן. אויפֿן וואָרט גלויבט אייך קיינער ניט, אַז איר ליידט. נאָר ק ר ב נ ו ת, וואָס אַ פֿאָלק ברענגט פֿאַר זיין לעבן און זיין פֿרייהייט, באַווייזן, אַז זיי זיינען אים טייער און הייליק. אָט האָט דייטשלאַנד אַ שווערע הלכה מיט די טשעכן, כאָטש זי איז צען מאָל שטאַרקער פֿון זיי. וואָס מער עס וואַקסט דער טשעכישער ווידערשטאַנד, אַלץ מאָראַליש שוואַכער מוז ווערן דער אָנגריף פֿון דער דייטשער מאַכט. און ס׳איז ניט קיין אויסטראַכטעניש, אַז די אָקופּאַציע פֿון בעמען און מערן האָט אָפּגעשוואַכט דעם מאָראַלישן פּרעסטיזש פֿונעם נאַצי־רעזשים אין דייטשלאַנד גופֿא, און ווער ווייס, צי וועט ניט אַמאָל דער נצחון אין פּראָג זיין דער אָנהייב פֿון דער מפּלה פֿון דער ממשלת־זדון אין דייטשלאַנד גופֿא?

פֿאַר אַ מ אָ ר אַ ל י ש ן ווידערשטאַנד איז דער פֿיזיש שוואַכסטער שטאַרק געגנוג. דער ערשטער אויסדרוק פֿון ווידערשטאַנד מצד די דייטשע יידן האָט געקענט זיין — בלייבן עקשנותדיק אויפֿן אָרט, אויסוואַרטן און אויס־דולדן; סוף־כל־סוף זיינען נאָך עד־היום געבליבן און וועלן מוזן פֿאַרבלייבן אין דייטשלאַנד הונדערטער טויזנטער יידן. אָנשטאָט דעם האָט זיך אָנגעהויבן די בהלה־לויפֿעניש וואו די אויגן טראָגן. איטלעכער האָט געקלערט נאָר וועגן ראַ־טעווען זיין א י י ג ע נ ע ם גוף. עס האָט זיך אָנגעהויבן די דעזאָרגאַניזירטע יציאת־דייטשלאַנד, די באַרימטע אינפֿילטראַציע און צעשפּרייטונג פֿון יחידים איבער צענדליגער לענדער. דאָס דאָזיקע לויפֿן האָט אַלץ מער אָפּגעשוואַכט די ווירטשאַפֿטלעכע, פֿינאַנסיעלע און גייסטיקע ווידערשטאַנד־קראַפֿט פֿון די געבליבענע — און דאָס אַריינדרינגען אין נייע לענדער פֿון יידישע יחידים

אויף זייער אייגענער ריזיקע, אָן שום אחריות־געפיל פאַרן כלל, פאַר די ווייטער־דיקע עמיגראַנטן, האָט סוף־כּל־סוף געמוזט ברענגען צו פאַרמאַכטע טויערן.

זיך ניט בויגן געהאָרכזאַם פאַרן באַפעל פון ערגסטן רוצח וואָלט געוועזן דער צווייטער און העכערער שטאַפּל פון ווידערשטאַנד. קיין שום מאַכט, און ווי שטאַרק זי זאָל ניט זיין, קען ניט הונדערטער טויזנטער מענטשן ברענגען אין די תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווען זי וואָלט מוזן אָנווענדן ד י ־ ר ע ק ט ע ג ו וואַ ל ד ביי יעדן איינציקן פאַל. געוויס וואָלטן די ערשטע ווידער־שפּעניקע געפאַלן פאַר אַ קרבן. צי האָבן אָבער די דייטשע יידן אויסגעמיטן טויזנ־טער און טויזנטער פּ אַ ס י וו ע קרבנות, און צי וואָלט ניט איין אַ ק ט י וו ע ר קרבן מכפּר געוועזן אויף הונדערטער פּאַסיווע? דאָרט, וואו יעדער איינער פון אַ גרויסער מאַסע מענטשן איז גרייט אַוועקגעבן זיין לעבן, קען קיין שום פיזישער כוח זיי ניט בייקומען.

ניט צום ערשטן מאָל ברענט מען יידישע בתי־מדרשים און ספרי־תורות, אָבער אַמאָליקע צייטן האָבן גאַנצע הייליקע קהילות זיך געלאָזט פאַרברענען אינאיינעם מיט די הייליקע ספרים. און וואָלט דאָס געשען אין די נאָוועמבער־טעג אין דייטשלאַנד, וואָלט אפשר געקומען צו אַן איבערבראָך אין דער נאַצי־פּאָליטיק בנוגע יידן, ווייל שוין איצטער האָבן די נאָוועמבער־אַכזריותן אַרויס־גערופן אַ געוויסע רעאַקציע ביי די דייטשע מאַסן. וואָלטן מיר באַוויזן דער וועלט, אַז דער „יהרג ולא יעבור“ איז ניט קיין פּוסט וואָרט ביי יידן, וואָלט אויך די רעאַקציע פון די אַרומיקע פעלקער געוועזן אַן אַנדערע, און ס׳וואָלט דעמאָלט ניט געוועזן אַזוי לייכט אַריבערצוגיין צום סדר־היום איבער יידישע ליידן.

און די זעכצען מיליאָן יידן חוץ די גרענעצן פון דייטשלאַנד, וואָס דער נאַצי־טעראָר האָט זיי ניט געקענט דערלאַנגען, — זיי האָבן דאָך געוויס גע־קענט, און מיט ווייניקער ריזיקע, זיך אַנטקעגנשטעלן; יידן זיינען דאָך אויף דער וועלט נאָך אַ געוויסער ווירטשאַפטלעכער און פינאַנסיעלער כוח — איז דער דאָזיקער כוח אויסגענוצט געוואָרן לטובת דעם כלל?

יעדער קאַמף, יעדער ווידערשטאַנד פאַרלאַנגט קרבנות, און קרבנות ברענ־גען מענטשן און פעלקער ניט פאַר אינטערעסן — דאָ פאַרטיידיקט זיך יעדער יחיד פאַר זיך, אויף אייגענע אחריות — נייערט פאַר א י ד ע אַ ל ן, פאַר אַ גלויבן, פאַר הייליקייטן. אין שיין פון דער דייטש־יידישער טראַגעדיע דערזעען מיר ערשט, וואָס פאַר אַ חורבן אין אונדזערע נשמות האָט אָנגעמאַכט די אַ ס י ־ מ י ל אַ צ י ע. די עמאַנסיפּאַציע, די גלייכבארעכטיקונג איז געוואָרן אונדזער אַפּגאָט. שוין פון אָנהייב אָן, ביי דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן יידן אַליין אָנגענומען באהבה דעם תנאי, וואָס איז זיי געשטעלט געוואָרן: גלייכבאַ־רעכטיקונג פאַרן יידישן יחיד בתנאי, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער אייגנאַרטיקייט און זעלבשטענדיקייט פונעם יידישן כלל. יידן האָבן ניט פאַרלאַנגט גלייכע רעכט, כדי דער כ ל ל זאָל געווינען דורך די רעכט פונעם יחיד, כדי אַזוי־אַרום צו פאַרפעסטיקן די עקסיסטענץ פונעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו. פאַרקערט,

דער יחיד האָט זיך איינגעהאַנדלט גלייכע רעכט, פאַרלייקענענדיק די נאַציאָ־נאַלע עקסיסטענץ פון כלל און זיינע נאַציאָנאַלע אידעאַלן.

ניט דערפאַר איז ניטאָ קיין יידישער ווידערשטאַנד, ווייל יידן זיינען פּחדנים און ניט פעאיק צו ברענגען קרבנות. אַט שטייען שוין דריי יאָר די אייגענע יידן פון נאַלעווקעס און קורפירסטענדאַם אין אַ טאָג־טעגלעכער סכנה אין ארץ־ישראל, און אַלע יידן, פּשוטע יידן, ניט קיין העלדן, האַלטן אויס, ריזיקירן יעדע רגע מיטן לעבן — און אַנטלויפן ניט. אַט זיינען הונדערטער יידישע יונגעלייט אַוועק אויפן שפּאַנישן פראָנט. אין ביידע פאַלן איז דאָס געטאָן געוואָרן אין נאָמען פון אַ ג ל ו י ב ן, אַ יידיש־נאַציאָנאַלן — אין איין פאַל, אַ מענטשלעך־סאָציאַלן — אין צווייטן.

די אַסימילאַציע האָט צעברעקלט דעם יידישן כלל אויף פאַרשיידענע לאַנד־גרופּעס, איטלעכע מיט אירע קורצזיכטיקע און ענגע לאָקאַלע אינטערעסן. און פון דער אַנדער זייט האָט זי ביי די איינצלנע קיבוצים אונטערגעגראָבן דעם זינען פון זייער יידישקייט. און דאָרט, וואו דאָס לעבן פונעם כלל האָט פאַרלוירן זיין זינען, דאָרט האָט דאָס שטאַרבן פאַרן כלל שוין אוודאי קיין זינען ניט. בלייבט נאָר „ראַטעווע זיך, ווער עס קען", ווי די העכסטע און די קלוגסטע לעבנס־חכמה.

און אַט אַזוי איז עס דערגאַנגען דערצו, אַז אונדזער גאַנצע קאַמף־ענערגיע האָט זיך אויסגעשעפּט אין פאַרעוועע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס און אין דיפּלאָ־מאַטישע אינטערווענציעס, וועלכע האָבן געמוזט בלייבן אָן אַ פּעולה, ווייל הינ־טער זיי איז ניט געשטאַנען ניט קיין כוח, ניט קיין פעסטער רצון. און אונדזערע היינטיקע פּאָליטיקער חוזקן נאָך איבער די אַלטמאָדישע יידישע שתדלנים! אפשר זיינען יענע געווען קלענערע דיפּלאָמאַטן, ווי אונדזערע היינטיקע פירערס, אָבער יידיש האַרץ און יידיש באַוואוסטזיין האָבן זיי געווים געהאַט מער.

און אונדזער פּאַרטיידיקונג, און אונדזער פּראָפּאַגאַנדע קעגן אַנטיסעמי־טיזם בלייבן זיי דען ניט פרוכטלאָז, ווייל זיי זיינען געבויט אויף אַ מאָראַלישן שקר, אויפן שקר פון דער אַסימילאַציע? ווערט דען ניט די דאָזיקע פּאַרטיידי־קונג געפירט אין נאָמען פון די אינטערעסן פונעם יידישן יחיד און זיין רעכט אויף אַסימילאַציע? גיט אַ קוק, מיט וואָס פאַר אַ ברען יידישע „נאַציאָ־נאַלע" פירערס (פון די אַסימילאַטאָרן שוין אָפּגערעדט) פּאַרטיידיקן דאָס רעכט פון די יידן דווקא צו גיין אין דייטש־קריסטלעכע שולן, ווי זיי קריכן פון דער הויט, כדי צו באַווייזן מיט אותות ומופתים, ווי גרויס איז דער חלק, וואָס מיר האָבן אַריינגעטראָגן אין דער דייטשער קולטור, וויסנשאַפט, ליטעראַטור וכדומה. מיט אַנדערע ווערטער: מ י ר א ל י י ן ג ל אָ ר י פ י צ י ר ן דאָס, וואָס ביי יעדן פאָלק וואָלט עס באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ נאַציאָנאַלע בגידה. און ווי ווילט איר, אַז די פעלקער זאָלן האָבן דרך־ארץ פאַר די דאָזיקע אַרגומענטן און זאָלן זיי גלויבן? אַט פירן שוין יאָרנלאַנג יידישע יונגעלייט אַ קאַמף קעגן געטאָ־בענק אין די פּוילישע אוניווערסיטעטן, אַנשטאָט צו קעמפן פאַר י י ד י ש ע ה ו י כ ־

ש ו ל ן — א פונקט, וואָס איז פאַרשריבן און פאַרצוקערט געוואָרן אין די פּראָגראַ־מען פון אַלע יידישע פּאַרטייען.

פונעם שטאַנדפּונקט פון ליבעראַליזם, פון אינדיווידועלער פרייהייט האָט יעטווידער יידישער יחיד דאָס רעכט צו אַנטלויפן פונעם יידישן פאָלק, גיין „היטן פרעמדע וויינגערטנער", אפילו — דאָס רעכט אויף שמד. אָבער אַז אַ כ ל ל זאָל קעמפן פאַר דאָס רעכט פון דעם יחיד צו אַנטלויפן פון אים אַהין, וואו ער קען מאַכן אַ בעסערע גייסטיקע אָדער מאַטעריעלע קאַריערע, דאָס קען פּאַסירן נאָר ביי אונדז, און דאָס איז אַ סימן פון מאָראַלישער און קולטורעלער ירידה.

פאַראַן ביי אונדז אַ רעליגיעזע פאָרשטעלונג, אַז די יידישע רדיפות זיי־נען גאָטס בייטש, כדי אָפּצוקערן דאָס פאָלק ישראל פון זינד און אים אומקערן צו יידישקייט, צו דער יידישער תורה. די דאָזיקע רעליגיעזע אידעע איז די פרוכט פון אַ גרויסער היסטאָרישער דערפאַרונג. דער גלות ברעקלט אונדז, גראָבט אונ־טער אונדזער יידישקייט. שווער איז פאַר דעם יחיד צו טראָגן דעם עול פון יידישן גורל, און ער זוכט צו אַנטלויפן פון אים אין דער פרייער וועלט אַריין. און ווער ווייסט וואָס פון אונדז וואָלט געוואָרן, אויב ניט די אָפּשטויס־קראַפט פון דרויסן, וואָס טרייבט אונדז צוריק אין אונדזערע אייגענע גבולים. די דאָ־זיקע קראַפט באַווייזט, ווי אילוזאָריש עס איז דער חלום זיך צו ראַטעווען, אַנט־לויפנדיק פונעם יידישן כלל. און ס'מוז אַלץ קלאָרער ווערן פאַר יעדן יידן דער אַלטער אמת, וואָס איז גילטיק אין אַלע צייטן, ווען מיר האָבן אויסצושטיין שווערע נסיונות: אָדער מיר וועלן אַלע אונטערגיין יעדערער אין זיין באַהעל־טעניש, אָדער מיר וועלן אַלע זיך ראַטעווען דורכן כלל, דורך טרייהייט צו אים, דורך קרבנות פאַר אים.

דאָס אויבערשטע קריטעריום פון אונדזער אויפפירונג דאַרף זיין דער קיום פון דער אומה, דאָס אָפּהיטן אונדזער גייסטיקע פערזענלעכקייט. וועלן די פעל־קער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר וועלן אָפּן און ערלעך פּראָקלאַמירן אונדזער אייגנאַרט, אונדז וועלן געבן אַלע רעכט — איז מה טוב. וועלן זיי אָבער פון אונדז פאַרלאַנגען געצאָלט, אַז מיר זאָלן מאָראַליש און גייסטיק זיך אויסמישן מיט זיי און אונדזער אייגנאַרט אויפלייזן, איז שוין בעסער פאַר אונדז צו זיין ה אַ ל ב ע ב י ר ג ע ר, אַבי צו בלייבן ג אַ נ צ ע יי ד ן א ו ן מ ע נ ט ש ן.

דער קאַמף פאַר אונדזער עקסיסטענץ צווישן די פעלקער און פאַר אונ־דזערע מענטשלעכע רעכט וועט ערשט דעמאָלט ווערן אַ רעאַליטעט און ניט קיין נאָכגעקרימטע פראַזע, ווען מיר וועלן ווידער געפינען דעם וועג צו זיך און צו אונדזער מקור. אין אונדז גופא ליגט נאָך אַ שלל פון גייסטיקע כוחות, מען דאַרף נאָר קענען זיי אַרויסגעפינען, זיי צונויפקלייבן און מיט זייער הילף זיך אָקעגנשטעלן, זיך האַלטן — עד יעבור זעם.

ד״ר אהרן שטיינבערג / לאָנדאָן

בטחון!

בטחון?

יאָ, בטחון — און דווקא מיט אַן אויסרוף־צייכן. דווקא! ווי שרעקלעך און ביטער ס׳זאָל ניט זיין היינט אין יעטווידן פּרט די יידישע לאַגע, טאָרן מיר אויף קיין רגע ניט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס אַ „יידישע פראַגע״, אַז דער קיום פון פאָלק ישראל איז עפּעס אַן ענין מיט אַ פראַגע־צייכן.

ווי דען אַנדערש? דאָס יידישע פאָלק קען חלילה אונטערגיין? — סיידן אינאיינעם מיט דער וועלט! יאָ, מיטן גאַנצן עולם־הזה און מיטן גאַנצן עולם־הבא, וואָס מיר און די וועלט אַרום אונדז האָבן זיי בקבלה אַן ערך פולע דריי טויזנט יאָר. דער, וואָס איז גרייט זיך צו רעכענען אפילו דערמיט, מיטן חורבן פון דער וועלט, איז שוין היינט ניט קיין דאָאיקער און האָט דאָ, צווישן אונדז, לחלוטין ניט וואָס צו טאָן: מיר פאַרשטייען ניט זיין שפּראַך, און ער קען ניט פאַרשטיין, וואָס מיר רעדן. ברוך דיין אמת! — רעדן איינע צו די אַנדערע און איינע די אַנדערע פאַרשטיין קענען אין דער יידישער וועלט היינט בלויז די, וואָס פאַרמאָגן נאָך בטחון, אָדער וואָס וואָלטן לפּחות געוואָלט זייערע פאַרהלשטע הערצער זאָלן ווידער ווערן לעבעדיק און שטאַרק. צום לעצטן מין געהערט, גלויב איך, דאָס רוב יידישע סקעפּטיקער. זייער סקעפּטיש פּאַרקרימטער שמייכל און איראָניש פאַרשפּיצטער וואונק זיינען אָפטער ווי אָפט הוילע פאַרשטעלעניש — הוועיות, וואָס דעקן צו ברענענדיקן האַרצווייטאָג, דאָס לעכצן פון אַן אָנגעווייטאָגט האַרץ נאָך גלויבן, נאָך טרייסט, נאָך פּולוואַגיקן בטחון. טאָ אויף וואָס פאַר אַן אופן זיינען זיי — און מיר בתוכם — עלול געהאָלפן צו ווערן?

אויב ס׳איז ריכטיק, אַז די בעלי־בטחון און די כלומרשטיקע כופרים צווישן אונדז זיינען בעצם ניט קיין צוויי באַזונדערע מינים נפשות, און אויב סאָ׳יז ווייטער ריכטיק, אַז פּונקט אַזוי ווי אין דעם יידישן סקעפּטיקער טליעט כמעט שטענדיק דער פונק האָפענונג, פּונקט אַזוי מוז היינט אפילו דעם גרעסטן בעל־בטחון נאָגן דער וואָרים פון ספק, — דעמאָלט איז פאַראַן נאָר איין מיטל גובר צו זיין דעם אינעווייניקסטן שונא אונדזערן, דאָס שוואַכע יידישע האַרץ — איין וועג פאַר כופרים און קנאים, פאַר פרומע און פרייע — דער וועג פון חכמה.

איך טו אַן עפן דעם „שער הבטחון״ אין רבינו בחיי״ס „חובות הלבבות״ און געפין תיכף „אויפן שוועל פון טויער״ ווידער אַמאָל דעם גרונט־געדאַנק פונעם גאַנצן ספר, אַז ניט אַנדערש, ווי די איבעריקע העכסטע פליכטן אונדזערע, האָט אויך דער חוב פון בטחון „אַלע זיינע וואָרצלען א י ן ד ע ם ש כ ל״. דער פרומער מחבר רעדט, פאַרשטייט זיך, ניט וועגן סתם בטחון און אויך ניט וועגן צוטרוי צו דעם פאָלקס צוקונפט, נאָר וועגן דעם יידישן בטחון אין קלאַסישן זינען,

ווענן זיך פֿאַרלאָזן אויף גאָט אין יעטווידן פּרט און אין יעטווידער אינדיווידועלער לאַגע. ווער קען עס אָבער זאָגן, צי ווען מיר — אויב מיר לאָזן זיך נאָר אָוועק אויפֿן אַלטן דרך פֿון חכמה און שכל — סוף־כּל־סוף ניט קומען אַהין, וואוהין עס האָבן אונדז תמיד געפֿירט אונדזערע קדמונים?

בטחון אויף שכלדיקע יסודות — דאָס זאָל זיין אונדזער בשותפֿותדיקע ריכטונג, וואָס פֿאַר חלוקי־דעות עס זאָלן אונדז ניט צעטיילן אין אַנדערע פּרטים. ווען בלייבן דרויסן בלויז די, וואָס האָבן דורך די וואָרצלען פֿון שכל און זייען און שניידן די גיפֿטיקע תבואה פֿון יאוש. זיי בלייבן דרויסן, מחמת זיי שליסן זיך אַליין אויס. לאָמיר וועגן זיי דאָ ווייטער ניט קלערן, ווי שטאַרק ס'זאָל ניט זיין אונדזער רחמנות־געפֿיל, און לאָמיר מאַכן דעם פּרואוו צוצולייגן די מידה פֿון שכלדיקן בטחון גאַנץ קאָנקרעט צו דער קאָנקרעטער יידישער לאַגע.

1. מ י ט אָ פ ע נ ע א ו י ג ן

אונדזער לאַגע איז שרעקלעך און ביטער. ניט גענוג, וואָס יאָר־אויס, יאָר־איין ווערן חרוב איינער נאָכן אַנדערן גאַנצע יידישע קיבוצים, וואָס מיליאָנען יידישע יחידים האָבן אויסצושטיין די שווערסטע, די אַכזריותדיקסטע עינויים, וואָס טויזנטער און טויזנטער פֿאַרשילטן דעם טאָג, ווען זיי זיינען געקומען אויף דער וועלט און טוען זיך אַליין אָן אַ מעשה — ניט גענוג דאָס אַלץ, איז דאָס פֿאָלק עפּעס ווי כּלא היה, און מיר לעבן איבער אַ כּפֿול־שמונהדיקן חורבן פֿון כּמעט אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און גייסטיקע ריכטונגען.

די, וואָס האָבן געבויט אויפֿן אַבסטראַקט־נאַציאָנאַלן פּרינציפּ, זעען, ווי די גאַראַנטירטע רעכט פֿון די יידישע מיעוטים זיינען געוואָרן צו שפּאָט; די, וואָס האָבן געלייגט אַלע נאַציאָנאַלע האָפֿענונגען אויף אַן אייגן לאַנד, שטייען אין ארץ־ישראל אויף דאָס ניי פּנים אל פּנים מיט גלות און געטאָ, בעת אין חוץ־לאַרץ מערן זיך צייכנס ניט פֿון אַ נייעם קיבוץ־גליות, נאָר פֿון אַ נאָך גרעסערער צעזייטקייט; די, וואָס האָבן געהאָפֿט, אַז דאָס יידישע פֿאָלק וועט אויפֿגעבויט ווערן פֿונעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף, מוזן צוגעבן, אַז אין אַ כּולו פּראָלעטאַריזירטן פֿאָלק בלייבט ניט קיין אָרט ניט פֿאַר קיין קלאַסן און במילא אויך ניט פֿאַר קיין שום סאָציאַליסטישן קאַמף. די חסידים פֿון דער יידישער קולטור — אין יידיש אָדער אין העברעאיש — ווייסן, אַז מען האָט צו מאָביליזירן די לעצטע רעזערוון, כּדי ס'זאָל ניט איינפֿאַלן דאָס, וואָס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן מיט אַזוי פֿיל מאַטערניש און מי. די יידן פֿון אַ גאַנץ יאָר באַוויינען דעם חורבן פֿונעם אַלטן לעבנסשטייגער. גלייכצייטיק איז עס אַ חורבן פֿון דער עמאַנסיפּאַציע, פֿון דער אַסימילאַציע און — ניט געקוקט אויף דער וואַקסנדיקער צאָל משומדים — פֿון דעם שמד גופא. מיר זיינען ניט זיכער אַפֿילו מיט אונדזער „ראַסע", מיט דעם יידישן טיפּ מענטש, מחמת דער שונא טרייבט אַריין

אין אונדזער גבול אָן ערב־רב פון מענטשן, וואָס זיינען הן אָביעקטיוו, הן סוב־יעקטיוו בכלל קיין יידן ניט. טאָ וואָס זאָל פון אונדז ווערן? אַ תל? — ס'איז אָן אָפּגערעדטע זאַך, אַז פון אָט דעם מין פּראַגע־צייכן טאָר אין אונדזער אלף־בית קיין זכר ניט בלייבן.

אַזוי לאַנג, ווי מיר באַטראַכטן אונדזער לאַגע פון אינעווייניק און בלויז פון אינעוויינינק, פעלט אונדז יעדע מעגלעכקייט זי ריכטיק אָפּצושאַצן. אַן איבערבליק פאַרלאַנגט לויט זיין עצם באַגריף, מען זאָל שטיין „איבער" דעם, אויף וואָס דער בליק איז געווענדט. און אָפּשאַצן עפּעס קען מען בכלל נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט אין זינען אַ באַשטימטן, אָפּגעשטעמפּלטן ווערט, מיט וועלכן ס'לאָזט זיך פאַרגלייכן דאָס, וואָס מען שאַצט אָפּ. מיר היינט ווייזן אָבער אַרויס אַ נטיה ביי אַלע אונדזערע דיאַגנאָזן פון דער יידישער לאַגע ניט אַרויסצוגיין פון אונדזערע גרענעצן. אויב מיר טוען זי יאָ פאַרגלייכן מיט אַנדערע קאָנסטעלאַציעס, זיינען עס תמיד ביישפּילן, געשעפּט פון אונדזער אייגענער געשיכטע. דאָס וואָלט שוין זיין עפּעס, ווען אונדזערע היסטאָרישע זכרונות גופא וואָלטן ניט געווען איינגע־צוימט אינעם קיילעך פונעם יידישן „עולם קטן". אונדזער וועלטלעכע היסטאָריאָ־גראַפיע האָט נאָך עד־היום ניט אויסגעהאַקט קיין פענסטער פונעם יידישן מיקראָ־קאָסמאָס צו דער גרויסער וועלט דרויסן. אדרבה, מען קען זאָגן, אַז זי האָט נאָך פאַרטונקלט דעם בליק פאַרן גורל פון גאָטס וועלט אין איר איינציקייט און גאַנצ־קייט, יענעם בליק, וואָס איז געווען דער בראשית פונעם קלאַסישן יידישן דענקען. וואָס טויג עס צו פרעגן, למשל: איז די איצטיקע לאַגע פונקט אַזוי שלעכט, ווי בעת די קרייצצוגן, אָדער אין דער צייט פון גירוש שפּאַניע, אָדער אין די גזירה־יאָרן ת"ח און ת"ט? — וואָס קען עס טויגן, וויבאַלד מיר האָבן דערביי אין זינען פּאַרצייטיקע לאַגעס, ווידער און ווידער אַמאָל געזעען בלויז פון אינעווייניק? מיר טרעטן אָפּ אויף יאָרהונדערטער צוריק און בלייבן דערביי דאָך אַלץ אין די זעלביקע ד' אמות. מיר דוכט זיך, אַז ניין צענטל פון אונדזערע איצ־טיקע שאַרף פּעסימיסטישע פּראָגנאָזן נעמען זיך דערפון, וואָס מיר ווילן ניט קוקן ניט אויף אונדזער פאַרגאַנגענהייט און ניט אויף אונדזער קעגנוואַרט מיט ברייט פונאַנדערגעעפנטע אויגן.

קוקן אויף דער יידישער לאַגע מיט אָפענע אויגן הייסט זי וועלן זען אַזוי ווי זי איז אינעם שיין פון דער וועלט־געשיכטע. דער היסטאָרישער וועג פון פאָלק ישראל איז שטענדיק געווען אַן אוניווערסאַל - היסטאָרישער וועג, און אויב מיר וואָלטן עס ניט געהאַט בקבלה פון אונדזערע אבות, וואָלטן מיר זיך גראָד איצט, אין צווייטן דריטל פון דעם צוואַנציקסטן קריסטלעכן יאָרהונדערט, פון זיך אַליין געדאַרפט דערויף אָנשטויסן. פרומע יידן ציטירן אָפט אין דער לעצטער צייט ר' יוחננס וואָרט פון „מדרש רבה", דברים: „יעטווידע צרה, וואָס דאָס פאָלק ישראל און די אומות העולם זיינען אין איר שותפים, איז אַ צרה; אַ צרה אָבער פונעם פאָלק ישראל אַליין — איז קיין צרה ניט". דאָס הייסט, זי איז אין תוך ניט קיין גאָר גרויסער אומגליק אפילו פאַרן יידישן פאָלק גופא.

מיט וואָס פאַר אָפּענע ליכטיקע אויגן עס האָבן געקוקט אויף דער וועלט און אויף זייער אייגן פאָלק אונדזערע חכמים פון פאַרצייטן!

די איצטיקע צרה פון הויז ישראל א י ז א צרה, גאָר אַ גוואַלדיקע צרה, מחמת גרוים און גוואַלדיק איז דער אומגליק פון דער וו ע ל ט און איר מזל איז פינסטער. מיר זיינען קודם־כל אַ קרבן אין אַ וועלט־מלחמה, וואָס ציט זיך שוין מכמה יאָרן. דאָס איז לחלוטין ניט קיין מליצה. אָט לייען איך צ"ב אין אַן אַרבעט פון דעם פראַנצויזישן היסטאָריקער ז ש אַ ק ב אַ ר ד ו אַזאַ באַשרייבונג פון דער איצטיקער לאַגע אין אייראָפּע: „היינט, ווי מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, געפינט זיך גרויס־בריטאַניע זייט ביי זייט מיט פראַנקרייך אין אַ מלחמה קעגן דייטשלאַנד. די געהיימע אַגענטן מאַכן דערווייל אַטאַקעס בלויז אויף עלעקטראָטעכנישע סטאַנציעס, אָדער אויף שיפן — פונדעסטוועגן איז די גאַנצע אַטמאָספער אַ מלחמה־אַטמאָספער. ס'איז אַ פּאַרמאַסקירטער קריג, אַן עקאָנאָמישער, אַ פינאַנציעלער, אַ קריג לשם אונטערגראָבן די גייסטיקע כוחות, אַ נערוון־קריג. אַ קריג לויטן נוסח היטלער, אָבער פאָרט אַ קריג" („רעוווי דע דע מאָנד", באַנד 51, ז. 561 און 567). עס רעדט זיך, הייסט עס, שוין ניט נאָר וועגן דעם יאַפּאַנישן קריג קעגן כינע, ניט וועגן אַבעסיניע, אפילו ניט וועגן שפּאַניע, אָדער וועגן עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָר פשוטו כמשמעו — וועגן אַ צווייטער וועלט-מלחמה, וואָס איז דער דירעקטער המשך פון דער ערשטער. אין אָט דער מלחמה זיינען מיר געוואָרן איינע פון די ערשטע כפּרות. אָבער ניט די ערשטע און ניט די איינציקע. עמלק און פלישתים זיינען קעגן אונדז. נאָך זיינען זיי אָבער ניט אויפן פערד, און עס לאָזט זיך האָפן על־פּי שכל, אַז ס'וועט דערצו קיינמאָל ניט קומען. די דאָזיקע האָפענונגען טיילן מיט אונדז היינט אַ ריי גרויסע אומות פון דער וועלט. אונדזער צרה איז זייער צרה. „אויב ס'זאָל זיין באַשערט, אַז די דעמאָקראַטיעס זאָלן דעם קריג פאַרלירן — שרייבט דער באַוואוסטער ענג־לישער פובליציסט וו י ק ה ע ם ס ט י ד — קען זיך אַראָפּלאָזן אויף די מענטשלעכע נשמות אַ פינצטערע כמאַרע אויף יאָרצענדלינגער, אויב ניט אויף יאָרהונדערטער" (אַרטיקל „וואָס לאָזט אונדז הערן די בריטישע פּאָליטיק?", אין „קאָנטעמפּאָרערי רעוויו", באַנד 155, ז. 650). איז אונדזער צרה זייער צרה — דעמאָלט איז עס אַ מוראדיקע, אַ גוואַלדיקע צרה. אָבער מיר שטייען אין דער וועלט ניט אַליין, מיר זיינען ניט עלנט, און אונדזער בונד מיט דער צוקונפט איז אין צווייען שטאַרקער. וואו נעמט מען בלויז די פּאָר הענט, וואָס בלייבן אויסגעשטרעקט צום הימל און לאָזן זיך ניט אַראָפּ, ביז די ערד פאַרשלינגט עמלקן און זיין עדה!

מיר האָבן אין די לעצטע עטלעכע יאָר אָנגעוואָרן אַ ריי באַדייטיקע פּראָ־ווינצן, אונדזער צאָל איז געוואָרן קלענער, מיר זיינען געוואָרן אָרעמער, טויזנטער זיינען פאַרוואָגלט אין לענדער, וואָס אונדזערע אבות האָבן זייערע נעמען ניט געהערט, אַ מאַסע יידישע מענטשן גייען אַרום מיט קראַנקע הערצער אין פּראָסט־פּשוטן מעדיציניש זינען — און אף על פי כן איז דער קיום פון יידישן פאָלק

דורך דעם לחלוטין ניט דערשיטערט. לאָמיר עס נאָר פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז. פאַרקלערט מען זיך צווישן אונדז אויף אַ רגע וועגן דעם ביטערן גורל פון דער אַבעסינישער באַפעלקערונג (ס'שאַדט ניט! זי האָט אויך אַ געשיכטע פון אַ פּאָר טויזנט יאָר), וועגן די מאַוימדיקע פּורעניותן, וואָס זיינען אָנגעשיקט אויפן כינעזישן פאָלק, וועגן דעם חורבן פון דער טויזנטיאָריקער מלוכה עסטרייך, וועגן די שפּאַנישע קרבנות, וועגן דער פּיין, וואָס עס האָט היינט אַרי־בערצוטראָגן דאָס פאָלק פון די טשעכן? דעם דאָזיקן צעטל מעגן מיר חזרן און איבערחזרן הונדערט און איין מאָל. מיר זיינען, געלויבט דער אויבערשטער, נאָך ניט פאַרקויפט געוואָרן צו עבדים און שפחות, ווי דער רוב מנין פון טשעכישן פאָלק. ביי אונדז האָט מען, ברוך השם, נאָך ניט אויסגעקוילעט די גאַנצע אינטע־ליגענץ, ווי אין דער אומגליקלעכער עטיאָפּיע. אויך זיינען מיר ניט אַזוינע יורדים, ווי די כינעזער, דאָס עלטסטע קולטור־פאָלק אויף דער ערד. אונדזער זעלבשטענ־דיקייט איז ניט אין אַ סכנה פון דרויסן, ווי דאָס איז היינט דער פאַל ביי אַ סך זייער אָנגעזעענע אַלטע און נייע אייראָפּעאישע נאַציאָנאַל־שטאַטן, און אונדזער פאָלק ליידט ניט אין זיין גאַנצער גאַנצקייט פון קיין שום דיקטאַטור לויט דעם אָדער יענעם נוסח. צי מיינען מיר באמת, אַז ס'איז היינט אַ גליק צו זיין אַ דייטש אָדער אַן איטאַליענער? איך האָב שוין געזעען איטאַליענער, וואָס ווערן רויט אין פּנים פאַר חרפּה, ווען מען דערמאָנט דעם איצטיקן מצב פון זייער האַרציק געליבטן טאַטע־מאַמע־לאַנד. נאָר ניט מקנא זיין! און לאָמיר פאַרגינען דעם שיינעם מזל יענע זין פון די נאַרישע־„אַרישע" אומות, וואָס זיינען עבדים לעבדים און שפּירן אפילו ניט, ווי „די ערד ווערט אויפגעציטערט", לויטן וואָרט אין משלי (ל', כ"א—כ"ב), ווען אַן עבד ווערט אַ מלך און ער, דער „נבל", קלייבט נחת, מחמת ער האָט וואָס צו אַכלען.

הקיצור, ביים היינטיקן מעמד פון דער וועלט איז אונדזער אויסנוויניקסטע לאַגע און די גשמיותדיקע זייט פון אונדזער קיום לפּי־ערך אַזאַ, אַז אפילו די, וואָס גייען ניט מיטן אַלטן דרך, מעגן מאַכן אַ ברכה אויף אָט דער רעה, „כשם שמברכין על הטובה". דעם „לפּי־ערך" מוז מען, פאַרשטייט זיך, צוויי מאָל און דריי מאָל אונטערשטרייכן.

2. האַלבע נחמה?

אין אַ פּעסימיסטישער אַרבעט וועגן דער „יידישער פראַגע" („שאלת ישראל" אין „העולם", 1939, נו' 18, ז' 336) פאָלעמיזירט דער העברעאישער שרייבער ש. ראַווידאָוויטש קעגן ר' יוחננס אויבן דערמאָנטער פילאָסאָפיע פון יידישע צרות בזה הלשון: „מענלעך, אַז אין אַ צרת־רבים שטעקט אַ מין האַלבע נחמה. אָבער נאָך דעם, ווי מען נעמט אַראָפּ פון אָט דער צרה אַ העלפט, איז דער רעשט נאָך אַלץ — אפילו שוין היינט — איבער אונדזערע כוחות, אַ פּשיטא שוין — אין די

טעג, וואָס וועלן קומען". אין שייכות דערמיט, וואָס איז דאָ פריער געזאָגט געוואָרן, ווייזט אויס די דאָזיקע טענה צו זיין טאָפּלט שטאַרק. ראשית, ווי אַזוי קענען מיר אין דער אמתן אויפגעבויט ווערן דערפון, וואָס אַנדערע איז עס פּונקט אַזוי ניט גוט, ווי אונדז, און אפשר נאָך ערגער? און צווייטנס, אויב ס'זאָל אפילו יאָ שטעקן אַ שטיקל נחמה פאַר אונדז אין די איצטיקע צרות פון די אומות־העולם, איז דאָך די רייד דערוויל געגאַנגען בלויז וועגן איין זייט פונעם גאַנצן ענין, וועגן אונדזער לאַגע אין פּרט פון גשמיות (אין ברייטערן זינען פון וואָרט) — און וואו בלייבט די צווייטע העלפט, די רוחניות? איז דען פאַראַן אַ צווייט היסטאָריש פאָלק אין דער וועלט, וואָס זיין גייסטיקער מהות זאָל שטיין אין דער זעלביקער סכנה, אין וועלכער עס געפינט זיך היינט דער יידישער רוח־החיים? — אָט אָ די צווייטע פראַגע מוז פאַרענטפערט ווערן צוערשט, מחמת דער עצם זינען פון טרייסט און די אינעווייניקסטע פאַרבונדנקייט צווישן טרייסט און בטחון זיינען אייביקע פּראָבלעמעס, וואָס דאַרפן געשטעלט ווערן שטענדיק אויף דאָס ניי ערשט נאָך דעם, ווי מען האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון בנוגע דער קאָנקרעטער גייסטיקער לאַגע פון דער וועלט (מיט אַ יאָר צוועלף צוריק האָב איך וועגן דעם געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען אין די „פרייע שריפטן").

איז נאָך אַמאָל — וואו האַלטן מיר און וואו האַלט די וועלט אין רוחניות? דאָ איז ניט דער אָרט פונאַנדערצואוויקלען די דאָזיקע פראַגע אפילו אין אירע וויכטיקערע פּרטים. ס'וועט זיין גענוג, ווען מיר שטעלן דערוויל אויף אַ רשימה פון אירע ראשי־פּרקים.

לאָמיר נעמען קודם־כל דעם פּרק אמונה. בנאמנות, יידישקייט שטייט ביים היינטיקן טאָג נאָך אַלץ ניט אַן ערך פעסטער אויף אירע אַלט־אַלטע יסודות, איידער, למשל, דאָס קריסטנטום. דערמאָנט זיך נאָך ווער, ווי זיכער ס'איז געווען אינעם פאַריקן יאָרהונדערט די רוסישע געשיכט־פילאָסאָפיע (אַן אַקסאַקאָוו, אַ כאָמיאַקאָוו, אַ דאָסטאָיעווסקי), אַז דער הויפּט־סימן פון רוסישן גייסט איז דער עכט־קריסטלעכער גלויבן פונעם רוסישן מענטשן? האָבן די דייטשע פּראָטעס־טאַנטן ניט געטענהט דאָס זעלביקע בנוגע דעם דייטש, דעם „לוטערישן מענטשן"? און וואו האַלט היינט די קריסטלעכע אמונה סיי אין רוסלאַנד, סיי אין דייטש־לאַנד? אפילו אין ענגלאַנד, דעם קריסטלעכסטן לאַנד אין דער איצטיקער אייראָפּע, האָט דאָ ניט לאַנג א. פּ. ה ע ר ב ע ר ט, דער פאַרטרעטער פון אָקספאָרדער אוניווערסיטעט אינעם פּאַרלאַמענט און זייער אַ פּאָפּולערער שרייבער, געקענט זאָגן דאָס גלייכוואָרטל, אַז די קריסטן זיינען „אַ פאַרגעסענע סעקטע". הערבערט איז אַ וויצלינג, און זיין גלייכוואָרט איז אַ גוזמא. בנוגע אונדז יידן — איך מיין די, וואָס האַלטן פון יידישקייט — וואָלט פונדעסטוועגן אַזאַ מין גוזמא בשום אופן ניט געווען קיין וויץ, מחמת וואָס־וואָס, אָבער „פאַרגעסן" איז די יידישע „סעקטע" וויי ניקער, ווי ווען ניט איז. צי מיר ווילן עס, צי מיר ווילן עס ניט — דער „שם ה'" ברענט אויף אַלע אונדזערע שטערנס, און די גאַנצע וועלט־לאַגע

צווינגט יעטווידן איינעם פון אונדז ווידער צו דערזעען אין דעם אַנדערנס אויגן אַן אָפּגלאַנץ פון דעם הייליקן ניצוץ. ניט נאָר דער עם ישראל לעבט — עס לעבט אויך די יידישע אמונה. לפי־ערך איז זי מסתמא איצט די לעבעדיקסטע צווישן אַלע אַלטע וועלט־רעליגיעס. און, ברוך השם, ס'איז איר פאַרשפּאָרט געבליבן דער נסיון אונטערצושרייבן קאָנטראַקטן מיט די ניט־גוטע.

צי דען איז אָבער ניט אונטערגעגראָבן די יידישע מאָראַל און די יידישע קולטור? — ניט מער, און אפשר גאָר ווייניקער, ווי די מאָראַל און ווי די קולטור פון דער גאָרער וועלט. ניט נאָר מיר כאַפּן פּעטש און מאַכן זיך כלא ידע: ס'זיינען פאַראַן אין דער אַרומיקער וועלט פעלקער־לייבן, וואָס מען צופּט זיי פאַרן עק, וואָס מען שטעכט זיי מיט נאָדלען אין די זייטן, בעת זיי מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי דרימלען גאָר און שפּירן עס ניט. אינעווייניקסטע פּיינט, בוגדים און פאַררעטער, „מהרסים און מחריבים", וואָס רייסן איין און מאַכן חרוב אונדזער אייגן הויז, פאַרמאָגן מיר געוויס אַ סך. האָבן מיר אָבער ניט געזען מיט אונדזערע אייגענע אויגן, ווי כינעזער מאַכן אַ תל פון כינע, שפּאַניער — פון שפּאַניע, טשעכן — פון טשעכיע? גענוג נפשות, וואָס פאַרקויפן זייער לאַנד און זייער פאָלק און זייער שפּראַך און דאָס גאַנצע ביסל גייסטיק האָב־און־גוטס, וואָס זיי איז איבערגעבליבן, פאַר אַ פאָר אָפּגעריבענע מטבעות — גענוג איז פאַראַן פון אָט דעם מין אויך ביי די אומות־העולם. און וואָס איז שייך קולטור, איז ווער עס מיינט, אַז עס קענען איבערבלייבן מענטשן אויף דער וועלט און דער ספר פון דעם עם־הספר זאָל דערביי דאָך אויסגעמעקט ווערן פונעם אַלמענטשלעכן ספר־הזכרונות, דער פאַרשטייט ניט דעם טייטש ניט פונעם וואָרט „מענטש", ניט פונעם וואָרט „קולטור" און לא כל שכן פונעם באַגריף „קולטור־מענטש". כל זמן עס וועלן האָבן אַ קיום די יידישע „הייליקע שריפטן", וועט די יידישע קולטור זיין אַ מקור, אַ קוואַל פון שעפערישן גייסט הן פאַר ניט־יידן, הן פאַר יידן, מחמת עס קען ניט געמאָלט זיין, ס'זאָל בלייבן אַ לעבעדיקער יידישער גוף אָן אַ לעבעדיקער יידישער נשמה. ביי וואָס פאַר אַן אַנדער אומה איז איר קולטור אַזוי טיף און פעסט פאַרוואָרצלט, ווי ביי אונדז יידן?

ס'פעלט אונדז אַחדות? אונדזערע אידעאָלאָגיעס פון נעכטן אָדער אייערנעכטן האַלטן ביים צעשיטן זיך? — און ווי איז עס דאָרטן, ביי זיי? איז פון אַלע אייערנעכטיקע אָדער נעכטיקע אידעאָלאָגיעס אין רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד אָדער אין איטאַליע איבערגעבליבן מער, ווי אַ שריד און פּליט? די אידעאָלאָגן, די טעאָרעטיקער (אפילו פונעם רוסישן קאָמוניזם) זיינען פּליטים, עמיגראַנטן, און פון זייערע שיטות האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעטאָן די שכינה. אויך, להבדיל, זייער שכינה איז אין גלות. ס'איז אַ מוראדיקער קריזיס אין דער וועלט, און כל המינים סאָציאַל־פּאָליטישע וועלטאַנשויונגען צעגייען זיך אינעם שמעלץ־טיגל פון דער וועלט־געשיכטע: דער סאָציאַליזם, פּונקט אַזוי ווי דער ליבעראַליזם (אַפילו דער ענגלישער!) און פּונקט אַזוי ווי דער קאָנסערוואַטיזם. די אַזוי־גערופענע דעמאָקראַטיע ליגט בכלל אין הקדש. וואו ס'איז נאָך דאָ אַביסל

גייסטיקע פרייהייט — איז ניטאָ כמעט קיין זכר פון גייסטיקער אחדות; און וואו עס איז פאַראַן אחדות — איז זי די סיטרא אחרא פון גייסט. אויף אַט דעם הינטערגרונט איז ממש אַ וואונדער, ווי גוט עס האַלטן זיך נאָך די ייִדישע אידעאָלאָגיעס. אפילו אין אַט דעם פּרט איז עס נאָך אַלץ דער אַלט־אַלטיטש־קער עם קשי־עורף, מיט אַלע זיינע פּישטשעווקעס.

3. טרייסט און בטחון

על פּי שׂכל, לפּי־ערך, קומט עס אוים בכן, אַז אונדזער חלק אין דער תוכחה, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף דער וועלט, איז בכל־אופן ניט גרעסער — הן אין גשמיות, הן אין רוחניות — ווי די אַנשיקעניש אויף די איבעריקע אומות־העולם. איז וואָס איז די חכמה דערפון? וואָס פאַר אַ טרייסט קענען מיר דערין געפינען? מיט וואָס פאַרבעסערט עס די לאַגע פון יידישן כלל, אָדער אפילו בלויז פון איין יידישן פּרט? און אויב ס'זאָל אפילו ריכטיק זיין, אַז ס'איז לייכטער צו ליידן ברבים, איז ווי אַזוי זאָל דורך דעם פונאַנדערגעבלאָזן ווערן אין די פאַרשמאַכטע יידישע הערצער דער פונק בטחון? יעדער בעל־בטחון טראָגט אין זיך גופא, וואָס מיט אים זאָל זיך ניט טרעפן, די נחמה. אָבער ניט יעדערער, וואָס איז אויף אַזוי ווייט געטרייסט, אַז ער איז גרייט צו מאַכן אַ פּשרה מיט זיין ביטערן מזל, איז דאָך שוין דורך דעם אַליין עלול צו ווערן אַ בעל־בטחון?

אַזוי געשטעלט, פירט די פראַגע דירעקט צום ענטפער. אַז „געטיילטער שמערץ איז האַלבער שמערץ”, אַז „בפני כל עם ועדה איז אפילו דער טויט שיין” (לויטן רוסישן פאָלקסווערטל), דאָס ווייסן ניט נאָר די דייטשן און די רוסן — די דאָזיקע דערקענטעניש איז אַ בשותפותדיקער קנין פון אַלע פעלקער. דעם עצם שורש פונעם גאַנצן ענין האָבן אָבער, ווי עס ווייזט אוים, אַרויסגעפונען אונדזערע פאַרצייטיקע חכמים, ווען זיי האָבן איינגעפירט דעם מנהג פון מנחם־אָבל זיין נאָך דער קבורה, תיכף ומיד, מיט די ווערטער: „גאָט זאָל טרייסטן די אבלים פון ציון און ירושלים!”. ניט דאָס קען מיך טרייסטן, וואָס אחוץ מיר זיינען פאַראַן נאָך פיל מענטשן מיט שווערע צרות אויף זייערע אַקסלען; ניט דער כמות פונעם מענטשלעכן ליידן בכלל — נאָר זיין איכות. איך האָב איבער־געלעבט אַ חורבן אין מיין אייגענעם הויז, קוים וואָס איך שטיי נאָך אויף די פיס — הער איך שטימען אַרום מיר, וואָס זאָגן: זיי ווייסן, אַז ווי שרעקלעך ס'זאָל ניט זיין דיין היינטיקער חורבן, ווי טיף ס'איז ניט דיין טרויער, לעבט אין דיר גופא נאָך אַ טיפערער טרויער, שטייסטו ביי היינטיקן טאָג פאַר נאָך אַ שרעקלעכערן חורבן — פאַרן חורבן פונעם בית־המקדש, און אין דעם דאָזיקן אומגליק דיינעם ביסטו ענג פאַרבונדן מיט אַ גאַנץ פאָלק, מיט זיין פאַרגאַנ־גענהייט, מיט זיין קעגנוואַרט און מיט זיין צוקונפט. יאָ, אויך מיט זיין צו־

קונפט! און אויב נאָר דאָס וואָרט ירושלים איז מסוגל צו דערוועקן אין דעם פון טרויער פאַרגליווערטן הארצן אַ בת־קול פון אַ נייעם, אָן אַלטן, אָן אייביקן יידישן געפיל; אויב נאָר אינעם באַוואוסטזיין פון דעם אָבל איז נאָך דאָ אַן אָרט פאַרן „זכר לחורבן״ — דעמאָלט מוז זיין פערזענלעכער, אָקאָרשטיקער חורבן און דער געבענטשטער זכר פון דעם, וועמען ער האָט נאָר וואָס אָנגעוואָרן, זיך צונויפגיסן און צונויפמישן מיט דעם ים געפילן, זכרונות און האָפענונגען, וואָס באַצייכנט אויף דער קאַרטע פון דער וועלט־געשיכטע די געשיכטע פון פאָלק ישראל. אָט אַזוי קען מען געטרייסט ווערן, אָט אַזוי קען אַ שטאַרקערער ווייטאָג פאַרטרייבן אַ שוואַכערן, און טרויער, וואָס האָט ניט קיין אויסוועג, קען אַזוי אויף כוואַליעס פון נחמה אַוועקגעטראָגן ווערן אַזש ביז צום ברעג פון בטחון. מחמת די עצם כוונה פון דער יידישער אבלות, פון דער „אבלות־ציון״, איז ניט עצבות לשם עצבות, נאָר דער היפּוך דערפון: דער דערהויבנדי־קער זכרון בנוגע דעם, וואָס איז געווען פאַרן חורבן, און די עלית־הנשמה ארויף־צו — צו דער ליכטיקער צייט פון דעם נביאס „והיה באחרית הימים״. גוט האָט עס אויסגעדריקט איינער פון די בעלי־חב״ד: „טרויערן איז געגליכן צו פוילן, ס׳זיינען אָבער פאַראַן צוויי מינים פוילן — אַ קערנדל פוילט אין זאַק און ווערט פאַרפוילט; אַן אַנדער קערנדל ווידער פוילט אין דער ערד און עס וואַקסט פון אים אַרויס אַ גאַנצער בוים״. דאָס איז די דיאַלעקטיק פון דער יידישער עצבות, און דעריבער איז עס פאַר אונדז אָפט מער ווי אַ „חצי נחמה״, ווען מיר זיינען בכוח טובל צו זיין אונדזערע פערזענלעכע צרות אין דער צרה פון כלל. „עת צרה היא ליעקב וממנה יושע״ — וויבאַלד ס׳איז דעם כלל־ישראלס אומגליק, וועט עס זיך, מ ו ז עס זיך סוף־כל־סוף אויסלאָזן צום גוטן.

דאָס, וואָס איז חל אויפן יידישן יחיד בנוגע דעם יידישן כלל, שטימט פונקט אַזוי, אויף אַ האָר געטרוי, בנוגע דער פאַרהעלטעניש צווישן כלל־ישראל און דער וועלט. אויב די קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָגלען אויף אונדזערע קעפּ, הויבן אָן צו ווערן אַ סכנה פאַר אונדזער ווילן צו לעבן און צו קעמפן; אויב מיר זיינען עלול אַריינפאַלן אין יאוש און אין יענעם מין עצבות, וואָס איז אַ „פוילן אין זאַק״ — מוזן מיר זיך טובל זיין אין דעם גרויסן אומגליק פון דער ג אַ נ צ ע ר וועלט, מוזן מיר דערפירן אונדזערע מרה־שחורהדיקע פראַגנאָזן ביז צו אַ וועלט־געשיכטלעכן אבסורד, מוזן מיר קומען צו דעם אויספיר, אַז אָט־אָט נעמען די מענטשן ווידער אַרומלויפן אויף אַלע פיר, עסן איינער דעם אַנדערנס פלייש און טרינקען איינער דעם אַנדערנס בלוט. און ניט עפּעס בדרך מליצה, נאָר טאַקע בפועל ממש, און טאַקע אויפן גאַנצן שטח פון אונדזער פּלאַ־נעט. ערשט ווען מיר וועלן דערשפירן די לעצטע טיפעניש פון פיין, וואָס איז באַשערט היינט דעם גאַנצן מין מענטש; ערשט ווען מיר ליגן צו אָן אויער צו דעם האַרץ פון דער וועלט — וועט אונדז, דעם כלל־ישראל, אַ הילך טאָן אַנטקעגן אַ שטים: „געטרייסט זאָלן ווערן די אבלים פון ערד און הימל!״. און דערין וועלן

מיר געפינען דעם אָנהויב פון אונדזער נחמה און אין איר וועלן זיך אַן עפן טאָן פאַר אונדז די טויערן פון בטחון.

מיר — און די וועלט! דער ברית־אַברהם און דער ברית־נח. וואָלט ניט געווען זיין קיין ברית נאָכן מבול, וואָלט עס ניט געקענט קומען צו דעם ברית „בין הגזרים“, צום בונד צווישן די גזירות. מיט אָט דעם באַוואוסטזיין האָט דאָס יידישע פאָלק שטענדיק געלעבט; אָן דעם באַוואוסטזיין קען עס היינט ניט נאָר ניט אויפריכטן אויף דאָס ניי זיין אַלטן בטחון, נאָר אפילו געפינען טרייסט אין זיינע ליידן. די אָבער צווישן אונדז, וואָס האָבן בטחון, די האָפן און גלויבן און זיינען איבערגעצייגט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז נאָך עד־היום מסוגל און ראוי און דעריבער אויך עלול, ווי מיט צוויי און מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, צו ווייזן דער וועלט אַן אויסוועג פון דער טיפסטער טיפעניש אַרויס. מיט אותות און מופתים! — די אותות זענען די אותיות, וואָס יאָרטויזנטער קענען זיי ניט אָפּרייבן, און פון די מופתים וועט דער ערשטער און וויכטיקסטער זיין — אונדזער אייגענער בטחון.

אויף אים מעגן מיר זיך פאַרלאָזן. מיט ירמיהוס ווערטער: „ברוך הגבר אשר יבטח“ — געבענטשט זאָל זיין דער אמתער, דער ערלעכער, דער שטאַרקער בעל־בטחון. ער איז היינט אונדזער נביא, ער — אונדזער חכם, ער — אונדזער גיבור.

אַ. גאָלאָמב / וויניפּעג

וואָס איז יידישע טראַדיציע ? *)

קיין „אייביק יידיש פאָלק" איז נישטאָ, און עס איז אויך קיין מאָל ניט געווען. אונטער דעם באַגריף „אייביקע יידן" ווערן געמיינט נאָר די קלענערע אָדער גרעסערע טיילן, שבטים, צווייגן פון יידן, אין יעטווידן דור — איינער אַזאַ, וואָס ע ר שאַפט עס אין געגעבענעם דור דאָס יידישע פאָלק. און אויך פון אים פאַלן כסדר אָפּ פאַרטריקנטע צווייגן, בלעטלעך. אָפטמאָל קענען די טיילן, וואָס פאַלן אָפּ, זיין אין כמות אפשר אַזוי גרויס, ווי דער הויפּטשטאַם, און אפילו נאָך גרעסער. אָפט לאַווירן דורך דורך דעם לאַבירינט פון יידישע צרות און פריידן בלויז קליינע טיילן פון דעם „יידישן פאָלק אין ציפערן". בלויז זיי קענען זאָגן אויף זיך אינאיינעם מיטן פּאָעט:

„אויסגעשטאַנען
און דערברויזט ביז דאַנען..."

בלויז ט יי ל ן פון יידן זיינען עס, וואָס רייסן זיך תמיד אדורך דורך די שטער־רונגען און צעשטערונגען. בלויז זיי זיינען עס די, וואָס

„דורכגעדרונגען
דורכגעשפּונען
דורך אַלע ברוכן און בראָכן".

און יעטווידער קערנדל אַזאַ פון דער באמת אייביקער יידישקייט איז אין זיין צייט קליין און נישט אָנזעעוודיק. ערשט שפּעטער, אין דער אַבעראַציע פון דער געשיכטע, באַקומט זיך פאַרקערט: די קליינע, אין זייער צייט שוואַכע ריכ־טונגען, וואָס האָבן אָבער איבערגעלאָזט נאָך זיך ירושה, זיי קומען אונדז אויס גרויס און מעכטיק; די אַנדערע, אין זייער צייט גרויס און מעכטיק, זיינען אָבער געשיכטלעך אָפּגעמעקט געוואָרן, און זיי קומען אונדז אויס קליין און נאַריש. אַזוי איז עס געווען מיט די נביאים און זייערע קעגנער, אַזוי איז געווען מיט די פּרושים, אַזוי מיט אַנדערע. און אַז מיר קוקן זיך גוט צו צו אָט די טרעגער פון יידישער אייביקייט אין יעטווידן דור, זעען מיר, אַז דער סוד ליגט דאָ ניט אין גבורות, ניט אין רייכקייט, מאַטעריעלער אָדער גייסטיקער, נייערט אין עפּעס אַזוינס, וואָס מיר רופן אָן — ט ר אַ ד י צ י ע.

***

אָט דאָס וואָרט ווערט אָפט באַנוצט, כדי צו באַצייכענען אַזוינס, וואָס איז סטאַביל, דורך דורות אומגעענדערט. אין דער אמתן איז עס פונקט פאַרקערט.

*) פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט „יידן און יידישקייט".

ק אָ נ ס ע ר װ אַ ט י ז ם מיינט אָפּהיטן אַלטע מנהגים, זיטן, שטריכן אין זייער אומגעענדערטער פֿאָרם — קאָנסערווירן זיי. ט ר אַ ד י צ י ע אָבער באַטייט דינאַמיש א י ב ע ר נ ע מ ע ן און א י ב ע ר ג ע ב ן ווייטער אין כסדרדיקן איבערבוי. ניט אומזיסט האָט דער באַגריף אין דער אַלטער ייִדישקייט צוויי טער־מינען: „קבלה" און „מסורה" — נעמען און איבערגעבן. אויב קאָנסערוואַציע איז אַ שטייאיק וואַסער, איז טראַדיציע — אַ שטראָם. אויב קאָנסערוואַטיזם איז אַ „בשמים-ביקסל", וואָס גייט איבער בירושה דורך דורות, איז טראַדיציע דער פֿאַבריקאַט, וואָס גייט אויף דעם „קאָנווייער", אויף דעם לויפֿבאַנד פֿון וואַר־שטאַט צו וואַרשטאַט. און יעטווידער וואַרשטאַט, יעטווידער דור און סביבה גיבן אָט דעם באַקומענעם שטאָף זיין שטאַמפּ, זיין פּרצוף. ניט די פֿראַנקפֿורטער פֿרומע ייִדן, ניט די קראָקעווער שטריימל־ייִדן זיינען עס די טרעגער פֿון טראַ־דיציע; ניין — דאָס זיינען טרעגער פֿון קאָנסערווירטער ייִדישקייט, וואָס האָט ניט קיין שום שייכות צו לעבעדיקער טראַדיציע. דאָס טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט איז און מוז זיין פֿאַרענדערלעך, פּושט צורה ולובש צורה.

ביי יעטווידן אינדיווידום איז פֿאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז אויסגע־אַרבעט דורך זיין ביאָלאָגישער און סאָציאַלער ירושה און וואָס ס'גיט אים זיין כאַראַקטער, זיין גאַנג אין לעבן, זיין האַנדלען־וואַנדלען אין די באַדינגונגען, וואָס זיינען סוף־כל־סוף די זעלביקע פֿאַר אַלע אינדיווידן פֿון זיין סביבה און צייט. זאָל דאָס הייסן „אַפּערצעפּטיווע מאַסע", „גייסטיקער פּרצוף", „איך" — אַלץ איינס. דאָס איז ניט דער קולטור־פֿאַרמעג, דער באַגאַזש וויסן וכדומה — דאָס איז דער מענטש גופא אין זיין סביבה, זיין רעאַגירן און זיין ווירקן. גענומען קאָלעקטיוו — איז דאָס ט ר אַ ד י צ י ע.

טראַכטן מיר זיך טיפֿער אַריין אין מהות פֿון דעם באַגריף „טראַדיציע", וואָס ער און בלויז ער איז דער טרעגער פֿון ייִדישער אייביקייט, דעמאָלסט איז אונדז גאָרניט שווער פֿעסטצושטעלן, אַז אייגנטלעך האָבן מיר דאָ פֿאַר זיך אַ סינאָנים פֿון „פֿאָלקסטימלעכקייט". דער דאָזיקער באַגריף איז ביי אונדז אַ נייער, איינגעפֿירט, דוכט זיך, דורך פּרצן („פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן"), אָבער זיין אינהאַלט איז לגמרי ניט ניי. מיט דעם וואָרט פֿאָלקסטימלעכקייט באַצייכענען מיר ד אָ ס אין אונדז און אין אונדזער אויפֿפֿיר, וואָס איז ניט אָפּהענגיק פֿון אונדזער אידעאָלאָגישן באַוואוסטזיין, נאָר פֿון דעם קאָלעקטיוון אונטערבאַוואוסט־זיין — קאָלעקטיווע רגילות. פֿאָלקסטימלעכקייט ליגט ניט אינעם אויסגעלערנטן און ניט אינעם איינגעלערנטן, נאָר אין דעם עצם מהות אונדזערן. דאָס איז טעמ־פּעראַמענט, סאָציאַל־דערוואָרבענע געוווינהייטן, נטיות און מיינונגען — דאָס אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַליין, פֿון זיך, און דער עיקר ו ו י עס טוט זיך אַליין, פֿון זיך. פֿאָלקסטימלעכקייט און טראַדיציע זיינען בכל אופֿן זייער קרובישע באַגריפֿן. און אין דער ייִדישער געשיכטע איז פֿאַראַן בלויז איין יסוד פֿון איי־ביקייט — דאָס איז די פֿ אָ ל ק ס ט י מ ל ע כ ע ט ר אַ ד י צ י ע אין לעבן. יעטווידער דור און יעטווידע סביבה, וואו עס איז דאָ אַזאַ טראַדיציע, לעבט און

לאָזט איבער יידיש לעבן נאָך זיך. וואו זי פֿעלט אָבער, דאָרט איז אומקום, אַלץ איינס, צי דער אומקום קומט אין דער פֿאָרם פֿון אַסימילאַציע, צי אין דער פֿאָרם פֿון פֿאַרגליווערטער קאָנסערוואַציע, ריכטיקער — די צוויי פֿאָרמען פֿון אונטער־גאַנג גייען האַנט ביי האַנט אין יידישע קיבוצים, וואָס האָבן ניט קיין טראַדיציע.

און אָט די לעבנס־טראַדיציע אונדזערע, זי איז באמת באַשיידן. זי שאַפֿט ניט קיין טעאָריעס, זי האָט ניט קיין פֿאַרטייען, קיין חסידים, אָבער זי פֿירט זיך איר געשיכטע, אירע חשבונות, לויט איר אייגענער היסטאָריאָסאָפֿיע שאַצט זי אָפּ באַוועגונגען און טואונגען. זי לאָזט זיך ניט פֿאַרפֿירן דורך אונדזערע קלוגע און געבילדעטע „באַפּוצער" פֿון יידישקייט און מוסר־זאָגער. זי גייט זיך כסדר פֿונאַנדער מיט אונדזערע אָפֿיציעלע קולטור־טוער און געשיכטע-שרייבער. און ביז איצט איז **זי** תמיד געווען גערעכט און איר משפּט איז געווען גערעכט. די פֿאָלקסטימלעכע טראַדיציע דאָס איז באמת אָט דער שוויגעוודיקער, נאָמענלאָזער הייליקער שניידערל פֿון „קידוש השם", וואָס באַגלייט דעם פּשוטן יידן אין בית־המדרש און ביים פּריץ, וואָס באַזאָרגט אין די שווערסטע צייטן דעם יידן אַ ביסעלע בטחון, וואָס לאָזט אפֿילו פֿאַרברענען בתי-מדרשים — ווייל נישט אין זיי, אין שטיין און האָלץ, איז יידישקייט, — וואָס פֿירט דעם יידן דורך בית־עולמס אויף קידוש־השם.

איז ווער איז זי, אָט די טראַדיציע? ווי גייען אירע וועגן און ווען און וואו און דורך וועמען זיינען אָט די וועגן אויסגעטראָטן געוואָרן?

***

עס איז פּשוט אַ מורא אָנצוהויבן, ווייל באמת „אין לו גוף ואין לו דמות הגוף". פֿון תמיד אָן אויסגעמיטן אָנצובינדן זיך צו איין באַשטימטן אינהאַלט, צו באַשטימטע פֿאָרמעס, תמיד מיט עקשנות געקעמפֿט און באַקעמפֿט יעטווידן פּרואוו צו פֿיקסירן יידישקייט און איינשטעלן זי. קיין שום **פֿאַרקערפּערטע הייליקייטן**: „לא תעשה לך פּסל", „און קיין מענטש ווייס ניט זיין קבר (משהס) ביז אויף היינטיקן טאָג". און ווייס ניט — ווייל ניט **געוואָלט** וויסן. עס זיינען ניט נויטיק קיין הייליקע קברים. דער שפּעטערדיקער קולט פֿון קברים אין ארץ־ישראל און אויך אַנדערשוואו איז אַ פֿרעמדער עלעמענט, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אַריינגעפֿלאָכטן אָרגאַניש אין יידישקייט. און ווען די קבלה האָט זייער האַמעטנע זיך באַמיט צו פֿאַרקערפּערן גאָט, האָט די טראַ־דיציע דאָס באַקעמפֿט. און אויף וויפֿיל דער קבלה איז יאָ געראָטן אַריינצודרינגען אין יידישקייט, האָט זי מיט איר גשמיותדיקער סימבאָליק שטאַרק געהאָלפֿן דעם אומקום פֿון דער שבתי־צבי־באַוועגונג. קיין קולט פֿון פּערזאָנען און אויך קיין שום זאַך ניט, וואָס מוז אָנגענומען ווערן ווי אַן אָפּגעשלאָסענע און פֿאַרענדיקטע. אפֿילו די ספֿר־תורה אַליין אויך ניט, אויף וויפֿיל זי איז פֿיקסירט און קען ווייטער ניט געקנאָטן ווערן. האָבן שוין די ערשטע שאַפֿער פֿון דער טראַדיציע־יידישקייט, די תלמודיסטן, פֿאַרשטאַנען צו זאָגן, אַז אָפּטיילן יידן פֿון די אומות

העולם — דאָס טוט די תורה שבעל־פה, אָבער ניט די קאַנאָניזירטע תורה שבכתב (זע „ספר האגדה" ג', קס"ה). יידישקייט איז ניט קיין פיקסירטע פאָר־מול. גאָט אַליין, דער אַלטיטשקער טראַדיציאָנעלער יידישער גאָט, איז ניט בלויז ניט פאַרקערפּערט אין עפּעס ממשותדיקס, ער איז אַפּילו אָן אַ נאָמען, זיין מהות איז ניט פאָרמולירט און טאָר ניט פאָרמולירט ווערן. קיין שום מאַטעריעלע אָביעקטן. יידישקייט דאַרף זיין אַ פּראָצעס אין כסדרדיקן ווערן, אָבער — קיין שום פאַרהייליקטע זאַכן, פעטישן. ניט די תורה איז הייליק, נאָר דאָס ל ע ר נ ע ן די תורה: „ותלמוד תורה כנגד כולם". און ווען ס'איז גאָר נויטיק, ווען „עת לעשות לה' — הפרו תורתך". יידן האַלטן זיך ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן דעם ספר־התורה, נאָר ווייל זיי ל ע ר נ ע ן דעם ספר: „כל זמן שהקול קול יעקב", כל זמן די „תינוקות של בית־רבן" לערנען, וועלן די „ידים ידי עשו" ניט האָבן קיין שליטה, דאָס הייסט, אַז כל זמן עס ווערט געלערנט תורה, איז ניטאָ קיין סכנה פאַרן קיום־היהדות.

דאָס „קראַנקע יינגל" ביי פּרצן פרעגט, פאַרוואָס די שול איז מיאוסער פון דעם קלויסטער. אָבער עס איז ריכטיק אַזוי, לויט דער יידישער טראַדיציע: ווענט קענען אומקומען, פאַרברענט ווערן, צעשטערט ווערן — ניט אין זיי איז יידישקייט. עס האָט זיך דער יידישער טראַדיציע איינגעגעבן אָ פּ צ ו ר י י ס ן י י ד י ש־ ק י י ט פ ו ן ד ע ר ש ט י י נ ע ר נ ע ר פ אַ ר ק ע ר פּ ע ר ו נ ג פ ו ן ב י ת ־ ה מ ק ד ש. און דאָס איז געווען דער ערשטער טריט פון יידישקייט אין דער אייביקייט אַריין.

***

ובכן — דער ערשטער און וויכטיקסטער פּרינציפּ פון דער יידישער טראַ־דיציע איז אַ נעגאַטיווער:

א) „לא תעשה לך פסל", פאַרבינד ניט דעם מהות פון יידישקייט מיט קיין שום קערפּערלעכער פאַרפיקסירונג. אַלץ אין יידישקייט מוז בלייבן פליסיק, שטראָ־מיק, פאַרענדערלעך, אויף דעם לויפּבאַנד פון געשיכטע, אַלץ אין יידישקייט מוז זיין און גיין מיט זיין פאָלק אין גלות, און ער, כביכול, אַליין מיט זיין גאַנצער טעמפּלען און בתי־מקדשים, ניט בערג און פעלזן, ניט הייליקע נביאים, אָבות, קברים, צדיקים, קדושים; אויך ניט די הייליקע ספרים פון דער תורה, דער פאַר־מעט, די אותיות, די ווערטער, אויב מען קען אויף זיי ניט דרשענען קיין תלי־תלים פון נייע תורות. אפילו גאָט אַליין בכבודו ובעצמו האָט זיך געמוזט מטריח זיין און גיין מיט זיין פאָלק אין גלות, און ער, כביכול, אַליין מיט זיין גאַנצער פמליא של מעלה האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו דער כסדרדיקער פאַרענדערונג פון איבערנעמען און איבערגעבן פון דור צו דור, פון סביבה צו סביבה. ער האָט געמוזט — און מוז ווייטער — בייטן פון מאָל צו מאָל זיין כאַראַקטער, זיין אויסזען, זיין מהות.

דער אַלטער „אל קנא ונוקם" האָט זיך אָוועקגעזעצט צוזאַמען מיט זיין פאָלק

פראוועז חצות און קלאגן אויף גלות־השכינה. פון די ווייניקע מלכים, וואס האבן זיך ניט געלאזט ארויסווארפן אין מיסטקאסטן פון פארגעסנקייט, האט דוד המלך זיך געמוזט אנטאן א שבתדיקע קאפאטע און זיך אוועקזעצן זאגן תהילים אין אלע יידישע שטעט און שטעטלעך. שלמה המלך האט געמוזט ווערן א בעל תשובה און זיך שלאגן על חטא אויף דער הבל־הבלימדיקייט פון זיינע גרויס־מלוכישע עבירות. און דער פייערדיקער אליהו הנביא, דער ערשטער פארגייער פון די פרושים, האט זיך גערן און גרייט געלאזט איבערוואנדלען אין דעם אל־טיטשקן פאלקסטימלעכן „עלינאווע". ווארעם ווען ניט — וואלטן זיי אויך פארגעסן געווארן. ווייל אלץ, וואס קען ניט מיטגיין מיט דער טראדיציע, מוז אומקומען אין פאלקס־זכרון.

אט דער אהיסטארישער צוגאנג, דאס האלטן די גאנצע קולטור־ירושה און אלע קולטור־העלדן אין א פלאסטישן צושטאנד, גרייט צום קנעטן תמיד, גרייט צום טראנספארמירן, גרייט אנצונעמען אלע מאל אנדערע און נייע געשטאלטן, אנדערע און נייע אויפגאבעס אין לעבן — אט דאס איז איינער פון די יסודות — און פון די סודות — פון דער יידישער אייביקייט. ניטא קיין היסטאריע און קיין „היסטארישער אמת". דער גאנצער עבר פון פאלק איז ניט קיין אביעקט פאר א היסטארישן מוזיי, צו היטן קברים, הייליקע, טייערע, אבער דאך קברים. וואס וואלטן דעם יידישן פאלק אין זיין כסדרדיקן ברענען און ניט פארברענט ווערן געקענט געבן די הייליקע קברים פון אמאל — אט די געוועזענע גיבורים, אבות, נביאים, וכדומה? עס וואלט נאך שווערער געווען דעם „אייביקן יידן" צו שפאנען איבער צייטן און לענדער מיט אזא הייליקן און היסטאריש־אויסגעסדרטן באלאסט. האט די יידישע טראדיציע קיינמאל איר עבר ניט היסטאריזירט, נאר תמיד זיך באמיט אים צו מאכן פאר א שותף אין לעבן. וואס קען געבן דער פרעכטיק, קינסטלעריש אויסגעפורעמטער אליהו הנביא פון תנ"ך, מיט וואס קען ער העלפן דעם יידן פון אלע דורות צו האלטן זיך? אבער דער אליהו פון דער טראדיציע, דער „זכור לטוב", דער כסדרדיקער באַגלייטער פון יידן פון דעם ברית ביזן טויט, דאס „הייליקע שנייעדרל", דער „אלטער בעטלער" (לייוויקס „גולם") — אט דאס איז געווארן א פסיכאלאגיש־מאראלישער כוח צום לעבן. אזא אליהו איז דאך א סך מער, ווי א „היסטארישער העלד". *) ניט דער ייד האט געדארפט טראגן זיין געשיכטע, נאר די טראנספארמירטע געשיכטע האט כסדר דעם יידן געטראגן, געהאלפן אים לעבן און דורכטראגן זיין קיום דורך פייער און פיין פון אלע דורות, פון אלע וועלטן. א קאפיטל תהילים אן פירוש המילים, מיט גרייזן, איז געווען א לעבנס־כוח. דער גאנצער תנ"ך, ראציא־

---

*) אזוי כאראקטעריסטיש: פארוואס האט די יידישע טראדיציע אויסגעקליבן פון אלע נביאים דווקא אליהו הנביא און ירמיהו, זיי זאלן ווערן די באגלייטער פון יידישקייט? ווייל אט די צוויי נביאים האבן באמת געפירט די יידישקייט אין אט דער ריכטונג. זיי זיינען די ערשטע שאפער פון דער טראדיציע ביי יידן, פון דער טראדיציע־יידישקייט.

נעל געלערנט, מיט דער גאַנצער ביבל-קריטיק, איז אַ וויסנשאַפטלעכער באַלאַסט, וואָס גיט דעם יידישן לערנער אויסער מאַטעריאַל צום פאַרגעסן גאַרניט שבגאַרניט.

פון די משכילים אָן זיינען מיר געוויינט אָפּצולאַכן, וואָס אַ ליאַדע רב, קלאָר אין ש"ס און פוסקים, קען מיינען, אַז ר' יוחנן בן זכאי, רבי עקיבא און ר' יהודה הנשיא, לאָמיר זאָגן, האָבן געלעבט אין איין צייט. נאָך מער, זיי זיינען פאַר אים בכלל ניט קיין פּערזאָנען, זיי זיינען דאָך בלויז „תנאים", מיינונגען, אַרויסזאָגונגען אין תלמוד. אין תוך אַריין איז עס לגמרי ניט קיין „עם-הארצות". אויב אַ ליאַדע גימנאַזיסטל קען זיך אויסלערנען די „כראָנאָלאָגיעס" פון אַלערליי קיסרים, וואָלט מען אין יידישע ישיבות דעם קונץ אויך געקענט. מען וואָלט געקענט, אָבער מען האָט עס ניט **געוואָלט**, ניט **באַדאַרפט**. יידישקייט איז בשום אופן ניט — איינהייטן אין זכרון גרויסע פּערזאָנען, הייליקע קברים. ניט קיין הייליקע שטיינער און ניט קיין הייליקע ביינער. אָט אַזוי האָט די פאָלקסטימלעכע טראַדיציע, איינגעשטעלט דורך די פרושים, מבטל געמאַכט יעטווידע גשמיות אין יידישקייט, כדי איינצוהיטן איר קיום.

***

אָט אַזאַ איז ער געווען, דער ערשטער און גרונטיקסטער פּרינציפּ פון דער פּרושימדיקער יידישקייט: „לא תעשה לך פסל" און „אל תסתכל בקנקן", מעג דער קנקן זיין אפילו משה רבינו אַליין.

דער צווייטער פּרינציפּ איז שוין אַ פּאָזיטיווער:

ב) **יידישקייט איז דאָס כסדרדיקע איבערגיסן, איבערפורעמען דעם אינהאַלט פון נעכטן אין פּו־רעמס פון היינט.** יעטווידער היינט וועבט אַריין זיינע פעדים אין געוועב. יעטווידער דור נעמט די תורה שבעל־פה פון די פריערדיקע דורות און פאַרוואַנדלט זי אין אַ תורה שבכתב, בויט אויף דעם זיין וויטערדיקע תורה שבכתב אאַז"וו, אאַז"וו. אָט דער כסדרדיקער „גילגול פון אַ ניגון" פון תורה שבכתב אין תורה שבעל־פה און ווידער צוריק אין תורה שבכתב — אָט דאָס איז דער גאַנג פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט. און די תורה שבעל־פה איז יעטווידער מאָל „אי אתה רשאי לאומרם בכתב", ד"ה זי טאָר ניט פיקסירט ווערן. מיט אמתער באַוואונדערונג פאַר דעם געזונטן חוש פון די שאַפער פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט לייענען מיר אַזאַ אגדה: „...רבש"ע — זאָגט משה — גיב זיי די משנה בכתב", און ער באַקומט אַן ענטפער: „טאָ וואָס וועט דאַמאָלס אונטערשיידן די יידן פון די אומות העולם?"... דאָס הייסט, אַז אויב אויך די תורה שבעל־פה זאָל זיין מלכתחילה פאַרפיקסירט, דאַן איז ניטאָ קיין יידישקייט. ווען מעג אַ תורה שבעל־פה פאַרשריבן ווערן? ווען אין פאָלקס־לעבן וועבט זיך שוין אַ **נייע** תורה שבעל־פה. אַזוי איז געווען מיט דער קאַנאָניזאַציע פון דער תורה ביי די אנשי כנסת הגדולה, אַזוי מיט דער משנה, מיט דער גמרא שפּעטער

און אזוי ווייטער און ווייטער. אַן אַלטן בית־מדרש מעג מען איינוואַרפן, ווען אַרום אים איז שוין אויסגעבויט אַ נייער. הייליק איז די תורה, אָבער ניט זי אַליין, פאַר זיך גופא, נאָר דווקא מיט די „חידושי תורה", מיט די „תלי־תלים", וואָס וואַקסן אָן אויף איר, מיט דעם „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש נתנה למשה מסיני".*)

עס איז ניט ריכטיק די אָנגענומענע מיינונג, אַז אויף דער תורה שבכתב איז אָנגעוואַקסן די תורה שבעל־פה, אַז די צווייטע איז אַ פּראָדוקט פון דער ערשטער. בשום אופן ניט. תורה שבעל־פה שאַפט זיך אין יעטווידן דור פון דעם לעבן גופא, אָבער זי מוז זיין צונויפגעבונדן מיט דער תורה שבכתב: „מן התורה מנין?" וואו איז דאָס געדרונגען פון דער תורה? אין דער אמתן איז טאַקע „מנהג מבטל הלכה", דער מנהג איז בילכער פון דעם דין, אָבער דאָס נייע מוז זיך קענען אָנבינדן אין דעם אַלטן. ווען ניט, איז דאָס אַ סימן, אַז עפּעס איז דאָ פרעמד, ניט אָרגאַניש און במילא שעדלעך, ניט אָנצונעמען. דער מקור פון דער תורה איז תמיד דאָס לעבן: דער האַנדל־וואַנדל, דאָס שטוביק לעבן, דער געמיט און דאָס פאַרבערענגען, די מאכלים, מנהגים, שמחה און טרויער, אויפפיר און שטייגער. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, די „תורה שבחיים", פון דאַנען — די תורה שבעל־פה און ערשט צולעצט — די תורה שבכתב. די שאַפער און פאַרמירער פון דער טראַדיציע־יידישקייט האָבן זייער שטאַרק געזאָרגט וועגן איינהיטן די ספּע־ציפישקייט פון אָט דער „תורה שבחיים". פאַר דעם איז ביסלעכווייז איינגע־שטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער טערמין „הלכה" (לכתחילה אויך „מסתורין") פון וואָרט „הלך", אין זינען פון „הלכות החיים", לעבנס־גאַנג, לעבנס־שטייגער, ווי מיר רופן עס איצט. מיט דער צייט, ווען אָט די לעבנס־נאָרמעס און פאָרמעס זיינען געוואָרן פיקסירט, געוואָרן פאַרגליווערטע געזעצן, חוקים, דינים, ווען די תורה שבעל־פה האָט שוין געהאַלטן אין ווערן אַ תורה שבכתב, דאַמאָלס האָט אויך „הלכה" פאַרלוירן איר בראשיתדיקן באַטייט און איז געוואָרן ענלעך צום באַגריף „חוק", געזעץ. לכתחילה אָבער איז הלכה — שטייגער, און פאַר פאָלקס־טימלעכער יידישקייט איז דאָס דער מקור ראשון. און „כל הלכה שהיא רופפת בבית דין ואין אתה יודע מה טיבה, צא וראה היך הציבור נוהג — ונהג", אָדער: „הנח להם לישראל, אם אין נביאים הם — בני נביאים הם". **)

אָט די הלכה, די אַכטונג צום פאָלקסטימלעכן שטייגער, ווי צום מקור פון דער תורה, פון דער קולטור, פון אייביקן קיום — דאָ ליגט דער נאַציאָנאַלער פאַר־

---

*) דער טייטש: אַלץ, וואָס אַ געטרייער לערנער קען אַמאָל מחדש זיין, איז שוין געגעבן געוואָרן פון פריער צו משהן אויפן באַרג סיני.

**) דער טייטש: „יעטווידע הלכה, וואָס איז ספקדיק, און דער בית־דין ווייסט ניט ווי צו האַנדלען — גיי און זע, ווי דער עולם איז זיך נוהג און טו אַזוי"; אָדער: „לאָז זיי, די יידן, אויב זיי אַליין זיינען ניט קיין נביאים — זיינען זיי דאָך קינדער פון נביאים".

דינסט פון די פּרושים, וואָס האָבן אויסגעמיטן אַלע אַנדערע אַטריבוטן און אוועקגעפירט יידישקייט אויף די רעלסן פון „הלכה" און „אגדה" (שטייגער און ליטעראַטור בלע"ז), און בלויז אויף זיי. אַט די צוויי יסודות האָבן אונטערגעהאַלטן יידישקייט מער ווי מלוכות, דינאַסטיעס, פּאָליטישע גיבורים, הייליקע ספרים וכדומה. דאָס האָט די הלכה אַט דעם פאַרדינסט. און פון איר וואַקסט די אגדה פון דאַמאָלס אָן ביז אונדזער היינטיקן טוביה דעם מילכיקן און ווייטער. און דאָ ליגט אויך דער זינען פון תלמודישן שפּרוך: „מיום שחרב בית־המקדש אין לו להקדוש ברוך הוא בעולמו אלא ד' אמות של הלכה", *) און אומזיסט האָט ביאַליק דאָס אויפגענומען ווי איינגעשרומפּטקייט („דברים שבעל־פּה", א' ק"ס). דער מיין איז דאָ, אַז דער יידישער גאָט, די יידישקייט האַלט זיך אין שטייגער, ניט אין דער געשריבענער תורה.

אַט די הלכה אין שטענדיקן ווערן in statu nascendi — זי האָט עס איינגעהאַלטן יידישקייט, און זי איז סוף־כל־סוף אַ פּראָדוקט פון דער פּרושים־תורה. ניט אומזיסט האָבן אַלע אונדזערע שונאים דרך־ארץ פאַר דער יידישקייט, וואָס איז געווען ביז די פּרושים, און אַלע האָבן זיי פיינט אונדז, לעבעדיקע יידן, פון די פּרושים אָן. זיי זיינען גערעכט: פון די פּרושים הויבן זיך עס אָן די „היינטיקע יידן", אַט דער „אייביקער ייד", וואָס זיי קענען פון אים ניט פּטור ווערן, נעבעך. און מיט זיי צוזאַמען זיינען פאַראַן אויך גאַנץ היפּש יידישע אַנטיסעמיטן (אפילו פון די נאַציאָנאַליסטן און כלומרשטע קולטור־טוער), וואָס קענען עד־היום ניט מוחל זיין די פּרושים זייער ווערק. יאָ, עס איז דאָ פאַר וואָס זיי פיינט צו האָבן. דאָס האָבן זיי מיט געוואַלדיקער גראַדליניקייט, אָן שום רחמנות אָפּגעוואָרפן פון דער דאַמאָלסדיקער ליטעראַטור אַלץ, וואָס האָט ניט געשטימט מיט זייער פאָלקסטימלעכער יידישקייט, אַלץ וואָס האָט אַ טענדענץ אָן אַנדערע. „כל המכנים לתוך ביתו יותר מכ"ד ספרים — מהומה הוא מכנים לביתו". **) אַלץ מוז זיך צופּאַסן צו דער פאָלקסטימלעכער טראַדיציע — אַזוי האָבן געלערנט די פּרושים. דאָס האָבן זיי איינגעשטעלט די נאָרמאַלע קולטור־צירקולאַציע, וואָס אויף איר איז געבויט דאָס קולטור־לעבן פון יעטווידן קיבוץ. דער יסוד און דער באָדן פאַר דעם גאַנצן קולטור־לעבן איז דער שטייגער, דאָס באַוואוסטזיניקע און אומבאַוואוסטזיניקע לעבן פון המון, דאָס אייגנטימלעכע אין אַט דעם לעבן — מנהגים, זיטן, געוויינהייטן, מיט איין וואָרט — הלכה.

אָבער, ווערט דער באָדן ניט באַאַרבעט, ניט קולטיווירט — ווערט ער פאַרווילדט. ער מוז געאַקערט ווערן, עס מוז געקעמפט ווערן מיט פרעמדע, זייטיקע מיסט־גראָזן, וואָס זיינען תמיד עלול צו פאַרשמוצן דעם באָדן. עס מוז כסדר גע־

*) דער טייטש: „פון דעם טאָג אָן, וואָס דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, האָט דער אויבערשטער באַגרענעצט זיין וועלט מיט די ד' אמות פון הלכה".

**) דער טייטש: „דער, וואָס פירט אַריין צו זיך אין שטוב מער ווי דאָס, וואָס שטייט אין תנ"ך, ברענגט אַריין אַ טומלעניש צו זיך אין הויז".

זאָרגט ווערן פאַר בעסערע באַדינגונגען צום וואַקסן. דאָס איז די געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע פון קולטור־לעבן, דאָס איז די אויפגאַבע פון די קולטור־ און קונסט־טוער, וואָס זיי האָדעווען און פורעמען אויס אויף דעם רוי־באָדן קולטור־פּירות, קולטור־ווערטן — קונסט, ליטעראַטור, ווויסנשאַפט, געזעצן. דאָס איז די צווייטע מדרגה פון קולטור־פּראָצעס. פאַרזייען צוריק דעם קולטור־באָדן מיט אָפּגעקליבענע קולטור־זאָמען, גערייניקטע און באַפרייטע פון אַלץ וואָס איז פרעמד, וואָס איז מינדערווערטיק — דאָס איז די אויפגאַבע פון די קולטור־פאַרשפּרייטערישע אָרגאַנען — פּאַרלאַגן, שולן, ביבליאָטעקן, טעאַטערן אאַז״וו.

און דערמיט שליסט זיך דער קרייזלויף פון קולטור־לעבן, פון שטייגער צוריק אין שטייגער אַריין. די סכעמע פון אָט דעם נאַטירלעכן קרייזלויף איז אַזאַ: פאָלקס-לעבנסשטייגער — קונסט און וויסנשאַפטן — פאָלקס-דערציאונגס־וועזן — פאָלקס-לעבנסשטייגער. איז דער קרייזלויף אינערלעך גאַנץ, אין אַלע זיינע טיילן אָרגאַניש גאַנץ, נישט איבערגעבראָכן — דאַמאָלס איז דער קיום פון פאָלק געזיכערט און קיין שום סכנות וועלן אים ניט אומברענגען. דעריבער האָבן די שאַפער פון דער טראַדיציע־יידישקייט אַזוי פיל ענערגיע אַוועקגעלייגט אויף צו שאַפן און איינשטעלן אַ שטייגער־לעבן און אויסבויען די הלכה, אַזוי פיל ענערגיע — אויף די „תינוקות של בית רבן״, אויף די קינדער וואָס לערנען, אויף אָט די וויכטיקסטע עלעמענטן פון קולטור־קרייזלויף.

אַלע באַוועגונגען, וואָס האָבן באַנקראָטירט ביי יידן, אַלע די שטרעמונגען און טעאָריעס האָבן אַלעמאָל זיך באַמיט איבערצוריסן, איבערצוהאַקן אָט דעם נאָרמאַלן קולטור־קרייזלויף. אַלע האָבן זיי זיך באַמיט אַריינצוטראָגן אין פאָלקס־לעבן קולטור-עלעמענטן פרעמדע, אויסגעוואַקסענע אויף אַנדערע לעבנס־פעלדער. און פרעמדס איז געבליבן פרעמדס. עס האָט פאַרטויבט די אָרגאַנישע קולטור־וואוקסן, און דאָס קולטור-לעבן איז פאַרבליבן פאַרוואַקסן מיט ווילדע קרייטעכער, און זיי האָבן אַלע אָן אויסנאַם געפירט צו דעגענעראַציע, צו אומקום, צו אַסי־מילאַציע און פאַרווילדונג. די אייביקע טראַגעדיע, וואָס אויף איר קלאָגט נאָך דער נביא: „ויקו לעשות ענבים — ויעש באושים״ (ישעיהו ה׳). אַלע האָבן אָנגע־הויבן מיט גוטע כוונות, אַלע האָבן זיי געוואָלט די „ענבים״, די וויינטרויבן, אָבער ניט־ווילנדיק האָבן זיי אַלע געפירט צו די „באושים״, צו ווילדע טרויבן, ווייל יעטווידער אָפּנייג פון טראַדיציע איז פאַרווילדונג.

די פּרושים אַליין דערקלערן זייער פילאָסאָפיע פון יידישקייט אויף זייער לאַקאָנישן שטייגער: „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע — לזקנים, וזקנים — לנביאים, ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה״. און אָט, אין דער דאָזיקער קייט פעלט אינגאַנצן אַזאַ עזרא הסופר, וואָס ער האָט דאָך אייגנטלעך רעדאַקטירט די תורה, קאַנאָניזירט דעם חומש לכל הפחות — און אים האָט מען עס ניט אַריינגענומען אין דער קייט פון מסורה. און ניט חלילה ווייל מען האָט אים ניט דערשאַצט. ניין: „ראוי היה עזרא שתינתן תורה לישראל על ידו

אַלמלא קדמו משה" (סנהדרין כ"א). וויכטיק איז ער אָן שום ספק, אָבער אין דער מסורה, אין דער קיום פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט גייען אַריין בלויז די, וואָס האָבן געפורעמט ד אָ ס ל ע ב ן און נישט ד י ת ו ר ה. לאַקאָניש ווערט עס געזאָגט נאָך קלאָרער: „בשביל שלושה דברים נגאלו אבותינו ממצרים: שלא שינו את שמם, שלא שינו את לשונם ולא גילו מ ס ת ו ר י ן שלהם"*) (מסתורין — אייגנטימלעכקייט, שטייגער).

אַט אַזוינע זיינען זיי, די אַטריבוטן פון דער פאָלקסטימלעך־טראַדיציאָנעלער יידישקייט: א) שטייגער (מסתורין), ב) תורה שבעל־פה און ג) תלמוד תורה. דער נאָרמאַלער קולטור־קרייזלויף, וואָס פאַרבינדט יידישקייט פון אַלע דורות און אַלע תקופות, כאָטש (און דווקא דערפאַר!) די יידישקייט פון איין דור איז לגמרי ניט אידענטיש מיט דער יידישקייט פון אַ פריערדיקן דור. ניט די נביאישע יידישקייט איז אַ פּינקטלעכע קאָפּיע פון משהס און ניט די יידישקייט פון די אַנשי כנסת־הגדולה איז פּונקט די זעלביקע, ווי די פון די נביאים. אָבער עס מאַכט ניט אויס. און „רבי עקיבא איז גלייך צו משה רבינו" און „יפתח בדורו כשמואל בדורו", און מיט דעם זעלביקן רעכט זאָגן מיר ווייטער, אַז שלום־עליכם בדורו איז ניט ווייניקער יידישקייט, ווי ירמיהו בדורו אאַז"וו.

און ווער עס זאָגט זיך אָפּ פון דער היינטיקער יידישקייט, ווער עס לייקנט אין דער היינטיקער „תורה שבעל־פה" — דער איז ניט בעסער פון די אַמאָליקע לייקענער פון דער דאַמאָלסדיקער תורה שבעל־פה. צדוקים מאָדערנע זיינען זיי און זיי פירן אויף דעם זעלביקן וועג פון אומקום און טויט.

און די בעלי־התלמוד האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון דער כ ס ד ר נ יי ע ר תורה שבעל־פה. „לערנען תורה שבכתב איז וויכטיק און ניט וויכטיק, משנה — וויכטיקער, אָבער צום וויכטיקסטן איז לערנען די גמרא". אָדער: „גאָט האָט ניט געשלאָסן קיין בונד מיט יידן סיידן נאָר צוליב דער תורה שבעל־פה" און ענלעכע אַזוינע מימראָס. דער תלמוד און זיינע געטרייע נאָכגייער האָבן בידוע ווייניק געהאַלטן פון סינטעטישע טראַקטאַטן און זיי פלעגן אויסדריקן זייערע געדאַנקען מיט אַ מימרא, אַ משל, אַ רמז אאַז"וו. איינעם אַזאַ משל וויל איך דאָ ברענגען כדי צו ווייזן, ווי קלאָר זיי האָבן תופס געווען די וויכטיקייט פון די נייע, אָנגעוואַקסענע תורות. דער משל איז געשאַפן געוואָרן טאַקע אין דער פּאָלעמיק מיט די צדוקים:

אַ מלך האָט אַמאָל געגעבן זיינע צוויי באַליבטע קנעכט מתנות צו אַ טאָפּ ווייץ און צו אַ בינטל פלאַקס. דער קלוגער קנעכט האָט פון דער ווייץ געמאַכט אַ גוטע חלה און פון דעם פלאַקס אַ פיינעם טישטוך. דער נאַרישער קנעכט אָבער האָט די מתנה געהיט ווי זי איז, ווי ער האָט זי באַקומען. אין אַ צייט אַרום איז

---

*) דער טייטש: „צוליב דריי זאַכן (אייגנשאַפטן) זיינען יידן אויסגעליזט געוואָרן פון מצרים: ווייל זיי האָבן ניט געענדערט זייערע נעמען, ניט געענדערט זייער שפּראַך און ניט אויפגעדעקט זייערע אינטימיטעטן — זייערע אייגנטימלעכקייטן".

דער מלך געקומען צו גאַסט צו זיינע קנעכט. האָט דער קלוגער אים באַדעקט אַ טיש מיטן שיינעם טישטוך און געלייגט אויף אים די שיינע חלה. דער נאַרישער אָבער האָט אים באַוויזן די אָפּגעהיטע ווייץ און פלאַקס. האָט דער מלך גערימט דעם קלוגן און געלאַכט פון נאַר... אַזוי האָט אויך גאָט געגעבן די תורה, ווי ווייץ צו מאַכן פון איר זעמל־מעל און ווי פלאַקס צום וועבן („ספר האגדה" ג', ז' קס"ה).

ובכן: טראַדיציע — פאַרענדערלעכקייט, אַנוואוקס, איבערראַשונג, שטראָם. אָבער — בשום אופן ניט איבעררייסן, אָפּוואַרפן, אָפּזאָגן זיך פון קיין לעבעדיקע קולטור־שטייגערישע מנהגים אין פאָלק. אָט, למשל, דערלויבט ניט רב האי גאון, אַז די יידן אין שפּאַניע זאָלן אויפהערן נוצן דעם אַראַמישן תרגום צו דער תורה (זע ש. אסף, „מקורות לתולדות החינוך", ב' י"ב), כאָטש מען האָט שוין אַראַמיש ניט גערעדט: „הנחת התרגום זה דרך מינות", און „מינות" — פאַרטייטשט ריכטיק ש. אסף — מיינט דאָ ניט סתם אפיקורסות, נאָר קאַראַימיזם. איבעררייסן אַ לעבעדיקן מנהג — דאָס איז קאַראַימישקייט, איבערלאָזן נאָר דאָס פּאַרגליווערטע, דאָס טויטע.

און עס שטעלט זיך אַ פראַגע: איז עס געווען ביי די פרושים אַ נבואה אַזאַ, עפּעס אַ מין וויטאַליסטישער כוח אַזאַ? ניין! מיר פאַרשפּאָרן די גאַנצע וויטאַליסטישע נאָמענקלאַטור און מיר דאַרפן אויך ניט אָנקומען צו מיסטישע, איבערנאַטירלעכע דערקלערונגען. מיר וועלן דאַרפן דאָ בלויז פעסטשטעלן צוויי פּרינציפּן: 1) די קרובהשאַפט צווישן אינסטינקט און טראַדיציע, 2) דעם געשיכטלעכן אָפּקלייב.

ניט אַריינגייענדיק אין דער פלוגתא וועגן מהות פון אינסטינקטן, קענען מיר אָננעמען, אַז דאָס איז דער ביאָלאָגישער אויפפיר, וואָס גיט זיך איבער — ניט גערעכטערהייט — פון דור צו דור. אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט ווערן די אינסטינקטן כסדר ס ו ב ל י מ י ר ט, פאַרקאָמפּליצירט און פאַרענדערט, אָבער דער אינסטינקטיווער יסוד פון אונדזערע האַנדלונגען בלייבט דאָך באַשטיין. אָט די פאַרקאָמפּליצירונג איז דער ס אָ צ י אַ ל ע ר זייטן־אָנבוי אויף דעם ב י אָ ל אָ ג י ש ן י ס ו ד. וואָס וויניקער ס'איז פאַראַן אינדיווידועלעס, ראַציאָנאַליסטישעס אין אונזערע מעשים, אַלץ מער כללישעס, אַלץ מער פון אָט דעם סאָציאַלן אַנוואוקס אויפן אינסטינקט. ט ר אַ ד י צ י ע א י ז ב כ ן ד י געשטאַלט פון דעם סובלימירטן סטאַדע־אינסטינקט אין געגעבענעם קאָלעקטיוו. און ווי יעטווידער אינסטינקט, ווען ער איז געזונט, פאַרמאָגט אויך די געזונטע טראַדיציע אַ חוש צו דערשפּירן סכנה. „יוחנן וואַסערטרעגער", פּרצס סימבאָל פון פּראָסטן מענטשן, ער האָט עפּעס אַ באַזונדערן חוש־הריח, וואָס דער „אורח־חיים" פאַרמאָגט עס ניט. ער, דער געזונטער לעבנס־אינסטינקט, טוט אויף מיט זיין האַק מער, ווי דער גרויסער יחיד (כאָטש אַ גרויסער, אָבער דאָך אַ יחיד) מיט זיינע הייליקע כוונות.

דעריבער האָט די טראַדיציאָנעלע יידישקייט תמיד ריכטיקער אָפּגעשאַצט און ריכטיקער רעאַגירט אויף כלערליי דערשיינונגען אין יידישן לעבן, ווי די שכלדיקע, געבילדעטע, ראַציאָנאַליסטישע טעאָריעס־שאַפער. זיינען טאַקע די „מורדי־אור" פון דער פשוטער מאַסע געווען קליגער פאַר די משכילים אין זייער באַציאונג צו די „מלכי-חסד" פון צאַרישן רוסלאַנד מיט זייערע כלומרשטע „טובות" פאַר יידן. דעם אינסטינקט קען מען ניט אַזוי אָפּנאַרן, ווי דעם ראַציאָ.

שווער איז נאָר ביי אונז היינט צו באַשטימען: וואו, ביי וועמען איז דער אינסטינקט געזונט און וואו, ביי וועמען איז ער אַטראָפּירט, דעגענערירט, אומנאָרמאַל. שווער צו באַשטימען דעם קריטעריום. ווי אַ השערה וועל איך פּרואוון אָננעמען אַזאַ קריטעריום, און מיר דוכט זיך, אַז ער איז ריכטיק: ביי יעטווידן יידן מיט אַ געזונטער אינסטינקטיווער טראַדיציע איז ניטאָ קיין... שנאה צו יידן און צו זיך ווי אַ ייד. אַזאַ ייד פילט זיך היימיש צווישן פּשוטע יידן און טוט זיי ניט קיין טובות מיט זיין זיין צווישן זיי. ער באַמיט זיך ניט זיי צו באַגליקן מיט זיין „אַראָפּנידערן" צום פּשוטן יידן פון זיין הויכער הויך. דער קריטעריום וועט אונדז צונוץ קומען שפּעטער. דערווייל וועלן מיר אויפקלערן דעם צווייטן פּרינציפּ — דעם **געשיכטלעכן אָפּקלייב**. אָט דער אָפּקלייב איז ניט ווייניקער רעאַל, ווי די אַנדערע מינים פון אָפּקלייב אין דער ביאָלאָגישער וועלט. אמת, ער עקסיסטירט ניט פאַר אַלעמען גלייך. דאָרטן, וואו דער קאַמף פאַרן קיום איז שטאַרקער, דאָרטן איז אויך דער נאַטירלעכער אָפּקלייב פולקומער. און וועמען איז נאָך געווען אַזוי שווער דער קאַמף פאַרן קיום, ווי די יידן? דעריבער איז דאָ אויך דער געשיכטלעכער אָפּקלייב געווען שאַרפער, בולטער און גרונטיקער. יעטווידער אָפּנייג, יעטווידער פאַלשער טריט האָט אָן רחמנות געפירט צום חורבן פון גרויסע שיכטן יידן און יידישקייט. געבליבן איז אין יעדן דור נאָר דאָס, וואָס האָט פאַרמאָגט דאָס וויכטיקסטע און נייטיקסטע איינצוהאַלטן דעם קיום. יעטווידער עלעמענט, וואָס פאַר זיך אַליין קען ער זיין זייער שיין, אָבער ער איז ניט מסוגל צו פורעמען דעם יידישן מענטשן אין דער ריכטונג פון דער כסדר-וואַקסנדיקער „הלכה" (אין אונזער זינען, פאַרשטייט זיך), איז געווען בלויז באַלאַסט, האָט נאָר געשטערט, ווי אַ קראַנקהאַפטער אָנוואוקס. און פון אַלע דורות זיינען געבליבן נאָר יענע יידישע קיבוצים, וואָס האָבן פון זייער אייגנטימלעכער „הלכה" כסדר געשפּונען ווייטער און ווייטער זייער „אגדה" (ליטעראַטור), וועלכע טרוימט, דענקט, ליידט און האָפט, טרויערט און פרייט זיך אין דער כסדר זיך וועבנדיקער תורה שבעל־פה — דער נשמה פון זייער לעבן. „ירמיהו", „איוב" און „טוביה דער מילכיקער" זיינען גלייכווערטיקע עטאַפּן פון דער יידישער תורה (קולטור בלע"ז). דער באַרג סיני, ירושלים, יבנה, סורא און פּומפּדיתא, מגנצא (מיינץ) און ווירמיישא (וואָרמס), ווילנע און קאַסרילעווקע און נאָך ווייטער און ווייטער — דאָס זיינען בלויז סטאַנציעס אויפן וועג פון יידישקייט, ווי די פּרושים האָבן זי אויסגעפורמט.

דאָ דאַרפן מיר אויך זוכן אַ קריטעריום פאַר אָפּשאַצן אמתע יידישע „תורה"

און וואָס פון אונדזערע איצטיקע „ספרים“, „תורות“ מען דאַרף דן זיין לגניזה, ווייל זיי טאָרן ניט אַריינגיין אין סכום פון די ווייטערדיקע „כתבי־הקודש“ פון דער שטענדיק וואַקסנדיקער יידישקייט. דער סימן איז פאַר אונז אַ קלאָרער: בלייבנדיק איז דאָס, וואָס בינדט זיך אָן אָרגאַניש אין דער תורה שבעל־פה פון געגעבענעם דור, יעטווידע קולטור־שאַפונג, וואָס איז אָרגאַניש אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון פאָלקס־לעבן און שטייגער. עס מוז אָבער אויך זיין קענטיק דער „מן התורה מנין“, דאָס הייסט אין יעטווידער קולטור־שאַפונג דאַרף מען שפירן דעם ריח פון פריערדיקע דורות קולטור. עס מוז האָבן אין זיך דעם עכאָ פון דער תורה. דער שאַפער פון קולטור־פּראָדוקט מוז זיין שאַפונג קנעטן פון לעבן, און אָט דאָס לעבן מוז אין זיך אַסימילירן די פאַרגאַנגענע קולטור. קרייזלויף פון קולטור. איז פאַראַן אַ ספר, אַ קולטור־שאַפונג, וואָס פאַרמאָגט עס ניט, איז עס פרעמד, ניט אָרגאַניש און מוז גיין צו די „ספרים חיצונים“ פון אונדזער קולטור, מעג עס זיין נאַציאָנאַל און נאַציאָנאַליסטיש, ווי די ספרי החשמונאים אַליין.

אַזוי בכלל און אַזוי בפרט. וואָס וואָלט געוואָרן פון אַ שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש, ווען ער בלייבט אָפּגעריסן פון זיין „ר׳ יודלען“, ווען ער בלייבט זיך האַלטן ביים גאַנג פון „תולדות הטבע“ און „האבות והבנים“? אפשר וואָלט ער געקענט האָבן תחילת אָן אילוזיע, אַז ער „שאַפט קולטור“ מיט זיין „לופטבאַלאָן“, אַזוי ווי מיט זיין קאַזיאָנער לערעריי. אָבער מער ווי אַרכיוו־מאַטעריאַל וואָלט עס דאָך ניט געווען. און וואָס וואָלט געוואָרן פון אַ שלום ראַבינאָוויטש, ווען ער בלייבט חלילה אַ „קאַזיאָנער ראַבינער“ מיט משכילישע קאָרעספּאָנדענצן אין „המליץ“? און דווקא אָט די צוויי זיינען דאָך געוואָרן די רייפן, וואָס פאַרבינדן יידישע שבטים איבער ימים און לענדער, אין רוסלאַנד און אַמעריקע, אין פּוילן און ארץ־ישראל, דאָס מיינט — געוואָרן אייגנטלעך די יסודות פון יידישקייט, פון תורה. און מיט וועמענס כוח? — מיט דעם כוח פון דער פאָלקס־טראַדיציע, וואָס זיי האָבן אין קולטור־ווערטן איבערגעשמידט.

און ניט די שפּראַך איז דאָ דער באַשטימענדיקער פאַקטאָר („שמע בכל לשון שאתה שומע“). דער תלמוד איז *פאַרבליבן* אין אַראַמיש; בן־סירא, ספר־חשמונאים און אָן אַ שיעור אַנדערע ספרים זיינען *פאַרלאָרן* געגאַנגען אין העברעאיש. אויך אין דער נייער ליטעראַטור האָבן מיר שוין איצט גענוג „פאַרגעסענע“ שרייבער אין יידיש און העברעאיש. פאַראַן אַזוינע גרויסע, באַרימטע שרייבער (איך וויל ניט אָנרופן זייערע נעמען), וואָס האַלטן זיך בגוואַלד. מען מאַכט זיי יאָרצייטן, מען יובלט זיי, אָבער אין תוך אַריין איז זייער ליטעראַטור שוין פאַרגעסן, אַרויס פון פאָלקס־לעבן, *אָדער גאָרניט זוכה געווען* אַריינצוגיין אַהין.

***

„היהדות והאנושיות“ — דאָס קעגנשטעלן יידישקייט און מענטשלעכקייט — האָט שוין געדינט פאַר אַ טעמע ניט פאַר איין יידישן געלערנטן. פאַר מיר אָבער

איז יידישקייט נאָר איינע פון די פאָרמעס פון מענטשלעכקייט. אין די ווייטערדיקע שורות וויל איך פּרואוון דאָס דערקלערן און געפינען די מקורים פון אָט דער יידישער אייגנטימלעכקייט.

איינער פון די בולטסטע שטריכן אין דער יידישער טראַדיציאָנעלער קולטור איז, וואָס איר פעלן אויס פּאַרטיקע, פאַרענדיקטע און ברייט פונאַנדערגעבויטע קולטור־קאָנסטרוקציעס. ניטאָ אין איר קיין ראָמאַן, קיין סימפאָניעס, קיין אַנדערע פאַרצווייגטע קונסט־ און קולטור־ווערק. דער דאָזיקער אומשטאַנד ערגערט אַזוי שטאַרק אַ סך יידישע נאַציאָנאַליסטן. היות ווי זיי קוקן תמיד אויפן יידן דורך *פרעמדע*, אויסגעליענע ברילן, היות ווי זיי מעסטן תמיד יעדער קולטור־ענין מיט אַ פרעמדער, *אויסגעבאָרגטער* מאָס, קוקט ביי זיי אויס דאָס יידישע אַזוי נישטיק, אָרעם. „ביי אונדז — זאָגט מיר אַנומלט אַ באַקאַנטער קולטור־טוער — ביי אונדזער ביסל אָרעמקייט איז שלום־עליכם אַ גרויסער שרייבער, אָבער ביי די אומות־העולם... וואָס? אַ דאָסטאָיעווסקי איז ער?”...

אָבער לויט דעם, ווי *מיר* פאַרשטייען די יידישע טראַדיציע, איז די טענה אין תוך אַ פאַלשע. אַלץ אין יידישקייט האָט זיך תמיד געדאַרפט געפינען אין „סטאַטו נאַסצענדי”, אין כסדרדיקן ווערן — טאָ וואו איז דאָ דער אָרט פאַר *פונדאַמענטאַלער* בויונג? אפילו פילאָסאָפישע טראַקטאַטן האָבן זיך ביי אונדז גענומען באַווייזן ערשט שפּעטער, און אויך אונטער פרעמדע השפּעות — און קיין גרויס אָנזען האָבן זיי ביי דער טראַדיציע ניט געפונען. גאָר גרויסע חלקים פון תנ״ך האָט די טראַדיציע באַזייטיקט, זי האָט עס אויך געטאָן בנוגע צו דער גמרא: געווען אַ סך טראַקטאַטן וועגן נאַטור, באָטאַניק, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק, אָבער דאָס אַלץ איז פון דער טראַדיציע מיט אַ כיוון ניט אויפגעהיט געוואָרן. ווייל די פּרושים־יידישקייט האָט בכלל ניט אָפּגעהיט קיין סתם קולטור־אוצרות. דאָס יידישע דענקען איז געווען תמיד קאָנצענטרירט אויף איינצוהאַלטן דעם *קיום פון פאָלק*; דאָס דענקען איז בכן געווען סוביעקטיוו, נאַציאָנאַל־סוביעקטיוו, און דעריבער פעלן אין אים „אָביעקטיווע” וויסנשאַפטן. די שפּעטער צוגעקומענע גרויסע פילאָסאָפישע ווערק, ווי דער „מורה נבוכים”, דער „כוזרי”, דער „חובות־הלבבות”, זיינען אויך ניט סתם פילאָסאָפישע, נייערט *רעליגיעז*־פילאָסאָפישע. דער „כתר־מלכות” פון שלמה אבן־גבירול, וואָס נעמט אַרום כמעט די גאַנצע וויסנשאַפט פון זיין דור, ווערט גאָר אַ שטיק פּאָעזיע, אַן אָדע, אַ נייע, פאַרגרעסערטע אויפלאַגע פונעם אַמאָליקן פּרימיטיוון „ברכי־נפשי”. דענקען „אָביעקטיוו”, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דער פּראָבלעם „יידישקייט” — דאָס איז געווען אוממעגלעך. וואו האָבן יידן געהאַט דערצו דעם „רואיקן קאָפּ”? קאַלטע, אָביעקטיווע פּראָבלעמס, אָפּגעריסענע אינגאַנצן פון יידישקייט, באַגעגענען מיר ביי יידן ערשט אין דער *נייסטער* צייט, אויב ניט רעכענען ספּינאָזען, וואָס איז לכל הדעות געווען אַ יוצא דופן.

***

דערמיט איז אויך צו דערקלערן דעם פאַקט, וואָס דער אַזוי גערופענער ו ו י ס נ ש אַ פ ט ל ע כ ע ר מ ע ט אָ ד פון דענקען איז לגמרי ניט היימיש פאַר יידן, באַזונדערס פאַר דעם טראַדיציאָנעלן, „מאָנאָליטישן" יידן. דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד עקסיסטירט אין אייראָפּע פון די פּאַרצייטיקע גריכן אָן, פון סאָקראַטעסן און באַזונדערס פון אַריסטאָטעלעסן און עוקלידן. בעתן לאַנגן מיטלעלטער קומט אַ גרויסע הפסקה, און דער מעטאָד קומט אויף צוריק אין דער נייער צייט ביי בעקאָנען, דעקאַרטן, לאָקן, ווי ריין־פילאָסאָפישע סיסטעמעס, און ביי די שאַפער פון נאַטורוויסנשאַפטן, ווי פּראַקטישע מעטאָדן. אָט דער קאַלטער אַנאַליז און די שפּעטערדיקע אינדוקציע — דאָס אַלץ האָט, דוכט מיר, נאָך ביז היינט זיך ניט איינגעבירגערט ביי אונדז. פאַר אַ טראַדיציאָנעלן יידן וואָלט דעקאַרטס „קאָגיטאָ — ערגאָ סום" (איך דענק — בכן עקסיסטיר איך) ווייניק וואָס געקענט דערווייזן. ווייל ראַציאָנאַליסטישע מעטאָדן זיינען צו שוואַך געווען איינצוהאַלטן יידישקייט, וואָס דער „געשיכטלעכער אָפּקלייב" האָט זי כסדר געריסן, געצופּט פון אַלע זייטן. ביי יידן איז די איבערצייגונג פון תמיד אָן געווען ניט קיין סינטעטישע, נייערט אַ סינקרעטישע, ניט קיין צעגלידערטער אמת, צונויפגעשטעלט פון איינציקע עלעמענטן, נייערט אַ גלאָבאַלער, אַן אומצעגלידערטער. „טראַכט ניט מה למעלה, מה למטה, מה לפנים ומה לאחור". יידן האָבן זיך כסדר גענויטיקט אין אַ חיזוק־אמונה, און דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד איז ווייט דערצו ניט צוגעפּאַסט. ווידער אַמאָל האָבן מיר פאַר זיך רעזולטאַטן פון דעם געשיכטלעכן אָפּקלייב. יעטווידער ייד, וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דענקען, אין ספקות, האָט זיך געפונען אין סכנה צו פאַרלירן יעדן אָנהאַלט אין לעבן. אָט דערפאַר טאַקע האָט די טראַדיציאָנעלע יידישקייט געקוקט קרום (און נאָך ווי!) אַפילו אויף דעם „מורה נבוכים" אַליין. אין אַ מצב פון אַ דיפוזער, פליסיקער יידישקייט, וואָס דאַרף זיך האַלטן אין די מוחות און הערצער פון לעבעדיקע יידן, און בלויז דאָ, — ווייל ניטאָ ערגעץ עפּעס אַ יידישקייט אויסער דעם, ניטאָ קיין אָביעקטיווע יידישקייט, וואָס מען זאָל זיין צו איר משועבד, — אין אַזאַ מצב איז יעטווידער אַנאַליז אַ סכנה. אַלע עלעמענטן קענען זיין און בלייבן, ווי טיילן פון אַ צעגלידערטער מאַשין, ווי אַלע רמ"ח אברים פון אַן אַנאַטאָמירטן בר־מינן, בעת אָבער דער סינקרעטישער, אומצעגלידערטער אמת באַווייזט זיך אויף דער אינטואיציע. און זי, אָט דער „גילוי אליהו", האָט אין יידישן דענקען פאַרנומען דעם אויבן־אָן.

אויסטערליש אינטערעסאַנט איז די לאַקאָנישקייט פון יידישן אופן איבערגעבן געדאַנקען: אַ משל, אַ ווייז, אַ ווערטל, אַ פסוק, אַ קנייטש מיטן שטערן, אַ דריי מיטן פינגער, אַ קלאַנג מיט די ליפּן, אַ מאַך מיט דער האַנט און — „ואידך זיל גמור" — גיי שטוים זיך אָן אַליין. ניט דער גאַנצער געדאַנק איז פאַרמולירט און לאָגיש אויסגעסדרט, נאָר אַ וואונק, אַ רמז און — „והמבין יבין",

וד"ל, ודי לחכימא. אַ גאַנצע טערמינאָלאָגיע איז פאַראַן אויסצודריקן אָט די לאַקאָנישקייט, אַ גאַנצע ליטעראַטור (די „אגדה") איז געבויט אויף דעם יסוד פון לאַקאָנישן ווערטל און משל. און אין דעם גייסט גייט אויך די ווייטערדיקע טראַדיציאָנעלע ליטעראַטור, הן די למדנישע, הן אויך די פאָלקסטימלעכע — אונדזער גאַנצע ווייטערדיקע תורה שבעל־פּה: „אַ יידישער וויץ איז, להבדיל, אַ תורה". און בפירוש טאַקע אַ תורה, אַ גאַנצער וועלט־באַנעם, אַ פילאָסאָפיע אין אַ ווערטל. דער בעלעמער עפּאָס, מאָטקע כאַבאַד, הערשעלע אָסטראָפּאָליער אאַז"וו — דאָס איז אַ גאַנצער ש"ס פון די ווייטערדיקע יידישע אגדתות, מיט אַ מוסר־השכל, מיט עטיק, פילאָסאָפיע, מענטש און וועלט, וועלט און לעבן. לייגט איר פאָר אַ יידן אַ פאַרטיקן און שלמותדיק אויסגעבויטן געדאַנק, בלייבט דער ייד קאַלט: „נו, איז וואָס לאָזט ער מיר דאָ צו הערן?", „וואָס דאַרף איך פון דעם דרינגען?" — און אויב עס איז ניטאָ וואָס צו דרינגען, טויג עס ניט. פאַרקערט, כאַפּט דער ייד עפּעס אַ „רמזל" און ער האָט דאָ פרייע הענט אויסצוטייטשן, אַריינצוטייטשן, אַרויסדרינגען, מאַכן אויספירן, דרשהנען, עפּעס „מחדש" זיין — אָ, דעמאָלט לעקט דער ייד די פינגער: „כפתור ופרח!"

פאַר אַזאַ יידישן יידן איז בפירוש משונהדיק נאַריש, וואָס דער „גויישער קאָפּ" דאַרף ניט אַנדערש, דו זאָלסט אים זאָגן קלאָרע דיבורים, וואָס ער פאַרשטייט ניט „אויפן וואונק". דער ייד נעמט עס אָן, ווי אַ טעמפּקייט, בעת אין דער אמתן איז עס נאָר אָן אַ נ ד ע ר ש ק יי ט אין באַגרייפן, אָן אַנדערשקייט אין פּסיכאָלאָגיע פון געדאַנק.

ביי יידן איז תמיד געווען אַ נטיה צום גלאָבאַלן, אומגעגלידערטן אמת. עס איז פאַראַן אַ גרויסער פּסיכאָלאָגישער אונטערשייד צווישן אָט דעם גלאָבאַלן, דעם אינטואיטיוון אמת און צווישן דעם דיסקורסיוו־לאָגישן. דער לעצטער איז פ אָ ר מ ו ל י ר ט, בכן — צעגלידערט אויף עלעמענטן און צוריק סינטעזירט, אויפגעבויט געוואָרן. ווי אַ בנין, וואָס איז פאַרקערפּערט אין זיינע ציגל, אַזוי איז דער ראַציאָנאַליסטישער געדאַנק פאַרטיק אויסגעבויט אין זיינע ווערטער; ער איז פאָרם און אינהאַלט צוזאַמען. אָבער דער א י נ ט ו א י ט י וו ע ר געדאַנק איז אומגעגלידערט, ניט געפורעמט, ניט געבויט — איז ער אומאָפּהענגיק פון דעם ווערטער־לבוש. ער ליגט ניט אין וו ע ר ט ע ר, וואָס יעטווידער פון זיי קען באַצייכענען בלויז א יי ן עלעמענט. מהאי טעמא טאַקע איז ער ניט סינטעטיש, ניט אויסגעסדרט, ווי אַ שורה זעלנער, ער איז סינקרעטיש ג אַ נ ץ. מען קען אים ניט אויפנעמען לאָגיש, נאָר מען „שטעקט זיך אָן מיט אים". ער איז מער אַ דערשיינונג אַ פּסיכאָלאָגישע, איידער אַ פּראָצעס אַ לאָגישער. דער לאָגישער, ראַציאָנאַליסטיש־סינטעטישער אמת איז געגליכן צו אַ סטאַטויע, וואָס איז שוין פאַרטיק אויסגעהאַקט, גליד נאָך גליד, מיט אַלע דעטאַלן. דער איבערנעמע־ קען שוין דאָ גאָרניט ענדערן. צעברעכן, נאָכמאַכן — דאָס יאָ, אָבער איבערקנעטן, שאַפן דעם זעלביקן געדאַנק, דעם זעלביקן אמת פון דאָס ניי, יעטווידער מאָל

אים מגלה זיין — דאָס קען מען נאָר מיט דעם אינטואיטיוון אמת. דאָ איז יע־דער איבער־עמער אויך אַן אַנטדעקער, זיין בלוט און פלייש, ווייל ער האָט דעם געדאַנק אויך געבוירן.

דער דיסקורסיוו־לאָגישער אמת באַצווינגט דעם אמת־טרעגער, ער איז זיין הערשער און באַהערשער, דער מענטש איז בלויז אַ גוטער, אָדער אַ שלעכטער ה י ט ע ר פון דעם אמת. דער אינטואיטיווער אמת אָבער איז אַליין אָן אַ פאָרם, און בנוגע פאָרם, אויסדרוק איז ער אינגאַנצן אַ קנעכט פון דעם טרעגער, פון דעם מענטשן. ער איז די אורמאַסע, וואָס דער טרעגער קנעט פון איר זיין „איך“. דאָרט איז דער מענטש ב א ה ע ר ש ט פון געדאַנק, דאָ ה ע ר ש ט דער מענטש איבערן געדאַנק. די יידישע טראַדיציע האָט, אין הסכם מיט איר גאַנצן — אינ־טואיטיוון! — וועלט־באַנעם, אין צענטער געשטעלט דעם מ ע נ ט ש ן: „מי יתן והיה כל עם ה׳ נביאים“ — הלוואי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק פון גאָט זיין נביאים, און גאָט זאָל געבן זיין גייסט אויף זיי. די דאָזיקע ווערטער לייגט אַריין די יידישע טראַדיציע אין מויל פון איר ערשטן נביא, פון משה.

ביי די אייראָפּעאישע קולטור־פעלקער איז דער צענטער געלעגן תמיד אין די אויסגעפורעמטע, פאָרמולירטע קולטור־ווערטן, וואָס ז יי נ ע ן ש ו י ן פ אַ ר ט י ק. קיין שאַפונג־פּראָצעס איז אַליין אין זיי ניטאָ. און מענטשן? — זיי דאַרפן ה י ט ן די קולטור־ווערטן. און ביי יידן איז פאַרקערט: ניטאָ און עס טאָר ניט זיין קיין פאַרענדיקטס, פאָרמולירט אויף שטענדיק, אַלץ האַלט אין וואַקסן און אָנוואַקסן. אַלץ איז געגעבן דעם מענטשן, ער דאַרף ניט היטן, נאָר שאַפן און איבערשאַפן. בויען, איבערבויען און אָנבויען. אמת, יידן פלעגן יעדן געדאַנק זייערן באַפעסטיקן מיט אַ סמך פון דער תורה, דעם העכסטן אויטאָרי־טעט: „מן התורה מנין?“. אָבער דער טיפערער זינען איז דאָ געווען ניט דאָס זוכן סתם אויטאָריטעט. מיטן ט ע ק ס ט פון דער תורה האָבן יידן טאַקע ניט געמאַכט קיין צו גרויסע צערעמאָניעס: אויף טריט און שריט טרעפן מיר דעם סטערעאָטיפּ „אל תקרא אזוי, אלא...“, דאָס הייסט, מען פלעגט צופּאַסן דעם טעקסט צום אייגענעם געדאַנק. עס איז געווען ביי זיי אַ נויטווענדיקייט אָנצו־קניפּן די תורה צום היינט, אַריינצונעמען זי אין קעסל פון נייעם לעבן, כדי ס׳זאָל ניט ווערן קיין מומיע פון אַ תורה — דאָס איז אַן ענין פאַר די שומרונים. יידישקייט טאָר ניט ווערן קיין אַנטיקוואַרן־מוזיי, ווי דאָס האָבן תמיד געוואָלט — און ווילן נאָך היינט — אַ סך ריכטונגען ביי יידן.

דעריבער האָט די תורה כסדר געביטן איר אויסזען. יעטווידער דור האָט אַנדערש געזעען די געשעענישן, די פּערזאָנען און באַגריפן. דאָס האָט געדאַרפט איינהאַלטן די אַקטועלקייט פון דער תורה אין אַלע צייטן און ביי אַלע תנאים. דערצו האָבן עס געדינט די כלערליי מיטלען און מעטאָדן (פּרד״ס — פּשט, רמז, דרוש, סוד), ווי אַזוי די תורה צו טייטשן. און אַפילו: „פּעמים שביטולה של תורה

זה הוא יסודה" (מנחות צ"ט). *) און טוביה דער מילכיקער מיט זיינע תורות און זיין איינשפּאַנען די פּסוקים אין זיין לעבנס־וואָגן האָט דערויף געהאַט דאָס פולע רעכט פון אַלע דורות יידישקייט. דאָס האָבן אונדזערע משכילים מיט דער נאַאיווקייט פון נעאָפיטן זיך אָנגענומען מיט אייראָפּעאישן ראַציאָנאַליזם און מיט אַ ביטול־שמייכעלע פון „געבילדעטע" געקוקט אויף די עם־הארצותדיקע „ליכא מידי דלא רמיזא באוריתא" — עס איז ניטאָ גאָרניט, וואָס אין דער תורה זאָל ניט זיין אָנגעדייט. וויכטיק פאַר אונדז איז דאָ, אַז פאַר דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט איז ניט דער טעקסט אַ בעל־הבית אויף דעם לערנער, נאָר — פ א ר־ק ע ר ט.

**
*

עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש די באַציאונג פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט צו דער נ אַ ט ו ר, צו גאָטס וועלט. עס איז, פאַרשטייט זיך, זייער גרינג צו קומען מיט אַ פרעמדער מאָס און פסקענען: יידן האָבן ניט קיין באַציאונג צו דער נאַטור, און יוצא. וויפיל טינט איז שוין אויף דער טעמע פאַרנוצט געוואָרן, וויפיל מאָס שטראָף־רייד און רחמנות, נעבעך. לאָזט מען אָבער אָפּ די פרעמדע מאָסן און מוסטערן, קומט מען צו גאָר אַנדערע אויספירן: יידן האָבן פון אייביק אָן אַן אַ נ ד ע ר באַציאונג צו דער נאַטור, ווי די אומות־העולם; די נאַטור רופט ביים יידן אַרויס אַנדערע אַסאָציאַציע־קאָמפּלעקסן. ביים יידן איז דער צוגאַנג ניט סיסטעם, ניט סדר, ניט ראַציאָ בכלל, נאָר אַן עמאָציאָנעל־עטישער: „גאָטס וועלט — און איך, קליין מענטשעלע". „ווען איך זע די הימלען — די טואונג פון דיינע הענט, די שטערן און די לבנה, וואָס דו האָסט איינגעשטעלט — וואָס איז דער מענטש?"... און אַזוי ווייטער. אַסאָציאַציעס ליריש־עטישע, רעליגיעז־עטישע רופט אַרויס די נאַטור ביים יידישן טראַדיציאָנעלן מענטשן: „גיי צו דער מורעשקע זיך לערנען", „ברכי נפשי" פון תהילים און די גראַנדיעזע פילאָסאָפיש־רעליגיעזע פּאָעמע „כתר מלכות" פון שלמה אבן גבירול. און ניט בלויז אין אַלטערטום איז עס אַזוי; אפילו אין דעם פירוש פון „תוספות יום־טוב" קען מען געפינען דעם זעלביקן צוגאַנג. דער אייראָפּעאישער דענקענדיקער מענטש באַנוגנט זיך מיט סיסטעמאַטיזירן, דעפינירן און פאָרמולירן געזעצן; דעם יידן איז דאָ עפּעס ווייניק, ער זוכט דעם „סוד", ביז ער קומט צום „מה רבו מעשיך!".

געוויס איז אָט דער ספּעציפישער אונטערשייד פאַרווישט אין אַ גרויסער מאָס אין די לעצטע דורות. פאַר דעם טראַדיציאָנעלן יידן אָבער איז ווי אומעטום דער צענטער אין דעם מענטשן גופא, אין זיין מהות, אין זיין עמאָציאָנעל עטישן „איך". קיין אָביעקטיווע, אויסער דעם מענטשן, קולטור־אוצרות זיינען פאַרן יידן ניטאָ. ניט וויכטיק איז צו „דערקלערן" דערשיינונגען, ד"ה צו דעפינירן, אָנרופן

---

*) דער טייטש: עס טרעפט, אַז מ'איז מבטל די תורה און דערמיט פאַרפעסטיקט מען זי. פאַרגלייך אויך אַן אַנדער ענלעכן אויסדרוק: „מוטב תעקר תורה — ואל תשתכח תורה מישראל" (תמורה י"ד). — רעד.

מיט אַ נאָמען און סיסטעמאַטיזירן. פאַרן יידן בלייבט די אַלטע קשיא: ווי אַזוי? פאַרוואָס? צו וואָס? וואו איז דער מאָראַלישער זינען פון דעם אַלץ? וואו איז דער צוועק און דער תכלית? ווי אַזוי „ציט זיך דאָס אַרויס ברויט פון דער ערד?", וואָסערע מלאָכים טרייבן די גראָזן צום וואַקסן? אאַז"וו אאַז"וו. און ניט וויכטיק זיינען די תירוצים, וויכטיק איז, דער מענטש זאָל פרעגן, וויכטיק איז צו זוכן דעם תירוץ, כאָטש מיר ווייסן שוין, אַז דער תירוץ וועט זיין — תיק"ו. גאָטס וועלט איז ניט קיין רייכער מוזיי, וואָס מיר דאַרפן צו אים גוטע קאַטאַלאָגן. ניין, גאָטס וועלט איז עפּעס אַזוינס, וואָס פאָדערט פון אונדז כסדרדיקע השלמה, אַ כסדרדיקן שטרעבן.

***

אָט די אייגנטימלעכקייט האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער רעליגיע. זי איז מחמת איר באַזונדערער אַנטוויקלונג אַנדערש, ניט נאָר לויט אירע דאָגמעס, נאָר לויט איר סאָציאַל־קולטורעלן כאַראַקטער, פון די רעליגיעס ביי אַנדערע פעלקער.

ביי אַנדערע פעלקער זיינען געווען צוויי צענטערן, וואָס זיי האָט דער יחיד געדאַרפט דינען. איין מאַכט איז געווען אַ רעליגיעזע — די קירך. דאָ איז וויכטיק געווען ניט בלויז דער גלויבן גופא, די רעליגיעזע פּראַקטיק, דער קולט; וויכטיק איז אויך געווען די סאָציאַל־פּאָליטישע זייט — די סאָציאַלע מאַכט פון דער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע איבער דעם יחיד. דער צווייטער צענטער איז תמיד געווען די וועלטלעכע מאַכט — די מלוכה, דער פירשט, דער קייסער אאַז"וו. די קאָנקורענץ צווישן אָט די צוויי מאַכטן האָט תמיד איינגעטיילט אויך דאָס לעבן פון יעטווידן יחיד אויף צוויי געביטן: „וואָס צום קייסער איז צום קייסער, און וואָס צו גאָט איז צו גאָט". צוויי מקורים פון סאָציאַלע איינשטעלונגען אין לעבן. צווישן זיי אַ שלום — אַזאַ, אָדער אַ צווייטער. מען קען דאָס לעבן איינטיילן אויף שטיק לעבן פאַר זיך, פאַר גאָט (ריכטיקער — פאַר דער קירך) און פאַרן מלך.

ביי יידן אָבער איז די מלחמה צווישן רעליגיע און מלכות, צווישן דער רעליגיעזער מאַכט און דער וועלטלעכער לאַנג לאַנג פאַרענדיקט. קיין וועלטלעכע מאַכט איז ניטאָ, און אַל דאָס לעבן האָט טויזנטער יאָרן געהאַט איין צענטער — די רעליגיע. האָט במילא דאָס גאַנצע לעבן באַקומען אַ רעליגיעזע באַפאַרבונג. עס איז שווער צו געפינען אין טראַדיציאָנעלן לעבן עפּעס, וואָס זאָל זיין פריי פון רעליגיעזער סאַנקציע. ניט דערפאַר, ווייל יידן זיינען אַ פאָלק פון רעליגיעדינער, נאָר דערפאַר, ווייל די רעליגיע, ווי דער איינציקער צענטער, האָט סיי ווי אַלץ און אַלעמען באַדעקט מיט איר מאַנטל. און נאָך עפּעס: די יידישע רעליגיע איז ניט קיין איבערגענומענע פון קיינעם. זי איז געוואַקסן מיט דעם פאָלק און זיינע דורות. ביי אַנדערע פעלקער איז דאָס פאָרגעקומען אַנדערש: דערוואַקסענע פעלקער, מיט צייטיקע און אַנטוויקלטע קולטורן, האָבן אָנגענומען אַ נייעם גלויבן; די אַלטע איינגעוואָרצלטע קולטורן האָבן זיך לגמרי ניט אונטערגעגעבן דער נייער, דער פרעמדער. ווי דער דאָזיקער זיווג האָט זיך איינגעגעבן — ווי

האָבן זיך עס צונויפגעפּאָרט דער פּרינציפּ „ר ע כ ט פ ו ן כ ו ח" מיטן פּרינציפּ „כ ו ח פ ו ן ר ע כ ט", ווי די תורה פון די נזירים פון גליל האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם שטייגער פון די נאָרדישע וויקינגן — דאָס אַלץ גייט אונדז דאָ ניט אָן. פאַר אונדז איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז ביי די אייראָ־פּעאישע פעלקער זיינען ווידער אַמאָל פאַראַן צוויי סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע מקורים פון קולטור: די היימישע, אייגענע, און די „באַרבאַרישע" — די אויסגעלערנטע, די איבערגענומענע. ביי יידן אָבער איז די רעליגיע געוואַקסן אָרגאַניש, אין פאָלק, מיטן פאָלק. און אַלץ, וואָס דאָס לעבן פון פאָלק אין אַלע זיינע דורות האָט געשאַפן, אַלץ האָט באַקומען אַ רעליגיעזע סאַנקציע, אַלץ איז געוואָרן רעליגיעז. ניט די רעליגיע איז געקומען און אָקופּירט דאָס לעבן, נאָר פאַרקערט — דאָס לעבן האָט זיך פראָקלאַמירט פאַר רעליגיע און פאַרהייליקט אַלץ, וואָס עס האָט אין משך פון דורות געשאַפן. די טראַדיציע פון לעבן איז געוואָרן די רעליגיע.

די יידישע רעליגיע האָט געהאַט דעם כוח פון דורות טראַדיציע צו סובלימירן אינסטינקטן, געוואוינהייטן, לעבנסשטייגער. ביי די אומות־העולם איז קולטור, ליטעראַטור, קונסט וכדומה אַן אייגנס, אַן אוצר, אַ רייכטום, אַ ווערט־זאַך, וואָס מען דאַרף היטן, פּוצן, ריין האַלטן און איבערגעבן די אָנקומענדיקע דורות אין זייער ריינקייט. אָבער צום לעבן האָט דאָס אַלץ קיין שייכות ניט. עס קען באַפּוצן דאָס לעבן, ווי אַ צירונג, אָבער ניט פורעמען דאָס לעבן. קול־טור און לעבן שטאַמען פון צוויי באַזונדערע קוואַלן און גייען יעדערער מיט זיין לאָגיק ווייטער, קולטור — מיט איר וועג און דאָס לעבן — מיט זיינעם. ביי יידן אָבער זיינען אַלע די שיכטן, וואָס האָבן ענלעך געהאַנדלט, אָפּגעפאַלן נאָך אין אַלטערטום. געבליבן ביי יידישקייט זיינען נאָר יענע שיכטן, וואָס האָבן ממשיך געווען די מסורה פון די נביאים, אָבער — ניט קיין טייערע שאַצקאַמערס, ניט קיין געצן, ניט קיין זאַך צום היטן; אַלץ, וואָס איז ווערט צו האַלטן, איז די תורה — צום לערנען וו י צו לעבן. אויב ניט, דאַרף מען עס ניט היטן. תורה און לעבן דאַרפן גיין צוזאַמען; אַן לעבן איז די תורה גאָרניט. „ווער עס קען די תורה און לעבט אַנדערש, איז ווי ער האָט ניט קיין גאָט בכלל". דעריבער קען די תורה ניט בלייבן ריין־אָפּגעהיט, אויסגעפּוצט און פאַרשלאָסן, ווי אַן אוצר, ערגעץ אין די פעסט באַוואָרנטע קעלערס פון לעבן. ביי יידן מוז די תורה תמיד איבערגעקנאָטן ווערן, צוגעפּאַסט צום לעבן. תורה דאַרף זיין אַריינגעקנאָטן אין לעבן. ווען זי גייען באַזונדער — איז ניטאָ קיין יידישקייט. האָט זיך גע־פּרוווט ירבעם בן־נבט מיט זיינע רעפאָרמעס פונעם אַלט־יידישן „נאַציאָנאַלן" קולט; האָבן עס געוואָלט די צדוקים בשעתם, די קאַראַימער שפּעטער; האָבן דערצו געשטרעבט די משכילים אין אונדזער צייט. און דער סך־הכל איז אַלעמאָל און אומעטום געווען — שמד און אונטערגאַנג.

**
*

דער מעטאָד פון סינקרעטישער איבערציייִונג האָט געהערשט אויך אין דעם יי ד י ש ן ל ע ר נ ע ן. דער אַנאַליטיש־עקזאַקטער מעטאָד, וואָס צעגלידערט

דעם גערַאנק און באַגרינדט יעדן פּרט באַזונדער, בינדט דעם תּלמיד. ער מוז אויפנעמען דעם געגעבענעם אמת טריט נאָך טריט, פון א' ביז ת'; ער האָט דאָך קיין וועג ניט צו גיין זעלבשטענדיק צום אמת; ער איז געצוימט מיט די לאָגישע הנחות, איינגאַנצן פאַריאָכט דורך דעם מעטאָד פון דענקען, ער איז אַ קנעכט פון זיין תּורה. אָבער דער מעטאָד פון ס י נ ק ר ע ט י ש ע ר איבערציייגונג לאָזט דעם תּלמיד איינגאַנצן פריי א י ן ז י י ן וו ע ג צום אמת. אָט האָסטו דעם גערַאנק און בוי זיך אַליין אויס זעלבשטענדיק דעם גאַנצן געביי פון זיינע יסודות אָן, פאָרמיר אַליין דיינע גערַאנקען־טרעפּ. מהאי טעמא איז דאָס לערנען „פאַר זיך" ביי יידן געווען דערפירט ביז צו דעם יסוד פון אַ לערן-סיסטעם, בעת די פּעדאַגאָגיק פון די אומות־העולם שטעלט ערשט די ערשטע טריט אויף דעם וועג פון „לערנען פאַר זיך" (דאַלטאָן־פּלאַן וכדומה). מיר דוכט, אַז טאַקע מהאַי טעמא האָט דער טיפּ לערנער פון ישיבה אַ סך מער גייסטיקע זעלבשטענדיקייט, איידער די, וואָס האָבן באַקומען זייער בילדונג, אמת, סיסטעמאַטישע, אין די אוניווערסיטעטן. אָט די זעלבשטענדיקייט פלעגט זיך אַרויסווייזן אפילו דע־מאָלט, ווען דער ישיבה־בחור פלעגט אַריבערגיין אויף אַן אַנדער געביט. דער באַדאַרף אַליין צו באַגרינדן די גערַאנקען, אַליין פונאַנדערשיפרירן די אָפּט לאָ־קאָנישע אַרויסזאָגונגען האָט געצוואונגען צו דענקען, צו בויען זיי פון דאָס ניי און אפילו ווידערשפּעניקן אָפּט דעם אויטאָריטעט. די תּורה איז אַ ים, און יע־דערער שווימט אין אים לויט זיינע פעאיקייטן, לויט זיינע כוחות. „הפוך בה והפוך בה, דכולא בה".

מיר האָבן שוין פריער זיך באַמיט קלאָר צו מאַכן, ווי וויכטיק עס איז געווען ביי יידן די תּורה, ריכטיקער — דער „תלמוד תּורה". ביי די אומות-העולם האָבן די פּאָזיטיוויסטן, מיט ספּענסערן בראש, געקענט איינגאַנצן לייקענען דעם ווערט פון ליטעראַטור אין דער דערציאונג; ביי יידן איז די תּורה (ליטעראַטור) געווען כמעט דער איינציקער דערציאונג־מאַטעריאַל. די „תינוקות של בית רבן", זיי קענען נאָך אויסוואַקסן „גוטע קינדער פון פאָלק" אָן אַ שמץ פון ליטעראַטור; קומען אָבער ציימן פון איבערבראָך, תּקופות פון ענדערונגען, דער שטייגער הויבט זיך אָן וואַקלען — דעמאָלט בלייבט די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור דער שנור, וואָס פאַרבינדט דעם יונגן דור צום פאָלק. דעריבער האָט די טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג־סיסטעם געלערנט בלויז תּורה — די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור.

***

אין הסכם מיטן אַריבערטראָגן דעם צענטער פון אַלערליי אָביעקטיוועו אַטרי־בוטן אויף דעם מענטשן גופא, אין הסכם דערמיט, וואָס ווי אַ טרעגער פון יידיש־קייט פיגורירט בלויז דער מענטש אַליין — שטייט אויך די יידישע ב אַ צ י א ו נ ג צ ו ם ט ו י ט. ביי די אומות־העולם איז די באַציאונג אַ סך אַ גרינגערע. מיט דעם טויט פון אַ מענטשן, פון אַ סך מענטשן, ווערט דאָך דאָס נאַציאָנאַלע אייגנס ביי זיי ניט אָנגערירט; ביי יידן איז אָבער יעטווידער מענטש ניט בלויז אַ טאַ־

טע, אַ ברודער וכדומה, נאָר אַ טרעגער פון יידישקייט. ביי די אומות־העולם קען גאַנץ גוט געמאָלט זיין, אַז מענטשן זאָלן זיין נאָר אַ מיטל צום נאַציאָנאַלן צוועק, צו דעראָבערונגען וכדומה, זיי האָבן זיך פאַר וואָס צו שלאָגן; ביי יידן איז אָבער אויסער דעם, וואָס איז אין די מענטשן גופא, קיין יידישקייט ניטאָ; איז ביי זיי פאַראַן פאַרוואָס געהרגעט צו ווערן, אָבער ניט צוליב וואָס זיך צו הרגענען. איז דער צובונד צום מענטשן גרעסער — איז זיין אָנווער גרעסער, וואָרעם „חי חי הוא יודך". דערפאַר ווילן יידן ניט אַנדערש, ווי „אַפשרייען" אפילו דעם מת...

***

נאָר אַזוי איז עס געלונגען די פרושים אויסצופורעמען אַזאַ יידישקייט, וואָס האָלט אָן אַזוי לאַנג, און במילא האָלט זיך אויך דאָס יידיש פאָלק (אין תוך אריין — בלויז די טראַדיציע־געטרייע טיילן פון פאָלק). נאָר אַזוי האָבן זיי געשאַפן אַט דאָס ספּעציפיש פאָלק מיט אַ ספּעציפישן נאַציאָנאַלן אינהאַלט און באַוואוסטזיין. די אַנדערע, „נאָרמאַלע" פעלקער האָבן געהאַט און האָבן זייער מאַטעריעלן נאַציאָנאַליזם, אַ גשמיותדיקן, פעסט געבויטן, פאַרקערפּערט אין ערד, מלוכה, לאַנד, געביידעס, קברים, ביכער. און אַט דער נאַציאָנאַליזם שטייט איצט, אָנגעלאָדן פון דער סטראַטאָספערע אויבן ביז דעם תהום אונטן, גרייט חרוב צו מאַכן אַלץ מיט אַנאַנדער אין אַ מבול פון בלוט און פייער...

געוויינטלעך, ווען איר זאָגט אַרויס פאַר אַ מאָדערנעם, וועלטלעכן יידן — מעג ער זיין ווי נאַציאָנאַל און נאַציאָנאַליסטיש — אַזוינע ווערטער, ווי „טראַדיציע", „הלכה", פאַלט אָן אויף אים ממש אַן אימה ופחד, ער קוקט אויף אייך מיט גרויסע פאַרוואונדערטע אויגן, אָדער מיט רחמנות. גלייך וואַקסן אויס פאַר זיינע אויגן דער רב מיטן שטריימל, דער פאָליש מיט דער קונע, מיט די אַלע אַטריבוטן פון יידישן מיטלעלטער. און דער מאָדערנער ייד דערשרעקט זיך: „פלשתים עליך, ישראל!", אַט דער דאָזיקער איז אַ רעאַקציאָנער, ער רופט צו טראַדיציע, אונטער דער קלעריקאַלער שליטה פון דער רבנישער זשופּיצע"... פון דעם, וואָס מיר האָבן אין אונדזער מאמר געזאָגט, דאַרף זיין קלאָר, אַז דאָס איז אַ בילבול. מען באַנעמט ניט דעם אונטערשייד צווישן טראַדיציע און קאָנסערוואַטיזם. מען באַנעמט ניט — ווייל מען וויל ניט, ווייל גאַנץ אָפט זיינען די טוער אַליין, די נאַציאָנאַלע יידן, די קולטור־טוער, די בויער פון דער נייער יידישקייט פון אַלע ריכטונגען, ניט קיין אָרגאַנישע יידן, נאָר פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלעך, יידן בעל־כרחם. מיטן מהות פון דער יידישער טראַדיציע און איר קולטור־וועג דורך אייביקע דורות האָט עס גאָר ניט צו טאָן.

אַ. מענעס / פּאַריז

דער זינען פון אונדזער צייט

(פון דער סעריע: „אונדזער וועג און אונדזער גורל“)

1.

מיר זיינען געווען און מיר בלייבן, לפּחות אויף נאָך אַ לאַנגער צייט, אַ גלות־פאָלק. עס קען זיך אפשר איינגעבן פאַר אַ גאַנץ קליינעם טייל פון יידישן פאָלק ערגעץ־וואו צו שאַפן די אילוזיע פון אַ מלוכה און פון אַ זעלבשטענדיק פּאָליטיש לעבן — פאַרן יידישע כ ל ל אָבער בלייבט נאָך אַלץ די צענטראַלע פראַגע: ווי לעבט מען אין גלות, ווי האַלט מען אויס אין גלות?

איך שטעל דאָ מיט כוונה דעם טראָפ אויפן וואָרט ג ל ו ת, מחמת איך וויל לחלוטין ניט פאַרשווייגן אָדער פאַרקלענערן די טראַגיק פון אונדזער היס־טאָרישן גורל. מיר זיינען אומעטום אַ מינדערהייט, דאָס רוב איננאַנצן שוצלאָז און אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע סכנות. און פונדעסטוועגן וואָלט דאָס אַליין ניט געווען קיין גרונט אריינצופאַלן אין יאוש. דאָס לעבן אין גלות איז דאָך ניט נאָר געווען אונדזער גורל, נאָר אויך אונדזער ווי ל ן. מיר האָבן אין פאַרלויף פון אונדזער לאַנגער געשיכטע געהאַט גענוג געלעגנהייטן צו מאַכן אַ סוף מיט דער יידן־פראַגע אויף דעם זעלביקן אופן, ווי עס האָבן געטאָן אַנ־דערע פעלקער, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער היים, אָדער זייער פּאָליטישע פריי־הייט — דורך נאַציאָנאַלער ליקווידאַציע. מיר האָבן דאָס ניט געטאָן, און אונ־דזערע עלטערן האָבן אין משך פון צענדליגער דורות מיט דעם גרעסטן מוט געקעמפט פאַר זייער קיום. אויף דער טראַגיק פון זיין גורל האָט דאָס יידישע פאָלק געפונען אַן ענטפער און אַ טרייסט אין זיין גלויבן און אין דער האָפע־נונג אויף דער גאולה.

זיינען מיר נאָך אויך היינט, אַז דעם גלויבן פון אונדזערע עלטערן, בכוח זיך אָקעגנצושטעלן אַ וועלט פון פיינד און פריינד? אויסצוהאַלטן די פורעניותן אין די שווערע צייטן און ביישטיין די נסיונות אין די גוטע צייטן?

און דער עיקר: וואָס ענטפערן מיר היינט אויף דער פראַגע פון דעם רשע אין דער הגדה: „מה העבודה הזאת לכם?“ וועלכן צוועק האָט דאָס לעבן אין גלות? וועלכן זינען האָט דער קאַמף פאַר אַ קיום, וואָס איז כמעט אַן אומאונ־טערבראָכענע קייט פון צרות און קאַטאַסטראָפעס?

מיר האָבן דאָ, ניט אָן אַ גרונט, אויסגעמיטן דעם עקאָנאָמישן מאָ־מענט. מיר ווייסן נאַטירלעך גאַנץ גוט, אַז צום קיום איז נויטיק ניט בלויז רוחניות, נאָר אויך גשמיות. מיר האַלטן אָבער, אַז די יידישע פּראָבלעם איז ניט קיין עקאָנאָמישע, נאָר בעיקר אַ מאָראַלישע, סיי וואָס איז שייך דעם יידישן פאָלק

גופא, סיי וואָס איז שייך דער באַציאונג פון דער אַרומיקער וועלט צו ייִדן. מען איז ביי אונדז שטאַרק מגזם, ווען מען רעדט וועגן „ייִדישער עקאָנאָמיק", אָדער „ייִדישע פּראָפעסיעס" און מען מאַכט דערפון אויספירן וועגן די סיבות פון אַנטיסעמיטיזם און די פּערספּעקטיוון פון ייִדן אין גלות. אין געוויסע לענדער און אין געוויסע צייטן, אמת, פאַרנעמען זיך דער עיקר ייִדן, אָדער אפילו אויס־שליסלעך ייִדן, מיט די אָדער יענע פּראָפעסיעס. אָבער אין משך פון דער געשיכטע האָט זיך אָפט געביטן די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון ייִדישן פאָלק, און עס איז ניטאָ קיין שום יסוד צו צווייפלען, אַז דאָס איז אויך היינט מעגלעך. אויך דער אַנטיסעמיטיזם, הגם ער באַנוצט גאַר אָפט דעם עקאָנאָמישן אַרגו־מענט, דערקלערט זיך ניט מיט דעם, וואָס ייִדן פאַרנעמען זיך מיט דער אָדער יענער פּראָפעסיע. די אַנטיסעמיטן האָבן ליב ייִדישע פּראָלעטאַריער ניט מער, ווי ייִדישע באַנקירן; ייִדישע בעלי־מלאכות האָבן ניט ווייניקער צו ליידן פון גזירות, ווי ייִדישע קרעמער. אַ פּלאַנמעסיקע עקאָנאָמישע פּאָליטיק קען בלי ספק ברענגען אַ סך נוצן — די פּראָבלעם לייזט זי ניט. און די פּראָבלעם איז: ווי רופן מיר אַרויס ביים ייִדישן יחיד און ביים ייִדישן ציבור די נויטיקע ענער־גיע און דעם געהעריקן מוט זיך כסדר „אומצושיכטן", צופּאַסן זיך צו נייע אומשטאַנדן, שלאָגן וואָרצלען אין אַ נייעם באָדן — און אין דער זעלביקער צייט בלייבן אַ ייִדישער קיבוץ?

אייניקע טענהן: אין גלות איז דאָס ניט מעגלעך. די גייסטיקע און מאַ־ראַלישע ווידערגעבורט פון ייִדישן פאָלק איז מעגלעך נאָר אין אַן אייגן לאַנד. ווי זאָל אָבער אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט און דערצו נאָך מאָראַליש צעבראָכן, זיין פעאיק דורכצופירן אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע אויפ־גאַבע, ווי זיך אויסבויען אַן אייגענע היים? דאָס פאָדערט דאָך ניט נאָר גוואַלדי־קע מאַטעריעלע מיטלען, נאָר קודם־כל אַ דור, וואָס איז גרייט אויף די גרעסטע אָנשטרענגונגען און גרעסטע קרבנות.

אָבער אויך דאָס בלייבן אין די אַלטע היימען איז נאַטירלעך ניט דער וועג פון קלענסטער אָנשטרענגונג. פאַר ייִדן איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו ווערן אַ פ אָ ל ק, ו ו י א ל ע פ ע ל ק ע ר. נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, ייִדישע שולן און ייִדישע ליטעראַטור קענען ניט פאַרבייטן אַ מלוכה און אַ טעריטאָריע. כדי אַ מינדערהייט זאָל זיך אין משך פון דורות קענען איינהאַלטן, איז ווייניק נאַ־ציאָנאַלע טראַדיציע, בפרט נאָך ביי אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער אַזוי פיל לענדער און רעדט אַזוי פיל שפּראַכן. דערצו איז נויטיק אַ בשותפותדיקער אידעאַל, אַ ג ל ו י ב ן, וואָס פאַראייניקט אַלע טיילן פון פאָלק און גיט זיי אַ זינען און אַן אינהאַלט אין לעבן.

אין משך פון קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר גלות האָבן מיר געלעבט מיט דער אמונה. קען אָבער היינט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זיין אַ רייד וועגן בויען די צוקונפט פון אַ פאָלק אויף דעם וואַקלדיקן פונדאַמענט פון דער רעליגיעזער טראַדיציע? איז דאָך דווקא די דערשיטערונג פון דער רעליגיעזער אידעען־וועלט

געווען די הויפּט־סיבה, וואָס האָט געפירט צום אויפקום פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

דער יידישער וועלטלעכער נאַציאָנאַליזם — אין זיין ציוניסטיש־טעריטאָריאַליסטישער, אָדער אויטאָנאָמיסטישער געשטאַלט — איז אייגנטלעך אַ לייבלעך קינד פון יענעם גרויסן פּראָצעס פון סעקולאַריזאַציע און נאַציאָנאַליזירונג, וואָס באַהערשט די אייראָפּעאישע וועלט זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס וועט דערפאַר זיין ריכטיק אַוועקצושטעלן די פראַגע אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער *אַלגעמיינער* אַנטוויקלונג: וואוהין גייט די אייראָפּעאישע קולטור־וועלט? וואָס זיינען די סיבות פון דעם טיפן סאָציאַל־פּאָליטישן און מאָראַלישן קריזיס, וואָס אייראָפּע לעבט איצט איבער? *וואָס איז דער זינען פון אונדזער צייט?*

אַז ס'איז ניט אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג אויך אין דער *ניט־יידישער* וועלט, איז היינט איבעריק צו באַווייזן. 150 יאָר נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך אין האַרצן פון אייראָפּע, אין דעם לאַנד פון „דיכטער און דענקער”, פאַרפעסטיקט אַ רעזשים, וואָס שטייגט ווייט אַריבער אין פּרט פון באַרבאַריזם און רעאַקציע אַלץ, וואָס אייראָפּע האָט ווען געזען אין משך פון די לעצטע יאָרהונדערטער. אַ סך האָבן געגלויבט, אַז נאָך דעם, ווי עס וועלן געשאַפן ווערן פרייע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און עס וועט באַזייטיקט ווערן די השפּעה פון דער קירך, וועט ווערן אַבסאָלוט אוממעגלעך דער צוריקקער צו רעאַקציע. אין דעם פּרט האָבן מיר בכל־אופן געהאַט אַ טעות. די היינטיקע רעאַקציע איז דאָס רוב גאָר דורך און דורך אַנטירעליגיעז, און געוויסע רעליגיעזע גרופּעס און קרייזן געהערן גראָד צו די שאַרפסטע קעגנער פון פאַשיזם און היטלעריזם. פון וואַנען שעפּט אָבער די היינטיקע רעאַקציע אירע כוחות? שטעקט ניט אין דער היינטיקער סיסטעם פון דער וועלטלעכער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע אַ גרונט־פעלער, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם נצחון פון דער רעאַקציע אין אַ ריי לענדער פון אייראָפּע?

מיר לעבן אין אַ צייט, ווען עס איז פאַראַן די טעכנישע און ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייט צו באַפרידיקן אַלע וויכטיקסטע הצטרכותן פון די מענטשן, צו באַזייטיקן יעטווידן סימן פון נויט און עלנט; מיר לעבן אין אַ תקופה, ווען די פּראָבלעם פון „לעבנסרוים” איז לפּחות פאַר די אייראָפּעאישע פעלקער ווירטשאַפטלעך געלייזט, ווען עס איז פאַקטיש מער ניטאָ קיין פראַגע פון „איבעריקע” מענטשן. פאַר דער אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישער קולטור־וועלט שטעלט זיך גיכער די פראַגע פון *צו פיל רוים און צו ווייניק מענטשן*. בעת די ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן האַלטן כסדר אין איין וואַקסן, האָבן מיר צו פאַרצייכענען אַ גוואַלדיקע ירידה פון די געבורטן. עס איז ביי היינטיקן טאָג פאַר די אייראָפּעאישע פעלקער און מלוכות ניטאָ קיין גרעסערער אוצר, ווי דער מענטש. און דאָך איז קיינמאָל דאָס מענטשלעכע לעבן און די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט ניט געווען אַזוי ביליק, ווי היינט. באַטראַכט

מען די פּאָליטיק פון די היינטיקע ציוויליזירטע מלוכות, דאַן דוכט זיך אויס, אַז די פינצטערע נביאות פון דעם אַלטן מאַלטוס איז שוין מקוים געוואָרן. די ערד איז געוואָרן צו ענג און קען מער ניט פאַרטראָגן די גרויסע צאָל מענטשן, וואָס לעבן אויף איר. אויף ימים און אין די „קיינעמס־לענדער" וואָגלען אַרום טויזנטער מענטשן, און די פעלקער האָבן איין איינציקע זאָרג: ווי ווערט מען פּטור פון די „איבעריקע" מיילער און קודם־כל פון די „פרעמדע". מען גרייט זיך אפילו אויף אַ נייער וועלט־שחיטה צום קאַמף פאַרן „לעבנסרוים".

די קולטור־וועלט קען זיך ניט געבן קיין עצה מיט איר עשירות. די טעכנישע מעגלעכקייטן האָבן ווייט אַריבערגעיאָגט די גייסטיקע פעאיקייטן פון מענטשן צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע און ריכטיק פאַרטיילן דעם וואוילשטאַנד. די וועלט וואָלט געקענט ווערן אַ גן־עדן, אָבער די מאָראַלישע שוואַכקייט הן פון די מאַסן, הן פון די פירער האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום.

דאָס איז ניט בלויז אַ פּראָבלעם פון פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. דערין איז באַשטאַנען דער עיקר טעות פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און די סיבה פון די סאָציאַליסטישע מפּלות אין די לעצטע יאָרן. צו אַ נייער ווירטשאַפט איז קודם־כל נויטיק אַ נייע מאָראַל.

.2

מען באַציט זיך ביי אונדז אָפט סקעפּטיש, און ניט אַלע מאָל מיט אומרעכט, ווען מען הערט פּרעדיקן מאָראַל. דאָס רוב קומט טאַקע אויס צו הערן פּוסטע פראַזעס, וואָס זיינען ניט ערנסט געמיינט און זיינען צו גאָר ניט מחייב. עס וואָלט פונדעסטוועגן געווען דער גרעסטער טעות דערפון צו מאַכן דעם אויספיר, אַז מאָראַל איז בכלל אַ מין גלייכגילטיקער ענין און האָט בכל־אופן אַ קנאַפּע שייכות צו די פּראָבלעמען פון דער היינטיקער פּאָליטיק און ווירטשאַפט.

די גאַנצע מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט איז אויפגעבויט אויפן פּרינציפּ פון אינדיווידועלן אינטערעס, און אין פלוג קען זיך אפילו אויסדוכטן, אַז דאָס וועלן פאַרדינען און וועלן מאַכן אַ לעבן איז דער איינציקער כוח, וואָס האַלט אין באַוועגונג די ווירטשאַפט. אַ טיפערער אַריינבליק אין דער קאָמפּליצירטער סיסטעם פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט באַווייזט אונדז, אַז דאָס איז אַ גרויסער טעות. אפילו דער קאַפּיטאַליזם קען זיך ניט באַגיין און וואָלט ניט געקענט האָבן קיין קיום אָן אַ געוויסן מינימום פון מאָראַלישע פּרינציפּן און נאָרמעס. שוין דער פּרינציפּ אַליין פון פּריוואַטן אייגנס איז ניט נאָר אַ יורידישער באַגריף. דאָס געשעפט־לעבן איז ניט מעגלעך אָן אַ סוחרישער מאָראַל. פרייהייט פון ווירטשאַפט, פרייהייט פון געדאַנק, דרך־ארץ פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, געוויסע

פאָרמען פון פילאַנטראָפיע זיינען געווען אָרגאַנישע באַשטאַנדטיילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. אַ קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג קען זיך ניט באַגיין אָן ערלעכע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וועלכע פילן זיך, ניט געקוקט אויף זייערע באַזונדערע סאָציאַלע אינטערעסן, פאַרבונדן מיט דער אונטערנעמונג. דערפאַר האָט טאַקע די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט זיך ניט געקענט באַנוצן מיט שקלאַפן־אַרבעט. ניט געקוקט אויף אַלע אירע חסרונות, עקסיסטירט דאָך אַ בירגערלעכע מאָראַל, וואָס באַהערשט דאָס לעבן און מאַכט מעגלעך די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט.

היינריך היינע דערציילט: אין דער שול, וואו ער האָט ייִנגלוויַיז געלערנט, האָט אים אַמאָל דער לערער פון פראַנצויזיש געפרעגט: „ווי הייסט גלויבן (רעליגיע) אין פראַנצויזיש?". דערויף האָט דער קליינער היינע געענטפערט: «le crédit» (קרעדיט, אייגנטלעך — גלויבן, צוטרוי)... דאָס איז ניט בלויז אַ קינדערשער טעות; עס איז געווים ניט קיין צופאַל, וואָס גלויבן אין גאָט און גלויבן אַ מענטשן ווערט אָפט באַצייכנט מיט דעם זעלביקן וואָרט (אויך אין יידיש: אמונה — נאמנות). דער קאַפּיטאַליסטישער קרעדיט איז ווייט ניט אַזאַ „רעאַלער", ממשותדיקער ענין, ווי מען שטעלט זיִך געוויינטלעך פאָר. ער איז אין דער אמתן דורך און דורך אַ גייסטיקער, מאָראַלישער פאַקטאָר, וואָס טראָגט אָבער אַריין לעבן און באַוועגונג אין דעם ווירטשאַפטלעכן קערפּער. אין דעם מאָמענט, ווען עס שטעלט זיך אָפּ דער קרעדיט, ווען מען פאַרלירט דעם „גלויבן", שטעלט זיך אָפּ די גאַנצע ווירטשאַפטלעכע מאַשין. די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט קען זיך ניט באַנוגענען נאָר מיט אַרבעטן פאַרן דירעקטן און טעגלעכן באַנוץ — מען אַרבעט פאַר די ו ו י י ט ס ט ע מערק, מען פּראָדוצירט פאַר די ק ו מ ע נ ד י ק ע יאָרן און דורות (אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, קאַנאַלן, אייזנבאַן־ליניעס, וועלכע ברענגען אַריין הכנסה ערשט מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער). דערצו איז נויטיק צו מאָביליזירן אַלע פאַראַנענע מיטלען און אַריינצושטעלן אין חשבון און איינוועסטירן אויך — די האָפענונג. און דאָס איז ניט מעגלעך אָן אַ ג ל ו י ב ן אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט און אָן אַ צוטרוי צום מיטמענטשן. יעדן טאָג ווערן פאַררעגיסטרירט אין די צייטונגען גענוג פאַלן פון גנבות און קאָרופּציע אין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, און פונדעסטוועגן טראָגן דאָס רוב מענטשן זייער געלט אין באַנק, קויפן אַקציעס און גיבן קרעדיט. פאַרוואָס? — וועט מען דערויף געווים ענטפערן: וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו מאָראַלישן צוטרוי, וועלכער שוטה גיט דאָס היינט געלט אָן גאַראַנטיעס? — און וואָס באַשטייען אָבער די דאָזיקע גאַראַנטיעס? על פּי רוב א י ן פ אַ פּ י ר ל ע ך! קיין דורכשניטלעכער מענטש איז ניט אימשטאַנד צו קאָנטראָלירן, אויף וויפיל די אָדער יענע באַנק, די אָדער יענע אַקציע־געזעלשאַפט איז באמת סאָליד; עפּעס האָט ער געהערט, געלייענט אין צייטונג און גלויבט — מחמת ער איז טיף אין האַרצן איבערציַיגט, אַז אַ

וועלט באַשטייט ניט פון גנבים. אָט דער טיפער גלויבן איז דער יסוד פון אונדזער גאַנצער קרעדיט־סיסטעם.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט איז דוכט זיך ניטאָ קיין מער ממשותדיקערע זאַך, ווי געלט: וואָס קען זיין זיכערער, ווי מזומן? אַמאָל, ווען מען האָט געצאָלט מיט „קלינגענדיקע", איז דאָס נאָך אפשר געווען ריכטיק; אונדזער היינטיקע געלט אָבער באַשטייט פון „פּאַפּירלעך", וואָס האָבן נאָר אויף אַזוי פיל אַ ווערט, אויף וויפיל עס איז פאַראַן דערביי דער עלעמענט פון צו־טרוי. — איר זייט באמת אַ נאַאיווער ייד — וועט מען מיר געוויס ענטפערן: ווייסט איר דען ניט, אַז דאָס פּאַפּיר־געלט איז געדעקט מיט גאָלד און אַנדערע ווערטן? יאָ, מיינע ליבע פריינד, איך ווייס עס זייער גוט; אָבער, ערשטנס, איז עס דאָס רוב נאָר צום טייל געדעקט מיט גאָלד, און צווייטנס — זאָגט מיר אויף נאמנות: האָט איר טאַקע מיט אייערע אויגן געזען דאָס גאָלד אין די קעלערן פון דער „באַנק פון ענגלאַנד"? זייט איר זיכער, אַז די באַנק־באַריכטן זאָגן אייך דעם אמת? — עס איז דאָך פאַראַן אַ שטרענגער קאָנ־טראָל! — אָבער וואו האָט איר, מיינע פריינד, די גאַראַנטיע, אַז די באַנק־דירעקטאָרן האָבן ניט געמאַכט יד־אחת מיט די קאָנטראָליאָרן?

דערויף האָט איר ניט קיין שום אַנדער ענטפער, ווי — אַ וועלט באַשטייט ניט פון גנבים! און דאָס איז געווענליך, ווייל דאָס איז אין תוך ריכטיק.

און דערפאַר האָט דער קאַפּיטאַליזם געהאַט די מעגלעכקייט אויפצובויען די גאַנצע קאָמפּליצירטע סיסטעם פון מאָדערנעם האנדל, פון באַנק־ און קרע־דיט־וועזן, אַקציע־געזעלשאַפטן אא"וו אא"וו. צוליב דעם זעלביקן טעם איז אויך די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט אַזוי שפּירעוודיק לגבי יעדער דערשיטערונג פון צוטרוי. עס איז געווענליך, ס'זאָל זיך פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג וועגן אַ דערנעענ־טערונג פון אַ פּאָליטישן אָדער ווירטשאַפטלעכן קריזיס, וועגן אַ געפאַר פון אַ מלחמה אָדער פון אינעווייניקסטע אומרוען, כדי אין דער ווירטשאַפט זאָל אַריינגעטראָגן ווערן אַן אַנאַרכיע. אויף דער קאַפּיטאַליסטישער בערזע ווערן „האָפענונגען" אָפט העכער קאָטירט, ווי ממשותדיקע ווערטן. עס זיינען אפילו פאַראַן אָנגעזעענע פאָרשער, וואָס האַלטן, אַז די פּסיכישע וואַקלונגען, דאָס שטייגן, ווי דאָס זינקען פון אָפּטימיזם, שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע הן ביים אויסברוך פון קריזיסן, הן ביים ווידער־אויפשטייג פון דער קאָניונקטור.

בכל־אופן איז קלאָר, אַז מאָראַלישע פאַקטאָרן שפּילן אין דער אינדיווי־דועלער קאַפּיטאַליסטישער פּראָפיט־ווירטשאַפט גאָר אַ גרויסע ראָלע. זייער באַ־דייטונג ווערט נאָך גרעסער אין דער מאָדערנער ווירטשאַפט, וואָס איז שוין ביים היינטיקן טאָג אין גאָר אַ היפּשן טייל אייגנטלעך ניט מער קאַפּיטאַליסטיש אין קלאַסישן זינען. די מלוכה און די אַנדערע עפנטלעכע אינסטיטוציעס קאָנ־טראָלירן שוין איצט אין דאָס רוב לענדער אַ גרויסן טייל פון דער פּראָדוקציע און דעם האנדל. אַ סאָציאַלע ווירטשאַפט פאָדערט אָבער ניט אין אַן ערך אַ הע־בערע מאָראַל, ווי די קאַפּיטאַליסטישע. דאָ פאַלט דאָך צום גרעסטן טייל אַוועק

דער מאָמענט פון פערזענלעכן אינטערעס, וואָס מוז ווערן פאַרביטן דורך דעם געפיל פון טרייקייט און איבערגעגעבנקייט דעם כלל. עס איז ווייניק ניט צו זיין קיין גנב, כדי צו קענען אַרבעטן, אָדער גאָר פאַרנעמען אַ פירנדיקע שטעלע אין אַ סאָציאַלער אונטערנעמונג, — *דאָ איז נויטיק אַ העכערער אַחריות־געפיל פאַר קהלשער אַרבעט און קהלשן פאַרמעגן*, וואָס איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט לפי־ערך ווייניק אַנטוויקלט.

דערפאַר איז עס אינגאַנצן אוממעגלעך מיטן קליינעם קאַפּיטאַל פון דער אַלטער בירגערלעכער מאָראַל אויפצובויען אַ נייעם, העכערן סאָציאַלן סדר. עס איז אויך אַ טעות, וועז אייניקע טענהן: לאָמיר ערשט שאַפן די נייע ווירטשאַפט, וועט שוין ממילא קומען דער נייער מענטש. ניין! *אָן* דעם נייעם מענטשן איז גאָר ניט מעגלעך קיין אויפבוי פון אַ העכערער ווירטשאַפט.

אַ העכערער סאָציאַלער סדר פאָדערט אָבער ניט נאָר אַ גרעסערן מאָראַ־לישן קאַפּיטאַל, נאָר אויך נאָך אַ העכערן מאָראַלישן קרעדיט. וואָס מער עס וואַקסט דער סעקטאָר פון קהלשער ווירטשאַפט, אַלץ מער נויטיקט מען זיך אין מענטשן מיט אַ גרויסן מאָראַלישן קרעדיט, וועמען מען זאָל קענען פאַרגלויבן דאָס פאַרמעגן און דעם וואוילשטאַנד פון פאָלק.

אָבער בעת די טעכנישע און ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן זיינען אַזוי גוואַלדיק אויסגעוואַקסן, האָט זיך דער *מאָראַלישער* ניוואָ פון די מאַסן, ווי אויך פון די פירנדיקע שיכטן, ניט געהויבן. דערפון נעמט זיך די דיספּראָפּאָרץ צווישן ווירטשאַפט און מאָראַל, דער קריזיס פון מאָראַלישן קרעדיט אין היינ־טיקער אייראָפּע. דער אַלגעמיינער באַנקראָט אין פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן איז דער סימן־מובהק פון אונדזער צייט. די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אין אַ ריי לענדער באַנקראָטירט דערפאַר, ווייל זיי האָבן ניט ממלא געווען זייערע גוזמאַדיקע וואָל־הבטחות. די מאַסן האָבן דערפאַר פאַרלוירן דעם צוטרוי צו די פּאַרטייען און פירער, וועלכע האָבן דערמיט אַליין צוגעגרייט דעם פּלאַץ פאַר טאָטאַלער דיקטאַטור, אָט דער סיסטעם פון אָרגאַניזירטן באַנקראָט. עס איז פון לכתחילה געווען פאַלש, באַזונדערס מצד די סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען, אונטערצושרייבן אַזוי פיל קורצטערמיניקע וועקסלען, ווייסנדיק, אַז סאָציאַלע רעפאָרמעס פאָדערן קודם־כל אַ סך צייט. אָבער, פון דער צווייטער זייט, האָבן די מאַסן ניט געהאַט קיין צוטרוי און וואָלטן ניט אָפּגעגעבן זייערע שטימען אַ פּאַרטיי, וואָס וואָלט פון זיי געפאָדערט קודם־כל קרבנות. און צו דעם האָט די דעמאָקראַטיע ליידער די מאַסן ניט צוגעגרייט. די מעטאָדן פון פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע האָבן דעם ווילער וויניקער ווי אַלץ אויסגעלערנט צו גלויבן דעם פּאָליטישן פירער.

אויך דער אינטערנאַציאָנאַלער קריזיס אין דער וועלט איז פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן פעלן פון מאָראַלישן קרעדיט. עס איז פאַרלוירן געוואָרן יעדע

אמונה אינעם געגעבענעם וואָרט, אינעם „הייליק געשוואָרענעם" אָפּמאַך. מען איז מיט קיינעם ניט זיכער און מ'האָט כסדר מורא, צי וועט דער שכן מאָרגן אויף מיר ניט אָנפאַלן. דער דאָזיקער באַנקראָט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער מאָראַל האָט געפונען זיין דייטלעכסטן אויסדרוק אין דער ירידה פון דעם „פעלקער־בונד", וואָס שטייט צום באַדויערן אויף דער קאַנטאַ ניט פון די דיקטאַטאָרישע, נאָר פון די דעמאָקראַטישע מלוכות.

נאָר אַ מאָראַלישער רענעסאַנס קען אַרויספירן די היינטיקע קולטור־וועלט פון דעם זומפּ, אין וועלכן זי איז פאַרקראָכן. ווי אַזוי איז אַזאַ רענעסאַנס מעגלעך?

עס איז איצט שוין צייט צו פאַרריכטן היינעם יינגלשן טעות און איבערגיין פון „לע קרעדי" צו „לאַ רעליזשיאָן" — פון דעם גלויבן אין מענטשן צו דעם גלויבן אין גאָט.

.3

איך קען נאַטירלעך אין די ראַמען פון אַ קורצן אַרטיקל ניט באַהאַנדלען גרונטיק אַזאַ אויסערגעוויינטלעך וויכטיקן ענין, ווי דער זינען און מהות פון רעליגיעזן גלויבן. איך וועל זיך דאָ דערפאַר באַנוגענען בלויז מיט ראשי־פּרקים, ווייסנדיק פון לכתחילה, אַז די „אַפּיקורסים" וועל איך ניט איבערצייגן. דאָס בין איך אויך ניט אויסן. איך וויל דאָ נאָר קורץ פאָרמולירן אייניקע געדאַנקען, וואָס וועלן אפשר ברענגען נוצן יענעם לייענער, וואָס האָט וועגן די פּראָבלעמען געטראַכט און האָט אַ השגה, וואָס עס באַטייטן אַזוינס רעליגיעזע איבערלעבונגען.

עס איז ניטאָ און קען ניט זיין קיין גלויבן אין מענטשן דאָרטן, וואו עס איז פאַרשוואונדן דאָס געפיל פון הייליקייט. מען קען האָבן אמונה נאָר אין איינעם, וואָס האַלט, אַז אַ געגעבן וואָרט און אַן אונטערגעשריבענער אָפּמאַך זיינען הייליק אפילו דעמאָלט, ווען דאָס איז קעגן די אייגענע אינטערעסן. דערפאַר פאַרנעמט דער באַגריף „קדושה" אַזאַ צענטראַלן אָרט אין דער רעליגיעזער אידעען־וועלט, און אַלע אינסטיטוציעס פון סאָציאַלן שוץ זיינען ביי די אַלטע פעלקער געווען פאַרבונדן מיט דעם הייליקן פּלאַץ און די הייליקע צייטן. דאָס הייליקטום איז געווען דער מקום־מקלט פאַר אַלע גערודפטע, די הייליקע טעג און יום־טובים האָבן כמעט אומעטום געהאַט זייער אַ וויכטיקע סאָציאַלע פונקציע (שבת, שמיטה). ברעכן אַ וואָרט, צעשטערן אַ בונד (הפר ברית), וואָס איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ געטלעכער גאַראַנטיע, געהערט דערפאַר ביי יידן צו די שווערסטע זינד. אָן דער אידעע פון הייליקייט איז אויך ניט מעגלעך קיין דרך־ארץ פאַרן מענטשלעכן לעבן און פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

אָבער פון וואַנען זאָל אין אונדזער היינטיקער ראַציאָנאַליסטישער צייט קו־

מען די אידעע פון הייליקייט? קען מען דען קינסטלעך שאפן א גלויבן, ווען מען איז אין הארצן ניט איבערגעצייגט?

דאס רוב היינטיקע ראציאנאליסטן מיינען באמת, אז דעם גלויבן אין גאט האבן מענטשן „אויסגעטראכט". זיי באווייזן מיט ראיות, ווי אזוי דער פרימי־טיווער מענטש איז דורך א ריי פאלשע אויסטייטשונגען פון די נאטור־דערשיי־נונגען און דורך פערזענלעכע איבערלעבונגען געקומען צו דער פארשטעלונג וועגן גייסטער, און ווי אזוי דערפון האבן זיך ווייטער אנטוויקלט די פארשיידענע רע־ליגיעס. די דאזיקע שיטה ,וואס האט נאך מיט א דור צוריק געהאט גאר א סך אנהענגער צווישן די קולטור־היסטאריקער, פארזעט, אז דער עיקר אין דער רע־ליגיע איז ניט די טעאריע, נאר די ר ע ל י ג י ע ז ע א י ב ע ר ל ע ב ו נ ג, דאס רעליגיעזע געפיל, וואס מיר באגעגענען אויך ביי „ניט גלויביקע" מענטשן.

אונדז קען נאטירלעך אויך ניט באפרידיקן דער ט ר א ד י צ י א נ ע ל ע ר צוגאנג צו דער רעליגיעזער פראבלעם. דער קריזיס אין דער רעליגיעזער אידעען־וועלט האט זיך דאס אייגנטלעך אנגעהויבן א סך פריער, איידער אין אונדזער סאציאלן און פאליטישן לעבן. מיר קענען היינט — אין דער ערשטער שורה גראד צוליב עטישע טעמים — פונקט אזוי ווייניק אקצעפטירן די טאטאלע רע־ליגיע, ווי א טאטאלן פאליטישן רעזשים. מיר ווייסן, אז דער רעליגיעזער קרי־זיס האט זיינע טיפע סיבות, און מיר קענען זיך ניט אפזאגן פון די וויכטיק־סטע דערגרייכונגען פון דער ליבעראלער תקופה. דערפאר שטעלט זיך פאר אונדז כלל ניט די פראגע וועגן אומקערן זיך צ ו ר י ק צו דער „אלטער גוטער צייט". די אלטע צייט איז גאר ניט אלעמאל געווען אזוי גוט, און גראד מיר, יידן, האבן וועגן דעם א סך צו דערציילן. די פראבלעם שטייט אנדערש.

באטראכט מען אויפמערקזאם דעם גאנצן קרייז פון רעליגיעזע דערשיי־נונגען און איבערלעבונגען, קומט מען צו דעם אויספיר, וואס איז היינט אנגע־נומען פון א גרויסער צאל רעליגיע־פארשער, אז ד ע ר מ ע נ ט ש א י ז ל ו י ט ז י י ן מ ה ו ת א ר ע ל י ג י ע ז ו ו ע ז ן. די רעליגיעזע אי־בערלעבונג איז פונקט אזוי מענטשלעך, ווי דאס געפיל פאר מוזיק, פאר שיינ־קייט, ווי דאס ליבע־געפיל וכדומה. און עס איז דערביי גאר ניט אזוי וויכטיק, צי מען גלויבט, אדער מען גלויבט ניט אין גאט. אין בודיזם, למשל, פעלט אפילו דער גלויבן אין א געטלעך וועזן. אט דאס מענטשלעכע געפיל איז, ווי די רעליגיע־פארשונגען באווייזן, א ו נ י ווע ר ס א ל און האט געפונען זיין אויסדרוק אין די פארשיידנסטע פארמען פון רעליגיעזן גלויבן און ריטואל.

אין וואס באשטייט דאס רעליגיעזע געפיל ביים מענטשן? דאס איז קודם־כל ד י א נ ו נ ג פ ו ן ז יי ן פ א ר ב ו נ ד נ ק יי ט מ י ט ן „ א י ן־ ס ו ף". דער מענטש פילט, אז ער איז ניט אינגאנצן אליין, אז ער טראגט אחריות פאר דער איבעריקער וועלט און אז ער דארף אפגעבן א חשבון פאר זיינע מעשים. דער מענטש וויל ניט און קען ניט שלום מאכן מיט זיין ב א ־ ג ר ע נ ע צ ט ק יי ט אין רוים און צייט. ער פילט זיך פארבונדן מיט אנדערע

מענטשן און אנדערע דורות, ער לעבט אין אנדערע — און אנדערע לעבן אין אים, דערפאר איז ער אזוי גוואלדיק שפירעוודיק לגבי דעם, וואס אנדערע זאגן וועגן אים. אויב אנ ד ע ר ע האבן וועגן אים א שלעכטע מיינונג, דאן שפירט ער עס, ווי א פארמינערונג פון זיין פערזענלעכקייט. באזונדערס דייטלעך קומט דאס רעליגיעזע געפיל צום אויסדרוק אין דעם געפיל פון פארבונדנקייט מיט די פארגאנגענע און קומענדיקע דורות. דער פרימיטיווער מענטש האט דערפאר א גרויסן יראת־הכבוד פאר די אבות. נאך מער ווענדט דער מענטש זיין בליק אויף דער צוקונפט. ער שטרעבט זיך צו פאראייביקן, זיך צו מ א כ ן א נ א־ מ ע ן, עס זאל ניט אפגעווישט ווערן זיין זכר אין די קומענדיקע דורות. ער לעבט ווייטער אין זיינע קינדער, אבער אויך אין זיינע מעשים. דאס אלץ זיינען ניט סתם פאראורטיילן פון פרימיטיווע מענטשן — אויך אונדזערע מאדערנע קינסטלער, שרייבער און פאליטיקער זיינען גרייט אפצוגעבן א וועלט, אדער אפילו חרוב מאכן א וועלט, אבי צו פאראייביקן ד ע ם נ א מ ע ן. דאס אייגענע טוען מיר, בעת מיר שטעלן א מצבה אונדזערע נאענטע פארשטארבענע, אדער ווען מיר פ א ר א יי ב י ק ן דעם נאמען פון פערזענלעכקייטן, וואס זיינען אונדז טייער. דאס איז — רעליגיעזער ריטואל, הגם דאס טוען אפט מענטשן, וואס מיינען, אז זיי זיינען ניט רעליגיעז.

נאך אינטענסיווער קומט דאס רעליגיעזע געפיל צום אויסדרוק אין דער אידעע פון ק ר ב ן. דורכן קרבן, דאס הייסט דורך מקריב זיין א טייל פון אייגענעם פארמעגן, און אין געוויסע אויסנאם־פאלן אפילו דאס אייגענע לעבן, פאראייניקט זיך דער מענטש מיטן „אין־סוף". מען געווינט די אייבי־קייט דורך אפזאגן זיך פון דעם, וואס האט נאר א צייטווייליקע עקסיסטענץ. דערפון נעמט זיך דער רעליגיעזער ביטול־געפיל צום עולם־הזה און דער יראת־הכבוד פארן אסקעט, פאר יענעם, וואס האט זיך אויסגעטאן פון דער וועלט. ווען א מענטש גיט אפ זיין לעבן פאר אן אידעע, פאר א נאציאנאלן אדער סאציאלן אידעאל, דעמאלט הייסט עס, אז ער האט זיך געבראכט א קרבן ניט פאר מאטעריעלע אינטערעסן — עס זיינען ניטא אזעלכע מאטעריעלע אינ־טערעסן, וואס זאלן זיין שקול כנגד דעם אייגענעם לעבן — נאר פאר דער אידעע פון „אין־סוף", וואס האט ביי אים אנגענומען די אדער יענע געשטאלט. דער העלד, וואס פאלט פאר זיין אידעאל, דער מארטירער, וואס שטארבט פאר זיין גלויבן, פילט, אז מיט זיין טויט איז זיין לעבן ניט פארענדיקט — ער שטארבט פאר דער צוקונפט, וואס איז פאר אים א רעאליטעט. דא הערן אויף אלע לאָ־גישע און אוטיליטאריסטישע חשבונות. און מעגלעך ווערט מסירת־נפש נאר דורך א רעליגיעזן געפיל און א רעליגיעזער איבערלעבונג. דאס איז דאס געפיל פארן „אין־סוף" און פאר דעם, אז די וועלט און דאס לעבן מוזן האבן א זינען. און דערפאר ווייל דאס רעליגיעזע געפיל איז ביים מענטשן אזוי טיף איינגע־װאָרצלט, רופן ארויס די העלדן־מעשים פון מארטירער אזוי פיל באוואונדערונג.

צו די עיקרים פון רעליגיעזן פילן און דענקען געהערט די אידעע פון ה יי ל י־

קייט. הייליק איז ניט נאָר גאָט, נאָר אויך דער מענטש, דאָס מענטשלעך לעבן, דער מענטשלעכער כבוד. ווען אַן אַטעאיסט גיט, אָנשטאָט צו שווערן, אַן ערן־וואָרט, האָט ער דערמיט זיין דערקלערונג צוגעגעבן אַ הייליקע, רעליגיעזע סאַנקציע און אָנערקענט, אַז אַן ערן־וואָרט איז עפּעס מער, ווי גלאַט אַזוי אַ וואָרט.

זיין רעליגיעז הייסט בכן ניט — געהערן פאָרמעל צו דער אָדער יענער רעליגיעזער גרופּע, נאָר רעליגיעז לעבן און רעליגיעז האַנדלען. באַטראַכט מען פון דעם שטאַנדפּונקט אויס אונדזער היינטיקע צייט, דעמאָלט וואַרפט זיך אין די אויגן די שטאַרקע רעליגיעזע זוכעניש, וועלכע נעמט אָפּט אָן ווילדע, ממש גראָטעסקע פאָרמען. ווי קען מען אַנדערש דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אין אונדזער „אויפגעקלערטן" צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן מיר זיך אומגעקערט צו דער פאַרגעטערונג פון מענטשן, צום קולט פון „פירער"? כאַראַקטעריסטיש איז דערביי, וואָס דער נייער געצנדינסט ווערט קולטיווירט גראָד אין קרייזן, וואָס פירן אַ קאַמף קעגן דער רעליגיע, ווי, למשל, אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד. דאָס זיינען נאַטירלעך פּאַטאָלאָגישע פאָרמען פון יענעם טיפן אומרו, וואָס האָט אַרומגענומען אונדזער אייראָפּעאישע קולטור־וועלט אין צוזאַמענהאַנג מיטן קריזיס פון דער רעליגיעזער אידעען־וועלט. דעם גלויבן אין גאָט האָט מען פאַרביטן מיטן גלויבן אין „פירער", און מען האָט אָפּט אַפילו אויסערלעך איבערגענומען דעם רעליגיעזן ריטואַל צו פייערן דעם נייעם קולט. אָבער אויך, למשל, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָנגענומען די „דריי פיילן" פאַר אַ סימבאָלישן צייכן, האָט זי אין דעם פאַל געהאַנדלט רעליגיעז.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען קרומע וועגן פון רעליגיעזן געפיל, וואָס בלאָנדזשעט און זוכט דעם ריכטיקן וועג צו גאָט. מיט דעם איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרבונדן דער קריזיס אין פּאָליטישן, סאָציאַלן און גייסטיקן לעבן פון אונדזער צייט. קיינמאָל נאָך זיינען די פעלקער, סיי מאַטעריעל, סיי גייסטיק, ניט געווען אַזוי שטאַרק פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע — און, פון דער צווייטער זייט, נאָך קיינמאָל אפשר איז די וועלט ניט געווען אַזוי מאָראַליש צעריסן, ווי היינט. דעם אָפּגאָט פון נאַציאָנאַליזם ווערט היינט געבראַכט פאַר אַ קרבן די צוקונפט פון אונדזער גאַנצער קולטור־וועלט.

דאָס איז אפשר אַלץ ריכטיק, קען מען מיר ענטפערן, אָבער דער פאַקט, וואָס דער מענטש האָט רעליגיעזע איבערלעבונגען און אַ רעליגיעזן געפיל, איז דאָך בלויז אַ סובייעקטיווער מאָמענט, דערפון איז נאָך גאָר ניט געדרונגען, אַז די רעליגיע איז אויך אַן אָביעקטיווע רעאַליטעט. עס איז ניט דאָ דער אָרט צו באַהאַנדלען די פראַגע אויספירלעך. איך וויל דאָ נאָר באַמערקן, אַז דאָס גאַנצע וויסן אונדזערס וועגן דער „רעאַלער" וועלט שטיצט זיך אויסשליסלעך אויף סובייעקטיווע איינדרוקן, און עס זיינען ניטאָ קיין שום צווינגענדיקע לאָגישע ראיות, אַז די דרויסנדיקע וועלט עקסיסטירט באמת; דער סובייעקטיווער אידעאַליזם פון בערקלעי, למשל, איז נאָך ווייט ניט אָפּגעפרעגט.

דער בירגערלעכער ליבעראַליזם און דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָבן זיך

גאָר ווייניק גערעכנט מיטן געפיל־לעבן פונעם פשוטן מענטשן. זיי האָבן פאַר־געסן, אַז לאו על השכל לבדו יחיה האדם, אַז צום לעבן פון אַ יחיד, ווי פון אַ ציבור, איז נויטיק ניט נאָר אַ קאָפּ, נאָר אויך אַ האַרץ. דערפאַר זיינען זיי געווען אַזוי הילפלאָז לגבי דער פאַשיסטישער רעאַקציע, וואָס האָט אין די סאַמע רויע, פרימיטיווסטע פאָרמען געבראַכט צום אויסדרוק דעם פּראָטעסט־געפיל פון ברייטע פאָלקסקרייזן קעגן דער אַליינהערשאַפט פון קאַלטן ראַציאָנאַליזם. די מאָדערנע וועלטלעכע קולטור האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו שוואַך, כדי צו קענען באַהערשן די ווילדע חיה, וואָס האָט אין משך פון דורות געדרעמלט אין דעם אייראָפּעאישן מענטשן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין אונדזער גאָטלאָ־זער צייט זיינען אַרויס פון די קברים און שפּאַצירן פריי און שטאָלץ אַרום איבער דער וועלט די שאָטנס פון די אַלטע, לאַנג פאַרגעסענע גערמאַנישע געטער. פון דער אַנדער זייט איז עס אויך ניט קיין צופאַל, וואָס אין היינטיקן דייטשלאַנד, למשל, איז נאָך די קירך דער איינציקער כוח, וואָס האָט מער־ווייניקער באַוויזן איינצוהיטן די זעלבשטענדיקייט און האָט אפילו פון צייט צו צייט דעם מוט אַרויסצוזאָגן אַ פריי וואָרט. די אַלטע יידישע נביאים האָבן געוואוסט, אַז גאָט אַנטפּלעקט זיך צו די מענטשן אין דער געשיכטע, און האָבן אין די אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס פון יידישן פאָלק געזען „גאָטס האַנט". מיר ריידן היינט אויך וועגן דעם רבי — געשיכטע, און עס איז בכל־אופן ריכטיק צו פרעגן: וואָס איז דער זינען פון די געשעענישן? וואָס באַטייטן די צייכנס פון אונ־דזער צייט?

עס האַנדלט זיך ניט וועגן „אויסטראַכטן" אַ נייעם גלויבן, נאָר וועגן געבן אַן ענטפער אויף די פּראָבלעמען פון אונדזער תקופה, געפינען די נויטיקע נייע פאָרמען פון אונדזער רעליגיעזן לעבן און דענקן.

אָבער אויך נייע פאָרמען פון רעליגיעזן לעבן לאָזן זיך ניט איינפירן אויף אַ קינסטלעכן אופן. דער כוח פון תורת־משה איז דאָך באַשטאַנען דערין, וואָס יידן האָבן געגלויבט, אַז זי איז געגעבן געוואָרן פון גאָט. אויב מענטשן אַליין וועלן זיך מאַכן מצוות — און אָן מצוות איז ניטאָ קיין רעליגיעז לעבן — וועלן זיי עס ניט האַלטן פאַר הייליק און וועלן זיי ניט מקיים זיין. אַזוי טראַכטן גע־ווים אַ סך מענטשן. דאָס איז אָבער אין תוך ניט ריכטיק. אפילו לויט די אַלטע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען זיינען די הייליקסטע פאַרפליכטונגען גראָד יענע, וואָס מענטשן נעמען אויף זיך פ ר יי וו י ל י ק. די אַלטע יידישע נזירים, ווי די קריסטלעכע מאָנאַכן, האָבן אויף זיך גענומען מצוות, וואָס זיינען פאַר קיינעם קיין חוב ניט געווען. לויט דער ביבלישער טראַדיציע האָבן די יידן אפילו נעהאַט די ברירה ניט אָנצונעמען גאָטס תורה, און זיי האָבן אינגאַנצן לויט זייער פ ר יי ע ן וו י ל ן אויף משהס פראַגע געענטפערט: „נעשה ונשמע". אין מגילת־אסתר ווערט בנוגע דער איינפירונג פונעם יום־טוב פורים בפירוש געזאָגט: „קימו וקבלו היהודים עליהם ועל זרעם" — „די יידן האָבן גענומען אויף זיך און אויף זייערע קינדער דאָס מקיים צו זיין". יידן האָבן אויך גאַנץ גוט גע־

וואוסט, אז אלע דינים פון תלמוד זיינען ניט געגעבן געוואָרן למשה מסיני — און פונדעסטוועגן האָבן זיי עס אָפּגעהיט מיט דער זעלביקער שטרענגקייט, ווי די מצוות פון דער תורה. מיר מוזן זיך סוף־כל־סוף באַפרייען פון יענער פאַל־שער ראַציאָנאַליסטישער פאַרשטעלונג, אַז די מענטשן זיינען דערפאַר געווען רע־ליגיעז, האָבן דערפאַר אָפּגעהיט די מצוות, ווייל זיי האָבן געגלויבט אין גאָט. ריכטיק איז דווקא דער היפוך: די מענטשן האָבן געגלויבט אין גאָט, ווייל זיי זיינען רעליגיעז, ווייל זיי קענען אָן מצוות ניט לעבן. דאָס איז, אויב איר ווילט, — מיסטיק. אָבער, איז דען ניט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן פול מיט מיס־טיק? די מצוות האָבן דעם צוועק צו רעאַליזירן דעם עיקר־געבאָט פון דער תורה „ואהבת לרעך כמוך" — האָב ליב דיין חבר, ווי זיך אַליין, — וואָס איז היינו הך מיט „ואהבת את יהוה אלהיך" — האָב ליב יהוה דיין גאָט. ווייל ס'איז ניטאָ קיין שום חילוק צווישן דער ליבע צום מענטשן און דער ליבע צו גאָט. דאָס איבעריקע — האָט שוין הלל הזקן געזאָגט — איז ניט מער, ווי אַ פּירוש. דער עיקר — איז געטלעך און גילטיק פאַר אַלע מענטשן און אַלע דורות, דעם פּירוש — מאַכן די מענטשן.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז יעדערער קען מאַכן שבת פאַר זיך. די פאַרבינ־דונג מיט גאָט ווערט רעאַליזירט אין דער רעליגיעזער עדה. דערפאַר דאַוונט מען בציבור, און אויך שבת וואָלט פאַרלוירן זיין הייליקייט, ווען יעדער ייד וואָלט אויסגעקליבן אַן אַנדער טאָג אויף צו פּראַווען שבת. די רעליגיע פאָדערט אַ ציבור־לעבן מיט אַ ל ג ע מ י י ן אָ נ ע ר ק ע נ ט ע — אין די ראַמען פון דער געגעבענער רעליגיעזער געמיינשאַפט — רעליגיעזע נאָרמעס און פליכטן.

מיר האַלטן דעם געדאַנק פון ב ח י ר ה, פון פרייוויליק נעמען אויף זיך מצוות, אָדער פון פרייוויליק זיך איינגלידערן אין אַ רעליגיעזער געמיינ־שאַפט, פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע עלעמענטן פון אַ מאָדערנעם רעליגיעזן לעבן. דאָס לייקנט ניט אָפּ נאַטירלעך די פאַרבונדנקייט מיט דער טראַדיציע. דאָס גיט אונדז היינט די מעגלעכקייט צו קומען צו אַ העכערער און ריינערער פאָרם פון רעליגיעזן לעבן און זיך צו עמאַנסיפּירן פון רעליגיעזן טאָטאַליזם, וואָס האָט געבראַכט צום רעליגיעזן קריזיס פון אונדזער צייט.

דערפון איז קלאָר, אַז ווען מיר רעדן וועגן שליחות, מיינען מיר אויך דער־מיט אַ היסטאָרישע מיסיע, וואָס מ ע ן נ ע מ ט א ו י ף ז י ך. נאַ־טירלעך, זיינען דערצו נויטיק געוויסע היסטאָרישע אומשטאַנדן, אָבער קודם־כל — דער ו ו י ל ן צו נעמען אויף זיך אָט די שליחות און זי אויסצופירן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט די אַלגעמיינע טענדענצן פון אונדזער צייט מוז אויך באַטראַכט ווערן די שליחות פון אונדזער גלות־פאָלק אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער קולטור־אַנטוויקלונג. אָבער דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך.

ז. קלמנאָוויטש / ווילנע

יהיד און פאָלק אין דער יידישער פראַגע

.1

אין מיין אַרטיקל „אונטערן האַמער פון דער געשיכטע"*) האָב איך אָנגעוויזן דערויף, אַז די מחברים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער יידישער פראַגע, טוען גאָר אָפט צונויפמישן — מער בלא יודעים ווי ביודעים — דעם שטאַנדפונקט פון דעם יחיד, אָדער פון די יחידים, מיטן שטאַנדפונקט פון דעם כלל, און אַז דאָס איז מען ניט באַרעכטיקט צו טאָן. בכדי צוצוקומען צו דעם רעאַלן מהות פון דער יידישער פראַגע, מוז זי ווערן געשטעלט לכל־הפחות פון דריי אויסגאַנגפונקטן אויס: פון דעם שטאַנדפונקט פון דעם יידישן יחיד, פון דעם שטאַנדפונקט פון דעם יידישן גייסט און פון דעם שטאַנדפונקט פון דעם יידישן פאָלק. די אַלע איינצל־פראַגעס זיינען נאַטירלעך אין דעם רעאַלן לעבנשטראָם געקניפּט און געבונדן, און אויב מען וויל — צונויפגעשמאָלצן, אָבער ביי אַ טעאָרעטישער באַטראַכטונג איז מען מחויב אויסצוטיילן יעדער איינצל־פראַגע באַזונדער, און ערשט דערנאָך וועט מען דערזעען אין אַ ריכטיקער שיין דעם גאַנצן רעאַלן קאָמפּלעקס. זאָרגט מען נישט לכתחילה פאַר דעם נויטווענדיקן אַנאַליז, איז לא ימלט, אַז מען מוז אַריינפאַלן אין פאַלשע מסקנות, וואָס פירן ווייט אַוועק פון דער ווירקלעכקייט און ברענגען אַריין אין אַ זאַקגעסל.

ביי דעם דאָזיקן אַנאַליז איז ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז די צרות־היחיד זאָלן פאַרנעמען באַלד דעם גאַנצן אָדער כמעט דעם גאַנצן שטח פון דעם פאָרשערם געדאַנק. די יסורים פון יידן־יחידים — ביי היינטיקן טאָג פון הונדערטער טויזנטער, פון מיליאָנען — זיינען דאָך ניט נאָר אין לשער טיף און בלוטיק, נייערט זיי זיינען אויך עלעמענטאַר, מוזן פאַרכאַפּן קודם־כל אַלע חושים, מוזן פייניקן דאָס מענטשלעכע גופיל און לאָזן קיין איין מינוט ניט צו רו דאָס נאָרמאַלע מענטשלעכע געוויסן. אויך פאַרן שכל איז דער צער פון יחיד דאָס ערשטע, וואָס מוז אים אָרן: עס לייגט זיך פאָרט ניט אויפן שכל פון אַ היינטוועלטיקן נאָרמאַלן מענטשן, אַז מען זאָל קענען אַוועקנעמען ביי מענטשן דאָס רעכט צו לעבן אויף דער וועלט נאָר דערפאַר, ווייל זיי געהערן אָדער זיי האָבן געהערט צו דער אָדער יענער עטנישער אָדער רעליגיעזער גרופּע. אַ פּשיטא שוין, אַז די פראַגע פון דעם ליידנדיקן יידישן יחיד מוז פייניקן דעם יידישן פאָרשער און איז עלול צו פאַרשטעלן פאַר אים אַלע אַנדערע טיילן פון דער פּראָבלעם, ווייל איטלעכער פון אונדז איז דאָך שוין פערזענלעך געשלאָגן פון די פּגעים פון

---

*) „אויפן שיידוועג", I, ז' 29 א"וו.

דער צייט: מענטשן, פערזענלעך נאָענטע און ליבע, זיינען שוין פארכאפט פון דער עינוויים־ראָד, און מאָרגן־איבערמאָרגן קען איר צאָן פארכאפן אונדזער „אייגן ביין און לייב".

אויף אָט דער פראגע פון דעם יידישן יחיד איז אוודאי גרינג און פשוט צו געבן אויך טעאָרעטיש אַן ענטפער, הגם ניט אזוי גרינג פראקטיש אים דורכצופירן. דער טעאָרעטישער ענטפער איז: י י ד י ש ע ע מ א נ ס י פ א צ י ע. א ייד איז א מענטש, ממילא קומט אים אַלצדינג, וואָס מענטש האָבן. ווייטערע חקירות זיינען איבעריק. אַן גלייכבארעכטיקונג קען שוין דער יידישער מענטש היינטיקע צייטן ניט לעבן, און ער מוז ניט אַנדערש אויסשטעלן אויף דער צייט, ווען די „ממשלת זדון" וועט פארגיין פון דער ערד. עס קען נאָר שטיין די ט א ק ט י ש ע פראגע: ווי אזוי לעבט מען איבער די צייט, ביז די מענטשלעכע רשעות וועט דערשטיקט ווערן.

אָבער גאָר ניט אזוי פשוט איז די יידישע פראגע, ווען מען שטעלט זי פון דעם שטאנדפונקט פון דעם י י ד י ש ן פ אָ ל ק. די פראגע, ווי אזוי עס קען לעבן דאָס יידישע פאָלק אין די קומענדיקע צייטן, איז געשטאנען א סך פריער, איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די איצטיקע צרות פאר די יידישע יחידים; זי וועט ממילא ניט אויפהערן צו שטיין, ווען די גזירות וועלן בטל ווערן. נאָך מער: די פראגע וועגן קיום פון יידישן פאָלק האָט זיך געשטעלט סיי אָביעקטיוו, סיי סוביעקטיוו, סיי צווישן די אומות די שכנים, סיי ביי יידן גופא — ערשט צוזאמען מיט דער עמאנסיפאציע, בשעת עס איז אויפגעקומען דער עצם רעיון פון דער עמאנסיפאציע. און די סכנה פארן קיום פון יידישן פאָלק איז געקומען דווקא פון יענע קרייזן, וואָס האָבן מער פון אַלע יידן גענאָסן פון די פרוכטן פון דער עמאנסיפאציע. פריער, אין די צייטן פון געטאָ, האָט פ א ר י י ד ן די פראגע פון קיום פון יידישן פאָלק ניט עקסיסטירט. אַלע יידן האָבן געגלויבט אין נצח ישראל, אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק: „אזוי ווי איך, אייער גאָט, בייט זיך ניט, אזוי וועט איר, ישראל, ניט אונטערגיין". מען איז געווען זיכער אין דער קומענדיקער גאולה און גדולה פון יידישן פאָלק. ערשט אין דער פראנצויזישער רעוואָלוציע האָט דער אוהב־ישראל קלערמאָן־טאָנער דעקלארירט: די יידן ווי מ ע נ ט ש ן — אַלע רעכט, דעם יידנטום ווי א פ אָ ל ק — גאָרניט! ווי אזוי י י ד ן האָבן אויף דעם רעאגירט, ווייסן מיר: בעת זייערע טאַטעס האָבן אויף אַלע אָנבאָטן פון רעכט, ווי א געצאָלט פאר רעליגיעזן שמד, געענטפערט מיט א פעסטן „ניין", האָבן די פירערס פון יענעם דור אין זייער שטרעבונג צו עמאנסיפאציע פארלייקנט די יידישע אומה און זיך אָפגעזאָגט פון איר עתיד. זינט דעמאָלט האַלט דער ווידעראנאַנד צווישן יחיד און פאָלק ביי יידן אין איין וואקסן און שפרייט זיך אויס פון פראנקרייך איבער גאָר דער וועלט.

נאָר טשיקאווע איז, וואָס אין פראנקרייך איז אָט דער קוק לעבעדיק נאָך ביזן היינטיקן טאָג. אָט האָט מען ניט לאנג געקאָנט לייענען אין יידיש־פראנצויזישן

זשורנאַל פון זשענעוו *) אַן אַרטיקל פון דעם באַוואוסטן ליטעראַטור-קריטיקער אַ נ ד ר ע ט ע ר י ו , וואָס האָט קענטיק אַ היפּשן אינטערעס פאַר דער יידישער פראַגע, אונטערן נאָמען „צי איז פאַראַן אַ פראַנצויזישער אַנטיסעמיטיזם?“. האַלט דער מחבר פון אַרטיקל, אַז מען קען ניט רעדן וועגן אַן ערנסטער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג א י צ ט, מען קען אָבער יאָ שאַפן אַזאַ באַוועגונג, ווען יידן זאָלן אין פראַנקרייך וועלן זיך קאָנסטיטואירן ווי אַ נאַציע. „יידן דאַרפן אויסקלייבן — שרייבט ער — צווישן ציוניזם און אַסימילאַציע“. אויב זיי וועלן אויסקלייבן אַסימילאַציע, וועלן מיר זיי אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס, ווייל מיר גענייטיקן זיך אין פריש בלוט; טאָמער וועלן זיי אויסקלייבן ציוניזם — און דער מחבר נעמט דעם ציוניזם אין סאַמע ברייטסטן און סאַמע אומבאַשטימטסטן באַטייט פון דעם וואָרט, דאָס הייסט אַפילו נאָר ווי אַ שטרעבונג אויפצוהיטן אַ קליין ווינקעלע פון אָפּגעזונדערטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן אָדער געפילן, אַפילו נאָר אין געביט פון שפּראַך — וועט פראַנקרייך זיי אַרויסשטופּן, ווי אַ פרעמדקערפּער. דאָ זעען מיר בפירוש, ווי דער פראַנצויזישער אינטעליגענט, דער פאָרשטייער פון דעם פאָלק דעם בעל-הבית, הגם אַ מענטש מיט אמתע סימפּאַטיעס פאַר יידן, מאַכט אַ שאַרפן אונטערשייד צווישן יידן יחידים און צווישן אַ מעגלעכן יידישן קאָלעקטיוו. די יחידים זיינען ביי אים אָנגעלייגט, דאָס פאָלק וויל ער ניט האָבן.

מען קען נאָך אפשר זאָגן, אַז דאָס איז אַזוי נאָר אין פראַנקרייך, וואו עס זיינען בכלל קיין נאַציאָנאַלע מיעוטים ניטאָ און וואו יידן ווי אַ פאָלק וואָלטן געווען דער א יי נ צ י ק ע ר מיעוט — און דאָס וויל דער פראַנצויזישער שרייבער ניט ליידן; אַנדערש וואָלט געווען אין אַ מלוכה מיט עטלעכע מיעוטים, אויב זי וואָלט נאָר געווען אמת דעמאָקראַטיש: דאָרט וואָלט קיינער ניט אָפּגעפרעגט דעם קיום פון אַ יידישן פאָלק. לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס איז אַזוי, און לאָמיר ניט רעכענען זיך מיט פאַרשיידענע פאַקטן פון די לעצטע 20 יאָר, וואָס קענען זיין נאָר צופעליקע און ניט קיין יסודותדיקע. לאָמיר מסכים זיין אויף אַ ווײלע מיט דער הנחה, אַז דער פּרינציפּ פון אמתער דעמאָקראַטיע גאַראַנטירט גלייכבאַרעכטיקונג דער יידישער נאַציע אַפילו אין צושטאַנד פון צעשפּרייטונג. נאָר ערשט דעמאָלט שטעלט זיך די כּמעט יסוד-פראַגע פון דעם קיום פון יידישן פאָלק: צי איז פאַראַן ד ע ר ס ו ב י ע ק ט פאַר אָט דער גלייכבאַרעכטיקונג, צי איז פאַראַן דער ל ע ב ע ד י ק ע ר ק אָ ל ע ק ט י ו , וואָס וועט אָט די נאַציאָנאַלע עמאַנסיפּאַציע אויסקעמפן און פאַרווירקלעכן?

לאָמיר גיין נאָך ווייטער. מיר קענען אויף אַ ווייל מסכים זיין, אַז קיין אַסימילאַציע פון יידן מיט די שכנים-פעלקער, צי מיט די בעלי-בתים-פעלקער, איז ניט מעגלעך. שוין אָפּגערעדט פון איצט, ווען די דאָזיקע פעלקער גרענעצן זיך אָפּ פון יידן — און ווילן ניט פאָלגן דעם אויבן-ציטירטן פראַנצויזישן מחבר —

*) « Revue Juive de Genève », Avril 1939 (N° 67).

נאָר אפילו אין די גוטע צייטן פון דער ליבעראַלער עמאַנסיפּאַציע האָבן די יידישע יחידים ניט געקענט זיך באַהעפטן פולקום מיטן פרעמדן פאָלק, וואָס זיי האָבן זיך געריסן צו אים. אָבער עס מוזן דאָך אַלע מסכים זיין מיט אחד־העמס געדאַנק, אַז אין דעם קולטור־לעבן פון יידישן כלל גייט אָן אַ צעברעקלונג (התפוררות). אין דעם נייעם פּראָגרעסיוון לעבן, וואָס האָט פאַרכאַפּט אויך דאָס יידנטום, זעט זיך קיין אַלגעמיין־יידישע קולטור ניט אַרויס. און אויב ניט קיין אַלגעמיין־יידישע קולטור — טאָ אין וואָס דען באַשטייט די יידישע איינהייט? אין וואָס דען ווייזט זיך אַרויס די אַקטיוויקייט פון אַ יידיש פאָלק? און ווי אַזוי דערקענט מען די עקסיסטענץ פון אַזאַ פאָלק ביי היינטיקן טאָג און אין דער צוקונפט? בפרט ווען מיר ווייסן דאָך, אַז אויך אין די איינציקע מיליאָניקע יידישע קיבוצים איז קיין קולטורעלע איינהייט ניטאָ, און עס זעט זיך ניט פאָרויס, אַז אַזאַ איינהייט זאָל געשאַפן ווערן. טאָ ווער איז דער שאַפער און טרעגער פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער קולטור אין גלות?

אָט דאָס איז די אינעווייניקסטע פראַגע פון יידישן פאָלק, וואָס מוז קריגן איר פאַרענטפער, אָפּגעשיידט פון דער פראַגע פון דעם יידישן יחיד. פטור פון איר איז דער יידישער אַסימילאַטאָר און דער נייטראַליסט. אויך דער לעצטער איז ניט מחויב זיך צו דרייען אַ קאָפּ וועגן דעם עתיד פון אַ יידישער קולטור אין גלות: וועט זי זיין בגזירת פון דער „געשיכטלעכער אַנטוויקלונג" — איז גוט, וועט זי ניט זיין — איז אויך רעכט. אַנדערש דער יידישער גלות־נאַציאָנאַליסט — ער קען דאָך אַזאַ צושטאַנד ווי איצט ממש ניט אַריבערטראָגן. ער מוז זוכן דעם כוח, וואָס זאָל איבערבייטן די איצטיקע צעברעקלונג־טענדענץ אין יידישן לעבן. ער מוז געפינען דעם וועג צו דער נייער איינהייט. ער מוז געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע, צי קען געמאָלט זיין אַ סיטואַציע, אַז יידן זאָלן אויפהערן צו זיין פּוילישע יידן, ליטווישע יידן, אַמעריקאַנער יידן אאַ"וו, און זאָלן ווערן סתם יידן, אָדער — פּאַראַפראַזירנדיק חיים ווייצמאַנס אַ וואָרט — ווערן אַזוי פיל יידיש, אויף וויפיל ליטווינער, לאָמיר זאָגן, זיינען ליטוויש. אָדער אפילו נאָך באַשיידענער: צי איז פאַראַן אַ מיטל צו ברענגען דערצו, אַז ביי ברייטערע יידישע מאַסן זאָל זיך אויפכאַפּן אַ ווילן צו ווערן יידיש אין דער אָקאָרשט באַצייכנטער מאָס?

אוודאי איז די פראַגע פון יידישן פאָלק, ווי זי איז דאָ אָקאָרשט סקיצירט געוואָרן, ניט קיין נייס. זי איז געשטעלט געוואָרן, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, און דער ציוניזם האָט שוין גענומען אפילו ווייזן אַ פּראַקטישן וועג זי צו פאַרענטפערן. אָבער די צרות פון די יידישע יחידים און פון די יידישע מאַסן אין אונדזער ווילדער צייט שטערן אויך שרייבערס פון דער נאַציאָנאַלער ריכטונג צו זעען קלאָר דעם מצב, און זיי פּלאָנטערן זיך אין די באַגריפן, בעת זיי ווילן באַטראַכטן די יידישע פראַגע אָן דעם נייטיקן אַנאַליז. איך וויל דאָ ברענגען אַ ביישפּיל פון איינעם אַזאַ מחבר, וואָס פאַרמעסט זיך צו באַווייזן די יידישע פראַגע פון אַ נייער און, וועדליג ער מיינט,

אומגעריכטער זייט, נאָר אין אמתן ברענגט ער אַריין נאָר אַ פרישן פּלאָנטער, דורך דעם, וואָס ער גייט אַריבער אין זיינע חקירות, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, פון דער פראַגע פון יחיד צו דער פראַגע פון כּלל — און פאַרקערט.

2.

אין איינעם פון די לעצטע נומערן פון דעם אָרגאַן פון דעם העברעאישן ליטעראַטן-פאַראיין אין ארץ־ישראל „מאזנים" רעדט אַרום אַ מחבר, וואָס באַ־האַלט זיך אונטער אַ פּסעוודאָנים, נאָר ער איז זיכער איינער פון די ערשטע פּובליציסטישע כּוחות, אַ מאַן מיט אַ ברייטער בילדונג און אַ פיינער פּען, ־עם „חורבן פון אַן אילוזיע". די חרובע אילוזיע דאָס איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע. די יידישע יוגנט אין גאָר דער וועלט איז אַ משך פון אַ דור געווען פאַרקאָכט אין דער רעוואָלוציע, האָט זי פאַרהייליקט, געבראַכט אויף איר מזבח אָן אַ שיעור קרבנות, אַרויסגעקוקט, אַז זי וועט ברענגען די גאולה דער וועלט און אויך פאַר יידן — און צום סוף אַזאַ בראָך! אי די וועלט פיניקט זיך אין געהאַקטע וואונדן, אי יידן זיינען אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מסוכנעם מצב, אַז עס זעט זיך גאָר ניט קיין הילף. הכלל, די גאַנצע מי און אַלע קרבנות זיינען געווען אַרויסגעוואָרפן. דער אָנטייל פון יידן אין דער רעוואָלוציע איז געווען אַ פאַטאַלער, ממש אַן אומברענגערישער טעות.

וועל איך זיך דאָ אויף דער אָפּשאַצונג, וואָס דער מחבר גיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער כּלל־מענטשהייט, ניט אָפּשטעלן, מחמת ענלעכע אָפּשאַצונגען האָט מען די לעצטע צוואַנציק יאָר געקענט באַגע־גענען ניט זעלטן, און איך בין ניט אויסן זיי אָפּצופרעגן. איך ווענד זיך דירעקט צו דער עיקר־טעמע: צו דעם חורבן, וואָס די רעוואָלוציע (געגויער — ביידע רעוואָלוציעס, די רוסישע און די דייטשע, נאַציסטישע) האָט אָנגעמאַכט אין יידישן לעבן. דער חורבן נעמט זיך, לויט אונדזער מחבר, פון דעם, וואָס די רע־וואָלוציע — אויך די נאַציסטישע — האָט אָפּגעשאַפט דעם פּרינציפּ פון פּרי־וואַט־אייגנטום, און דער יידישער קיום — מיינט דער מחבר — איז דאָך געווען אין גאַנצן געבויט אויפן יסוד פון פּריוואַט־אייגנטום.

אין דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן טעזיס, אין דער גאַנצער באַוויז־פירונג פון דעם מחבר קענט איר בשום אופן ניט קלאָר ווערן, צי „יידישער קיום" באַטייט ביי אים דער קיום פון יחיד, צי דער קיום פון כּלל־ישראל.

„די יידישע עמאַנסיפּאַציע — שרייבט ער — איז אין איר עצם מהות געבויט אויף דעם באַוואוסטזיין פון דעם פּרט, פון דעם מענטש — איטלעך אַנדער באַוואוסטזיין רייסט אַרויס פון וואָרצל דעם יידן און זיין שטאַנד אין דער וועלט". איז דאָס אָן ספק ריכטיק בנוגע דעם יידישן יחיד, אָבער ניט ווינציקער קאָן דאָס ווערן געזאָגט וועגן י ע ד ע ר א נ ד ע ר יחיד: זיין עקסיסטענץ איז מעגלעך נאָר אויפן פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג מיט אַלע אַנדערע יחידים.

דערוויל, הייסט דאָס, איז ווען עמאַנסיפּאַציע פון י י ד י ש ן פ אָ ל ק נאָך גאָרניט דערמאָנט. נאָר אָט לייענען מיר ווייטער:

„דער אינסטיטוט פון פּריוואַט־אייגנטום איז דער שטאַרקסטער כלי־זיין, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון דעם יידישן מענטש (בידי האדם מישראל), און ווען מען האָט ביי אים צוגענומען אָט דאָס אייגנטום, איז דער י י ד י ש ע ר כ ל ל (מיין אונטערשטראָך. — ז. ק.) געוואָרן ווי שטויב, וואָס צעפליט זיך (כאבק פורח)". דאָ מוזט איר באַלד בלייבן שטיין: און אַז עס איז געווען פּריוואַט־אייגנטום אין דייטשלאַנד, איז דער יידישער כלל דאָרט געווען מער ווי שטויב? און די פיר מיליאָן יידן אין אַמעריקע — וואו פּריוואַט־אייגנטום איז דערוויל נאָך גאָר ווינציק באַגרענעצט דורך דער מלוכה — זיינען יידן אין יידיש־פּאָלקישן זינען אַ סך מער באַהעפט צווישן אַנאַנד, ווי מענטשן־שטויב?

איך האָב אָבער דורכגעלאָזט נאָך אַ טעזיס, וואָס דער מחבר האָט אים אריינגעשטעלט אין דעם פריערדיקן זאַץ אין קלאַמערן: „דער גאַנצער כוח פון אַ יידישן מענטש אַ יחיד ווערט אַרויפגעשטעלט אויפן חשבון פון דעם יידישן כלל: באַגלייך צום שלעכטן און צום גוטן, באַגלייך צו פריידן און צו צרות". דאָ שיידט טאַקע דער מחבר אונטער צווישן יידישן יחיד און צווישן יידישן כלל. אָבער זיין הנחה, אַז דער מצב און די אינטערעסן פון יחיד און כלל אין דער יידישער ווירקלעכקייט דעקן זיך, שטימט דאָך לחלוטין ניט מיטן אמת. „דער כוח פון יחיד ווערט אַרויפגעשטעלט (נזקף) אויפן חשבון פון כלל" — איז קודם־כל די קשיא: ו ו ע ר שטעלט אַרויף? אויטאָמאַטיש ווערט דאָך דאָס ניט. עס זיינען געווים פאַראַן אַזעלכע יידן יחידים, וואָס פאַרנעמען אַ געוויסע פּאָזיציע אין פּאָליטישן צי עקאָנאָמישן לעבן פון רוסלאַנד, אַמעריקע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, וואָס זיינען אַ כוח אין יענע לענדער און קענען ווענדן דאָס דאָרטיקע לעבן אין אַ געוויסער ריכטונג — אָבער זיי האָבן דאָך מיט י י ד ן ניט צו טאָן, און ממילא קענען זיי ניט ווירקן כי הוא זה ניט נאָר אויפן לעבן פון אַ יידישן כלל, נאָר אפילו ניט אויפן לעבן פון יידישע יחידים. מער ניט בנוגע אַזעלכע „פּראָמינענטע" יידן, וואָס אינטערעסירן זיך ספּעציעל מיט יידישע ענינים, קען מען בדוחק זאָגן, אַז זיי שפּילן אַ ראָלע אין יידישן לעבן, ווייל אַ קליינער טייל פון זייער געזעלשאַפטלעכער ענערגיע ווערט אויסגענוצט לטובת יידן. אָבער דאָס איז אויך אין דעם ווייט גרעסטן טייל פאַלן פילאַנטראָפּישע הילף פאַר יידישע יחידים. לגבי דעם קיום פון דעם יידישן כלל האָט דאָס פּאַראַנען־זיין פון אַ צאָל השפּעהדיקע יידישע קאַפּיטאַליסטן, פּאָליטיקער און אינטעלעקטועלע אין די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע לענדער געהאַט שטענדיק נאָר אַ נ ע ג אַ ט י ו ו ע באַדייטונג. גראָד זיי, ווי ווייט זיי אינטערעסירן זיך מיט יידן און ווי ווייט זיי האָבן געשאַפן געהעריקע אָרגאַניזאַציעס — די „ייק"א", דעם „אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט", די „יידיש־ענגלישע אַסאָציאַציע" — זיינען שטענדיק געווען און זיינען נאָך איצטער די שטאַרקסטע קעגנער פון דער

אידעע פון אַ יידישן פאָלק. עס איז אַ חידוש, ווי אַזוי אַ העברעאישער שרייבער אין ארץ־ישראל פאַרגעסט אין דעם מאָמענט דעם קאַמף, וואָס אָט די יידן מיט כוח האָבן געפירט קעגן הערצלען, קעגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע און בכלל קעגן אַלע אַרויסווייזן פון אַ יידישער נאַציע.

ער פאַרלירט אין דער היץ פון זיין אַרגומענטירונג אַזוי ווייט דעם זכרון, אַז ביי אים קומט אויס, אַז די תקופה פון דעם אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישן ליבעראַליזם האָט גע שטאַרקט די „יהדות“.*) ער שרייבט, למשל: „דער ליבעראַליזם איז געווען אַ זאַפט פון בענטשונג און לעבן פאַר ישראל (סם ברכה וחיים לישראל)... דער „שאַנס“, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם יידנטום, זיין פאַרשטאַנד, זיין פעאיקייט, זיין ענערגיע, זיין אויסהאַלטעוודיקייט, זיין בייגעוודיקייט — דאָס איז ניט אַוועק אומזיסט, פאַר זיין אייגענער טובה וועגן און פאַר דעם גאַנצן כלל“. ווען מען זאָל נעמען די פאַקטן, וואָס לויט זיי האָט דער מחבר געמעגט מיט אַ זאַכלעכן און לאָגישן רעכט אויפבויען אָט דעם זאַץ — האָט ער געקענט האָבן אין זינען נאָר יידישע יחידים, וואָס האָבן באַוויזן אַ סך אויפצוטאָן, און דער כלל, וואָס האָט אויך גענאָסן פון זייערע אויפטוען, איז — דער כלל מענטשהייט. דער ליבעראַליזם האָט געגעבן דעם יידישן יחיד, די יידישע יחידים אין גאָר דער וועלט — די צענדליגער טויזנטער, אפשר די הונדערטער טויזנטער — דעם „שאַנס“ אַרויסצואַווייזן און צו אַנטוויקלען זייערע פעאיקייטן צוליב זייער אייגענער טובה און צוליב דער טובה פון דער וועלט. דאָס איז אָן ספק אָביעקטיוו ריכטיק. אָבער וואָסער „שאַנס“ האָט דער ליבעראַליזם געגעבן דעם יידישן פאָלק, און וואָס פאַר אַ פעאיקייט האָט דאָס יידישע פאָלק אין משך פון די 150 יאָר ליבעראַליזם אַרויסגעוויזן דעם דאָזיקן „שאַנס“ אויסצונוצן? אַ סך פעלקער האָבן טאַקע אין אָט דער צייט זיך באַפרייט פון אונטערן יאָך פון פעאָדאַליזם, האָבן אָראָפּגעשאָקלט פון זיך דעם מיטלעלטערלעכן קאָסמאָפּאָליטיזם, האָבן אויפגעבויט זייער נאַציאָנאַלע קולטור און קוקן אַרויס מיט שפּאַנונג, אָבער מיט זיכערקייט אויף אַ נייער תקופה פון דער מענטשהייט. וואָס האָט אין דעם פּרט באַוויזן דאָס יידישע פאָלק? אָט די אַלע יחידים, וואָס האָבן געקראָגן דעם „שאַנס“ צו אַנטוויקלען זייערע יחידישע פאַרשטאַנדן, פעאיקייטן, ענערגיעס אאַז״וו, זיינען דאָך מיטן כוח פון ליבעראַליזם אַוועק פון פאָלק, האָבן זיך דאָך פון אים אָפּגעריסן, האָבן דאָך געווירקט אין אַ פרעמדער סביבה. ווי אַזוי פאַרגעסט אָט די פאַקטן אַ העברעאישער שרייבער?

---

*) צו פאַרשטאַרקן די אומקלאָרקייט ביים מחבר העלפט דאָ נאָך אפשר זיין העברעאישע טערמינאָלאָגיע: „ישראל“ באַטייט ביי אים אַמאָל דאָס פאָלק און אַמאָל דעם יחיד, דעם ייד; „יהדות“ באַנוצט ער צומאָל אין זינען פון אַ „קיבוץ יידן“ (ווי „יידנטום“ — אַזוי ווי דער באַגריף איז אָנגענומען אין אונדזער פרעסע) — בעצם אָבער האָט „יהדות“ דעם טייטש פון „יידישקייט“, דאָס מיינט דעם סכום יידישע אידעען און אויפפיר־כללים.

און אָט איז אַ זאַך, וואו דער פּלאָנטער פון די באַגריפן „יחיד“ און „פאָלק“ איז באַזונדערס אָנזיכטיק און בולט: „דאָס אייגנטום, וואָס איז פאַרבונדן מיטן מענטש דעם יחיד און ניט מיטן קאָלעקטיוו, איז אפשר געווען אַ קללה פאַר אַ סך פעלקער און געזעלשאַפטן... אָבער ער איז געווען אַ ברכה פאַרן יידן אין דער וועלט“. מיר האָבן דאָ אַ לאָגיש און זאַכלעך ניט דערלאָזלעכע אַנטקעגנשטעלונג פון געזעלשאַפט ביי אַנדערע און פון יחיד ביי יידן. כל זמן עס עקסיסטירט דער אינסטיטוט פּריוואַט־אייגנטום, איז טאַקע אַז וואויל צו דעם, וואָס פאַרמאָגט אייגנטום, און אַז אָך־און־וויי צו דעם, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין אייגנטום — אַלץ איינס, צי ער איז אַ ייד, אַן ענגלענדער אָדער אַ טערק. גייט די רייד אָבער וועגן געזעלשאַפט, מוז מען דאָך אַנטקעגנשטעלן קעגן אַנדערע פעלקער דאָס יידישע פאָלק, און ניט דעם יידישן יחיד. און ביי אַזאַ פאַרגלייך קען זיך אַרויסווייזן, אַז אויך פאַרן יידישן פאָלק איז פּריוואַט־אייגנטום ניט מער ברכה, ווי פאַר אַ סך אַנדערע פעלקער.

וואָס איז שייך דעם עצם אויפטו פון דעם יידישן פּריוואַטן קאַפּיטאַל פאַר דעם יידישן פאָלק, איז ווען מען פאַרגלייכט אים מיט דעם, וואָס עס האָבן ניט־יידישע קאַפּיטאַליסטן אויפגעטאָן פאַר זייערע פעלקער, וועט דער יידישער קוים זיך האָבן מיט וואָס צו גרויסן. צי קען מען אָנרופן כאָטש־בי איין יידישן גביר, וואָס האָט אויפגעטאָן פאַרן יידישן פאָלק אפילו אין אַ מינימאַלער פּראָפּאָרץ אַזוי פיל, וויפיל אַ קאַרנעגי אָדער אַ ראָקפעלער, אַ מאַמאָנטאָוו אָדער אַ סאַוואַ מאָראָזאָוו? וואָס איז אַרויסגעקומען, אַ שטייגער, דעם יידישן פאָלק דערפון, וואָס דער אָרטאָדאָקסיש פרומער יידישער גביר הירש אין דייטשלאַנד איז געווען „קופּער־קיניג“ אין אייראָפּע? סיידן דער נחת־רוח, ווען מען האָט געהערט דערציילן, אַז אין אָט דעם קופּער־קיניגס געשעפטן אין האַמבורג און פראַנקפורט דמאַין ווערט שבת ניט געאַרבעט... און ווי קען דאָס אַ שרייבער פון ארץ־ישראל ניט האָבן אין זינען יעדע רגע, אַז דער יידישער קאַפּיטאַל אין דער וועלט האָט אפילו אין דער מינימאַלסטער מאָס ניט אויסגעפירט זיין חוב לגבי דעם אויפטו אין ארץ־ישראל, אַ פּשיטא שוין אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס די פאַרטרעטערשאַפט פון דער יידישער אַרבעט־קראַפט האָט געגעבן און גיט יעדן טאָג און יעדער שעה פאַר דער נאַציע? און ווי אַזוי זעט ער ניט איין, אַז צו דעם איצטיקן קאַטאַסטראָפאַלן מצב אין ציוניזם איז עס געקומען דער עיקר דערפאַר, וואָס דער יידישער קאַפּיטאַל, דאָס יידישע פּריוואַט־אייגנטום אין דער וועלט איז ניט באַטייליקט אין דער געהעריקער מאָס אין דער אויסלייזונג פון ארץ־ישראל? די ראָטשילדס אין פּאַריז, למשל, האָבן אַ טראַדיציע פון חיבת־ציון. זיי האָבן אויפגעטאָן לפי־ערך אַ סך פאַר ארץ־ישראל, על כל פּנים אין פאַרגלייך מיט אַנדערע יידישע גבירים. אָבער די ראָטשילדס האָבן געגעבן צדקה פאַר ארץ־ישראל, גרויסע צדקה, אָבער פאָרט ניט מער ווי צדקה. בכדי מען זאָל האָבן דאָס רעכט צו זאָגן, ווי אונדזער מחבר זאָגט, אַז דער יידישער קאַפּיטאַל איז דער יסוד פון קיום פון יידישן פאָלק, האָבן די יידישע קאַפּיטאַליסטן אין

ג א נ צ ן, מיט גאָר זייער קאַפּיטאַל, מיט גאָר זייער ענערגיע, מיט גאָר זייערע פֿעאיקייטן געדאַרפֿט אַרבעטן א י ן ייִדישן פֿאָלק.

צי איז מען בכן באַרעכטיקט צו זאָגן, אויפֿן סמך פֿון אָט די פֿאַקטן, אַז דער ייִדישער קאַפּיטאַל איז געבונדן און געפֿאַנגען פֿון דעם לאַנד, וואו ער געפֿינט זיך, אַז ער איז אויך אין דער ליבעראַלער תקופֿה געווען אַ טייל פֿון דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל פֿון דעם שייכותדיקן לאַנד, און ממילא האָט די קאָמו־ניסטישע און נאַציסטישע רעוואָלוציע אַריינגעבראַכט נאָר אַ שינוי אין דער שייכות פֿון דעם ייִדישן קאַפּיטאַל צו דעם פֿאָלק דעם בעל־הבית, אָבער קיין שום שינוי ניט אין זיין שייכות צום יי ד י ש ן פֿאָלק? און איך פֿאַרשפּאָר נאָך מוסיף צו זיין, אַז דער, וואָס האַלט, אַז דער ייִדישער קאַפּיטאַל איז דער יסוד פֿון קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק, האָט מיט דעם אָפּגעזאָגט קדיש נאָכן ייִדישן פֿאָלק, וואָרעם סיי די קאָמוניסטישע און סיי די טאָטאַליסטישע מלוכה נעמט דאָך צו דעם קאַפּיטאַל פֿ א ר ז י ך.

אָבער ניט בלויז דער אָפּלאָגעט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג וועט ניט אָפּצושיידן די פּראָבלעם פֿון יחיד און די פּראָבלעם פֿון כּלל אין דער ייִדישער פֿראַגע. דאָס טרעפֿט כּסדר אויך מיט ק ע ג נ ע ר פֿון קאַפּיטאַליזם. זיי, וואָס גייען אַרויס פֿון די אינטערעסן און נויטן פֿון מאַסן און וואָס זייער ציל איז אַ קאָ־לעקטיוו, האָבן בעצם באַדאַרפֿט האָבן שטענדיק אין זינען אָט דעם אונטערשייד פֿון די באַגריפֿן. האָבן זיי לכל הפּחות געמעגט פֿאַרשטיין, אַז דורך פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע פֿון ייִדן איז נאָך גאָר ווינציק געטאָן געוואָרן צום פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע פֿון ייִדישן פֿאָלק. אויב אָבער זיי מיינען, אַז נאָך דעם, ווי די יחידים ייִדן זיינען באַפֿרידיקט, איז שוין מער ניט געבליבן וואָס צו טאָן, הייסט דאָס, אַז פֿאַר זיי עקסיסטירט ניט דאָס ייִדישע פֿאָלק אפֿילו ווי אַ פּ ר אָ ב ל ע ם.

מיר זעען בכן, אַז מען קען זיין ווי דורכגענומען מיט די בעסטע געפֿילן לגבי ייִדן און אפֿילו לגבי דעם ייִדישן כּלל, קוים אָבער פֿאַרלירט מען דעם קאָנ־טראָל איבער דעם געדאַנק און מען הייבט אָן צונויפֿמישן די באַגריפֿן „ייִדן" און „ייִדיש פֿאָלק", מוז מען קומען צו אַזעלכע מסקנות, וואו עס בלייבט גאָרניט פֿון דעם לעצטן באַגריף. דאָס ליגט נאַטירלעך אין דער טבֿע פֿון דעם אָביעקט „ייִדיש פֿאָלק": עס א י ז אומבאַשטימט און צעבראָקלט. און פּונקט ווי עס איז נויטיק אַ גרויסע אַקציע אין דער וועלט פֿון „זיין", בכדי צו געבן ייִדן צוריק זייער איינהייט, פּונקט אַזוי איז נויטיק אַ ספּעציעלע אָנשטרענגונג פֿון דעם גע־דאַנק, בכדי אויפֿצוהיטן אין זיין פֿולן אינהאַלט דעם באַגריף "ייִדיש פֿאָלק", אַזוי אַז מען זאָל ניט געשטרויכלט ווערן אין סתירות.

מלך ראוויטש / ניו־יאָרק

כאַאָטישע ווערטער וועגן דאָגמעס

איך האָב איבערגעלייענט דאָס ערשטע ביכל „אויפן שיידוועג" — און מיטן גרעסטן טייל זאַכן, וואָס זיינען דאָרט געדרוקט, בין איך א י ד ע א י ש נ י ט מסכים געווען.

אָבער יאָ מסכים געווען — און איך שטרייך עס אונטער מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם — מסכים געווען צו דער פרייהייט פון וואָרט, וואָס קומט אויף די בלעטער צום אויסדרוק.

אַלעמאָל פ ר י י ה י י ט פון וואָרט — אָבער קיינמאָל ניט ה פ ק ר פון וואָרט, אין וועלכן איבערגעטריבענע פרייהייט פאַלט אָפטמאָל אריין.

און אויב פרייהייט פון וואָרט — האָב איך מיר געטראַכט און טראַכט מיר נאָך איצט — וויל איך, מיט דעם גאַנצן דרך־ארץ צו די חשובע קאָלעגן, וואָס זיצן, אַזוי ווי איך, אויף די גראָזן ביים ראַנד פון „שיידוועג" און זאָגן זייער וואָרט, וויל איך מיר אויך דערלויבן מיין וואָרט צו זאָגן, דאָס וואָרט פון איינעם פון די זעכצן מיליאָן. אָט איז מיין שטים אין דעם גרויסן שטימקאַסטן וועגן יידישקייט. די שטים פון פאָלק איז די שטים פון גאָט — די שטים פון יידישן פאָלק איז די שטים פון יידישן גאָט. אָט איז מיינע — איינע פון די זעכצן מיליאָן.

1.

איך האָב קיינמאָל מיין יידישקייט ניט גענומען מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי דער פיש דאָס וואַסער. איך האָב דערמיט געאָטעמט, אָבער קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו פילן דעם וואונדער פון דעם אָטעמען. איך האָב אַלעמאָל געפילט דעם וואונדער, אָבער קיינמאָל ניט בלינד געדינט דערצו. איך האָב מיך אַלעמאָל באַמיט אים צו פאַרשטיין, אָבער איך האָב אים ביז איצט — און עס וואָלט שוין צייט געווען: די זון פון מיין לעבן שטייט שוין שטאַרק אין פאַרנאַכט אריין — קיינמאָל ניט גרונטיק באַנומען. און אפשר דערפאַר בין איך אַלעמאָל גרייט געווען, און בין נאָך איצט גרייט, די יידישקייט מיינע אוועקצוגעבן — מען זאָל מיר נאָר עפּעס ב ע ס ע ר ס געבן דערפאַר. עס איז קלאָר, אַז הינטער דעם „עפּעס בעסערס" שטייט ניט קיין שום מ א ט ע ר י ע ל ע „בעסערקייט".

יידישקייט איז לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג ניט אַ ציל פאַר זיך, נאָר אַ מיטל צו אַ ציל. און טאַקע ניט צו בלויז אַ יידישן ציל, נאָר צו אַן אַלמענטשלעכן. אַזוי פאַרשטיי איך די נביאים, און אַזוי פאַרשטיי איך זייער גאָט, אונדזער גאָט, אונדזער יידישן גאָט.

פלייש עסן איז אפשר אַ גוטע און אַ געזונטע זאַך, אָבער אַז עמיץ איז צו מיר געקומען אין מיין אַכצענטן לעבנס־יאָר און האָט מיך איבערגעצייגט, אַז

וועגעטאַריזם איז בעסער און געזונטער פֿאַר דער נשמה און פֿאַרן גוף, האָב איך זיין לערע אָנגענומען און האַלט מיך מיט איר אויף אייביק. דער מענטש, וואָס וועט קומען מיך אַוועקנעמען פֿון יידישקייט, וועט ביי מיר אויף קיין שום פּ ר י נ ־ צ י פּ י ע ל ע שוועריקייטן זיך ניט אָנשטויסן. איך בין ניט קיין פּרינציפּיעלער ייד. יידישקייט איז אַן איבערגאַנג־זאַך, אָנהויבנדיק מיטן ערשטן וואָרט פֿון בראשית און ענדיקנדיק מיטן לעצטן פֿון די כתובים.

נעמט די ווערטער ניט צו לייכט — ניט צו לייכט זיינען זיי אַרויסגעזאָגט און אוודאי ניט צו לייכט געמיינט.

לאָמיך עס פּרוּוון קלאָרער צו מאַכן.

איך שיט ניט מיט דער תוכחה, ווען עמיץ קומט צו מיר צו גיין און פּרעדיקט אַסימילאַציע. אַפילו איצט ניט — נאָך דייטשלאַנד. איך וויל דאָס נאָר פֿאַרשטיין. אַז איך וועל שיטן מיט דער תוכחה דערפֿאַר, וועל איך זיין דערמיט ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַ יודעאָ־נאַצי.

איך בין נאָענט צום יידישן אורגאַט פֿון פֿאַר פֿיר טויזנט יאָר. מיט דעם טוכלען יידישן גאָט, וואָס מען דרייט אים אַרויס פֿון גראָבן פֿינגער, האָב איך קיין שום שייכות ניט — קיינמאָל ניט „געלערנט“. דאַקעגן מיט דעם פֿרישן, שטורעם־ און בליץ־רעגנדיקן יידישן מדבר־אורגאָט בין איך זייער נאָענט, גוט געלייענט זיין ספֿר.

איך האָב ליב די יידישע דאָגמע פֿון אַמאָל, איך האָב פֿיינט דעם יידישן שלשלת פֿון די שפּעטערדיקע יאָרטויזנטער און יאָרהונדערטער. איך שיט ניט מיט דער תוכחה. אַז מען וועט מיך איבערצייגן, וועל איך מיך אָפּזאָגן פֿון יידן. עס וועט זיין אַ שווער שטיקל אַרבעט — דאָס דאָזיקע איבערצייגן, אָבער איך זאָג ניט לכתחילה: ניין. ווייל איך בין אַן אמתער ייד. וואָלט איך געווען אַן אויבן־אויפֿיקער ייד, וואָלט איך באַלד געזאָגט אויף אַלץ וואָס ניי איז: ניין — און פּטור אַן עסק. די זאַכן קאָסטן מיך אַ סך: מיין רו, מיין גליק, מיין לעבן.

2.

אָבער —

אָבער די יידישע דאָגמעס, אין דער ערשטער ריי — די עשׂרת־הדיברות, זיינען שוין אַלט. גאָר פּשוט: די לאָגיק זאָגט, אַז אַפילו דאָגמעס מוזן זיין רעלאַטיוו, כאָטש דאָס איז אַ קאָנטראַדיקציע. צייט, אָרט און באַדינגונגען קענען אויך דאָגמעס אונטערפֿרעסן. און אַזוי קען געשען, אַז דאָגמעס אין אַלגעמיין, אָדער געוויסע דאָגמעס בפֿרט, קאָן מען יאָ דאַרפֿן, אָבער ד י, וואָס מען האָט, זיינען שוין פֿאַרעלטערט.

לאָמיר דאָס משלן מיט אַ אָפּגרונט און אַ בריק.

איבער אַ געוויסן אָפּגרונט האָט געפֿירט אַ בריק. דער נמשל צום אָפּגרונט איז דער עטיש־מאָראַלישער כאָאָס, אין וועלכן די מענטשהייט האָט זיך געפֿונען

מיט א דריי טויזנט יאָר צוריק אין נאָענטן מזרח. די בריק האָט פאַר א נמשל די יידישע דאָגמאַטיק, די זון פון די עשרת־הדיברות מיט אַלע אירע פּלאַנעטן. דער גייער איבער דער בריק איז אונדזער פאָלק שוין זינט אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער יאָרן. און דער אויפבויער פון דער בריק האָט פאַרן נמשל — גאָט אַליין.

אָבער אין פאַרלויף פון די יאָרטויזנטער איז די בריק אונטערגעשווענקט געוואָרן. זי שטייט נאָך. עס איז אַלץ נאָך די אַלטע בריק, אָבער זי קען שוין לאַנג ניט האַלטן. אַ סך מאָל טרעפט שוין, אַז דאָס פאָלק צעלויפט זיך ביים אָנבליק פון דער אַלטער בריק, געטרויט איר ניט מער. עס טרעפט אויך, אַז דאָס פאָלק האָט אַזוי מורא פאַר דער בריק, אַז גיכער גייט עס אין אַפּגרונט אַריין. עס דוכט זיך, אַז דער אַפּגרונט אַליין פון עטיש־מאָראַלישן כאָאָס איז שוין ווייניקער געפערלעך, ווי די בריק.

דער עטיש־מאָראַלישער אַפּגרונט איז דאָ — נאָך אַלץ דאָ. און דאָס פאָלק, וואָס דאַרף איבער דעם אַפּגרונט אַריבערשפּאַנען, זאַמלט זיך אַלץ מער און מער ביי איינעם פון די ברעגעס פון דעם אַפּגרונט. און גאָט — וואָס איז אַלעמאָל געוועזן אין די הערצער און אין די מוחות פון די מענטשן — איז אויך דאָ.

די סיטואַציע איז זייער קלאָר. אַריבערגיין איבערן אַפּגרונט מוז מען.

און נאָר מיט דער בריק איז עס עפּעס ניט גלאַטיק.

מען דאַרף איבערמאַכן די בריק. צופּאַסן זי צו דער צייט. אויספאַריכטן די לעבער פון די אַלטע דאָגמעס. די בריק איז גוואַלדיק און גרויס געוועזן, גאָר אומפאַרגלייכלעך גרויס. והא ראיה — זי שטייט נאָך, האַלט זיך נאָך אַלץ. עס זיינען פשוט קיין ווערטער ניטאָ ווי־אַזוי די בריק צו לויבן. אָבער די בריק אַליין שרייט שוין נאָך הילף, זי וויל, מען זאָל זי אונטערשפּאַרן און פאַריכטן, אָדער גאָר פאַרבייטן. די בריק אַליין שרייט שוין ביזן הימל; די בריק אַליין האָט שוין מורא באַקומען פאַרן אַפּגרונט...

איך האָב ליב די יידישע דאָגמע פון אַמאָל. איך האָב ליב איר גוואַלדיקן גייסט. אָבער איך בין זיכער, אַז ווען משה אַליין וואָלט איצט אַראָפּגעקומען אויף אונדזער וועלט, וואָלט ער זיך באַלד ווידער פאַרשפּאַרט אויף פערציק טעג — דאָס וואָלט זיין ערשטע אַרבעט געוועזן — און וואָלט אונדז געבראַכט אַ ניי געזעץ.

איך פּרעדיק דאָ ניט קיין וויכשטוליקע, פּוטערל־קעלנערדיקע רעפאָרם־יידישקייט, איך פּרעדיק פעליזיקע און האַרטנעקיקע רעפאָרמעס, איבערקערעניש פון אונטן ביז אַרויף. אַזעלכע איבערקערענישן, ווי עס זיינען אין דעם כאָאָס פון דער וועלט געוועזן דאָס משה־געזעץ אַליין און שפּעטער די רעפאָרם פון ישו הנוצרי און נאָך שפּעטער די פילאָסאָפישע רעפאָרם פון ברוך ספּינאָזע.

באַנייטע יידישע דאָגמען זיינען נויטיק.

3.

קודם־כל דאַרף מען קלאָר ווערן מיט דעם גאַנצן ענין יידישקייט. איך וועל מיך באַמיען דאָס נעענטער אויסצוטייטשן.

דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק, ניט מער ווי צוויי. איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער ליטעראַרישער וואָכנשריפט אַריינצושיקן אַן אַרטיקל. די איינלאַדונג האָט מיך געטראָפן אין אַ ווייטן לאַנד און אין אַ צושטאַנד פון פאַרצווייפלונג, אָדער ריכטיקער — אין אַ צושטאַנד פון אינערלעכן געראַנגל, וואָס ביי אַ סך יידישע שרייבער אין דעם איצטיקן מאָמענט איז ער ממש כּראַניש. אַנשטאָט צו שרייבן אַן אַרטיקל וועגן אַזאַ אָדער אַן אַנדער ביכל לידער אָדער נאָוועלן, האָב איך מיר געטראַכט: לאָמיך אויסנוצן די געלעגנהייט פון דער איינלאַדונג מיטצואַרבעטן אין אַזאַ ערנסטער יידישער סאָציאַליסטישער און ליטעראַרישער צייטשריפט פאַר אַ גרונטיקער דיסקוסיע. און טאַקע ניט אַ דיסקוסיע וועגן אַ ביכל לידער, אָדער וועגן עפּעס אַן אַנדערן פּרט שבּפּרטים, נאָר אַ דיסקוסיע וועגן די ע י ק ר י ם.

איך אַליין, פאַר מיר אַליין, האָב אין דער ערשטער ריי געוואָלט קלאָר ווערן וועגן עטלעכע ענינים, וואָס באַטרעפן יידישקייט, און קלאָר ווערן טאַקע אויף די בלעטער פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער און ליטעראַרישער צייטשריפט. דאָרט האָב איך געדאַרפט טאַקע געוואָר ווערן דעם אמת, אָדער געוואָר ווערן, אַז דעם אמת אין דעם פּרט איז שווער אויסצוגעפינען. ער בלאָנדזשעט.

איך בין אַ ייד, אַ סאָציאַליסט. בין איך געווען זיכער, אַז אין יענער צייטשריפט וועט קומען צום אויסדרוק דער יידישער סאָציאַליסטישער בליק אויף יידישקייט, און טאַקע פון גרונט אויס, און דעריבער האָב איך דער דערמאָנטער און זייער ערנסטער צייטשריפט געשטעלט אָט אַזעלכע עטלעכע פּשוטע פראַגעס:

— איך האָב געלייענט אייער צייטשריפט, גרונטיק געלייענט. אָפט געפונען אויף אייערע בלעטער דאָס וואָרט „יידיש פאָלק". איך האָב די ווערטער אָנגעקוקט, אָנגעקוקט זיי אין די ראַמען פון אייער צייטשריפט, און וואָס מער איך האָב זיי אָנגעקוקט אין די ראַמען, אַלץ ווייניקער האָב איך זיי פאַרשטאַנען — ווייל איך, איר זאָלט מיר אויפקלערן.

— איך האָב געפונען נאָך אַ וואָרט. דאָס וואָרט לייענט זיך „יידישע קולטור". און אויך אין דעם וואָרט האָב איך אַ סך אַריינגעקוקט, און וואָס מער איך האָב אַריינגעקוקט, אַלץ ווייניקער האָב איך פאַרשטאַנען — ווייל איך, איר זאָלט מיר אויפקלערן.

— איך האָב אויך נאָך אַ דריט וואָרט געפונען: „יידישע שפּראַך". און אויך דאָס וואָרט, וואָס איז שוין כּמעט אַ קאָנקרעטע באַצייכענונג פון אַ קאָנקרעטער און שיער ניט פיזישער זאַך, האָב איך אַזוי לאַנג באַטראַכט אין די רעמלעך פון אייער צייטשריפט, ביז איך האָב אויך דאָס וואָרט אויפגעהערט צו פאַרשטיין. ווייל איך אייך בעטן, איר זאָלט מיר אויך דאָס וואָרט אויפקלערן, אָבער ניט

פארבייטן זאָלט איר דעם ענין יידישע שפּראַך מיט „יידיש" — אָדער מאַמע־לשון.

די צייטשריפט האָט מיינע פראַגן פאַר איר עפנטלעכקייט ניט געשטעלט און אויך קיין שום ענטפער צום עיקר מיר ניט געגעבן. די רעדאַקציע האָט מיר גע־ענטפערט, אַז די מוחות זיינען אַזוי פאַרדרייט אין דער איצטיקער צייט — צו וואָס זאָל מען זיי נאָך מער פאַרדרייען? די יידישע אַרבעטער זיינען איצט אַזוי פאַרדרייט מיט אַזעלכע שווערע זאָרגן — צו וואָס זאָל מען זיי נאָך מער פאַר־דרייען די קעפּ מיט פּילפּולים, וואָס קענען קיין שום נוצן ניט ברענגען? די פראַגעס זיינען פראַגעס, אָבער ניט דאָ איז דער פּלאַץ און ניט איצט איז די צייט. אַט לאָמיך בעסער צושיקן עפּעס אַ לידל אַ גוטס, אָדער אַ רעצענזיע וועגן אַ ביכל לידער... דאָס פאַרשטאַרקט ניט דעם כאַאָס, פאַרדרייט ניט די קעפּ און הויבט אויף דאָס געמיט.

אָבער מיך האָט אַזאַ ענטפער ניט אויסגעהיילט. די פראַגעס בויערן מיין קאָפּ אָן איבעררייס. ווי די טיטוס־פליג בויערן זיי. האַמער־קלעפּ פון יידישן גורל קענען די פליג אָפּשטעלן נאָר אויף אַ רגע — באַלד הויבט זי ווידער אָן צו בויערן.

— וואָס איז דאָס: יידיש פאָלק? — וואָס איז דאָס: יידישע קולטור? — וואָס איז דאָס: יידישע שפּראַך?

און ווי איז צו מיר און צו מיין איינזאַמקייט, אַז איך האָב מיר אַליין געמוזט — מיט די אומגעשיקטע קעמערלעך פון מיין מוח — אויסגעפינען אַן ענטפער: וואָס יידיש פאָלק איז פאַר מיר, וואָס יידישע קולטור און וואָס יידישע שפּראַך.

יידיש פאָלק איז פאַר מיר די סומע פון יענע מענטשלעכע יחידים, וואָס האַלטן זיך אַליין פאַר יידן — כאָטש עס איז ניטאָ קיין שום אויסערלעכער, אָדער אינערלעכער סימן, וואָס מאַכט זיי אומצווייפלהאַפט פאַר יידן. ניט איינ־הייטלעכע ראַסע, ניט רעליגיע, ניט לאַנד, ניט טראַדיציע, ניט שפּראַך, ניט געשיכטע־קענטעניש. דאָס איינציקע, וואָס פאַרבינדט זיי אָן שום ספק איז יידישער גורל, פּאַטום. וואָרפן זיי זיך פרייוויליק אונטער אַט דעם גורל, ווילן זיין און זיינען — יידן.

יידישע קולטור איז די סומע פון די פאָרמען, אין וועלכע די נשמה פון דעם פרייוויליקן יידישן קיבוץ קומט צום אויסדרוק.

יידישע שפּראַכן זיינען אין דער ערשטער ריי יענע אייגנאַרטיקע, אַליינ־געשאַפענע שפּראַכן, אין וועלכע דאָס פאָלקסטימלעכע לעבן פון יידישע קיבוצים קומט צום אויסדרוק. אין דער צייט פון דער עקסיסטענץ פון אַ יידישער שפּראַך דאַרף מען זיך באַמיען אַזוי לאַנג ווי מעגלעך זי אויפצוהאַלטן, ווייל זי פאַר־לייכטערט שטאַרק דעם אויסדרוק פון דער יידישער נשמה, פון דער יידישער קולטור. דאָך האָבן די יידישע שפּראַכן — צוליב אָביעקטיווע סיבות — אַ גע־וויינהייט אונטערצוגיין. מיט זייער אונטערגאַנג אין לעבעדיקן לעבן גייט אָבער ניט אונטער די יידישע קולטור, און עס גייט אויך ניט אונטער דאָס יידישע

פֿאָלק. אויך זיי אַליין גייען אייגנטלעך ניט אונטער, זיי גייען נאָר ארויס פֿון באַנוץ, ווי מטבעות, וואָס מען ציט אַרויס פֿון פֿאַרקער. וואָס מער עכטער גאָלד־געהאַלט איז אין זיי פֿאַראַן, אַלץ מער זיינען זיי ווערט אין דעם אייביקן און אבסאָלוטן יידישן לעבן, וואָס הויבט זיך ערשט איצט אָן פֿאַר זיי, נאָך דעם אַרויסציען פֿון באַנוץ.

און אַז עס וועלן קלאָר ווערן מיט דעם ענין יידישקייט די, וואָס זיינען באַרופֿן דערצו, און אַז זיי וועלן קלאָר און דייטלעך ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס פֿון יידיש פֿאָלק און יידישער קולטור און יידישער שפּראַך, דאַרפֿן זיי וויסן, אַז אַט די נייע יידישקייט דאַרף האָבן נ יי ע ד אָ ג מ ע ס.

נייע צען, צי זיבעצן, צי זעקס הונדערט און דרייצן געבאָט.

4.

און אַז מען וועט קלאָר ווערן מיט דעם ענין יידישקייט — דאַרף מען פֿאַר אַט דער יידישקייט אין דער איצטיקער צייט נייע געבאָטן, נייע געזעצן, צי אַ נייע קאָנסטיטוציע.

נייע — ווייל די אַלטע זיינען נאָר טיילווייז נאָך גוט, ווי שטיקער קולטור־געשיכטע.

איך ווייס, אַז מיינע ווערטער וועלן אויסגעטייטשט ווערן אַזוי קרום און ביִיזוויליק, ווי נאָר מעגלעך. איך ווייס, אַז מען וועט זיי אויסלאַכן. און עס הויבט מיך ניט אָן צו אַרן. איך ווייס אָבער אויך — מיט דער טיפֿסטער אינערלעכער אינטואיטיווער איבערצייגונג ווייס איך דאָס — אַז זיי זיינען דער אויסדרוק פֿון טיפֿסטער יידישער לעבנס־נויטווענדיקייט.

די דאָגמעס, די נייע — און איך וועל האָבן די העזה צו זאָגן — די סאָציאַליסטיש־יידישע, פֿעלן מיר, און אַזוי פֿעלן זיי אויך די אַלע זעכצן מיליאָן. אָדער ריכטיקער: יענע מיליאָנען, וואָס האָבן שוין די אַלטע דאָגמעס אויפֿגעגעבן און קיין נייע האָט זיי נאָך קיינער ניט געגעבן. אויך די אַלטע יידישע דאָגמעס זיינען געווען אויסגעשפּראָכן סאָציאַליסטישע. מוזן אויך די נייע זיין אין גייסט פֿון די אַלטע. דער דאָזיקער סאָציאַליזם איז צו די יידישע דאָגמעס ניט קיין צוטשעפּעניש, נאָר אַ המשך פֿון זיי.

איך רעד דאָ ניט פֿון קיין רעליגיעזע דאָגמעס. פֿאַר מיר איז דאָס יידישע פֿאָלק — מיין פֿאָלק — ניט קיין רעליגיע. איך רעד פֿון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע דאָגמעס.

איך רעד פּשוט פֿון דער יידישער וועלט־קאָנסטיטוציע. אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט האָבן זייערע קאָנסטיטוציעס. און אויב מיר זיינען אַ פֿאָלק, דאַרפֿן מיר אויך אונדזער קאָנסטיטוציע.

און אַז מיין זון און מיין טאָכטער וועלן אין דעם ווייטסטן לאַנד פֿון דער

וועלט, וואו זיי געפינען זיך, צוגיין צו מיר, ווי זיי זיינען שוין צוגעגאַנגען, און מיך פרעגן:

— טאַטע, פאַרוואָס זאָלן מיר בלייבן יידן? —

זאָל איך ניט דאַרפן בלייבן שטיין אָן לשון, ווי איך בין שטיין געבליבן, נאָר איך זאָל קענען אַרויסנעמען די קאָנסטיטוציע פון דעם פאָלק און אָנווייזן:

— אָט דאָס זיינען די דאָגמעס, דאָס איז די קאָנסטיטוציע פון אונדזער פאָלק. לייען זי איבער טאַכטער, לייען זי איבער, זון, און משפּט אַליין.

שונאים פון קוקן דעם נאַקעטן אמת אין די אויגן אַריין וועלן ציניש לאַכן ס'גרעסטע געלעכטער פון מיינע ווערטער:

— אָל־רייט, וועלן זיי זאָגן, מ'עט דיר געבן אַ קאָנסטיטוציע פון יידישן פאָלק. נאָר וועמען זאָל מען זי געבן צום אויפשרייבן? אפשר חיים ווייצמאַנען? אפשר הענריק ערליכן פון „בונד״? אפשר שלום אשן? און אפשר ווילסטו זי גאָר אַליין אויפשרייבן?

ס'וועט מיר פאַרקומען זייער גראָטעסק, ווען איך וועל הערן אַזעלכע ווערטער. איך וועל בלייבן שפּראַכלאָז אין די ערשטע רגעס, איך וועל מיך ניט באַלד קענען דערכאַפּן. אָבער איך וועל באַלד קומען צו זיך און וועל ענטפערן:

— דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט ביז איצט מיט דער קראַפט פון זיין קאָנסטיטוציע, פון זיינע דאָגמעס. די דאָגמעס זיינען צעשאָטן געוואָרן, אָבער דאָס פאָלק איז דערווייל ניט צעשאָטן געוואָרן. איז אַ סימן, אַז דאָס פאָלק וויל לעבן ווייטער, אָדער מוז לעבן ווייטער. מיר ווייסן אָבער, אַז אַ פאָלק קען לאַנג אָן אַ קאָנסטיטוציע ניט לעבן, סיידן ווען די מלוכה פון דעם פאָלק איז שטאַרקער, ווי אַלע קאָנסטיטוציעס, ווי ביים ענגלישן פאָלק. אָבער ביי אונדז איז בכלל קיין מלוכה ניט דאָ. אַלע פעלקער און אַלע לענדער, פון אַלערליי וועלטבאַנעמונגען, האָבן אָדער זייערע קאָנסטיטוציעס, אָדער זייער אויסגעשפּראָכן פאָלקס־לעבן. וואָס האָבן מיר אין אונדזער וועלט־פאַרנעם אין דעם דאָזיקן צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט?

און אַ קאָנסטיטוציע מוז דאָס זיין, וואָס ניט נאָר מיר, נאָר זעקס און זיבעציק רעגירונגען פון דער וועלט, אונטער וועמענס קאָנסטיטוציעס שטיקער פון אונדזער פאָלק לעבן, זאָלן זי קענען לייענען אָן האַס, נאָר אפשר מיט מיטגעפיל און מיט ליבע — די ראַסן־מלוכות זיינען דאָ אויסגעשלאָסן.

האָב איך שוין אַלץ געזאָגט? ניין.

איך? ווער בין איך דען?

אויב אַזוי, איז דאָס דערווייל אַלץ — און עס איז פון טיפן, ווייפולן יידישן האַרץ אַרויסגעריסן געוואָרן און דאָ אויף פּאַפּיר געבראַכט: רויע געדאַנקען מיט רויע ווערטער.

כ אַ אָ ט י ש ע ווערטער וועגן ד אָ ג מ ע ס.

ד״ר ישעיהו וואָלפסבערג / ירושלים

כוחות פון ירידה און כוחות פון עליה

בכדי אויפצוקלערן די איצטיקע יידישע לאַגע אין גאַר איר פאַרנעם און אין גאַר איר טיפקייט, וואָלט מען באַדאַרפט אַפריער דורכפירן אַזעלכע ברייטע און טיפע פאָרשונגען אויפן געביט פון געשיכטע, פילאָסאָפיע און טעאָלאָגיע, אַז אין אַ קורצן מאמר וואָלט מען ניט געקענט געבן עפּעס ממשותדיקס. עטלעכע פּרעלימינערע שטודיעס צו דער טעמע קאָן מען געפינען, למשל, אין מיין בוך „צור צייט־ און גייסטעס־געשיכטע דעם יודענטומס״. *) איצט קען איך נאָר גאָר בקיצור, מער אַזוי צו זאָגן אין דער פאָרם פון אַפאָריזמען, עפּעס ברענגען צו שטייער צו אָט דער טעמע, וואָס רירט אונדז אַלעמען אָן ביז צום טיפסטן, מחמת דאָס איז ניט ליטעראַטור, נאָר ממש לעבן אין זיין גאַנצער טראַגישער שאַרפקייט.

1.

איינער פון די וויכטיקסטע ענינים איז אויפצוקלערן די פראַגע: פאַר וואָס זעט אונדז אויס דער יידישער גורל פון אונדזערע טעג אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט אונדזער גאַנצן עבר און מיט דאָס אַלץ, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן היינט? עס זיינען געווען צייטן, ווען עס האָט אויסגעוויזן, אַז אַ סך פון די באַזונדערע געשעענישן שטייען כמעט איזאָלירט, נאָך מער — אַז עס איז גאַנץ שווער זיי צו פאַרבינדן מיט די איבעריקע געשעענישן, סיי האָריזאָנטאַל און סיי ווערטיקאַל. איצט איז לחלוטין ניטאָ דער איינדרוק, אַז דאָס, וואָס עס פּאַסירט מיט אונדז איצט, האָט ניט קיין צוזאַמענהאַנג מיט די גרויסע ליניעס פון דער געשיכטע און מיט די אַקסן פון אונדזער צייט. שווער איינצוטייטשן איז העכסטנס דעם ווילדן גלאָפּ פון די לעצטע צוויי ביז דריי יאָרצענדלינגער, וואָס האָבן אונדז מיט אַזאַ אימפּעט אַריינגעטריבן אין ים פון יסורים אַריין, אַז מיר האָבן ניט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן. פּלוצים האָבן זיי זיך באַוויזן פאַר אונדזערע אויגן, די אַפּאָקאַליפּטישע רייטערס.

וואָס באַטייט דאָס אַלץ?

דערקענען, וואָס אַרום טוט זיך, און פלייסן זיך איינצוטייטשן די צייכנס פון דער צייט — דאָס גיט דעם מיטצייטלער אַ געוויסן אָנהאַלט, בפרט ווען ער איז אַ ייד און איז דורכגעגאַנגען די שול פון דענקען און גלויבן. מיר גייען בכן אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער געדאַנק האָט ניט אָנגעוואָרן זיין זינען.

---

*) וועגן דעם בוך זע אין דער אָפּטיילונג ביבליאָגראַפיע ווייטער. — רעד.

זיין פונקציע און זיין כוח צו באלייכטן געשעעניש, ווי משונה ווילד זיי זאלן ניט אויסדוכטן, און אז דער גלויבן איז ניט געשטארבן. אונדזער הנחה מוקדמת איז בכן, אז דאס *יידישע פאלק* און זיין גייסטיקער און רעליגיעזער אינהאלט — אלץ, וואס מען נעמט ארום מיטן באגריף יידישקייט — וועט אויך ווייטער עקסיסטירן, לויטן ווילן פון דער געשיכטע און לויט אונדזער אייגענעם ווילן.

מיר לעבן איבער א צייט פון א יום־הדין אין דער געשיכטע. אין אויסקוק אויף די חבלי־משיח, אויף דער פיין פון די עקבתא דמשיחא מעג מען אפשר מיט א געוויסן רעכט זאגן „ייתי ולא אחמיניה" — זאל ער קומען, און זאל איך דאס ניט זעען. אבער ווען אט די צייט שטייט יא אן, האט קיין טעם ניט זי אויסצומיידן. מען מוז די שווערע משא ארויפלאדן אויף זיך. און נאך די אלע שווערע און אומזיניקע נסיונות בלייבט דאך דער גוואלדיקער איינדרוק, אז סוף־כל־סוף וועט אפשר די געשיכטע טאקע פון אונדזער מאוימדיקער סיטואציע אוים זיך ארויסווייזן (ווי לעסינג זאגט) פאר א „באזיניקונג פון דאס אומזיניקע". אויב אונדזערע צרות זאלן זיך לאזן ווי עס איז באגרינדן, וועט מען קענען בארעכטיקן דעם שטאנדפונקט פון אננעמען פאר ליב די ליידן — קבלת יסורין מאהבה. אויב אין אונדזער דור זאל פון הינטער דער אימה און דעם חושך פון די געשעעניש ארויסלייכטן *די איינהייט פון דער געשיכטע און איר הויך געשטעלטער ציל*, דעמאלט וואלטן מיר, ניט געקוקט אויף גאר אונדזערע יסורים און אבידות, זוכה געווען צו איינער פון די גרעסטע אנטפלעקונגען.

אין וואסער פרט דריקט זיך אוים די איינהייט פון דער געשיכטע ביי *היינטיקן* טאג איבער אלע צייטן? עס פורעמט זיך איצט קיין זאך ניט אויס צופעליק. דאס, וואס מיר מוזן אין אנדערע צייטן צונויפקלייבן מיט גרוים מי פון א סך תקופות, דאס לערנט איצט כמעט איטלעכער טאג. באצווינגונגען און מלחמות האבן כמעט שטענדיק אן אנדער כאראקטער, ווי אין די צייטן פריער. נאפאלעאן איז ניט אויסן געווען צו פארשקלאפן און צו שענדן פעלקער און יחידים. אמת, ער איז געווען אן „אוזורפאטאר", און עס איז אין אים געווען שטארק דער יצר־הרע צו באצווינגען און אונטערטעניק צו מאכן דעם קעגנער. אבער נאך דעם אלעמען האט ער אין זיינע מלחמות זיך געשטעלט א סך קאנסטרוקטיווע צילן: צו פאראייניקן אייראפע אויפן יסוד פון א געזונטער פארוואלטונג און יורידיקציע. זיין פעאיקייט אפצושאצן פרעמדע זשעניען (געטע) און אפילו הויך צו האלטן פאעזיע באווייזט, אז ער איז געווען א קאנסטרוקטיווער גייסט.

איצטער האט אלצדינג איבערגעביטן זיין פרצוף־פנים. דער שטארקסטער מאטיוו, וואס טרייבט די טאטאליטארע גרוים־מלוכות, בפרט די דייטשע, צו מעשים, איז ניט אזוי דער *פאזיטיווער* געדאנק צו גרינדן אן אימפעריע, א וועלט־מלוכה, ווי דער נעגאטיווער געדאנק אנידערצוווארפן און צו פארשקלאפן פרעמדע מלוכות, פעלקער — *ראסעס*. דורך דעם, וואס אט דער בא-

גריף ראַסע איז אַריינגעפירט געוואָרן ניט אין דער וויסנשאַפט, נייערט דירעקט אין דער פּאָליטיק און אין לעבן, איז אויף אונדזער צייט אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ סימן קענטיק פון דרויסן. דער חידוש איז ניט אין דער קאָנסטאַטירונג פון דעם פּ אַ ק ט , אַז עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע ראַסעס, נאָר אין דער ד אָ ג מ ע , אַז א יי ן ראַסע, די אַרישע, איז די א ו י ב ע ר ש ט ע, די ה אַ ר נ ט ע, די איבערמענטשלעכע, און אַז אַלע איבעריקע, בפרט די סעמיטישע, זיינען ני־דעריקע. פון אָט דער דאָגמע אַרויס גייט דער שטורעם פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אויף דער איבעריקער וועלט, וואָס באַשטייט כידוע ניט נאָר פון מלוכות און ראַסעס, נייערט אויך פון אידעען און גייסטיקע און גייסטלעכע אינסטיטוציעס.

דערהווידער זיינען דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם די דעמאָקראַטיע, דער פּרינציפּ פון גוטסקייט, יידישקייט און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן. דערביי איז כדאי צו נעמען אין אַכט צוויי זאַכן. ראשית: דעם אפעקט פון שנאה פאַר זיך, זיין אינטענסיווקייט און עקסטענסיווקייט, זיין עקסיסטענץ בכלל. ער איז ווינציקער רעאַקטיוו, ווי ענדאָגען, אינעווייניק וואַקסנדיק, פּרימער. ער איז פּ אַ ר אַ ן און זוכט זיך זיינע קרבנות. דאָס איז אַ בפירוש פּאַטאָלאָגישער שטריך. די צווייטע זאַך איז די ריכטונג, וואָס אין איר גייט די שנאה. זי איז געווענדט קעגן דער מענטשלעכקייט ניט ווינציקער, ווי קעגן דער מענטשהייט. וויכטיקער, ווי די טענדענץ פון דער שנאה, איז איר מקור. זי שטאַמט פון גרויס־האַלטן־זיך, פון פאַרגעטלעכן ז י ך אַ ל יי ן.

דער צוזאַמענהאַנג פון אונדזער תקופה מיט דער גאַנצער פריערדיקער געשיכטע איז קלאָר: די אידעען גופא האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערנע. קיין מאָל פריער איז דאָס ניט געשעען מיט אַזאַ אָנשפּאַנונג פון כוחות, מיט אַזאַ אימפּעטיקער דעצידירטקייט — לכל הפּחות ביי א יי ן צד. אידעען זיינען שוין ניט זעלטן אַרויסגעטראָטן אויפן קאַמפּפּלאַץ, אָדער אין די פּאָליטישע סיכסוכים איז געוואָרן אויסגעקעמפט פאַר אָדער קעגן אַ טעאָריע — קריסטנטום, איסלאַם, רעפאָרמאַציע, פרייהייט אָדער אַבסאָלוטיזם. אָבער קיין מאָל זיינען ניט געשטעלט געוואָרן אין קאָן די לעצטע יסודות פון דעם מענטשלעכן קיום גופא. אַלע פריערדיקע ווידעראַנאַנדן האָבן איבערגעלאָזן פאַרן רוב מענטשן דעם אויסגאַנג,אַז אויב אַפילו עס וועט מנצח זיין די קעגנערישע אידעע, וועלן זיי, אמת, זיין באַגרענעצט אין זייער טון און וועלן פון אַ סך זאַכן זיך מוזן אָפּזאָגן, אָבער דאָס פּשוטע לעבן וועט ביי זיי ניט צוגענומען ווערן. ביים נצחון פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אָבער וואָלט אַזאַ מעגלעכקייט ניט געווען. עס וואָלטן געבליבן נאָר אַ קליינע צאָל הארן — אויך אָן אדל — און העלאָטן, וואָס וואָלטן ניט געהאַט קיין שום רעכט אויף אַ פרייען וואָרט און אַ פרייען געדאַנק און קיין שום רעכט אויף אַ וואַסער עס איז מענטשלעכן קיום. דער איבערמענטש אין דער טרויעריקסטער געשטאַלט, ניצשעס שיטה אין דער לעצטער פאַרגרעבטקייט — און אַ מחנה שקלאַפן אָן אַ צאָל און אָן אַ שיעור. לויט דער נאַציאָנאַל־

סאָציאַליסטישער טעאָריע, ווי עס האָבן זי אַנטוויקלט היטלער, אַלפרעד ראָזנ־בערג און די אַנדערע, איז ניטאָ קיין האָפענונג, אַז זייער איבערמענטש זאָל ווען עס איז אַרויסווייזן מילדקייט. ז יי ן הארן־מאָראַל איז אים מחייב ניט צוצו־לאָזן די מינדערוועדטיקע צו פּריווילעגיעס, מחמת דער גורל האָט זיי אויסגע־שלאָסן אָן רחמנות, און קיין תקומה איז פאַר זיי ניטאָ.

פונקט ווי אַלע גרויסע פראַגעס פון זיין און פון געשיכטע, אַזוי דרינגט אריין די פּראָבלעם־שטעלונג פון אונדזער צייט טיף אין דער רעליגיעזער ספערע. עס קאָן ניט געמאָלט זיין קיין טיף־ערנסטער סיכסוך צווישן מענטשן, וואָס זאָל ניט אָנרירן זייער שייכות צו גאָט. און דאָס איז אַ באַטייטפולע איינזעעניש און קאָנסטאַטירונג: די געשיכטע איז דער גורל פון דער מענטשהייט, ווי ווייט זי קעמפט פון גאָטס וועגן, פאַרנעמט אַ פּאָזיציע פאַר גאָט אָדער קעגן גאָט. יענע צייטן, ווען די שייכות פון מענטשן צו גאָט, ווי אַ היסטאָרישער פענאָמען, טרעט אָפּ אין הינטערגרונט, ווען דאָס געביט פון היסטאָריע שטעלט זיך אַרויס אינדיפערענט צו גאָט, צו דער העכסטער היסטאָרישער פּאָטענץ, — זיינען צייטן פון אָנמעכטיקייט, פון ציניזם (דאָס איז חל אויף דעם דעאיזם). דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז ניט ציניש; ער איז מ ע ש ה ־ ש ט ן, ער איז ט יי וו ל אַ ־ נ י ש. ער איז דער אמתער יורש פון עמלק, אָט דעם טיפּ, וואָס די תורה האָט אים געוויזן מיט אַזאַ אומהיימלעכער סימבאָלישער קראַפט, דער נייער גילגול פון דעם דאָזיקן סיטרא־אחראדיקן פאָלק, וואָס זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט קעגן גאָטס כסא־הכבוד. אפשר צום ערשטן מאָל פאַרשטייען מיר די מצוות־עשה פון „תמחה את זכר עמלק“ — „זאָלסט אויסמעקן עמלקס אָנדענק“. מיר באַ־נעמען איצט די מלחמה פון די בני־ישראל אין מדבר מיט עמלק — „ברפידים“, ווי עס שטייט אין חומש (שמות י"ז, 11), וואָס איז דער טייטש: רפיון־ידים — שוואַכקייט פון די הענט. מיר ווייסן, אַז נאָר דעם מענטשנס געהויבענער גלויבן פאַרזיכערט אים דעם נצחון איבער דער דאָזיקער קראַפט: „והיה כאשר ירים משה ידו — וגבר ישראל, וכאשר יניח ידו — וגבר עמלק“ — „און עס איז געווען: בעת משה פלעגט אויפהייבן זיין האַנט, האָט גובר געווען ישראל, און בעת ער פלעגט אַראָפּלאָזן זיין האַנט, האָט גובר געווען עמלק“. און אייביק באַשטייט פאַר אונדז די איינטייטשונג פון דער משנה: „וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות מלחמה? אלא לומר לך: כל זמן שהיו ישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדים את לבם לאביהם שבשמים — היו מתגברים, ואם לא — היו נופלין“ (ראש השנה, פרק ג' משנה ח') — „צי דען טוען משהס הענט מאַכן מלחמה אָדער צעברעכן מלחמה? אלא וואָס דען? דיר צו זאָגן: כל זמן ישראל האָבן גע־קוקט אויבן אַרויף און האָבן אונטערטעניק געמאַכט זייער האַרץ פאַר זייער פאָ־טער אין הימל, האָבן זיי זיך געשטאַרקט, און אויב ניט — זיינען זיי געפאַלן“.

אָט די פּרינציפּיעלע האַלטונג, וואָס האָט געדאַרפט אָנפילן דעם גאַנצן געשיכטלעכן שטח, האָט ה יי נ ט געקראָגן גאָר אַן אַקטועלע באַדייטונג. פריער איז דאָס געווען די זאַך פון אַ טיפן איינזען אויפצונעמען די היסטאָרישע נויט־

ווענדיקייט פֿון אַ טיף רעליגיעזער האַלטונג. אַמאָליקע צייטן האָבן די אַקטועלע פּראָבלעמען אויסגעוויזן צו זיין לחלוטין אינדיפֿערענט לגבי אַזעלכע אייביקע זאַכן. היינט איז שוין ניט שווער צו געפֿינען די שייכות צווישן די ווידעראַנאַנדן פֿון די געשעענישן מיט דעם קאַמף אַרום די געטלעכע ענינים. דער חוצפּהדיקער שפּיל פֿונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז דאָך אויסן דעם רשעותדיקן פּרואוו אַראָפּ־צוזעצן כביכול גאָט פֿון זיין כסא־הכבוד. יעדער דעפֿיניציע פֿון רעליגיע, וואָס שטאַמט פֿון יענעם לאַגער, איז אַ חילול־הקודש. אַלצדינג, וואָס פֿאַרווירקלעכט זיך און ווערט צוגעגרייט אין דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, איז אַ דערדריקונג און פֿאַרמיאוסונג פֿון די מאָראַלישע און הייליקע ווערטן. דער באַגריף מענטשהייט, וואָס נעמט אַרום אַלע מענטשן־קינדער, ווערט פֿאַרחוזקט; ליבשאַפֿט און רחמנות ווערן אין דער טעאָריע באַצייכנט, ווי ווערטן פֿון אַ צווייטער מדרגה, אין דער פּראַקטיק אָבער ווערן זיי אינגאַנצן באַזייטיקט; כבוד־געפֿיל און העלדישקייט, וואָס אויף די דאָזיקע מידות זינגט מען דאָרט שבחים, ווערן אַראָפּגעזעצט פֿון זייער מדרגה דורך דעם, וואָס מען האַלט ניט קיין שום אַנדער ראַסע פֿאַר מסוגל דערויף (ווי אָפֿט רופֿט אַלפֿרעד ראָזנבערג אָן יידן און די קאַטוילישע קירך „עהר־לאָז"!), און דעריבער ווערן זיי אויסגענוצט צו שלעכטס און צו מיאוסקייט. **כבוד און העלדישקייט דערגרייכן צו אַ מאָראַ־לישער מדרגה נאָר דעמאָלט, ווען זיי שליסן זיך אַריין אין אַ סיסטעם פֿון עטישע ווערטן, וואָס איז אויסגעבויט אויף דער גרונט־אידעע פֿון גוטס, אויף דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו און שפּרייטן זיך אויס אויף אַלע מענטשן.** די באַגרענעצונג אויף איין ראַסע, די בכורה פֿאַר איר איז דער סימן־מובהק פֿאַר דער אוממאָראַלישקייט פֿון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער קאָנצעפּציע. אַרויס־צוהויבן אָט די צוויי ווערטן, וואָס זייער באַזונדער מעלה איז גאָר ניט אַזוי פּשוט אָנצונעמען, און צושרייבן זיי נאָר צו איין ראַסע — וואָס וועגן דעם מעג מען שטאַרק מחולק זיין, צי פֿאַרדינט זי דאָס,*) — דאָס אַלץ איז אַ זאַך, וואָס דער געזונטער מענטשן־פֿאַרשטאַנד קען ניט סובל זיין, און קיין מאָל האָט דאָס, וואָס האָט ביז אַהער געהייסן פֿילאָסאָפֿיע און רעליגיע, אַזוינס ניט געוואוסט.

מיטן אָפּחוזקן פֿון אַנדערע ראַסעס און פֿון דער מענטשהייט בכלל ווערט אָפּגעחוזקט כביכול פֿון גאָט אַליין. אין דער זעלבסטפֿאַרגעטערונג ווערט אויפֿן אָרט פֿון עכטן גאָט־באַגריף אַוועקגעשטעלט אַ ליגנערישער, אַ חילול־הקודשדיקער. אין רודפֿן די אמתע מאָראַלישקייט און פֿרומקייט, ווי זיי ווערן פֿאַרקערפּערט אין די בעסטע רעליגיעס, פֿילאָסאָפֿישע שיטות און אינסטיטוציעס, — און אויך גאַנצע

*) די אַכזריות פֿונעם נייעם דייטשלאַנד לגבי זיינע אינעווייניקסטע קעגנער און לגבי יידן, די אונטעריאָכונג פֿון מלוכות אָן אַ קאַמף האָבן געוויזן ניט צו טאָן ניט מיט כבוד און ניט מיט העלדישקייט.

פעלקער! — און אין דער פּלייסעניש זיי אויסצוראַטן אַנטפּלעקט זיך דער נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליזם, ווי דער אַנטיגעטלעכער פּרינציפּ אין דער וועלט.

צייטוויייליקייט קעגן אייביקייט, מענטש דעגענערירט צום טייוול קעגן גאָט, רשעות קעגן גוטסקייט און ליבע — דאָס אַלץ האָט זיך ניט איין מאָל אַרויסגע־וויזן טיילווייז ביי יחידים און ביי גרופּעס. אין אַ מאָנומענטאַלער, אומהיימלעכער צונויפזאַמלונג פון די אַלע פאַקטאָרן און ווי אַ שלאַכט־רוף פון אַ נאַציע, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, אונטער דער פירונג פון דעגענעראַטן, האָט דער טויטנ־טאַנץ משמעות צום ערשטן מאָל זיך אָנגעהויבן אין אונדזער צייט. די בייזע כוחות פון דער געשיכטע האָבן זיך צונויפגענומען צו אַן אומגעהייערער מאַכט, און גרויס איז די סכנה, אַז זי זאָל אַראָפּוזעצן די מענטשהייט און די וועלט אין דער פינצטערניש, פון וואַנען זי שטאַמט. עס איז שווער צו פאַרענטפערן די שאלה, פון וואַנען נעמט זיך אָט די גבורה פון דער סיטרא אחרא. איז דאָס די שולד פון דער מענטשהייט, אָדער געהער עס צום פּלאַן פון דער געשיכטע: דער דור שכולו חייב — צי האָט ער טאַקע וועגן גע מ ו ז ט מקוים ווערן? און אויב עס איז טאַקע אונדזער שולד — טאָ אין וואָס באַשטייט דער חטא, וואָס האָט גורם געווען אָט די שטראָף? צי אין דער געשטאַלט, וואָס מיר האָבן צוגעגעבן דעם עקאָנאָמישן לעבן? צי אין דעם געביט פון דער געזעלשאַפט, אין דער צביעות פון די באַציאונגען לגבי די שטיפקינדער פון גליק? צי אין דער האַלבקייט פון דע־מאָקראַטיע און ליבעראַליזם? צי אין דער פּאָליטישער אומדערזעטיקייט פון די גרויסע מלוכות, וואָס ווייס פון קיין גרענעץ ניט? אָדער אין דער איינזייטיקייט פון דער אינטעלעקטועלער קולטור און דעם נצחון פון דער טעכניק, וואָס האָבן דערשטיקט די רעליגיעזע בענקשאַפט, די ציאונג צו גאָט, די ווערטן פון שטילקייט און טיפקייט? עס איז געווען נאָר אַוועקצושטעלן אָט דעם המון שאלות. צו ענטפערן אויף זיי איז דאָ ניט אונדזער אויפגאַבע. נאָר דאָס מוז מען אפשר יאָ זאָגן, אַז מן הסתם האָבן געווירקט צוזאַמען אַ ל ע דערמאָנטע פעלערן, בכדי אַרויסצוברענגען די העכסט קריטישע סיטואַציע, וואָס האָט אונדז פאַרכאַפּט.

די פאַרבינד־ליניעס צווישן דעם היינט און דעם ע ב ר קען מען בכן דער־קענען. דעם צוזאַמענהאַנג פון אונדזער יידישן גורל מיטן גורל פון דעם כלל מענטשהייט אין דער איצטיקער צייט איז ניט שווער אַרויסצודרינגען פון דער ווירקלעכקייט. עס איז ניט נייטיק אים צו קאָנסטרואירן.

די אַטאַקע פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם ווענדט זיך קעגן אַלע כוחות, וואָס שטייען אַנטקעגן זיין וועלטבילד. פעלקער פון אַנדערע ראַסעס; מלוכות וואָס האַלטן אין אַ וואָסער עס איז פאָרם פון דעמאָקראַטיע, פון די געזעצן פון מענטשלעכקייט; רעליגיעס, קאָנפעסיעס, פילאָסאָפיעס, וואָס ווילן ניט מפקיר זיין גאָט און די מענטשהייט, וואָס האַלטן דעם תנ״ך פאַר זייער הייליקן בוך, — קעגן זיי אַלעמען איז געווענדט אָט די שנאה. דאָס יידישע פאָלק און זיין גרויסע טראַדיציע האָבן זוכה געווען צו זיין ד ע ר שונא פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליזם — מיטן הא הידיעה. דורך אָט דער שנאה ווערט דאָס יידנטום — דורכויס

קעגן דעם ווילן און קעגן דער כוונה פון דעם נייעם דייטשלאַנד — דערהויבן צו זיין דער וו י כ ט י ק ס ט ע ר ק ע ג נ ע ר און דער ווערטפולער טרעגער פון דער בעסטער היסטאָרישער טראַדיציע. אין דער נויט פון דער צייט באַדאַרף מען ניט פאַרגעסן, וואָס פאַר אַן אָנערקענונג עס ליגט דערין, און ווי אַזוי זי שטרייכט אונטער פון דאָס ניי די וועלטגעשיכטלעכע מיסיע פון דעם יידישן פאָלק, נאָך מער — זי דערהויבט זי אויף אַ מדרגה, וואָס זי האָט ביז אַהער קיין מאָל ניט דערגרייכט.

ווי האַלט עס אָבער מיט דעם אַ נ ט ק ע ג נ ד י ק ן פראָנט? צי איז גענוג שטאַרק דער פאַרבונד צווישן די דעמאָקראַטיעס, די רעליגיעס און דעם יידישן פאָלק? אין דעם נ ע ג א ט י וו ן ע נ ט פ ע ר אויף אָט דער פראַגע אַנטפּלעקט זיך ערשט אין גאַנצן גאָר די טראַגיק פון אונדזער תקופה. טראַגיש איז דאָס, וואָס די גרעסטע מלוכות פון דער דעמאָקראַטיע האָבן ניט דערקענט דעם באַטייט פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס, האָבן געלאָזט אויסוואַקסן די חיה רעה, האָבן געלאָזט אויף הפקר די ווערטפולסטע פּאָזיציעס פון פרייהייט און פון מענטשנווערדיקן קיום, האָבן אויך דעם יידישן פאָלק ניט אויסגעשטרעקט די האַנט צו הילף אין דער שעה פון טויט־סכנה. ניט די פּראָבלעם פון די פּליטים איז פאַרענטפערט אויף אַ שטייגער, ווי עס וואָלט געפּאַסט פאַר דער גרויס פון אונדזער אומגליק און פאַר אונדזער היסטאָרישער ראָלע און ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין דער מוסטערדיקער ענטפער אויף דער רשעותדיקער אַטאַקע קעגן דער מענטשלעכקייט און קעגן אונדז. און ניט האָט מען געלאָזט אין דעם דאָזיקן מאָמענט זיך פריי אַנטוויקלען די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. דער אָפּהאַלט פון אונדזער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל, ווי זי איז געדרונגען פון דער פּאָליטיק, וואָס איז אַרויסגעזאָגט אין דעם „ווייסן בוך“, איז אַ קלאַפּ דעם היסטאָרישן לאָגאָס, אָבער אויך דעם עטאָס, וואָס האָט גראָד איצט באַדאַרפט זיך אַנטפּלעקן עלעמענטאַר. און מען קען זיך אויסמאָלן די גרויס פון דעם היסטאָרישן אומגליק, וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס צו דאָס טיוואָלאָנישע פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז צוגעקומען די שוואַכקייט און פּחדנות פון די אַנדערע, וואָס טרעטן כסדר אָפּ און שטאַרקן אים דורך דעם.

מער ניט אין ק ר י ס ט נ ט ו ם האָט זיך אויפגעכאַפּט דער פאַרשטאַנד פאַר דער מעטאַפיזישער סכנה פון דעם היסטאָרישן מאָמענט. ניט אומעטום. די קאַטוילישע קירך, ווי אַ גאַנצע, האָט ניט אָנגעהויבן דעם קאַמף אין ד ע ר פאָרם, וואָס וואָלט גרויס געמאַכט איר נאָמען. אָבער עס האָבן אָנזעעוודיקע קרייזן פון פּראָטעסטאַנטיזם און ניט ווינציק קאַטוילישע־יחידים — צווישן זיי אויך גייסטלעכע — גענומען אויף זיך דאָס מאַרטירערטום און דורך דעם אויפגעוועקט אַ לאַנג דרימלענדיקע קראַפט צו אַ מעכטיקן גלויבן. דאָס איז איינער פון די פאַקטאָרן, וואָס קען העלפן ברענגען די ווענדונג. דאָ האָבן מיר, יידן, געקראָגן אַ פאַרבינדעטן, אַ חבר צום ליידן פון דער זעלביקער סיבה. די דאָזיקע חבר־

שאפט באַגרענעצט זיך ניט נאָר מיט דער געליטענער פּיין, נאָר זי בינדט אויך צונויף די כוחות אין דער דערקענטעניש פון דער שותּפותדיקער היסטאָרישער אויפגאַבע. אַזוי איז פאַראַן איצט אַ טיף פאַרשטיין צווישן קריסטן און ייִדן. טיף איז די אויפטרייסלונג אין די ערנסטע קרייזן פון דעם אַנגליקאַנישן קריסטנטום, שטאַרק האָבן די געשעענישן פון דער צייט אויפגערודערט די געמיטער און די גייסטער, סיי פון דענקערס און סיי פון מאמינים, און ווי איינער פון די סימנים פון אָט דער רעוויזיע איז די שטאַרקע דערנעענטערונג צו אונדזער תנ״ך — אַן ענטפער היטלערן און ראָזנבערגן און אַ גרוס צו אונדז.

2.

אַזוי זעט אויס די וועלט אַ ר ו ם אונדז. און וואָס איז אַ י ן אונדז און ב יי אונדז?

מיר טוען בלוטיקן פון טויזנט וואונדן. אונדז האָט געטראָפן דער שטאַרק־סטער קלאַפּ, מחמת אונדזער געשיכטע, אונדזער גורל, אונדזער תורה און מסורה, אונדזער קולטור און מיר אַליין זיינען מער ווי אַלע אַנדערע כוחות פון גוטס אין דער וועלט די עדות פאַר גאָט און פאַר זיין ווילן אין דער געשיכטע. מיר זיינען אין אַ שיעור אָפגעשוואַכט, אָבער ניט דורך דאָס בלוט־פאַרלירן פון די לעצטע יאָרן, וואָס האָט פאַרקלענערט אונדזערע פיזישע, מאַטעריעלע און מאָראַ־לישע כוחות. מיר זיינען אַריינגעטראָטן אין דער דאָזיקער צייט ניט באַטראַכט און ניט צוגעגרייט. אַ סך פון אונדז האָבן ניט געגלויבט, אַז די זאַך איז ערנסט אפילו דעמאָלט, ווען מיר זיינען שוין געשטאַנען אין מיטן דעם אומגליק. ערשט דער שפּיץ פון די פּורעניות אין נאָוועמבער 1938 האָט געעפנט די אויגן ביי די פאַרבלענדטע — יענער מאָומדיקער פּאָגראָם, וואָס מיט אים האָט זיך אָנגע־הויבן דער לעצטער אַקט, און משמעות דער היפּש לאַנגער, פון דער טראַגעדיע. און די ווייטערדיקע פּורעניות: די פּיין און נויט פון די פּליטים און וואַנדע־רער, בעת די וועלט ווייזט אַרויס אַלץ ווייניקער גרייטשאַפט אויפצונעמען אונ־דזערע מענטשן און צו געבן זיי אַן אָרט אויף אַרבעט, די קאָמפּליקאַציע פון דער ארץ־ישראל־פּראָבלעם, די איינגעשפּאַרטקייט פון דעם רוב מערב־ייִדן אין דעם באַנעם פון דער אַסימילאַציע — דאָס אַלץ גיט אונדזערע צרות אַ גיגאַנטישן פאַר־נעם. עס האָט ניט קיין טעם מגזם צו זיין און פונאַנדערצובלאָזן דעם פעלער פון אַסימילאַציע און עמאַנסיפּאַציע צו אַ חטא אָן אַ כפּרה. אָבער פאָרט מוזן מיר זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון און פאַרשטיין, אַז די תּקופה פון „באַפרייונג״ האָט אָביעקטיוו אָפּגענומען ביי אונדז אונדזער גוואַלדיקן ווידערשטאַנד־כוח, ווי אַ פאָלק, אַז זי האָט אַריינגעפירט דעם פּראָצעס פון צעפאַל און האָט אונדז געבראַכט ניט די סימפּאַטיע פון די פעלקער, נאָר די פאַרשטאַרקטע שנאה פון אַ טייל, און ביי אַלעמען — אומצוטרוי און אַ ווידער־טעם. בהכרח האָט די עמאַנ־סיפּאַציע אונדז געבראַכט צו פּראָפּעסיעס און קולטורעלע געביטן און צו אַזאַ

אַקטיווקייט אין זיי, וואָס מען האָט עס געשפּירט, ווי אַן אַריינרייס. דער פרעמ־דער מענטש, וואָס איז געטריי צו זיין גרופּע און בלייבט צוגעבונדן צו איר, קען זיין פרעמד און אומסימפּאַטיש, אָבער ער ווייס וואו ס'איז זיין אָרט. דער אָבער, וואָס רייסט זיך אָפּ פון זיין שורש, וואָס רעכנט זיך אַליין צו צו אַ נייעם קרייז, דער איז חשודיק, און אַ קאָנפליקט מיט אים קען אויסברעכן יעדער שעה.

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן מיט הונדערט יאָר צוריק געקענט אויסווייזן, ווי אַן אויסגעטראַכטע קאָנסטרוקציע און אַ פּוסטע השערה; היינט זיינען זיי דורך דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג כאַראַקטעריזירט קלאָר און איינדייטיק. אויך דאָס דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז אין אַ ריי לענדער, וואָס האָבן אָפיציעל ניט אָנגע־נומען דעם ראַסיזם, ווערט די פּאָליטיק לגבי יידן אַלץ מער פיינטלעך. מיר מוזן היינט אַריינקוקן דער ווירקלעכקייט אין די אויגן אַריין און איינזען, אַז אפילו אין די צום גינציקסטן געשטימטע מלוכות האָט די פּאָזיציע פון די יידן — פון די דאָרט איינגעזעסענע — אָנגעוואָרן איר שטאַנדהאַפּט. די עמאַנסיפּאַציע איז בטל געוואָרן — פּרינציפּיעל; עס האָט קיין טעם ניט איינצורעדן זיך אַנדערש.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז ניט געדרונגען, אַז מען דאַרף אָפּוואַרפן אַלצ־דינג, וואָס די תקופה פון דער עמאַנסיפּאַציע האָט געבראַכט. היסטאָרישע סטאַ־דיעס, וואָס געדויערן אַזוי לאַנג און זיינען פול מיט אַזוי פיל געשעעניש, האָבן שטענדיק אַ רעלאַטיוון באַטייט. דער נאָענטער קאָנטאַקט פון יידן מיט דער אַרו־מיקער וועלט איז ניט געווען אומפּרוכפּעריק, דער אַנטייל פון יידן אין אַלע ענינים פון לעבן האָט באַטייט אַן אויסבייט פון רייכטימער, אַ געבן און אַ נעמען; נאָך אַ לאַנגער צייט פון נאָר איינעווייניקסטן מגע־ומשא צווישן יידן אויף פאַרשיידענע געביטן האָט ער געבראַכט אַפּפרישונג און פאַריונגערונג. יידן האָבן אַרויסגעוויזן זייער כוח אין אַ סך פּרטים און האָבן געקראָגן אַ שם אין דער וועלט. אפשר זיינען אפילו אַ סך קנינים, וואָס מיר האָבן זיך איינגעשאַפט, נויט־ווענדיק צוליב דער נייער צייט, וואָס מיר זיינען אין איר אַריינגעטראָטן. אָבער דאָס קען ניט אומבייטן גאָרניט אין אונדזער קוק, וואָס איז איצט געשטיצט דורך דער היסטאָרישער דערפאַרונג: אַז די עמאַנסיפּאַציע פון דעם יחיד איז געווען אַ פאַלשער וועג, וואָס מיר האָבן קיין מאָל ניט געטאָרט שטרעבן צו אים. די עמאַנסיפּאַציע פון דעם כלל, פון דער נאַציע — דאָס וואָלט געווען אַ חשובע אויפגאַבע. די מלוכות פון מערב און די יידן פון מערב האָבן אַנדערש געוואָלט — דער פּרייז איז געווען אַ שרעקלעכער. מיר זיינען כמעט אָטאָמיזירט, מיר האָבן אַליין צעבראָכן אונדזער נאַציאָנאַלע סטרוקטור, אָפּגענומען ביי זיך די פיזי־שע קראַפט פון דעם קאָלעקטיוו און לייכטזיניק און מוטוויליק געלאָזט אונ־דזער קולטור־אייגנס פאַרדאַרט ווערן. און איצט, ווען עס איז געקומען די שעה פון נויט, זיינען מיר אָרעם אין עכטע געצייג, וואָס וואָלטן אונדז געקאָנט מאַכן שטאַרק. דאָס מערבדיקע יידנטום איז אָן אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, אָן דעם נאַטיר־לעכן קיט פון נאַציאָנאַלן געפיל, כמעט אָן תורה און אָן דער פאַרוואָרצלטקייט

פון א גרויסן גלויבן. אָבער אויך דער מזרח געפינט זיך אין דער סטאַדיע פון צעבּרעקלונג. דאָס איז דער באַלאַנס פון דער תקופה פון דער עמאַנסיפּאַציע.

3.

פּראָוויסאָריש וואָס עס וועט זיך אָפּטאָן אין דער נאָענטער צוקונפט, בפרט אין גלות, איז געוויס איבער אַ מענטשנס כוחות. אין סומכין על הנס — אויף ניסים טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן, און ווילמען שטעלן אַ פּראָגנאָז, מוז מען בלייבן אין גבול פוןווירקלעכקייט.

איך האָב מורא, אַז מיר וועלן האָבן אַ סך אבידות פון כל־המינים ניט בלויז אין דעם געביט, וואו עס געוועלטיקט איצט נאַצי־דייטשלאַנד, נייערט אויך אַנדערשוואו. די אכזריות פון דער געשיכטע איז אין גאַנג, און עס וועט ניט זיין אַזוי גרינג זי צו זעטיקן. מען קען זיך פאָרשטעלן גוואַלדיקע ענדערונגען אין דער קאָנסטעלאַציע פון דער מאַכט און אין דער מענטאַליטעט פון די מענטשן, וואָס קענען גורם זיין צו אַ רעוויזיע פון דעם יידישן מצב. אָבער דאָס איז נאָר אַ השערה, און אויב אפילו זי זאָל זיך באַשטעטיקן, קען מען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז מען זאָל זיך מוזן אומקערן צוריק צום פריערדיקן שטאַנד.

דער יידישער גלות וועט ניט קענען עקסיסטירן אָן ארץ־ישראל. ווי וויכטיק דער וואוקס און דער אויפבלי פון דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב זאָל ניט זיין פאַר אים אַליין, ניט ווייניקער לעבנסוויכטיק איז ער פאַרן גלות. דאָ איז פאַראַן אַן עכטע קאָרעלאַציע צווישן צענטער און פּעריפעריע. וואָס מער דער ציוניזם וועט מצליח זיין אידעאָלאָגיש און קאָלאָניזאַטאָריש, אַלץ אַ גרעסערע ברכה וועט באַקומען דער גלות. דאָס יידנטום פון דער וועלט וועט דערפון מוזן אַרויסדרינגען באַשטימטע מסקנות, ניט געקוקט אויף זיינע אַנדערע שאַרפע זאָרגן און חיובים.

דער גלות גופא וועט מוזן אויפבויען אַ גרויס ווערק, ווען אפילו פּראָוויזאָריש — אויף אַ לאַנגער צייט! דער גלות וועט האָבן זיין צענטער אין צפון־אַמעריקע. עס קען זיין נויטיק אַרויסצונעמען פון מזרח־אייראָפּע סיסטעמאַטיש אַ גרויסן טייל פון איר יידישער באַפעלקערונג; מען מוז אָבער זיין געהיט ניט צו דערפירן די צעשפּרייטונג צו אַ מאַקסימום.

דער יידישער גלות מוז קריגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די עמאַנסיפּאַציע אין נוסח פון 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט וועט ניט קענען בלייבן די לעבנספאָרם פון יידן אין גלות, די אַסימילאַציע וועט ניט קענען בלייבן די איינשטעלונג פון יידן. מיר מוזן דערגיין צו אַ פאָרם פון אויטאָנאָמיע. אויך אין גלות וועט דער ייד מוזן שטרעבן צו זיין צענטער, לכל־הפחות שוין צוליב אָפּשפּאַנונג. אַ געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע סביבה פון אַ ספּעציפיש נאַטור וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אַ ברכה. דער ייד וועט מוזן זיך אומקערן צו די מקורים פון זיינע נאַציאָנאַלע גייסטיקע כוחות, ניט

בלויז דערפֿאַר, ווײַל אַנדערע ברונעמער וועלן זײַן פֿאַרשאָטן פֿאַר אים, נאָר אויך דערפֿאַר, ווײַל אין קאָנטאַקט מיט די וואָרצלען פֿון אונדזער גײַסטיקן איך וועט דאָך פֿאָרט ווען עס איז זיך אָנהויבן די אויפֿלעבונג, וואָס מען בענקט אַזוי נאָך איר.

אפֿשר וועלן מיר נאָך קריגן אַ נײַע גרויסע טעריטאָריע — אָדער עטלעכע טעריטאָריעס — וואָס וועט שטיין אין סיסטעמאַטישן גײַסטיקן פֿאַרבונד מיט ארץ־ישראל און וועט צוזאַמען מיט ארץ־ישראל סײַ העלפֿן אָפּשוואַכן די שאַרפֿע נויט און סײַ געבן די מעגלעכקייט צו שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע לעבן.

דער גלות, ווי בכלל דאָס ייִדנטום, וועט שעפּן דעם שטאַרקסטן כּוח אין דער רעליגיעזער טראַדיציע, ווען ער וועט פֿאַרשטיין צו שפּײַזן פֿון אָט דער שאַצ־קאַמער דאָס לערנען די קינדער, דאָס לעבן און די קולטורעלע שאַפֿונג. אויך איצט לעבן מיר פֿון דעם דאָזיקן אור־יסוד פֿון אונדזער זײַן. אויך דאָס גרויסע אומגליק, וואָס איז אָנגעפֿאַלן אויף אונדז, וועלן מיר פֿאַרשטיין, אַריבערטראָגן און גובר זײַן, ווען מיר וועלן טיף **אַראָפּנידערן אין דער** ייִדישקייט פֿון דער רעליגיעזער געניאַליטעט, פֿון דער תורה און נבואה, און מיר וועלן בײַ ישעיה הנביא לערנען דעם סוד פֿון עבד ה׳. איך קען די טעמע נישט אויסשעפּן, איך ווײַל אָבער נישט פֿאַר־ענדיקן, איידער איך ווײַז אָן בפּירוש אויפֿן קאַפּיטל נ״ג פֿון ישעיה, וואָס אין אים באַקומט דער זינען פֿון די צרות פֿון אונדזער אומה אַן אַלמענטשלעכן, אַ וועלט־היסטאָרישן אײַנטײַטש, און סוף־כּל־סוף וועלן אים דערקענען אויך די פֿעלקער, וואָס אין זייער עסטעטישער שטעלונג האָבן זיי אַ לאַנגע צײַט נישט געקענט פֿאַר־שטיין, ווי אַזוי דער „נבזה וחדל אישים", דער געשלאָגענער און געפּלאָגטער, זאָל זײַן אויסגעקליבן צו זײַן דער טרעגער פֿון דער העכסטער שליחות. הײַנט שטעלן מיר טאַקע פֿאַר אָט דאָס טרויעריקע בילד. אָבער דערמיט ווערט באַשטעטיקט אונדזער גרויסע התמנות, אונדזער וועלט־היסטאָרישער מהות. אַזוי־אַרום ווערט אונדזער אומגליק אַ באַשטעטיקונג פֿון אונדזער ווערט און פֿון אונדזער קיום.

די דאָזיקע קאָנצעפּציע פֿאַרמינערט נישט אונדזער קעגנערשאַפֿט קעגן פֿאַר־נאַנדערבינדן די אינסטינקטן אין אונדזערע טעג און דאַרף נישט אָפּשוואַכן אונ־דזערע שטרעבונגען בײַצוקומען אונדזער נויט. אָבער דער חזון־ישעיהו באַלײַכט אונדזער וועג דורכן חושך.

ראָבערט וועלטש / ירושלים

קאַמף אַרום דער ירושה פון דער רעוואָלוציע

דאָס יידישע פאָלק — און ניט נאָר דער יידישער יחיד — באַטראַכט זיך היינט פאַר אַ טייל פון דער „אייראָפּעאישער" וועלט. דאָס איז אונדז איבערגעבליבן במתנה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אָבער ניט מיטאַמאָל האָבן מיר די דאָזיקע מתנה באַקומען, נאָר נאָך אַ לאַנגן גייסטיק־היסטאָרישן פּראָצעס — אַ פּראָצעס, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער גאַנצער אידעען־אַנטוויקלונג פון דער אויפקלערונג אין 18־טן יאָרהונדערט, וואָס האָט מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע עפּנטלעך באַקומען אַ קאָנקרעטע השפּעה אין דער וועלט און וואָס שטייט איצט משמעות ערב זיין סוף.

וואָס איז אַזוינס בכלל די פראַנצויזישע רעוואָלוציע? אַ פראַגע, וואָס מיר האָבן זי שוין לאַנג געהאַלטן פאַר פאַרענטפערט, ווערט איצט, אַדאַנק די געשיכטלעכע געשעעענישן פון אונדזער צייט, געשטעלט פון דאָס ניי אויפן סדר־היום. ביים סוף פון די 150 יאָר, זינט די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, שטייט אייראָפּע אונטערן צייכן פון אַ גוואַלדיקער קעגן־באַוועגונג, פון אַ גרויסער „קאָנטר־רעוואָלוציע", וועלכע פאַרמעסט זיך אומצואוואַלגערן די פילאָסאָפישע זיילן פון יענעם בנין, וואָס מיר האָבן זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע באַטראַכט אַלס די „אייראָפּעאישע וועלט". די דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז שאַרף אין אַזאַ טעזע און אַנטיטעזע, וואָס מיר האָבן עס קיינמאָל ניט דערוואַרט. געוויס, אויף באַשטימטע געביטן האָט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע געבראַכט צו אַזעלכע סאָציאַלע דערגרייכונגען, וואָס לאָזן זיך ניט מער מבטל מאַכן. אָבער אין אַ פאַרענדערטער פאָרם, אין הסכם מיט די לחלוטין געענדערטע אומשטאַנדן פון דער צייט, שטייען איצט אויף תחית־המתים באַגריפן, וואָס זיינען אין תוך אַ פולע פאַרלייקענונג פון יענע גרונט־פּרינציפּן, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר פעלזן־פעסט. דער וויכטיקסטער צווישן אָט די פּרינציפּן איז געווען די אידעע פון אינדיווידועלער פרייהייט — אַ פּרינציפּ, וואָס האָט אויך אין די צייטן פון רעאַקציע אין 19־טן י"ה קיינמאָל ניט פאַרלוירן זיין אידעאַלן באַטייט. אמת, עס זיינען געווען תקופות, ווען די אינדיווידועלע פרייהייט איז באַגרענעצט געוואָרן, ווען דער פּאָליציי־שטאַט האָט געוועלטיקט. אָבער אין דער גייסטיקער ספערע איז אָט דער פּרינציפּ קיינמאָל ערנסט ניט באַשטריטן געוואָרן.

גאַנץ אַנדערש זעט עס אויס היינט. די פילאָסאָפיע פון די טאָטאַלע מלוכות פרעגט אָפּ אויפן קאַטעגאָרישסטן אופן דעם עצם פּרינציפּ פון אינדיווידועלער פרייהייט און באַטראַכט דעם יחיד נאָר ווי אַ גליד פונעם כלל, ווי אַ מיטל פאַר מלוכה־צוועקן, אָדער — מיסטיש זיך אויסצודריקן — פאַר דער „פאָלקס־אידעע".

און נאָך מער. גראָד יענע כוחות, וואָס זיינען אַ דאַנק דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אויפגעבונדן געוואָרן, האָבן זיך היינט אַ קער געטאָן קעגן איר. האָט דאָך די רעוואָלוציע ניט בלויז באַפרייט דעם יחיד, זי האָט אויך געשאַפן דעם מאָדערנעם באַגריף „פאָלק", זי האָט באַפרייט די שטאַנדן. דאָס סואַווערענע „פאָלק" איז אויף דער וועלט געקומען אַ דאַנק דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זי איז צו דער גלייכער צייט געווען דער מקור פון ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע און אויך פונעם מאָדערנעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם. געוויס, דער נאַציאָנאַליזם פונעם 19טן י"ה איז ווייט ניט פון איין אויסגוס. ער איז ניט בלויז אַ פועל־יוצא פון די ראַציאָנאַליסטישע „נאַטירלעכע רעכט", וואָס האָבן אַרויסגערוקט דעם באַגריף „פאָלק", ווי אַ קעגנזאַץ צו די פריווילעגירטע שיכטן, נאָר ער איז אויך אַ פועל־יוצא פון דער ראָמאַנטיק, וואָס איז אויפגעקומען ווי אַ רעאַקציע קעגן דער ראַציאָנאַליסטישער אויפקלערונג. נאַפּאָלעאָן האָט צעטראָגן איבער אייראָפּע די ליבעראַלע אידעען פון דער רעוואָלוציע, אָבער גלייכצייטיק האָט ער פאַריאָכט די פעלקער אונטער זיין פרעמד־הערשאַפט און דורך דעם פאַרשטאַרקט אין זיי די כוחות פון ווידערשטאַנד און דעם געדאַנק פון אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן מהות. ווי דער בעסטער דאָקומענט פון אָט דער השפעה און קעגן־השפעה קענען באַטראַכט ווערן פיכטעס באַרימטע „רעדעס אַן די דויטשע נאַציאָן". אין גראַנגל קעגן דער ממשלה פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעפורעמט דער דייטשער נאַציאָנאַליזם, געשפייזט פון מיסטישע און ראָמאַנטישע קוואַלן, ווי „בלוט", געשיכטע און „פאָלקס־גייסט". דער מיטאָס פון דער נאַציע האָט דערוואַכט מיט דער גאַנצער שווערמוטיקער קראַפט, וואָס ליגט אין יסוד פון יעדן מיטאָס. אין דייטשלאַנד איז אויפגעקומען דער ספּעציפישער באַגריף „פאָלקסטום", און זיין ערשטער אָנזאָגער איז געווען יאָהאַן גאָטפריד הערדער, וואָס האָט אַנטדעקט דעם ווערט פון פאָלקסטימלעכער דיכטונג, פון פאָלקס־ליד, ווי אַ התגלות פון דער „פאָלקס־נשמה". דאָס פאָלק איז פּלוצים אַנטדעקט געוואָרן, ווי אַ מין זעלבשטענדיקער לעבנס־וועזן, ווי אַן אָרגאַנישער מהות, וואָס האָט זיך זיין אייגענע „נשמה". אויף וויפיל מען קען בכלל פאַרבינדן היסטאָרישע פּראָצעסן מיט איינצלנע פערזאָנען, קען הערדער אין אַ געוויסער מאָס באַטראַכט ווערן פאַרן פאָטער פון דער גרעסטער איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין 19טן י"ה. דאָס האָט מען אין דער ברייטער עפנטלעכקייט ניט גענוג אָפּגעשאַצט. הערדער איז געווען דער, וואָס האָט אויפגעוועקט דעם נאַציאָנאַליזם אויך ביי די סלאַווישע פעלקער. פון אים ציען זיך דירעקטע פעדים צו די ערשטע אָנזאָגער פונעם טשעכישן פאָלקיזם, און זיין השפעה גייט נאָך ווייטער — ביז דעם רוסישן פאַנסלאַוויזם. אין אייניקע ערטער ביי דאָסטאָיעווסקין, וואו ס'איז די רייד פון גאָט און פאָלק, פילט זיך די השפעה פון הערדערס געדאַנקען.

דער באַגריף „פאָלקסטום", אין אָט דער ראָמאַנטישער פאָרם, איז געווען כאַראַקטעריסטיש באַזונדערס פאַרן דייטשן און סלאַווישן באַנעם, בעת אין

די לענדער פון די גרויסע רעוואָלוציעס, אין מערב־אייראָפּע און אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער, איז געבליבן הערשן דער ראַציאָנאַליסטישער פאָלקס־באַגריף. מיר גיבן זיך אָפּ אַ קלאָרן חשבון, אַז אַזאַ פּאַראַלגעמיינערונג איז זייער אומ־פּולקום, מחמת דווקא אין פראַנקרייך האָט דער ראָמאַנטישער נאַציאָנאַליזם געהאַט זיינע כאַראַקטעריסטישע פאָרשטייער; גענוג דאָ צו דערמאָנען נאָר אַזעלכע דענקער, ווי די מאָדערנע פראַנצויזישע מאָרים באַרעס און שאַרל מאָראַס. די אידעע פון ראָמאַנטישן נאַציאָנאַליזם האָט גראָד איר פּראָטאָטיפּ געהאַט אי־נעם י י ד י ש ן דענקען, הגם זי האָט נאָך דאָ ניט געפונען איר מאָדערנע פאָרם, וואָס איז אין די יידישע קרייזן אויפגעקומען ערשט אַרום סוף 19טן י״ה, אונ־טער דער השפעה פונעם דייטשן און סלאַווישן נאַציאָנאַליזם. אָבער מיט רעכט קען מען אָנווייזן דערויף, אַז די פאַרבינדונג פון בלוט־געמיינשאַפט מיט גייסטיקער מיסיע — אַזוי ווי זיי זיינען פאַרקערפּערט געוואָרן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אינעם אַלטן יידנטום (די אידעע פון „ברית־עם“ און פון „אויסדערוויילטקייט“), האָט זיך דורך יאָרהונדערטער דורכגעבראָכן אַן אונטערערדישן וועג צו די קריסט־לעכע דענקער, וואָס האָבן אין יענער גייסטרייכער צייט — צום סוף פונעם 18טן י״ה — פאָרמולירט די אידעען, וואָס פון זיי האָט שפּעטער געזאָלט אַרויסוואַקסן דער נאַציאָנאַליזם.

עס איז פאַר אונדז איינע פון די וויכטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע טעמעס אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן גייסט, אַ טעמע, וואָס איז נאָך ווייט ניט באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַ גרונטיקן אופן: ווי אַזוי האָט זיך דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פון די פעלקער אין דער תקופה, ברייט גענומען, פון 1789 ביז 1848, אויסגעבילדעט פון די גייסטיקע קוואַלן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און איר ראָמאַנטיק און פון די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן — דעם שטור־עמדיקן מאַרש פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי איבער גאַנץ אייראָפּע, אונטער דער אָנפירונג פון נאַפּאָלעאָנען, און דעם אויפגעוועקטן דורך אים ווידערשטאַנד פון די פעלקער. אין 1848 איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז דער נאַציאָנאַליזם איז אַ רעוואָלוציאָנערער אויפרייס־שטאָף, אַ כוח, וואָס פאַרמעסט זיך חרוב צו מאַכן די אַלטע היסטאָרישע געבייען. אַ רעזולטאַט פון דער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע איז אויך געווען די אויפגעקומענע אידעע, אַז ניט בלויז דער יחיד האָט רעכט אויף פרייהייט, רעכט אויף צו אַנטוויקלען זיין אייגנאַרט, נייערט אויך — דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ק אָ ל ע ק ט י וו.

אַרום מיטן דעם 19טן יאָרהונדערט איז דער דאָזיקער כוח, וואָס איז אומ־באַמערקט אויסגעוואַקסן אונטער דעם אויסערלעכן דרוק פון דער „הייליקער אַליאַנס“ און מעטערניכס רעאַקציע, צייטיק געוואָרן צו שטעלן זיינע ערשטע טריט. דער געביט פון דער אַלטער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע איז גע־וואָרן זיין וויכטיקסטע קאַמף־אַרענע. עס איז ניט דאָ דער אָרט אויסצורעכענען אַלע איינצלנע דערשיינונגען, וואָס געהערן צו אָט דעם געביט. מען וואָלט דער־מאָלט באַדאַרפט גיין נאָך ווייטער צוריק און זיך אָפּשטעלן, צום בייִשפּיל,

אויפֿן באַפֿרייונגס־קאַמף פֿון די גריכן און אויף די פֿאַרשיידענע פּוילישע „פּאָווסטאַניעס“. די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס אין עסטרייך פֿון 1848 שיינען אונדז אָבער צו זיין אין דעם פּרט אַ ביז גאָר כאַראַקטעריסטישער ווענדפּונקט. שוין דערפֿאַר אַליין, וואָס גראָד דעמאָלט הויבט זיך אָן דער פּראָצעס, וואָס פֿאַרבלייבט ביז אויפֿן היינטיקן טאָג די אייגנטלעכע סיבה פֿון אַלע אייראָפּעאישע אויפֿטרייסלונגען. ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט נאָך קיינער ריכטיק ניט אָפּגעשאַצט דעם ביז גאָר וויכטיקן באַטייט פֿון אָט די געשעענישן. דער ליבעראַלער גייסט פֿונעם 19־טן י"ה האָט אַרויסגעוויזן אַ נאַטירלעכע סימפּאַטיע פֿאַר די נאַציאָנאַלע באַפֿרייונגס־קאַמפֿן און פֿאַר אַ נאַציאָנאַליזם, וואָס פֿאָדערט די פֿרייהייט פֿון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פֿון פֿעלקער, אין הסכם מיט די ליבעראַלע פּרינציפּן. דער 19־טער י"ה איז געווען אַן עדות פֿון אַזאַ טריאומף־עליה פֿון דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק, וואָס האָט אין דער געשיכטע קיין פּרעצעדענטן ניט. מיטן כוח פֿון אָט דעם געדאַנק איז עס געקומען צו דער פֿאַראייניקונג פֿון דייטשלאַנד, צו דער פֿאַראייניקונג פֿון איטאַליע, צום אויפֿקום פֿון אַ ריי נאַציאָנאַלע מלוכות אויפֿן באַלקאַן און לסוף, נאָך דער וועלט־מלחמה, צו דער שאַפֿונג פֿון אַ טוץ אַנדערע קליינע מלוכות אין אייראָפּע. די נייע אייראָפּעאישע קאַרטע פֿון אָנהויב 20טן י"ה איז געצייכנט מיט דער אידעע פֿון נאַטירלעכן רעכט פֿאַר יעדער נאַציע אויף פֿרייהייט — אַ כשר קינד פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, — פֿאַרבונדן מיט דער אידעע פֿון זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פֿון פֿעלקער, וואָס ציט איר יניקה אויך פֿון די זעלביקע גייסטיקע קוואַלן. דאָס איז געווען דער הויכפּונקט פֿונעם פּאָליטישן ראַציאָנאַליזם. מחמת די נייע וועלט־אָרדענונג האָט אויסגעשטעלט ניט אַזוי אויף יענע דינאַמישע כוחות, וואָס האָבן ביז דעמאָלט פֿאַרפֿולט די געשיכטע, ווי אויף דער ווירקונג פֿון אַ פּרינציפּ, וואָס קען האָבן אַ תקומה נאָר אין פֿאַל פֿון אַלגעמיינער אָנערקענונג.

דאָס „זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פֿון פֿעלקער“ איז נאָר אַן אַבסטראַקט רעכט. אין דער אמתן בלייבט תמיד די פֿראַגע: אויף וואָסער אופֿן זאָל אָט דאָס רעכט דורכגעפֿירט און גאַראַנטירט ווערן? דאָס יאָר 1938-1939, 150 יאָר נאָך דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט אין דעם פּרט געבראַכט אַ טיף־דעצידירנדיקע ווענדונג. אין שיין פֿון די לעצטע געשעענישן ווערט אונדז קלאָר, אַז פֿיל פֿון דעם, וואָס מיר האָבן פֿריער געהאַט באַטראַכט מיט אַ געוויסער נאַאיווער סימפּאַטיע, איז געווען אַ ביטערער טעות. איצט זעען מיר, אַז צו דער אידעע פֿון נאַציאָנאַלער פֿרייהייט מוז אומבאַדינגט צוקומען נאָך די אידעע פֿון צוזאַמענאַרבעט; איינע אָן דער צווייטער האָבן קיין תקומה ניט. אַלע די קליינע נאַציעס, וואָס פֿאַרנעמען דעם רוים צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, וועלכער ווערט אין דייטשלאַנד געוויינטלעך באַצייכנט מיטן נאָמען „צווישן־אייראָפּע“, וועלן קענען זיכערן זייער זעלבשטענדיקייט נאָר אין דעם פֿאַל, אויב זיי וועלן זיך אַלע צוזאַמענשליסן. גראָד די ליבעראַלע פּאָליטיקער פֿונעם 19־טן י"ה האָבן דאָס בשעתו איינגעזען. אין דעם פּרט איז, צום ביישפּיל, אינטערעסאַנט די מיינונג,

וואָס ס'האָט אַרויסגעזאָגט אין אייניקע זיינע בריוו און אויך מינדלעך דער עסטרייכישער קרוינפּרינץ רודאָלף, וואָס האָט אין 1889 זיך גענומען דאָס לעבן (זע דאָס בוך פון בערטאַ־שעפּס־צוקערקאַנדל: „איך ערלעבטע 50 יאַהרע וועלט־געשיכטע", פאַרלאַג בערמאַן־פישער, סטאָקהאָלם). קרוינפּרינץ רודאָלף האָט גע־האַלטן, אַז מיטל־אייראָפּע נויטיקט זיך אין אַ ליבעראַלער נייער אָרדענונג, דורך באַפרידיקן די וויטסגייענדיקע פאָדערונגען פון די נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אינעם עסטרייכישן מלוכה־פאַרבאַנד און וועלכע וואָלטן באַדאַרפט שאַפן אַ מין „פעלקער־בונד" בזעיר אנפּין. ער האָט עס אָבער ניט געקענט פועלן, און זיין פּלאַן פון אַ מין „קליינעם פעלקער־בונד" איז ניט באַשערט גע־ווען מקוים צו ווערן. אַנשטאָט דעם האָט דער וואַקסנדיקער נאַציאָנאַליזם, אין דראַנג צו אומבאַדינגטער זעלבשטענדיקייט, אַ סוף געמאַכט צו דעם אַלטן מלוכה־פאַרבאַנד. און אויף זיינע חורבות זיינען אויפגעקומען יענע קליינע מלוכות, וואָס זייענדיק אומבאַוואָפנט און שוצלאָז, פאַלן זיי איצט אַ קרבן פון דער שטאַרקערער מאַכט, וואָס האָט אויסגעשטרעקט איר רויבער־האַנט.

דער נאַציאָנאַליזם, ווי געזאָגט, איז אַ קינד פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע. איינע פון די נאַציעס, וואָס האָט אים שפּעטער פון די אַנדערע אויפ־גענומען, איז געווען — די יידישע. כדי צו ווערן צייטיק פאַרן נאַציאָנאַליזם, מוז מען קודם־כל אָפּרוימען פון וועג די אַלטע פעאָדאַלע לעבנס־פאָרמען. ביי יידן, ווי ביי אַ פאָלק, וואָס האָט ניט פאַרמאָגט קיין ערד־באַזיס, האָבן דעם אָרט פון פעאָדאַלן מיטלעלטער, וואָס האָט געמוזט צעשטערט ווערן, פאַרנומען די פאַרגליווערטע פאָרמען פונעם רבניש־אָרטאָדאָקסישן לעבנס־סדר. געוויס האָבן דערביי געשפּילט אַ באַדייטיקע ראָלע ניט בלויז ריין־גייסטיקע מאָמענטן, נאָר אויך סאָציאַלע און עקאָנאָמישע.

דער אויפקום פון נאַציאָנאַליזם אין 19טן י"ה בכלל איז ענג פאַרבונדן מיטן אויפשטייג פונעם בירגערטום און מיטן אויפקום פון דער קאַפּיטאַליסטיש־אינדוסטריעלער תקופה — מיט די ענדערונגען אין דער טעכניק, קאָמוניקאַציע, אין די אַרבעט־פאָרמען און ווירטשאַפט־פאָרמען בכלל. און דאָס אייגענע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אינעם יידישן געביט. דער צעפאַל פונעם פרימיטיוון, מיטלעלטערלעכן לעבנסשטייגער אין מזרח־אייראָפּעאישן יידישן שטעטל איז פונקט אַזאַ פועל־יוצא פון די נייע פאָרמען פון ווירטשאַפט, ווי פון דעם נייעם אופן פון דענקען, וואָס ברענגט דורך בהדרגה פאַר זיך אַ וועג אויך אין דער יידישער גאַס. די מאָדערנע אידעען פון השכלה און ציוויליזאַציע רייסן אַרונטער די מויערן, וואָס זיינען אין מיטן אַ פרעמדער וועלט אויפגעשטעלט געוואָרן אַרום דעם יידישן לעבן. מיר שטייען פאַר דעם כאַראַקטע־ריסטישן פאַקט, וואָס די עיקרדיקע גייסטיקע כוחות אינעם יידישן לעבן פון 19טן י"ה, הן די אַסימילאַציע און הן דער נאַציאָנאַליזם, האָבן ביידע זייער מקור אין די פרייהייט־אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס איז דאָ איבעריק צו באַווייזן (געוויס וועט דאָס געמאַכט ווערן אין אַן אַנדער אָרט

פון דעם זאַמלבוך), ווי אַזוי די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין יענע לענדער, וואָס זיינען די ערשטע פּאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רעוואָלוציע, אַ דאַנק פריער פאַר אַלץ פּאָרמעל־יורידישע און דאָקטרינעריש־ליבעראַלע מאָטיוון, איז שפּעטער מגולגל געוואָרן אין אַ שטאַרקער אַסימילאַציע־באַוועגונג. וואָס מיר איז דאָ וויכטיק, איז ניט אַזוי דער אַלגעמיין באַקאַנטער פאַקט, אַז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די יידישע עמאַנסיפּאַציע און די באַפרייונג פונעם יידישן יחיד, נייערט דער ניט ווייניקער וויכטיקער, לויט מיין מיינונג, צוזאַמענהאַנג צווישן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דעם אויפקומענדיקן יידישן נאַציאָנאַליזם. אין דער ליטעראַטור וואָלט מען געקענט, ווי אויף אַ ביישפּיל, אָנווייזן אויף משה העסן, וועלכער האָט נאָך אין 1862 (אין זיין „רוים און ירושלים"), רעדנדיק וועגן יידן, געשריבן וועגן דער „לעצטער נאַציאָנאַליטעטן־פּראָגע". אויך פאַר די פּאָרקעמפער פון דער השכלה האָט דער בראָך מיט דער אָפּגעלעבטער יידישער טראַדיציע באַטייט די באַפרייונג פון פאָלק, דורך מצרף זיין אים צום „אייראָפּעאישן דענקען", וואָס איז געקומען אויף דער וועלט אין 1789. אויך אין דעם יידישן נאַציאָנאַליזם פון דער תקופה 1882-1932 מערקט זיך קלאָר די פּאַראַלעלע השפעה פון די צוויי כוחות — פונעם מערב־אייראָפּעאישן ראַציאָנאַליסטישן נאַציאָנאַליזם, וואָס ציט זיין יחוס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און פון דער מיסטיש־רעליגיעזער, מ'קען זאָגן — „משיחישער" פאָלקס־אידעע פונעם מזרח.

היינט שטייען מיר אין דער גאָרער וועלט פאַר אַ נייעם עטאַפּ פונעם נאַציאָנאַליזם. אָנשטאָט די כוחות פון 1789, וואָס האָבן אים מיט טריאומף דורכגעטראָגן דורכן גאַנצן 19טן י"ה, שטיצט ער זיך איצט אויף די קעגן־כוחות פון אַליין־הערשאַפט און אונטערדריקונג. די טאָטאַליטאַרע אידעע, הגם טעאָרעטיש איז זי שוין געווען בנמצא אין דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער צייט, איז אָבער קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַזאַ קאָנסטרוקציע ווי איצט, ווען זי איז אַלץ תופס און כולל, און האָט צוגעגעבן דעם נאַציאָנאַליזם אַ גאַנץ נייעם פּרצוף. פאַרן יידישן פאָלק איז מיט דעם מאָמענט אַריינגעטראָטן אַ היסטאָרישער ווענדפּונקט. זיין עצם־עקסיסטענץ ווערט געשטעלט אין אַזאַ טויט־סכנה, וואָס געפינט ניט איר גלייכן פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. עס האַנדלט זיך איצט אין אייראָפּע מער ווי וועגן אַ פּשוטן סיכסוך צווישן צוויי מאַכט־גרופּעס, נייערט וועגן אַ גייסטיקער פּראָבלעם־לייזונג פון טיפסטן באַטייט. דאָס רוב מענטשן האָבן זיך היינט־צו־טאָג אויף דעם אָדער יענעם אופן אונטערגעוואָרפן דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן, ווי אַן אָרגאַניזאַטאָרישער און מלוכה־שאַפנדיקער פּרינציפּ. און עס איז דעריבער וויכטיק ווידער צו געבן דער נאַציאָנאַלער אידעע יענע פאָרם, וואָס זי האָט געהאַט אַמאָל אַלס קינד פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס צעפּלאָקערט זיך פון דאָס ניי דער קאַמף פאַר די אַלטע אידעען פון סוף 18טן י"ה. דאָס נאַציאָנאַלע דענקען האָט אונדז געלערנט זיך איינצוגלידערן אין אַ לעבעדיקן פאָלקס־קאָלעקטיוו. דאָס האָט אָבער

אַ זינען נאָר דעמאָלט, ווען דאָס איז אַ קאָלעקטיוו פון פרייע און פאַראַנט־וואָרטלעכע מענטשן. דער קאַמף פאַר דער אינעווייניקסטער און אויסנווייניקסטער פרייהייט פונעם מענטשן איז היינט ניט אַן ערך ערנסטער, ווייל ער ווערט געפירט קעגן אַזוינע כוחות, וואָס דערקלערן זיך אַליין פאַר רעפּרעזענטאַנטן פון דער „טאָטאַלער" נ אַ צ י ע. דאָס יידישע פאָלק איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אָט דעם געראַנגל. געוויסע שרייבער (אַנטיסעמיטישע אין דייטשלאַנד) האָבן דערקלערט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, ווי אַ נצחון פון „יידישע" אידעען. ווי אומזיניק אַזאַ היסטאָרישע קאָנצעפּציע זאָל נישט זיין, איז דאָך די אידעע פון פרייהייט און גלייכהייט אַ י י ד י ש ע י ר ו ש ה, וואָס מותר זיין אויף איר ווילן מיר ניט. און די דאָזיקע ירושה מוזן מיר אָנערקענען, הן ווי יחידים און הן ווי אַ פאָלק, אינעם גרויסן געראַנגל, וואָס גייט איצט אָן פאַרן אומברענגען אָדער אויפהאַלטן די דערגרייכונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

י. טשערניכאָוו / ווילנע

די לאָגיק פון דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע

(היסטאָרישע הערות צום 150-יאָריקן יובל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע)

עס איז איבעריק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם, וואָס דער נצחון פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אירע פּרינציפּן באַטייטן פאַר יידן. אין דער לאַנגער יידישער געשיכטע, וואָס איז רייך מיט ירידות און עליות, זיינען פאַראַן ווייניק געשעענישן, וואָס זייערע רעזולטאַטן זאָלן פאַר יידן זיין אַזוי וויכטיק און אַזוי טיף, ווי די גרויסע איבערקערעניש אין פראַנקרייך צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט.

עס זיינען אין דער לעצטער צייט געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּרואוון אויפ־צושטעלן אַ דעמאָגראַפיש בילד פון יידן אין דער וועלט אויפן שוועל פון דער נייער צייט.*) עס וועט זיין קרוב לאמת, אויב מען וועט זאָגן, אַז צום סוף 18־טן יאָרהונדערט זיינען אויף דער גאַנצער וועלט געווען בסך־הכל עפּעס מער ווי 2 און אַ האַלב מיליאָן יידן, פון זיי — איבער 2 מיליאָן אַשכנזישע, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט נאָך כמעט אַלע געפונען אין די גרענעצן פון דעם אייראָ־פּעאישן קאָנטינענט. פאַר די 150 יאָר, וואָס זיינען אַריבער זינט דער התחלה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז די צאָל יידן אין דער וועלט דערגאַנגען ביז 16 מיליאָן. און דער טייל פון אַשכנזישן ייד (אין זיין אייראָפּעאישער „מעט־ראָפּאָליע" און אין די „קאָלאָניעס" מעבר־לים) האָט זיך פאַרשפּרייט און איז אויסגעוואַקסן ביז 15 מיליאָן. דאָס איז אַ מערקווירדיקער וואוקס, וואָס זיין גלייכן איז כמעט ניט צו געפינען ביי וועלכן עס איז אַנדער פאָלק.

דער כמותדיקער וואוקס פון יידן אין דער וועלט געפינט זיך אין אַ פולער האַרמאָניע אויך מיטן א י כ ו ת ד י ק ן אויפשטייג פון דער יידישער גייס־טיקער און קולטורעלער ענערגיע. דער יידישער, פון דרויסן און פון אינעווייניק פעסט צעמענטירטער, „מיטלעלטער" געדויערט האַרט ביז צו דער תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און אויב עפּעס איז מסוגל צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון יידישן היסטאָריקער, איז עס אָט די גיכקייט, און אָט דער אימפּעט, מיט וועלכן יידן פון מערב האָבן זיך באַפרייט פון דעם אופן טראַדיציאָנעלן דענקען, וואָס איז געווען געבונדן און געפלאָכטן מיטן גאַנצן

---

*) פאַרגל': יעקב לעשצינסקי, די אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק פאַר די לעצטע 100 יאָר („שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק" פון ייוו"אָ, ב' 1) און י. טשער־ניכאָוו, וועגן מזרח־אייראָפּעאישער יידישקייט („יובל־בוך" פון „היינט", וואַרשע 1939) (זע אויך דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק", ב' 8).

אלטן יידישן לעבנסשטייגער. אז מען בלעטערט נאָך איצטער איבער דעם אלטן גרעצן, נעמט מען זיך אָן מיט התפּעלות און מען ווערט מיטגעריסן מיט זיין פּאַטאָס פאַר דער אָנגעזאַמלטער יידיש־תּלמודישער ענערגיע און גייסטיקער מעטאַמאָרפאָזע פון יידן, ממש „כהרף עין", בפרט אין דייטשלאַנד, אונטער דער השפּעה פון דער נייער ווירקלעכקייט און די נייע הערשנדיקע אידעען. מען קען אָן שום גוזמא פעסטשטעלן, אַז אַזא אינעווייניקסטע אינטענסיווע איבערקערעניש אין מענטשלעכע מוחות לאָזט זיך מן־הסתם גאַר זעלטן באַגעגענען אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור.

און עס איז שוין געווים איבעריק אונטערצושטרייכן, וואָס די פּאָליטישע עמאַנסיפּאַציע האָט מיט זיך ע ק אָ נ אָ מ י ש געבראַכט די יידן. וואָס האָבן יידישע מאַסן (ווידער — בפרט אין מערב) מיט זיך פאַרגעשטעלט ערב דער עמאַנסיפּאַציע — און ווי וואונדערלעך דער ווירטשאַפטלעכער מצב האָט זיך געענדערט אין דער נייער צייט!

היינט — פּ אָ ל י ט י ש! וואָס האָבן יידן, פון שטאַנדפּונקט פון רעכט פון דעם בירגער, מיט זיך פאַרגעשטעלט אין דעם גרעסטן טייל אייראָפּעאישע לענדער פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון די פּרינציפּן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע? באמת, אין דעם פּרט איז די אויסלייזונג פון דעם ייד דעם מענטש געווען די סאַמע וואונדערלעכע, און האָט אין די אויגן פון דעם באַפרייטן דור יידן געמוזט אויסזעען כמעט ווי אַ נס.

איז שוין קיין חידוש ניט, וואָס דער טאָן פון מאַזשאָר, דער ניגון פון טריאומף לאָזט זיך הערן אויף די העכסטע טענער ביי די יידישע געשיכטעשרייבער, ווען זיי כאַפּן זיך אַרויס פון יידישן מיטלעלטער און גייען אַריבער „מעבדות לחירות", צו דער נייער תּקופה פון יידישער געשיכטע. איז אָבער געפיל, טענדענץ בכלל אַ שלעכטער וועגווייזער פאַר אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכער היסטאָריאָגראַפיע. און בשעת מען שטייט ביי דער התחלה (און אין אַזאַ מצב, לויט איר מעטאָדאָלאָגיע, געפינט זיך נאָך אָן שום ספק די יידישע היסטאָריאָגראַפיע), איז וויכטיק אָנצוהייבן פון אַנאַליז, פון א י נ ד י ו י ד ו א ל י ז א צ י ע פון די פאַרשיידענע מאָמענטן אין דעם אַלגעמיינעם היסטאָרישן פּראָצעס. דער וועג פון סינטעטישע אויספירן און פון נאַציאָנאַלע „קאָנצעפּציעס" איז בדרך־כלל זייער אַ לייכטער, אָבער, כדי דער סינטעז זאָל האָבן אַ געשיכטלעכע ממשות, איז נויטיק, אַז ער זאָל קומען נאָך לאַנגע, שווערע זוכענישן.

1. י י ד ן א י ן א י י ר אָ פּ ע ע ר ב ד ע ר ג ר ו י ס ע ר ר ע װ אָ ל ו צ י ע

דער אָנערקענטער יידישער היסטאָריקער פון אונדזער צייט, שמעון דובנאָוו, הייבט אַזוי אָן זיין אַריינפיר צו דער „יידישער וועלט ערב דאָס יאָר 1789:
„ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789, וואָס בילדעט דעם אָנהייב פון

דער עמאַנסיפּאַציע פֿון יידן, איז די פּאָליטישע און סאָציאַלע לאַגע פֿון אַלע גרופּעס פֿון דעם יידישן פֿאָלק אין די מלוכות פֿון אייראָפּע אין אַלגעמיינע שטריכן געווען איינע און די זעלביקע".

מיט דעם דאָזיקן טעזיס קען מען ניט מסכים זיין. אויב פּאָליטיש וואָלט מען „אין אַלגעמיינע שטריכן" (אָבער טאַקע ניט מער ווי אין אַלגעמיינע) נאָך געקענט פֿאַרגלייכן דעם מצב פֿון יידן אין פֿאַרשיידענע אייראָפּעאישע מלוכות, איז אָבער נ א צ י אָ נ אַ ל, ס אָ צ י אַ ל און ג יי ס ט י ק דאָס לעבן פֿון יידן אין אייראָפּע צו יענער צייט שוין געווען פֿאַרשיידן. דער סאַמע אָפּגעשטאַ־נענער חלק פֿון יידישן פֿאָלק אין מערב־אייראָפּע זיינען געווען די יידן אין די מלוכות און מלוכהלעך פֿון ד יי ט ש ל אַ נ ד. זייער צאָל — חוץ פּרייסן — האָט געקענט דערגרייכן ביז 120.000. *) דער איינציקער גרויסער צענטער האָט זיך געפֿונען אין די ווענט פֿון דעם טיפּסטן יידיש־דייטשן געטאָ אין פֿראַנקפֿורט, וואָס האָט געציילט לערך 500 משפּחות; די איבעריקע ישובים זיינען געווען קליין און צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. מען קען אָן שום גוזמא זאָגן, אַז די דייטשע יידן האָבן ערב דער נייער צייט מיט זיך עקאָנאָמיש פֿאָרגעשטעלט דאָס רוב אַ פּויפּעריזירטע מאַסע, אָן וועלכן עס איז זיכערן עקאָנאָמישן אָנהאַלט אין לעבן. ברובם פֿאַרנומען אין האַנדל מיט אַלטוואַרג, אין אויפֿקויף פֿון בהמות און קודם־כל אין קליינער וואָכעריי, זיינען זיי געשטאַנען מחוץ פֿון די ברייטע וועגן פֿון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין לאַנד. אין הסכּם מיט דער עקאָנאָמיק האָט זיך געפֿונען זייער גייסטיקער ניוואָ. אָפּגערעדט פֿון דעם, וואָס די נייע פֿאָרמען פֿון אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע האָבן ניט געהאַט קיין צוטריט אין אָט די אָפּגעלאָזענע יידישע געטאָס, איז אויך דער כּוח פֿון דער ספּעציפֿישער יי ד י ש ע ר געטאָ־קולטור שוין געווען זייער אָפּגעשוואַכט. ווען ניט דער בסדרדיקער צושטראָם פֿון רבנים, מלמדים, מגידים און אַנדערע כּלי־קודש פֿון מ ז ר ח, דער עיקר פֿון פּוילן, וואָלט דאָרטן מן־הסתּם כּמעט אויסגעלאָשן גע־וואָרן די ענערגיע פֿון גייסטיקן כּלל־לעבן אויך אין זיין רעליגיעזער געשטאַלט.

אַנדערש, ווי אין איבעריקן דייטשלאַנד, האָט זיך אין 18־טן י"ה גענומען אַנט־וויקלען דאָס לעבן פֿון די יידן אין פּ ר י י ס ן. געוויס איז אויך דאָ אין אַלגעמיין די יידישע לאַגע געווען אַ ביטערע — די פּרייסישע הערשאַפֿט איז לחלוטין ניט געווען מסוגל לייכטער צו מאַכן דאָס לעבן פֿון יידן: די פּרעציזקייט פֿון דער פּריי־סישער ביוראָקראַטישער מאַשין, די סיסטעם פֿון יידישער „רעגלאַמענטאַציע" איז אפֿשר געווען אין פּרייסן שווערער, ווי ערגעץ־וואו אַנדערש. אין פּרייסן האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן אויסבילדן אַנדערע און נייע סאָציאַלע באַדינגונגען. אין הסכּם מיט דער דעמאָלט אָנגענומענער טעאָריע פֿון מערקאַנטיליזם, האָבנ־דיק קודם־כּל פֿאַרן אויג די מיליטערישע און פּאָליטישע אינטערעסן פֿון לאַנד,

*) גאַנץ דייטשלאַנד, אַריינגערעכנט אויך פּרייסן, האָט דעמאָלט געציילט, ווי מען רעכנט, ביז 200.000 יידן. — רעדאַקציע.

האָבן שוין די פּרייסישע קורפירשטן געפירט אַ באַוואוסטזיניקע פּאָליטיק פון אינדוסטריאַליזאַציע און האָבן די ערשטע צווישן די דייטשע הערשער אַריינגעפירט זייער לאַנד אין דער ספערע פון אַ גיכער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. דריקן די אָ ר ע מ ע יידן און געבן די מעגלעכקייט זיך צו דערהייבן די ר יי כ ע, די „נוצלעכע" — ווערט דער יסוד פון דער פּרייסישער יידישער פּאָליטיק פאַר אַ גאַנצער תקופה.

אויף אַזאַ אופן קומט פאַר אינעם דייטשן יידנטום אַ גיכער פּראָצעס פון סאָציאַלער ד י פ ע ר ע נ צ י א צ י ע. די אָרעמקייט בלייבט ביי די אַלטע לעבנס-פאָרמען, בשעת דער רייכער מיעוט, ביי וועלכן דער פּראָצעס פון אָנקלייב פון קאַפּיטאַל קומט פאָר מיט אַן אומדערהערטן טעמפּ, בייט שנעל דעם גאַנצן שטייגער פון זיין ביז-איצטיקן לעבן. ווי אַ פועל-יוצא פון דעם, ענדערט זיך זייער שנעל דער פּרצוף פון דעם פּרייסישן יידנטום. אין קיניגסבערג און אין בערלין קומען אויף נייע מאָדערן-קאַפּיטאַליסטישע גרופּעס יידן, וואָס פלעכטן זיך איין אין די פּראָגרעסיווע עקאָנאָמישע פּראָצעסן פון לאַנד און הייבן אָן אַלץ מער צו ציען זיך צו דער אַרומיקער, ניט-יידישער סביבה.

עס איז געווען דעמאָלט אַ צייט פון פּאָליטישער שטילקייט אין גאַנץ אייראָפּע — האָט דען ווער עס איז געקענט רעכענען, אַז עס גייט צו אַ גרויסער איבערקערעניש אין פראַנקרייך? אָבער געוויס פּאָליטיש שטיל איז געווען אין די פּרייסישע גרענעצן פון פרידריך דעם גרויסן. די אידעען פון דער נייער צייט — עס איז אמת — האָבן דאָ, אַ דאַנק די ענציקלאָפּעדיסטן, אָנגעהויבן באַקומען אַ השפעה אויף קליינע, אויפגעקלערטע קרייזן. פּרייסישע יידן — זייער רייכער, אויפגעקלערטער טייל — לעבן איבער ממש אַ גייסטיקן פיבער, אַ טיפן קולטור-קאַמף. אין קיין לאַנד פון אייראָפּע האָבן יידן מיט אַזאַ אימפּעט ניט איבער-גענומען די שפּראַך פון לאַנד, זיך אַזוי גיך ניט באַהעפט מיט איר קולטור — אויף אירע העכסטע שפּיצן — און ניט באַוויזן צו ווערן אַזאַ וויכטיקער פאַקטאָר פון דער אַרומיקער קולטור, ווי דער קליינער יידישער קיבוץ אין פּרייסן צום סוף 18-טן י"ה.

די אינטענסיווקייט פון אָט דעם קולטור-קאַמף ביי די פּרייסישע יידן (מענדעלסאָנס קרייז, די „מאספים", די בערלינער „סאַלאָנען" פון הענריעטאַ הערץ, דאָראָטעאַ מענדעלסאָן און רחל וואַרנהאַגען) קען געוויס דערקלערט ווערן מיט דער שכנותדיקייט פונעם פּרייסישן יידישן קיבוץ צום מ ז ר ח-יידישן קיבוץ און מיט דער השפעה מצד דעם גרויסן פּויליש-בעמיש-אונגאַרישן יידישן מאַסיוו, וואָס האָט נאָך געמוזט פאַרשטאַרקט ווערן דורכן אַריינגלידערן אין פּרייסן אַ טייל פון פּוילן, אינאיינעם מיט דער געדיכטער, יידיש-לעבנסשטייגערישער, פּאָלבלוטיקער יידישער באַפעלקערונג.

נאָך אַ טיפּ פון אַ יידישן קיבוץ האָט זיך אויסגעפורעמט אין צפון-מערב פון אייראָפּע, אין דעם קליינעם ה אָ ל אַ נ ד. אויף די קנאַפּע 2 מיליאָן דע-

מאָלטיקער האָלענדישער באַפעלקערונג האָבן יידן אויסגעמאַכט 2,5 פּראָצענט — אַ פּראָפּאָרץ, וואָס מען באַגעגנט ניט אין יענער תקופה אין קיין שום אַנדער לאַנד פון מערב־אייראָפּע. דער דאָזיקער קיבוץ פאַרמאָגט אמת ניט קיין ביר־גערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג, ער איז צום טייל אויך באַגרענעצט אין זיין ווירט־שאַפטלעכער אַקטיווקייט. אָבער די ברייטע מעגלעכקייטן פון דעם דאָזיקן בליענ־דיקן לאַנד בכלל, די גאַנצע אַטמאָספער פון דעמאָלטיקן האָלאַנד מיטן פּנים צו די ברייטע ים־וועגן און צו אַ געוואָגטער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק — האָבן צוגעגעבן גאָר אַן אַנדערן סאָציאַלן אויסזען אָט דעם יידישן קיבוץ. אַריינפאַלנ־דיק שפּעטער אין דער ספערע פון פּאָליטיק פונעם רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך, וועט ער הן כלפּי־פּנים, הן כלפּי־חוץ ג אָ ר אַ נ ד ע ר ש רעאַגירן אויף די פאָדערונגען פון דער נייער צייט און וועט זיך פאַרגינען צו האָבן אַן אייגענע אָריענטאַציע.

ווי גרויס האָט געקענט זיין די גאָרע צאָל יידן אין מערב־ און דרום־אייראָפּע ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע? קיין גענוג זיכערע סטאַטיסטיק פאַרמאָגן מיר ניט, אָבער עס זיינען פונדעסטוועגן פאַראַן מעגלעכקייטן צונויפצושטעלן, ווען אַפילו צום טייל אויפן סמך פון השערות, אַ בערכדיק סטאַטיסטיש בילד, און איך האָב עס פּרובירט צו טאָן אין מיין שטודיע „וועגן מזרח־אייראָפּעאישער יידישקייט". *) לויט אָט די אויסרעכענונגען קומט אויס, אַז אין לעצטן פערטל פון 18־טן י"ה האָבן זיך אין גאַנץ מערב־אייראָפּע (אין דייטשלאַנד און אין אַ געווויסן טייל עסטרייך, אין פראַנקרייך, האָלאַנד, איטאַליע, שווייץ, ענגלאַנד, סקאַנדינאַוויע) געפונען מסתמא ניט מער, ווי 250.000 יידן. **) ווען מען האָט אין זינען די גרויס פון דעם דאָזיקן שטח, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן ,ווי שיטער, ווי „בטל בששים" עס זיינען געווען די דעמאָלטיקע יידישע מערב־אייראָפּעאי־שע ישובים.

דער צענטער פון דעם יידישן פאָלק, פון זיינע שעפערישע און ביאָלאָגישע כוחות אין אייראָפּע — און אין דער גאָרער וועלט — האָט זיך דעמאָלט גע־פונען אין אַ לפי־ערך קליינעם ווינקל פון מ ז ר ח ־ אייראָפּע, דער עיקר אַרום דער ווייסל און דעם ניעמאַן, אין די גרענעצן פון פוילן, אונגאַרן און אין די סלאַ־ווישע גרענעץ־געביטן פון „דייטשטום" זיינען געווען קאָנצענטרירט ניט ווייני־קער פון אָנדערטהאַלבן מיליאָן יידן. פאַר יענער צייט איז עס געווען אַן אַבסאָלוט גרויסע צאָל, אָבער איר סאָציאַלע וואָג ווערט נאָך בולטער, ווען מען גיט צו, אַז יידן האָבן אין פוילן אויסגעמאַכט מער ווי 10 פּראָצ' פון דער גאַנצער באַפעל־

---

*) אין ציטירטן „יובל-בוך" פון „היינט".

**) אויב מ'זאָל רעכענען, אַז נאָר אין דייטשלאַנד אַליין האָבן דעמאָלט געלעבט ביז 200.000 יידן און אין האָלאַנד, איטאַליע און פראַנקרייך — לערך צו 35—40 טויזנט, איז די דאָזיקע אָנגעגעבענע צאָל פון 250.000 מערב-אייראָפּעאישע יידן זיכער אַ .פאַרקלענערטע. — רעדאַקציע.

קערונג. דער דאָזיקער ישוב האָט, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרמאָגט קיין פּאָליטישע רעכט, דערפאַר אָבער זיינען גרויס און פאַרשיידנאַרטיק געווען זיינע סאָציאַלע מעגלעכקייטן. יידן אין פּוילן האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט דעם אינעווייניקסטן און אויסנווייניקסטן האַנדל, די התחלות פון דער אינדוסטריע, אין אייניקע טיילן פון לאַנד זיינען זיי געווען שטאַרק פאַרטראָטן אין מלאָכה, געווען אַקטיוו אין טראַנספּאָרט (בעלי־עגלות און קרעטשמערס), פאַרמאָגט אַ גאַנץ באַדייטיקע דאָרפישע באַפעלקערונג (ביז אַ דריטל אין אייניקע געגנטן) און דער עיקר — געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער מיטעלער און גרויסער לאַנדווירטשאַפט (אַרענדאַרס). מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז גראָד דעמאָלט האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיך לטובת די יידן דער פּראָצעס פון קאַמף מיט דער דייטשער שטאָטישער קאָלאָניזאַציע און מיט די „מעשטשאַנעס" (דער עיקר אויף די „קרעסן"), וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר הונדערט יאָר און וואָס איז געוואָרן דער מקור פון יידישן עקאָנאָמישן כוח אין מזרח פון אייראָפּע אין משך פון אַ לאַנגער תקופה.

אין אַזוינע אומשטאַנדן איז אויפגעקומען דער יחיד־במינודיקער יידישער מזרח־אייראָפּעאישער קיבוץ (מיטן הויפּט־צענטער אין פּוילן)— אַ קיבוץ מיט אַ לאַנגן נאַציאָנאַלן אָטעם, וואָס האָט לויט זיין סאָציאַלער וואָג, געפיל פון זיכערקייט אין זיך און גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט ניט געהאַט זיין גלייכן אין קיין אַנדער טייל פון יידישן פאָלק.

אָט דער קיבוץ, אַ דאַנק זיין ברייטער עקאָנאָמישער באַזע און לפי־ערכדיקער סאָציאַלער דיפערענציאַציע, האָט אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן י"ה, מיט אַ דור פריער פאַר די פּרייסישע יידן, איבערגעלעבט אַ תקופה פון אויסערגעוויינטלעכער שעפערישער גייסטיקער אָנשטרענגונג. אין איין און דער זעלביקער צייט קומען פאַר אין די גרויסע „קרעסן"־פּראָווינצן פון דער ערשטער פּוילישער רעפּובליק אַ גאַנצע ריי געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען: אין אַ זאַמאָשטש, כאַטאַנאָוו, טיסמעניצע און אין אַנדערע מקומות פון דרום־מזרח־פּוילן, וואָס ליגן אויף די ברייטע האַנדלס־וועגן, קומען אויף די התחלות פון אויפקלערונג, פון ה ש כ ל ה (ישראל זאַמאָשטש — מענדעלסאָנס לערער א"א); די ח ס י ד ו ת מיט דער וואונדערבאַרער התגלות פון בעש"ט, ווי דעם שליח־ציבור פון ברייטן גאַליציש־פּאָלאָדיש־אוקראַיִנישן דאָרפישן יידישן ישוב; אין אָפּאָזיציע צו איר — די מ ת נ ג ד ו ת, בראש מיטן ווילנער גאון, דעם פירער פון קאָנסאָלידירטער, אייגנעזעסענער ליטווישער שטאָטישער באַפעלקערונג; י ע ק ב פ ר א נ ק מיט דער ערשטער ראַדיקאַל פאָרמולירטער פּראָגראַם פון קולטור־נאָכמאַכונג, שפּעטער — פון באַוואוסטזיניקער אַסימילאַציע, וואָס צו איר האָט אַזוי געצויגן דעם גרויסן, רייכן אַרענדאַר, דעם פּריצס מקורב. דאָס זיינען ניט נאָר אידעאישע בעצעסיעס, אין זייער רוב זיינען דאָס מאַסן־באַוועגונגען, מיט טיפע גרונט־עמאָציאָנעלע איינשטעלונגען, מיט ברייט־פאַרמאָסטענער אָרגאַניזאַציע, אָנגעזאַפּט מיט ברויזנדיקער געזעלשאַפטלעכער ענערגיע.

ווי עס איז צו זעען, זיינען די יידישע קיבוצים אין אייראָפּע שוין דעמאָלט ניט געווען „מעור אחד“, ניט געווען איינהייטלעך, און מען האָט שוין געקענט האָבן דעם פּאַרגעפּיל פון זייערע גורל־וועגן.

ניט געקוקט אָבער אויף די אָנגעוויזענע פאַרשיידנקייטן, האָבן די יידישע ישובים אין דער צווייטער העלפט 18־טן י״ה אין זייער גאָר גרויסער מערהייט פאַרגעשטעלט מיט זיך איין גייסטיקע אָרגאַנישע איינהייט און זיך געפונען אין כּסדרדיקער ענגער פאַרבינדונג מיטאַנאַנד. עס האָבן צו דעם גורם געווען עקאָנאָמישע סיבות: יידישע סוחרים פון מזרח פּלעגן קומען קיין קיניגסבערג, דאַנציג, אויפן לייפּציקער יריד און אָנשפּאַרן צוליב זייערע אינטערעסן נאָך ווייטער. אָבער אפשר מער פון דעם האָט געווירקט די ג יי ס ט י ק ע דינאַמיק פון מזרחדיקן קיבוץ. ניט האָבנדיק קיין וועג ווייטער צו מזרח־צו, פלעגט דער עודף פון דער יידישער גייסטיקער ענערגיע זיין נאָכאַנאַנד געווענדט קיין מערב, פּלעגט שטיצן און אונטערהאַלטן דעם כּסדר פאַלנדיקן לעבנס־טעמפּ פון די מערב־אייראָפּעאישע ישובים. ניט בלויז רבנים,*) נאָר גאַנצע מחנות אַנדערע כלי־קודש שיקט אַרויס דער פּוילישער קיבוץ אָן אויפהער קיין מערב: שוחטים, לומדים, בעלי־תפילות, מלמדים, חזנים, מחברים, מגידים — אַן אומרואיקע, וואַנדערנדיקע אַרמיי, וואָס גייט פון שטאָט צו שטאָט, פון קהילה צו קהילה און טראָגט צוזאַמען מיט חומש און גמרא דעם ניגון פון לעבנסשטייגער און דעם קלאַנג פון דער „צעקאַליעטשעטער“ שפּראַך פון יידן. זיי מאַכן אָן אַ סך עגמת־נפש אַלע פיינע גייסטער פון מערב־אייראָפּע. אפילו גרעץ (אַליין אַ פּוילישער ייד פון פּויזן) הערט ניט אויף צו באַקלאָגן זיך אויף דער „פּוילישער פאַרווילדקייט“. וואָס אמת, די פּוילישע יידן, וואָס לאָזן זיך צו מערב, זיינען אויסערלעך אין זייער רוב אפשר ניט גאָר עסטעטיש, עס טראָגט פון זיי דער גערוך פון ציבעלע און קנאָבל, אָבער צוזאַמען מיט דעם שפּאַרט פון זיי דער ריח פון עכטער, זיכערער אין זיך, לעבעדיקער יידישקייט. נאָך אין דער צווייטער העלפט 19־טן י״ה שפּאַרן אָן, אַ שטייגער, פּוילישע דרשנים צו די אַגאַנירנדיקע ישובים פון עלזאַס, און אויף צו להכעיס אַסימילאַטאָרן מכּל המינים האַלטן זיי אונטער די פלעמלעך פון נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלער יידישקייט און די מיט איר אָרגאַניש־פאַרבונדענער יידישער שפּראַך. ביים סוף פון 18־טן י״ה איז די פאַרבינדונג פון אַלע יידיש־רעדנדיקע ישובים אין אייראָפּע געווען אַ רעגולערע און אָרגאַנישע. עס האָבן די יידישע ישובים אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע פּאָליטישע גרענעצן. אָבער אפשר טאַקע צוליב דעם, וואָס עס זיינען דעמאָלט

*) נאָר אָנצורופן לדוגמא די פּוילישע רבנים אין דייטשלאַנד (און עסטרייך): די דריי גרויסע רבנישע קעגנער פון מענדעלסאָנס תנ״ך-איבערזעצונג — ר׳ יחזקאל לאַנדוי, ר׳ רפאל הכהן (דעם זיידן פון גבריאל ריסער) און ר׳ הירש יאַנאָוו; די בערלינער רבנים ר׳ משה אהרן פון לעמבערג און ר׳ יעקב יהושע פון קראָקע; דעם פראַנקפורטער רב ר׳ פּנחס הלוי הורוויץ (דעם זיידן פון דער מוטערס צד פון משה העס). עס איז שווער לאַנג צייט צו מאַכן אַן אינווענטאַר פון די גייסטיקע כוחות, וואָס דער מזרח האָט אין משך פון יאָרהונדערטער כּסדר געשיקט קיין מערב.

אין אייראָפּע געווען אַזוי פיל מחיצות, האָבן זיי פאַרן יידן ניט געהאַט קיין שום ממשות. אַ ייד פון סאַטאַנאָוו, דובנע, אָדער ניעסוויעזש האָט זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים אין אַ בית־המדרש פון קיניגסבערג, בערלין, פראַנקפורט, אַמ־סטערדאַם, מעץ.

עס זיינען אויף דער וועלט פאַראַן געווים ווייניק פעלקער, וואָס זאָלן האָבן אין זיך איינגעזאַפּט און געלעבט מיט אַזאַ געפיל פון געשיכטלעכקייט, ווי יידן אין אייראָפּע אין דער צייט פאַר דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע. דער סימביאָז פון רעליגיע, נאַציע און לעבנסשטייגער, וואָס האָט במשך פון דעם לאַנגן יידישן מיטלעלטער אַזוי צעמענטירט דאָס יידישע פאָלק, האָט פאַר זיין גייסטיקן יסוד געהאַט אויך די לעבעדיקע ווירקונג פון דער תורה און נביאים. פאַר דעם „ניט־עמאַנסיפּירטן" ייד זיינען עס געווען ניט קיין טונקעלע רעמיניסצענצן, אָדער גע־שיכטלעכע פילאָסאָפיע — דאָס איז געווען אַ קאָנקרעטע, כמעט מאַטעריעלע ווירקלעכקייט. אויך דאָס געפיל פון סאָציאַלער סאָלידאַרישקייט, וואָס ווערט ביי אַנדערע פעלקער דערשטיקט, אָדער פאַרטונקלט דורך דער עקסיסטענץ פון קאַס־טעס, דורך דעם קאַמף פון קלאַסן, האָט ביים יידן אין מיטלעלטער געמוזט קומען צום אויסדרוק אין אַ מער קלאַסישער פאָרם. די ניט באַדייטיקע אין אַלגעמיין סאָציאַלע דיפערענצירונג ביי יידן; די אַלגעמיינע סכנות, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון דער אויסנווייניקסטער פיינטלעכער וועלט; די גזירות, רדיפות און גירושים, וואָס גאַנצע יידישע קיבוצים האָבן איבערגעלעבט אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער — דאָס אַלץ האָט ביי יידן געמוזט אַרויסרופן אַ געפיל פון סאָלידאַרישקייט און נאַציאָנאַל־פּסיכישער שותפותדיקייט אין אַ סך אַ בולטערער פאָרם, ווי ביי אַנדערע פעלקער.

אויך בנוגע דער צוקונפט זיינען די נאַציאָנאַלע אויסזיכטן ביי יידן דע־מאָלט געווען אידענטיש. אויב נאָר יחידים־ענטוזיאַסטן פלעגן לייכטזיניק זיך שלאָפן ניט אַראָפּנעמען די שיך, כדי חלילה ניט פאַרשלאָפן דעם מאָמענט פון „ביאת המשיח", האָבן אָבער אַלע יידן, דאָס גאַנצע פאָלק, זיך ניט אַנדערש געקענט פאָרשטעלן דעם היסטאָרישן מאָרגן, ווי אין די ראַמען פון איין יידישן קיבוץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון „בראשית" און וועט האָבן אַ קיום ביז צום סוף כל הדורות.

ניט נאָר אָביעקטיוו, „אין זיך", נאָך מער סוביעקטיוו, „פאַר זיך", אינעם איינגענעם באַוואוסטזיין, זיינען יידן פאַרן אויסבראָך פון דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע געווען אַ יי ן פאָלק. איין ריטם, איין שפּראַך, איין לעבנס־ציל האָבן געהערשט כמעט אין אַלע יידישע ישובים. און אין דער אַרומיקער וועלט זיינען דאָך דעמאָלט אין אייראָפּע קיין נאַציעס, אויסגעטייטשט סוביעקטיוו, אייגנט־לעך נאָך גאָר ניט געווען. עס איז געווען דער אָביעקטיווער אויפטו ערשט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון אירע פּרינציפּן, וואָס וועלט־פּאָליטיש איז אויפגעקומען און האָט גענומען הערשן דער באַגריף פון נאַציע (אין פראַנצויזיש דעקט זיך דער באַגריף „נאַציע" מיטן באַגריף מלוכה, לאַנד).

בשעת יידן (ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָט געפעלט די וויכטיקסטע באַזע פון אַ נאַציאָנאַלן קיום — אַ טעריטאָריע) האָבן אין יענער תקופה זיך געפילט, ווי אַ לעבעדיק פאָלק, האָבן זיי אַרום זיך געהאַט אַ וועלט, וואָס אין איר איז די הערשאַפט פון נאַציאָנאַלן פרינציפ און באַוואוסטזיין ווייט ניט געווען אַזוי אַקטיוו און בולט, ווי ביי יידן. ערשט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויסגעפורעמט די איינהייטלעכע „אומטיילעוודיקע" פראַנצויזישע נאַציע און געגעבן אַ מעכטיקן שטויס צו דער נאַציאָנאַליזאַציע פון אַנדערע אייראָפעאישע פעלקער. און ווי אַ פועל־יוצא פון דעם, פון די פראָצעסן אין דער נייער צייט, איז די יידישע נאַציע געשטעלט געוואָרן פאַר אַ היסטאָרישן הכרח ביי אַ נייער סאָציאַל־פאָליטישער קאָניונקטור צו רעווידירן די יסודות פון איר ביז־דעמאָלטיקן קיום אין דער נייער אייראָפע, אין דער אייראָפע פון ליבעראַליזם, וואו די פעלקער אַרום האָבן זיך גענומען קאָנסאָלידירן במחשבה ובמעשה.

ווי אַזוי האָבן די פאַרשיידענע יידישע ישובים דורכגעמאַכט אָט דעם פראָצעס, ווי אַזוי האָבן זיי אויף אים רעאַגירט און וועלכע אייראָפעאישע קאָנצעפּציעס זיינען בשעת־מעשה אויפגעקומען — אין דעם באַשטייט דער תוך פון דער גייסטיקער יידישער געשיכטע אין דער נייער צייט, וואָס דאַרף סאָציאַל־עקאָנאָמיש און סאָציאַל־פסיכאָלאָגיש געפאָרשט ווערן.

2. דער „קאַמף פאַר עמאַנסיפאַציע" פון די פראַנצויזישע יידן

עס פעלט לײדער אַ גענויע סטאַטיסטיק פון דער צאָל יידן אין פראַנקרייך ערב דער רעוואָלוציע. אָבער פון די טיילווייזע ידיעות קען מען קומען צום אויספיר, אַז צו יענער צייט האָבן געלעבט אין פראַנקרייך ביי 35.000 יידן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט בערך 0,14 פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד (בשעת אין האָלאַנד, למשל, איז דער פראָצענט געווען 2,5 און אין פוילן — בערך 10). דער דאָזיקער קליינער אין צאָל יידישער ישוב איז באַשטאַנען פון צוויי חלקים — פון אַ גרעסערן (אַרום 27.000), וואָס האָט געלעבט אין די מזרחדיקע „דייטשע" פראָווינצן — אין עלזאַס און לאָטרינגען, און פון אַ סך אַ קלענערן — אין די דרומדיקע און מערבדיקע דעפאַרטאַמענטן און אין דער הויפּטשטאָט פאַריז (בסך־הכל אַרום 8.000). *) אָט די ביידע ישובים האָבן צווישן

---

*) לויט אַנדערע ידיעות האָט די צאָל יידן אין פראַנקרייך ערב דער רעוואָלוציע אויסגעמאַכט בערך 50.000 (אַזוי גיט אָן אויך דער גלח גרעגואַר אין זיין באַקאַנטער אַפּאָלאָגיע פון 1789), פון זיי האָבן ביי 30.000 געלעבט אין עלזאַס און לאָטרינגען.

אַ סטאַטיסטישן אַנאַליז פון דער צאָל יידן אין פראַנקרייך אין דער צייט פון דער ערשטער אימפּעריע האָט געגעבן ס. פּאָזנער אין זיינע אַרטיקלען אין דעם זשורנאַל « Revue des Etudes Juives » פאַר אָקטאָבער־דעצעמבער 1932 און אַפּריל־יוני 1933 (זע אויך זיין אַרטיקל אין ניו־יאָרקער זשורנאַל « Jewish Social Studies » יולי 1939. — רעדאַקציע.

זיך ניט געהאַט קיין שום מגע ומשא און זיינען אויפגעקומען אין פאַרשיידענע געשיכטלעכע תנאים.

ווי באַקאַנט, איז פראַנקרייך אין משך פון אַ גאַנץ לאַנגער תקופה, זינט דעם גירוש צרפת סוף 14־טן י״ה, פאַרבליבן אינגאַנצן „יידן־ריין". זינט אָנהויב דעם 16־טן י״ה הייבט זיך אָן אַן אינפילטראַציע קיין דרום־פראַנקרייך פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע מאַראַנען, וואָס באַזעצן זיך דער עיקר אין צוויי שטעט, אין באַיאָן און באָרדאָ. במשך פון דער צייט גייען זיי בהדרגה אַריבער צו אָפענער יידישקייט און ווערן אין פראַנקרייך טאָלערירט אַ דאַנק זייער ענער־גיע, אונטערנעמערישקייט, עשירות. הגם פאָרמעל ניט גלייכבאַרעכטיקט, האָבן די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן געלעבט אין כמעט נאָרמאַלע באַדינגונגען, גע־האַט די פולע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זייער סוחרישע ענערגיע; געוואָרן זיי פּאָרטוגעזיש און פראַנצויזיש און אין לעבן זיך פולשטענדיק סעפּאַ־רירט פון די „דייטשע" יידן און געווען אפילו פיינטלעך געשטימט קעגן זיי, ווען יענע פלעגן פּרואוון זיך אַרויסרייסן פון דעם עלזאַס־לאָטרינגישן „תחום־המושב" און אַריינקומען אין ווייטן מערב און דרום פון פראַנקרייך, וואו ביי די ברעגעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן האָט געקלאַפּט דער דופּק פון ברייטן עקאָ־נאָמישן לעבן. די עקסיסטענץ פון דער פּאָרטוגעזישער גרופּע פראַנצויזישע יידן וואָלט בשעת דער רעוואָלוציע ניט אַרויסגערופן קיין שום פּאָליטישע פּראָבלעם, ווען אָט די גרופּע וואָלט דורך איר אמונה ניט געווען פאַרבונדן מיט די „דייט־שע" יידן.

די „דייטשע" יידן זיינען צוגעקומען סוף 17־טן י״ה, בעת עלזאַס־לאָטרינגען איז אַריבער צו פראַנקרייך. לויט זייער פאַרגאַנגענהייט און עקאָנאָמישער סטרוקטור אַ טייל פון דעם דעגראַדירטן יידיש־דייטשן קיבוץ, אָפּגעריסן אין משך פון הונדערט יאָר פון מזרח און אָן שום נייע פאַרבינדונגען מיטן מערב, מיט דעם נייעם פראַנצויזישן פאָטערלאַנד, — האָבן די עלזאַס־לאָטרינגישע יידן ערב דער רעוואָלוציע פאַרגעשטעלט מיט זיך איינעם פון די פאַרדאַרטסטע צווייגן פון דעם יידישן כלל אין אייראָפּע. געוואָרן האָבן זיי אַלע דעם עלזאַסער יידיש און לויט זייער לעבנסשטייגער געווען אַ טייל פון דעם יידיש־אַשכנזישן פאָלק, אין די תנאים פון דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער תקופה. און אָט דעם קיבוץ איז אויסגעפאַלן אַריינצוקומען אין דער ספערע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע און דעם ערשטן אויסצושטיין דעם נסיון פון פּאָליטישער און בירגערלע־כער עמאַנסיפּאַציע.

די ביידע טיילן פון פראַנצויזישן יידישן ישוב האָט ניט פאַראייניקט ניט קיין אַלגעמיינע שפּראַך, ניט דער סדר פון לעבן. די אמונה אַליין, פאַר וועלכע לאַנגע דורות האָבן געהאַלטן מלחמה מיט אַזאַ מסירת־נפש און וואונדערלעכער עקשנות, — אָט די אמונה אַליין מיט איר דאָגמאַטיק, אָן די לעבעדיקע זאַפטן פון לעבנסשטייגער אין דער אייגענער שפּראַך, איז ניט געווען בכוח אָנצוהאַלטן ביי די פּאָרטוגעזישע יידן דאָס געפיל פון סאָלידאַרישקייט, וואָס קומט מיט אַן

עלעמענטארער קראפט עמאציאנעל צום אויסדרוק ביי די סאמע פארוואָרפענע און נאציאנאל־אפגעשוואכטע טיילן פון דעם גאנצן יידישן כלל. די פארטוגעזישע יידן אין פראנקרייך פלעגן כידוע אפילו א ק ט י וו ארויסטרעטן קעגן זייערע „מזרח־ברידער", בשעת די לעצטע האבן אין דער מינדסטער מאס געקענט שטערן, אדער שטעלן אין סכנה זייערע אינטערעסן.

אט די קולטור־לעבנסשטייגערישע פארשיידנקייט און דער אנטאגאניזם פון די „פארטוגעזישע" און „דייטשע" יידן האבן פון אינעווייניק נאך מער געמוזט אפשוואכן דעם אזוי אויך קליינעם יידישן קיבוץ אין פראנקרייך און אין גאנג פון די רעוואלוציאנערע געשעענישן געמאכט זיין ווירקונג גלייך צו נול.

צווישן די „אנגענומענע אמתן" פון דער יידישער היסטאריאגראפיע בנוגע דער תקופה פון עמאנסיפאציע פארנעמט א השובן ארט דער קאפיטל „קאמף פאר עמאנסיפאציע" פון די פראנצויזישע יידן. אויב אבער די כוונה פון פאר־שונג דארף זיין ארויסצוברענגען דאס אביעקטיוו־אמתע און טיפישע פאר יע־דער תקופה, איז דער סאמע כאראקטעריסטישער שטריך און דאס באלערנדיקע פאר דער געשיכטע פון יידן אין פראנקרייך אין דער צייט פון דער רעוואלוציע געווען — וואס די בירגערלעכע און פאליטישע רעכט זיינען יידן געקומען „מהיסח הדעת"; ניט ווי א פועל־יוצא פון קאמף, נאר ווי א ר ע ז ו ל ט א ט פ ו ן ד ע ר ל א ג י ק פון א פאליטישער סיסטעם, פון אן אידעאלאגישער „גזרה שווה". אויב די „דעקלאראציע פון רעכט פון מענטש און בירגער" האט מיט א פאנאטיש־רעוואלוציאנערער קאנסעקווענטקייט געפאדערט גלייכע רעכט פאר א ל ע באשעפענישן, וואס דער בורא־עולם האט באשאפן „בדמותו ובצלמו", האט פשוט ניט געקענט געמאלט זיין, אז אויך יידן זאלן די דאזיקע „נאטירלעכע" און „הייליקע" רעכט ניט האבן באקומען.

מען קען אין א צייט פון גרויסע וועלט־געשעענישן אויסגעפינען קליינע פראגמענטן (וואס די בני־דור און אויך די אלגעמיינע געשיכטע שפעטער האבן זיך אויף זיי ניט ארומגעקוקט), זיי ספעציעל באלייכטן און אויף א קינסטלעכן אופן זיי ארויסרוקן אויבן־אן פון דער תקופה. אזוי, למשל, קען מען מיט געפיל און טאלאנט, צוליב אייגענער הנאה און פאר די קומענדיקע דורות, באשרייבן, ווי אזוי דעם 14־טן אקטאבער 1789 איז דער שתדלן פון די עלזאסער יידן בער יצחק בער געשטאנען פאר די גראטעס פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג און האט געבעטן ביי די פארשטייער פון רעוואלוציאנערן פראנקרייך רעכט פאר זיינע ארעמע, געפייניקטע ברידער. דאס איז געוויס רירנדיק און דעקאראטיוו. מען טאר אבער ניט צוליב אזוינע „ראנד־אינצידענטן" אויסקרימען די עכטע פערספעקטיוו פון דער געשיכטע און באצייכענען דאס מיטן נאמען „קאמף". קעמפן הייסט קודם־כל ז יי ן א פ א ק ט א ר צווישן די ווירקנדיקע פאלי־טישע און סאציאלע כוחות, דאס באטייט, אז די געזעלשאפטלעכע ענערגיע פון דער אדער יענער גרופע (באוואוסטזיניקע, אדער פאקטישע) ווירקט, זאל זיין

אפילו נאָר אין אַ מינימאַלער מאָס, אויפֿן אויסגאַנג פֿון די סאָציאַלע קאָנפֿליקטן. מען קען פֿאָרשן דעם אַנטייל פֿון יידן און זייער השפּעה (הגם זייער פּאַרזיכטיק) בעת דער רעוואָלוציע פֿון 1848; נאָך קלאָרער זיינען די ליניעס פֿון יידישן קאַמף אין די ביידע רוסישע רעוואָלוציעס. צי לאָזט זיך אָבער דער באַגריף קאַמף אָנווענדן בנוגע די פֿראַנצויזישע יידן אין דער צייט פֿון דער גרויסער רעוואָלוציע? יידן האָבן דעמאָלט ניט נאָר ניט גענומען קיין שום אַנטייל אין די וועלט־דראַמאַטישע געשעענישן, נאָר אַפֿילו ריין־פּאַסיוו (מען דאַרף עס אונטערשטרייכן) האָט די רעוואָלוציע און אירע אידעען געזעלשאַפֿטלעך געהאַט אַ גאָר קנאַפּע השפּעה אויף די יידן אין פֿראַנקרייך. פֿאַרגלייכט מען די אידעאַישע פּראָצעסן, וואָס זיינען אין יענער צייט פֿאָרגעקומען אינעם פּ ר י ס י ש ן יידנטום (זיך נאָר צו דערמאָנען, אַז משה מענדעלסאָן איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר פֿאַר דעם שטורעם פֿון דער באַסטיליע!), מיט דעם, וואָס עס קומט פֿאָר מיט יידן אין פֿראַנקרייך ערב און בשעת דער רעוואָלוציע, וואַרפֿט זיך קודם־כּל אין די אויגן די גייסטיקע אינערטקייט, פּאַסיווקייט און אָפּגעלאָזנקייט פֿון די פֿראַנצויזישע יידן אין יענער גרויסער תּקופֿה.

אין אַ הערה צו זיין געשיכטע ווייזט גרעץ אָן, אַז מען מוז ספּעציעל פֿאָרשן, צי יידן האָבן געליטן בשעת דעם טעראָר. דובנאָוו גיט אָפּ אַ ספּעציעלן קאַפּיטל די יידישע „קרבנות פֿון טעראָר". דער היסטאָרישער אמת אָבער, אין זיין ברייטן פֿאַרנעם, באַשטייט אין דעם, וואָס יידן האָבן אויך ריין פּאַסיוו דאָ ניט געשפּילט קיין שום ראָלע. דער טעראָר פֿון דער רעוואָלוציע איז געווען געווענדט קעגן די פֿעאָדאַלע הערשער, זייערע אידעאָלאָגן און מיטקעמפּער; וואָס פֿאַר אַן אָביעקט, באמת, פֿאַרן טעראָר פֿון דער רעוואָלוציע האָבן געקענט זיין די פּאַריער פֿון דעם אויפֿקומענדיקן דריטן קלאַס? געליטן האָבן יידן אין אָנהויב רעוואָלוציע פֿון פּאַגראָמען אין די מזרח־פּראָווינצן פֿון פֿראַנקרייך — אַ רעזולטאַט פֿון אַלטע סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן. ד אָ ס איז געווען, באמת, יידישע געשיכטע.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿאַר דעם אַנטייל פֿון יידן אין דער גרויסער רעוואָלוציע איז בכן — דאָס פּאַסיווע, דאָס נעגאַטיווע, דער „לא תעשה". די רעוואָלוציע האָט דאָך אַפֿילו, מיט דער הילף פֿון אירע באַגנעטן און עמיסאַרן, געוואָלט יידן אין האָלאַנד (און ערגעץ־וואו אַנדערש) א י ב ע ר ג ו א ל ד מזכּה זיין מיט „נאַטירלעכע" מענטשלעכע רעכט. די לאָגיק פֿון דעם נייעם רעזשים, וואָס די רעוואָלוציע איז געגאַנגען מיט אַזאַ אימפּעט איינצושטעלן, האָט עס געפֿאָדערט.

אויב ביי אַ טייל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פֿראַנקרייך, ביי די מזרח־יידן, זיינען געווען „הרהורים", צי זאָל מען די רעכט אָננעמען, אויב זיי זיינען אַפֿילו אינסטינקטיוו געווען געניייגט צו שטעלן אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, אויב אינעם נייעם פֿראַנקרייך זיינען געווען חילוקי־דעות בנוגע דער יידישער פּראָבלעם — איז עס געלעגן ניט אויף דער ליניע פֿון „קאַמף פֿאַר עמאַנסיפּאַ־

ציע״, נייערט דער שטרייט איז געווען קאָנצענטרירט אַרום דער הויפּט־פּראָב־לעם: צי האָט אין דער יידישער פראַגע פראַנקרייך צו טאָן מיט אַ געוויסן סכום יידן, אָדער מיט אייִדישער רעליגיעזער סעקטע, אָדער מיט אַ מין „נאַציע בתוך נאַציע״, ווי די שונאים פון יידן האָבן עס געטענהט?

דאָס לעצטע האָט אַרויסגעשטעלט פאַר זייִ הויפּט־אַרגומענט קעגן יידן דער שונא ישראל, דער גלח מאָריִ; צו דעם קומט מיט יאָרן שפּעטער אויך נאַפּאָלעאָן („די רעוואָלוציע האָט יידן געגעבן גלייכבאַרעכטיקונג, ווי אַ סעקטע אין דער פראַנצויזישער נאַציע; אויב אָבער זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַזונ־דערע נאַציע, דאַרף מען בנוגע זיי, ווי אויסלענדער, אָנווענדן ניט דעם ציווילן קאָדעקס, נאָר דעם פּאָליטישן״). די דאָזיקע פּראָבלעם שטייט אויך דעם 23־טן דעצעמבער 1789 פאַר דעם באַקאַנטן יידישן מליץ־יושר, דעם לאָטרינגישן דעפּוטאַט פון דער קאָנסטיטואַנטע גראַף סטאַניסלאַס קלערמאָן־טאָנער, וואָס אים געהערט אָט די קלאַסישע פאָרמולירונג: „יידן, ווי אַ נ אַ צ י ע, דאַרף מען אָפּזאָגן אין אַלץ, אָבער יידן, ווי מ ע נ ט ש ן, דאַרף מען געבן אַלץ. עס איז נייטיק, זיי זאָלן ווערן בירגער. מען זאָגט, אַז זיי אַליין ווילן ניט זיין קיין בירגער; זאָלן זיי עס זאָגן — און מען וועט זיי אַרויסטרייבן פון לאַנד, ווייל עס קען ניט געמאָלט זיין אַ נאַציע אין אַ נאַציע״... אין 1793, בעת די רעוואָלוציע האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט, האָט דער קלוב פון די יאַקאָבינער אין פּאַריז פּראָקלאַמירט: „די רעוואָלוציע קען ניט דאָס וואָרט ייד, וואָרעם אָט דאָס וואָרט באַטייט איצט ניט קיין פאָלק, נאָר אַ סעקטע״...

אין דעם דאָזיקן פּרט זיינען אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט ניט געווען און האָבן ניט געקענט זיין קיין צוויי מיינונגען. דאָס איז ניט געווען געווענדט ספּעציעל קעגן יידן. די „איינע און אומטיילעוודיקע רעוואָלוציאָנערע רעפּובליק״ און שפּעטער די צענטראַליסטיש־נאַציאָנאַליסטישע אימפּעריע פון נאַפּאָלעאָן (חוץ דעם מיליטער איז אין זיין צייט די פראַנצויזן ניט דערלויבט געווען צו לערנען פרעמדע שפּראַכן) זיינען אָביעקטיוו געגאַנגען צו איין צוועק — צו פאָרעמען און צו שמידן די איינהייטלעכע פראַנצויזישע נאַציע, און קיין שום פּלאַץ פאַר אַ שאָטן פון אַן אַנדער נאַציאָנאַלער קאָנצעפּציע האָט ניט געקענט טאָלערירט ווערן. „אין איינער און דער זעלביקער און אומטיילעוודיקער רעפּוב־ליק דאַרף די שפּראַך זיין איינע״, האָט דעקרעטירט דער קאָמיטעט פאַר עפנט־לעכן וואויל פון דעם קאָנווענט.*) אין אַ באַריכט פאַר דעם דאָזיקן קאָמיטעט האָט באַרער — אינעם לשון פון דער רעוואָלוציע — רעפערירט: „די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט זיך באַזעצט אויף עטלעכע גרענעצן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אין אייניקע אויסלענדישע אָדער באַרבאַרישע דיאַלעקטן״. אינעם זעלביקן גייסט

*) ציטירט לויטן אַרט׳ פון ז. שייקאָווסקי „דער קאַמף קעגן יודיש אין פראַנקרייך״ אין די „ייוואָ־בלעטער״ , יאַנואַר־פעברואַר 1939.

זיינען געווען אויך די באַריכטן פאַרן קאָנווענט פון דעם באַקאַנטן גלח גרעגואַר, וואָס האָט געפאָדערט צו מאַכן אַ סוף אין פראַנקרייך מיטן „פעאָדאַליזם פון דיאַלעקטן". און אין הסכם מיט אָט דער אַלגעמיינער איינשטעלונג פון דער רעוואָלוציע און אירע נאַציאָנאַלע אינטערעסן האָט דער ראַט, למשל, פון דער מעצער קאָמונע (דעם 11־טן יאַנואַר 1792) אין אַ מעמאָראַנדום צום קאָנווענט פאָרמולירט, אַז יידן מוזן זיך צונויפמישן מיט די פראַנצויזן, אָננעמען זייער שפּראַך און „אָוועקוואַרפן דעם דייטש־העברעאישן לשון, וואָס דורך אים טיילן זיי זיך אויס, ווי אַ נאַציע, אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע". *)

פאַר די פּאָרטוגעזישע יידן איז לייכט געווען אָנצונעמען די דאָזיקע תנאים פון דער רעוואָלוציע. זיי זיינען געלעגן אויף דער ליניע פון זייער נאַטירלעכער עוואָלוציע. „די רעוואָלוציע אָנערקענט ניט קיין סעקטע און איז ניט גענויגט אַרויסצוטרייבן סעקטאַנטן, מיטן אויסנאַם פון די, וואָס שטערן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג" — האָט אין דער שוין אויבנדערמאָנטער רעזאָלוציע זיך אַרויסגעזאָגט דער קלוב פון די יאַקאָבינער אין פּאַריז. דער פּרינציפּ פון רעליגיעזער פרייהייט, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט (ווען אַפילו אין אַ נעגאַטיוון נוסח) אויפן יסוד פון דער „דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטש און בירגער", איז פאַר די פּאָרטוגעזישע יידן געווען אַ גענוגנדיקע באַזע פאַר זייערע רעליגיעזע גרופּן־אינטערעסן. זיי האָבן די שינויים, וואָס די רעוואָלוציע האָט פון זיי געפאָדערט, געווים דורכגעמאַכט אָן צו פיל עגמת־נפש. זיי האָבן דאָך באמת ניט געהערט צו יענעם יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך געפונען „בכל תפוצות איראָפּע", גערעדט איין שפּראַך, געדאַוונט און געלערנט אומעטום מיט איין ניגון, זיך געפונען אין דער ספערע פון די זעלביקע עמאָציאָנעלע און געשיכטלעכע איבערלעבונגען. און זיי האָבן לייכט רעזיגנירט און געשלעפּט נאָך זיך די עקאָנאָמיש און גייסטיק אָפּגעשוואַכטע עדה „דייטשע" יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן מערבדיקן ראַנד פון דעם לעבעדיקן יידישן פאָלק.

די שליחי־ציבור פון די מזרח־יידן האָבן געווים געפילט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן עפּעס וויכטיקערס — וועגן זייער פאָלק, וועגן אָרגאַנישער פאַרבונדנקייט מיט „כל ישראל", אָבער די אָביעקטיווע לאַגע האָט זיי געצוואונגען צו געפינען אַ שותּפישע שפּראַך מיט דער רעוואָלוציע. אירע לאָזונגען האָבן אָן שום ספק געמוזט געפינען אַן אויפריכטיקן אָפּקלאַנג אויך אין די יידישע נאַציאָנאַלקאָנסערוואַטיווע נשמות. בשעת בער יצחק בער האָט אין דער שוין דערמאָנטער רעדע ביי די גראַטעם פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג גערעדט „אין נאָמען פון דעם אייביקן באַשאַפער פון יעדן אמת און גערעכטיקייט, וואָס האָט געגעבן מענטשן גלייכע רעכט און זיי פאַרזאָגט גלייכע פליכטן, אין נאָמען פון דער מענטשהייט, וואָס ווערט באַליידיקט אין משך פון יאָרהונדערטער"... — האָבן די דאָזיקע ווערטער געמוזט וועקן טיפע עמאָציעס אין האַרצן פון יעדן

*) דאָרטן.

יידן. עס האָט באמת געקענט אויסקומען, אַז די הייליקע נבואה פון ישעיהו און עמוס זיינען אידענטיש מיט די לאָזונגען פון מאַראַט און ראָבעספּיער. דער הויכער טאָן פון דער רעוואָלוציע האָט באמת געקלונגען מיט מענטשלעכע אייביקע אידעאַלן.

אַז די בלומען האָבן אָפּגעבליט, אַז די אָרגאַניזאַציע פון פראַנצויזישן מלוכהשן און נאַציאָנאַלן אינטערעס איז געוואָרן פּראָזאַאיש, זיינען די תוך־סתירות צווישן דעם פראַנצויזישן צד און די יידן געוואָרן קלאָר און בולט. נאַפּאָלעאָן האָט מיט דער געניויקייט און ברוטאַלקייט פון זיין שׂכל געשטעלט פאַר די יידן פון פראַנקרייך די זעלביקע פּראָבלעם, וואָס צו איר פלעגן זיך אומקערן די פירער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און רעדן וועגן דעם „אידעאָלאָגיש" (אַ וואָרט, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אים אָרגאַניש ניט אַריבערגעטראָגן), אין דער שפּראַך פון הויכער רעוואָלוציאָנערער מליצה: האָבן די יידן אין פראַנקרייך בדעה צו געהערן צום פ ר אַ נ צ ו י ז י ש ן פאָלק, אָדער זיי ווילן פאַרבלייבן, ווי ביז איצט, ביי ז יי ע ר אַלטער נאַציע?

די היסטאָרישע תשובה איז באַקאַנט. דעם 29־טן יולי 1806 האָבן די נאָטאַבלען פון דעם יידישן קיבוץ אין פראַנקרייך מיט „באַגייסטערונג" אָנגענומען אַלע פאָדערונגען, וואָס נאַפּאָלעאָנס שליח גראַף מאָלע האָט אין זיין נאָמען געשטעלט זיינע פראַנצויזישע אונטערטאַנען פון דת־משה. עס איז ניט וויכטיק, וואָס האָבן איינצלנע יידן בשעת־מעשה געטראַכט — די תשובה איז געווען אַ קלאָרע און אַ קאַטעגאָרישע. ווען דער רעוואָלוציאָנערער גלח סיעס וואָלט דאָרט דעמאָלט געווען, וואָלט ער געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט איבערצוחזרן די ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט בעת דער היסטאָרישער אָפּשטימונג וועגן גורל פון לואי דעם 16־טן: La mort sans phrases (טויט אָן איבעריקע רייד).

ניט איבערגעבליבן אַפילו קיין קרעכץ פאַר דער געשיכטע...

עס איז ניט שייך צו האָבן צו דער געשיכטע טענות. און מען מוז גלייך אויך צוגעבן: דער עולם־הזה, וואָס מען האָט דערפאַר באַקומען, דער שׂכר, איז געווען באמת אַ קייסערלעכער. און געוויס איז אויך היסטאָריש ריכטיק, אַז עס האָבן אין פראַנקרייך דעמאָלט געפעלט אָביעקטיווע תנאים פאַר אַן אַנדער לייזונג.

די וועלט בייט זיך גאָרניט אַזוי גיך, ווי מען וואָלט זיך געקענט פאָרשטעלן. דער שטאַנדפּונקט, וואָס מיר הערן אָפט אויך איצט צווישן די פראַנצויזישע וואָרטפירער,*) שיידט זיך ניט אָפּ — הן אין דער אַרגומענטאַציע, הן אין די אויספירן — פון נאַפּאָלעאָנס שטאַנדפּונקט בנוגע יידן אין סאַמע אָנהויב פון 19 יאָרהונדערט.

דער קאָנפליקט, וואָס ווערט דאָ באַטראַכט, איז באַרירט געוואָרן פון שטאַנד־

---

*) פאַרגל׳, למשל, דעם אַרט׳ פון אַנדרע טעריוו „צי עקסיסטירט אַ פראַנצויזישער אַנטיסעמיטיזם?", אין « Revue Juive de Genève », אַפּריל 1939.

פונקט פון די דרויסנדיקע כוחות, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. דער אינע־וויניקסטער ווידערשטאַנד פון די פראַנצויזישע יידן און די אינעווייניקסטע גייס־טיקע פראָצעסן ביי די פראַנצויזישע יידן זיינען געווען אַזוי שוואַך, אַז כּדי בולטער צו מאַכן די אַלגעמיינע טענדענצן, האָט מען זיי כּמעט געקענט אויס־מיידן.

אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, ביי אַנדערע יידישע קיבוצים, איז דער פּראָצעס פאָרגעקומען ביי מער קאָמפּליצירטע תּנאָים. בשעת די פראַנצויזישע רע־וואָלוציאָנערע אַרמיי האָט אַרויסגעטריבן פון האָלאַנד דעם שטאַטהאַלטער וויל־העלם דעם אָראַנער און האָט די שטאָטן פון נידערלאַנד פאַרוואַנדלט אין דער באַטאַווישער רעפּובליק, האָבן נאָר איינצלנע יידן אין טאָג פון 4־טן מערץ 1795 אָנטייל גענומען אין אַמסטערדאַם אין דער צערעמאָניע פון פאַרפלאַנצן דעם „בוים פון פרייהייט". די ברייטע יידישע מאַסן פון אַט דעם פעסטן יידישן קיבוץ האָבן זיך ניט געאײַלט צו זאָגן „נעשה ונשמע" און האָבן אַרויסגעוויזן אפילו אַן ענערגישן נאַציאָנאַל־רעליגיעזן ווידערשטאַנד. ווער ווייס, ווי וואָלט זיך באַצויגן און וואָס פאַר אַ כּוח פון נאַציאָנאַלער אָפּאָזיציע עס וואָלט אַרויסגע־וויזן קעגן דעם יצר־הרע פון „פּראַוועס" און באַרעכטיקטער שטרעבונג צו מענטש־לעכער פרייהייט דער מ ז ר ח - א י י ר אָ פּ ע א י ש ע ר יידישער מאַסיוו, ווען ער וואָלט זיך געפונען פּנים אל פּנים מיט אַזאַ רעוואָלוציע, ווי די פראַנצויזישע, מיט אירע אָפענע פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלער רעזיגנאַציע? און ווי לאַנג וואָלט געקענט דויערן אַזאַ ווידערשטאַנד? צי וואָלט ער געהאַט אָביעקטיווע מעג־לעכקייטן ניט נאָר פאַר אַ נצחון, נאָר אַפילו פאַר אַ דויערנדיקן קאַמף?

מען פאַרמאָגט פאַר יענער תּקופה אַ היסטאָרישע אָנצוהערעניש. אין 6—5 יאָר אַרום נאָך דעם צונויפפאָר פון די נאָטאַבעלן און דעם „גרויסן סנהדרין" אין פּאַריז איז נאַפּאָלעאָן מיט זיינע חיילות אַריינגעקומען קיין פּוילן, דורכגעמאַר־שירט אַהין און צוריק דעם יידישן „תּחום־המושב" פון רוסלאַנד; איז באַקאַנט, אַז איינער פון די גרעסטע גייסטיקע יידישע מנהיגים פון אָנהויב 19־טן י"ה, ר' שניאור זלמן מליאדי („הרב הזקן"), האָט קלאָר באַנומען, אַז די אָרדענונגען, וואָס נאַפּאָלעאָן גייט איינפירן, זיינען אפשר גוט פאַר יי ד ן, אָבער געפערלעך פאַר יי ד י ש ק יי ט (אַ פאַרגייער פון אחד־העמס נאַציאָנאַלער מעטאָדאָלאָ־גיע...), און האָט זיך בשעת דער אינוואַזיע פון נאַפּאָלעאָן קיין רוסלאַנד גע־שטעלט אַקטיוו אויפן צד פון רוסישן צאַר און קעגן דעם נייעם פראַנצויזישן סדר.

***

דאַרף די דערפאַרונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע חל זיין אויך אויף אַנדערע יידישע קיבוצים אין אַנדערע היסטאָרישע סביבות, אין געענדערטע אומשטאַנדן?

די דאָזיקע פראַגע גייט שוין אַרויס פון גדר פון די איצטיקע באַטראַכ־טונגען.

משה וואַלדמאַן / ירושלים

פרשה „ווייסבוך"

עס איז שווער צו שרייבן וועגן דעם לעצטן „ווייסן בוך" פון דער ענגלישער רעגירונג און דערביי איינהאַלטן די געפילן פון אויפרעגונג און פון בזיון: אויפרעגונג — איבער דער ירידה פון פּאָליטישן דרך־ארץ און פּשוטער מענטשלעכקייט ביי מלוכה־מענער; בזיון דערפאַר, וואָס דריי יאָר האָט דער ישוב, מיט איבערמענטשלעכע כוחות, געהאַלטן שטרענג די דיסציפּלין און איז ניט אַראָפּ פון דרך — און לסוף, נאָך אַן אַ צאָל שבחים מצד דער ענגלישער רעגירונג גופא, באַקומען פון איר אַלס שכר... דעם איצטיקן „ווייסן בוך".

אָבער פון געפילן אַליין טאָר מען זיך ניט לאָזן פירן און מ'דאַרף דעם ענין באַטראַכטן רואיק. דאָס „ווייסע בוך" איז ניט בלויז אַ פּאָליטישער ח ט א, נאָר אויך אַ פּאָליטישער ט ע ו ת — און טעותן זיינען זיך נוקם און האָבן קיין תקומה ניט. די יידישע אויפבוי-אַרבעט אין ארץ־ישראל קען דורך דער פּאָליטיק פון „ווייסן בוך" אויף אַ געוויסער צייט שטאַרק פאַרשוועכט ווערן, אָבער אָ פּ ג ע ש ט ע ל ט ווערן קען זי ניט. די יידישע פּאָליטיק שטיצט זיך דאָ ניט אויף טאַקטישע טאָג־תנאים, נאָר אויף אייביקע פּרינציפּן פון מענטשלעכן יושר. און מיר גלייבן, אַז סוף־כל־סוף זיינען עטישע פּרינציפּן שטאַרקער, ווי גוואַלד און בראַך פון וואָרט. אָבער אָט דעם קאַמף, וואָס ווערט איצט געפירט פאַר בטול מאַכן דעם „ווייסן בוך", טאָר מען חלילה ניט באַשמוצן מיט כוליגאַנישע מעטאָדן און קעגן־רציחה...

דער צוועק פון דעם אַרטיקל איז צו באַווייזן, אַז עס עקסיסטירן אָ ב י ע ק ־ ט י ו ו ע תנאים פאַר אַ נצחון פונעם יידישן קאַמף קעגן דעם „ווייסן בוך". די דאָזיקע ראיות באַמיען מיר זיך דאָ צו געבן טרוקן און רואיק, איבערלאָזנדיק די סענטימענטן אָן אַ זייט.

***

אַז מען קוקט זיך צו אָביעקטיוו צו דער ליניע, וואָס ציט זיך פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע ביז דעם „ווייסן בוך" פון 1939, קומט מען צו דער מסקנה, אַז בנוגע די ציוניסטישע האָפענונגען האַלט די ליניע אין איין זינקען. מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז זינט לערך דעם יאָר 1922 (אָדער, גענויער, זינט דער צייט פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג פון 1918) איז די טענדענץ פון דער ענגלישער פּאָליטיק — אָ פּ צ ו ש וו אַ כ ן דעם זינען און דעם אינהאַלט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אָדער גאָר אויסצוטרייבערן זי. געוויסע שפּעטערדיקע מאָסמיטלען, וואָס שטייען אין סתירה צו אָט דער גרונט־טענדענץ, ווי, למשל, ראַמזיי מאַקדאָנאַלדס בריוו פון 1931 און די אימיגראַציע־פאַרלייכטערונגען קיין

ארץ־ישראל פון 1933—1936 — ביידע אונטערן דרוק פון די ציוניסטן און פון דער עפנטלעכער מיינונג, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט פון היטלערס אַנטיסעמיטישע געזעצן, — האָבן צום באַדויערן ניט געהאַט קיין שום פּרינציפּיעלן באַטייט און ניט געענדערט יענע פּאָליטיק, וואָס כאַראַקטעריזירט די 20־יאָריקע באַציאונג פון דער בריטישער רעגירונג צו דער אידעע פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים. נאָך אָט די קליינע צווישן־הפסקות פלעגט תמיד גובר זיין די פיינטלעכע גרונט־טענדענץ בנוגע דעם אויפבוי פון אַ יידישער היים.

ווען מען שטודירט דורך ערנסט דעם „ווייסן בוך“ פון ריין־יוריסטישן שטאַנדפּונקט, — ווי דאָס איז אַגב געטאָן געוואָרן אין מעמאָראַנדום, וואָס די יידישע אַגענץ האָט צוגעשטעלט דעם פעלקער־בונד, — קומט מען צום אויספיר, אַז אָט דער דאָקומענט געפינט זיך לחלוטין ניט אין הסכם ניט מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ניט מיט די אויפגאַבן פונעם מאַנדאַט, אויך ניט מיטן ווייסן בוך פון 1922 און ניט מיט ראַמזיי מאַקדאָנאַלדס בריוו פון 1931. אַלע באַמיאונגען מצד דעם קאָלאָניאַל־מיניסטער מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד פאַרצושטעלן דעם נייעם „ווייסן בוך“, ווי אַ לאָיאַלע דורכפירונג פון ענגלאַנדס מאַנדאַט־התחייבותן, האַלטן ניט אויס די מינדסטע יורידישע קריטיק. דער מיניסטער טוט דאָס אייגנטלעך נאָר דערפאַר, כדי ניט מודה צו זיין בפרהסיא, אַז די מאַנדאַט־התחייבותן האָבן באַקומען פון ענגלאַנד אַ טויט־קלאַפּ, אַז ענגלאַנד האָט געבראָכן דאָס וואָרט, וואָס איז פאַר דער גאַנצער וועלט געגעבן געוואָרן דעם יידישן פאָלק.

דאָס „ווייסע בוך“ איז ניט נאָר געווענדט קעגן דעם גייסט און זינען פונעם מאַנדאַט, נאָר ער איז אים קלאָר סותר אין די וויטערדיקע פיר הויפּט־פּונקטן:
1) מיטן באַגרענעצן די יידישע איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל ווערט אַנולירט דער פּרינציפּ פון איר ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג־מעגלעכקייט און קראַפט;
2) דער פּונקט, אַז נאָך פינף יאָר וועלן יידן קענען אַריינקומען אין לאַנד נאָר מיט דעם הסכם פון די אַראַבער, מאַכט אַ סוף צו דער הויפּט־הנחה, אַז יידן קענען אימיגרירן קיין ארץ־ישראל אויפן יסוד פון רעכט און ניט אַ דאַנק אימעצנס חסד;
3) דאָס „ווייסע בוך“ האָט בדעה אָפּצושאַפן די גאַראַנטיע אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאָרם פאַר דער עקסיסטענץ פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים;
4) ס׳ווערט בטול געמאַכט דער פּרינציפּ, אַז די נאַציאָנאַלע היים באַזירט אויף דעם היסטאָרישן פאַרבונד צווישן עם־ישראל און ארץ־ישראל.

ביים אַנאַליזירן דעם „ווייסן בוך“ קומט מען צום אויספיר, אַז אַלע *נעגאַטיווע* פּונקטן זיינען פאָרמולירט קלאָר און דייטלעך, בעת אַלע פּאָזיטיווע באַשטימונגען בנוגע דעם שוץ פון דער נאַציאָנאַלער היים, ווי אויך אַלע הבטחות די אַראַבער זיינען געבונדן מיט תנאים און ווי מיט אַ כיוון אויסגעדריקט אומקלאָר. די געגויע אָנווייזונגען וועגן דער יידישער אימיגראַציע — אין 5 יאָר צייט 75 טויזנט נפשות, — ווי אויך דער פּראָצענט פון יידן לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג — 33 מיט אַ דריטל, — דאָס זיינען די *אייניציקע* ציפערן

אינעם בוך, וואָס זיינען ניט געבונדן מיט קיין שום תנאים; אַלע אַנדערע אַנווייזונגען, מיטן אויסנאַם פון דער בפירושער כוונה פעסטער און לענגער איינצוהאַלטן די אויבערשטע ממשלה פון ענגלאַנד, זיינען פאַרמולירט אומקלאָר און פאַרנעפּלט.

מען קען דאָס בוך און די טענדענץ פון דער ענגלישער פּאַלעסטינע־פּאָליטיק, וואָס קומט אין אים צום אויסדרוק, אויך באַטראַכטן, ווי אַ פּראָבלעם פון אַ פּאַלעסטינע, וואָס שטייט א י ז אָ ל י ר ט אין דער וועלט, ד״ה ווי אַ ריין לאָקאַלן ענין פון דעם ערד־פּאַס, וואָס ציט זיך צו מערב־צו פונעם ירדן, גרענעצט זיך אין צפון מיט סיריע, אין מזרח — מיטן עבר־הירדן און אין דרום און דרום־מערב — מיט עגיפּטן. נעמט מען אַזוי די פראַגע, פון עקאָנאָמישן, ציוויליזאַטאָרישן, קולטורעלן און יורידישן שטאַנדפּונקט, קומט מען צום אויספיר, אַז פון די אַלע שטאַנדפּונקטן איז דאָס אַ דאָקומענט קעגן דעם שכל־הישר, וואָס מוז פאַטאַל פירן צו דער פאַרניכטונג פון אַלע וואַקסנדיקע מעגלעכקייטן אין פּאַלעסטינע בכלל — וואָס ס'איז גאָר ניט אין די אינטערעסן פון ענגלאַנד.

מען דאַרף אָבער ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז ניט דער היסטאָרישער און יורידישער אַנאַליז און נאָך ווייניקער די השערה פון אַן איזאָלירטער פּאַלעסטינע זיינען מסוגל צו דערקלערן און געווים ניט אויסצושעפּן דעם מהות און באַטייט פונעם „ווייסן בוך״. אָט די לעצטע „אויסשטראַלונג״ פון דער ענגלישער רעגירונגס־פּאָליטיק בנוגע ארץ־ישראל מוז מען נעמען איינגעגלידערט אין דער סיסטעם פון דער אַלגעמיינער וועלט־פּאָליטישער אַנטוויקלונג פאַר די לעצטע 21 יאָר און באַזונדערס זינט דער אַבעסינישער מלחמה פון 1935. נאָך דעמאָלט קען מען תופס זיין דעם אמתן באַטייט פון דעם דאָקומענט און די אויסזיכטן פאַר זיינע דורכפירונג־מעגלעכקייטן. חוץ דעם איז נויטיק, לפּחות אין קורצע שטריכן, צו כאַראַקטעריזירן דעם סטאַטוס פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אַזוי, ווי ער זעט אויס היינט־צו־טאָג, בכדי זיך צו שאַפן אַ מער־וויניציקער קלאָרע מיינונג וועגן דעם, וואָס עס שפּילט זיך איצט אָפּ אין ארץ־ישראל און אויפן נאָענטן מזרח בכלל.

מען מוז וואַרפן אַ בליק אויף צוריק, אויף דער צייט פון סוף מלחמה 1918. דער וויכטיקסטער פאַקט אין יענער תקופה איז אָן ספק געווען דער פונאַנדערפאַל פון דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע און די פולשטענדיקע אָפּשוואַכונג פון טערקיי. די פאַרניכטונג פון די בערלין־באַגדאַד־פּלענער פונעם קייזערלעכן דייטשלאַנד, דער איבערגאַנג פון די אַראַבישע געביטן פון דער פריערדיקער טערקיי אין די הענט פון די אַנטאַנט־אימפּעריעס, די שאַפונג פון אַ ריי אַראַבישע זעלבשטענדיקע מלוכות, אָדער פון אַזוינע, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער אַ מאַנדאַט — דאָס אַלץ האָט אין גרונט טיף פאַרענדערט דעם גאַנצן פּרצוף פונעם נאָענטן מזרח. אויפן אָרט פון דער אַמאָליקער טערקיי טרעטן איצט אויף אויפן זעלביקן שטח דריי פּאָליטישע פאַקטאָרן: ענגלאַנד, פראַנקרייך און דאָס אויפגעוועקטע פון שלאָף אַראַבערטום. טערקיי איז, לויט דער מיינונג פון

ענגלאַנד און פראַנקרייך, געווען דעמאָלט פּאָליטיש אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זי האָט אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן קיין שום ראָלע ניט געשפּילט אין דער ענגליש־פראַנצויזישער קאָנצעפּציע בנוגע דעם נאָענטן מזרח. די ענגלענדער זיינען אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן דערמוטיקט די גריכן צו אַן אינוואַזיע אין קליין־אַזיע — אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ ביטערן דורכפאַל.

דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אויפן נאָענטן מזרח זיינען געוואָרן די אָרטיקע תושבים, די אַראַבער. די פראַנצויזן האָבן צו אָט דעם אַראַבישן געביט אין פאָר־דער־אַזיע שוין מכמה יאָרן, אין פאַרבינדונג מיטן קריסטלעכן לבנון, געהאַט אַ נאָענטע שייכות. די ענגלענדער אָבער זיינען געקומען אין אַ דירעקטער באַרירונג מיט די אַראַבער (די עגיפּטער זיינען אַן אַראַביש־רעדנדיק פאָלק, אָבער ניט קיין ריינע אַראַבער) צום ערשטן מאָל ערשט בעת דער וועלט־מלחמה, דורך דער פאַר־מיטלונג פונעם באַקאַנטן קאָלאָנעל לאָורענס. די ענגלענדער האָבן פון תמיד אָן זייער הויך אָפּגעשאַצט דעם באַטייט פון פּאַלעסטינע, מעסאָפּאָטאַמיע און אַראַ־בישן האַלב־אינדזל, ווי אַ וויכטיקן אָפּשניט פון זייער אימפּעריאַלן וועג און ווי שכנים פונעם סועץ־קאַנאַל און פונעם רויטן ים. אונטער דער השפּעה פון לאָורענסן און פון די אָפּטיילונגען פאַרן נאָענטן מזרח ביים „פאָרעין־אָפּיס“ און קאָלאָניאַל־אָפּיס איז אויפגעקומען די קאָנצעפּציע פון אַ פּ אַ ן ־ אַ ר אַ ב י ש ע ר פ ע ־ ד ע ר אַ צ י ע, וואָס זאָל זיין באַפריינדעט מיט ענגלאַנד, שטיין אונטער ענ־גלאַנדס פּראָטעקטאָראַט און זאָל אין די צייטן הן פון שלום און הן פון מלחמה שטיין אויף דער וואַך פונעם בריטישן אימפּעריאַלן וועג קיין אינדיע און צום ווייטן מזרח.

בנוגע דעם נאָענטן מזרח האָט זיך צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך נאָך בעת דער מלחמה און ביי איר סוף איינגעשטעלט אַ קוים פאַרמאַסקירטע קאָנקורענץ. געננוג צו דערמאָנען, ווי די פראַנצויזן האָבן אַן צערעמאָניעס פאַריאָגט פון דמשק פייזאַלן, וועמען די ענגלענדער האָבן אַהין אַראָפּגעבראַכט און פּראָקלאַמירט פאַר אַ קיניג. די דאָזיקע קאָנקורענץ האָט שטענדיק עקסיסטירט און עקסיסטירט בשתיקה נאָך ביז צום היינטיקן טאָג. זי האָט עס מעגלעך געמאַכט, אַז די פירער פונעם דרוזן־אויפשטאַנד אין סיריע אין 1925 זאָלן געפינען אַ מקום־מקלט און אויסבאַהאַלטן זיך אין פּאַלעסטינע, און אַז פון דער צווייטער זייט זאָל אַ היפּשער טייל פון די אומרועז אין ארץ־ישראל אומגעשטערט קענען אָרגאַניזירט ווערן פון סיריע אויס, וואו עס הערשן די פראַנצויזן. אַהער וואָלט מען געקענט אַריינ־רעכענען אויך דעם קאַפּיטל מופטי, וועלכער איז אַנטלאָפן פון ארץ־ישראל און געניסט אַזיל־רעכט אין פראַנצויזישן לבנון, הגם אָט דער פאַל זעט אויס אַביסל אַנדערש, מחמת די פראַנצויזן וואָלטן גערן וועלן פּטור ווערן פון דעם מופטי, בעת די ענגלענדער האָבן פאַר אים אוממעגלעך געמאַכט דעם אויפהאַלט אין עגיפּטן אָדער איראַק. דער פאַקט בלייבט: צווישן דעם קאָלאָניאַל־אָפּיס אין לאָנ־דאָן און צווישן דעם קאָלאָניאַל־מיניסטעריום אין פּאַריז — די צוויי אויבערשטע

אינסטאַנצן איבער דעם מאַנדאַט־געביט פּאַלעסטינע (ווי אויך סיריע און לבנון) — איז זינט 1919 קיינמאָל ניט איינגעשטעלט געוואָרן קיין שום קאָנטאַקט מיטן צוועק צו קאָאָרדינירן זייער פּאָליטיק אין נעאָנטן מזרח.

לעבן דער פּאַן־אַראַבישער קאָנצעפּציע פון דער בריטישער פּאָליטיק אויפן נאָענטן מזרח, וואָס דאָמינירט איבער אַלץ, שפּילט די פּראָבלעם פון אַ „ייִדישער נאַציאָנאַלער היים" אין ארץ־ישראל אַ צווייטראַנגיקע ראָלע. ביז די לעצטע יאָרן האָבן די ענגלענדער, אין תוך גענומען, דעם גאַנצן ענין צוגע־געבן נאָר אַ סענטימענטאַלע באַדייטונג. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן לויט זייער אויס־געפּרואווטן כּלל: « Wait and see » („וואַרט און קוק") און בשתיקה זיך גע־טרייסט מיט דער האָפענונג, אַז די אידעע פון אַ „ייִדישער נאַציאָנאַלער היים" וועט בלייבן אַזוי אומבאַדייטיק, אַז זי וועט קיינמאָל ניט קענען ווערן אַ מניעה פאַר דער פּראָיעקטירטער פּאַן־אַראַבישער פעדעראַציע. נאָר ווען מען האָט אָט דעם אומשטאַנד אין זינען, באַגרייפט מען די ענגלישע טענדענץ ניט צו דער־לאָזן, אַז די ייִדישע נאַציאָנאַלע היים זאָל צו גרויס ווערן און אַז די ציוניסטישע בוימער זאָלן צו הויך וואַקסן. פון דער אַנדערער זייט האָט מען דעם אינסטיטוט „ייִדישע נאַציאָנאַלע היים" (פּונקט ווי די פראַנצויזן האָבן עס אייגנטלעך גע־טאָן בנוגע דעם קריסטלעכן לבנון) געגען אויסגענוצט, ווי אַן אויסרייד צו האַלטן די אַראַבער וואָס ווייטער פון יעטווידער שותפות און השפּעה אויפן ברעג־געביט פון עכו ביז עזה.

אין משך פון די יאָרן האָט פּאַלעסטינע באַקומען פאַר די ענגלענדער, חוץ איר באַטייט ווי אַ גרענעץ־לאַנד פונעם סועץ־קאַנאַל, אויך אַ באַזונדערן אייגע־נעם ווערט, ווי אַ וויכטיקער פּונקט אין זייער סטראַטעגישער און קאָמוניקאַציע־פּאָליטיק, אַ דאַנק די ניי־אויסגעבויטע אַעראָדראָמען און דעם חיפהער ענדפּונקט פון די מאָסולער נאַפט־רערן. בעת די ענגלענדער האָבן זיך פון זייערע התחייבותן לגבי איראַק אָפּגעזאָגט מיט אַ לייכט געמיט, אָפּגעוואָרפן עס ווי אַן איבעריקן באַלאַסט און איבערגעלאָזט פאַר זיך נאָר אייניקע פלי־פּלעצער און די נאַפט־ליניע פון מאָסול ביז עבר־הירדן, — איז זייער שטעלונג צו ארץ־ישראל אַ גאַנץ אַנדערע. אין דער פּאַן־אַראַבישער קאָנצעפּציע שפּילן די אַראַבער און זייערע אַספּיראַציעס אַן ערשטקלאַסיקע ראָלע, און די דאָזיקע ראָלע איז אויך אַזוי פיל אויסגעוואַקסן, אויף וויפיל די וועלט־פּאָליטישע לאַגע האָט זיך לגמרי גע־ענדערט מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט און מיט מוסאָלינים אויסגעוואַק־סענע אַפּעטיטן אין מיטללענדישן ים.

דער אויפגעוועקטער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אַ נאַטירלעכער פּועל־יוצא דערפון, וואָס דאָס אַראַבערטום איז געקומען אין באַרירונג מיט די אייראָפּעאישע אידעען, באַגריפן און מעטאָדן, איז פון די טאָטאַליטאַרע מלוכות אויפגעכאַפּט געוואָרן, ווי אַ מיטל אונטערצוּמינירן די ענגלישע פּאָזיציעס אויפן נאָענטן מזרח. צום לייכטסטן איז געווען אויפצורייצן צו אַ ווידערשטאַנד און בונט די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן אין ארץ־ישראל: ראשית, ווייל די פּאַלעסטינישע

אראבער געהערן פארט צו די מער אנטוויקלטע אראבער אין פאדער־אזיא־טישן סעקטאר; שנית, ווייל זיי ווערן אנגעפירט פון זייער אן ענערגישן פאליטי־קער — פון דעם ירושלימער מופטי, און דריטנס — איז גרינגער געווען ארויסצו־רופן זייער קנאה צו דער „יידישער נאציאנאלער היים", וואס האט געהאלטן אין איין וואקסן. די דאזיקע מאטיוון, אין פארבינדונג נאך מיט דעם פאקט, וואס פא־לעסטינע שפילט אין איסלאם די אייגענע ראלע, ווי אין קריסטנטום, האבן עס מעגלעך געמאכט, אז די פראגע פון דער „יידישער נאציאנאלער היים" זאל ווערן דער סלע־המחלוקת צווישן דעם פאן־אראביזם און גרויס־בריטאניע. היות ווי ענג־לאנד איז פעסט געבליבן ביי איר קאנצעפציע פון א פאן־אראבישער פעדעראציע, איז געווען קלאר, אז, ניט געקוקט אויף אלע פייערלעכע הבטחות, ניט געקוקט אויף דער שטעלונג פונעם פעלקער־בונד, אויף די שטימונגען פונעם וועלט־יידנ־טום און אויף דער עפנטלעכער מיינונג אין צפון־אמעריקע, וועט דער וועג סוף־כל־סוף פירן אהין, וואוהין ער האט געבראכט — צו דעם „ווייסן בוך" פון 1939. זינט 1935 גייט אן אויפן נאענטן מזרח א פארביטערטער געראנגל צווישן גרויס־בריטאניע און די טאטאליטארע מלוכות ארום דער פריינדשאפט פון די ארא־בישע פעלקער. ענגלאנד שטרעבט, באזונדערס אין פאל פון א מלחמה — און מיט אט דעם פאל מוז מען זיך איצט גראד רעכענען — צו האבן אויף איר צד, אויב ניט די לאיאלע און אקטיווע מיטהילף פון די אראבער, איז לכל־הפחות זייער פריינדלעכן נייטראליטעט. דאס האלטן די ענגלענדער פאר אזוי וויכטיק און, פון דער צווייטער זייט, זיינען זיי אזוי זיכער צוליב דעם ענין־היטלער אין דער מיטהילף פון יידן אין פאל פון א מלחמה, אז דער ענגלישער קאבינעט האט זיך פארגונען מקריב צו זיין די יידישע סימפאטיעס.

אבער דער דאזיקער חשבון איז א פאלשער. ניט נאר דערפאר, ווייל ע נ ט ו ז י א ס ט י ש ע יידישע הילף קען זיך ארויסווייזן פאר וויכטיקער, איידער אראבישער נייטראליטעט, אדער אפילו איידער אראבישע אקטיווע הילף פון פראבלעמאטישן פארנעם און נאך פראבלעמאטישערן ווערט. נייערט אויך דער־פאר, וואס בינו לבינו האט זיך דער גאנצער פרצוף פונעם נאענטן מזרח גרונ־טיק געענדערט — דורך דעם פאקט, וואס ס'איז ווידער ארויפגעשוואומען אויף דער אויבערפלאך און ווידער אנערקענט געווארן אזא וויכטיקער, אויב ניט דער וויכטיקסטער, פאקטאר אין די כוחות־פארהעלטענישן אין פאדער־אזיע, ווי די צוריק אויפגעריכטע ט ע ר ק יי. אונטער דער אנפירונג פון קעמאל־אטאטורק האט טערקיי אין די נאך־מלחמה־יארן דורכגעמאכט אין פרט פון ציוויליזאציע, ארגאניזאציע און מיליטערישער מאכט אזא אויפשטייג, וואס מען וואלט אים אין יאר 1920 געוועסט געהאלטן פאר לחלוטין אוממעגלעך. טערקיי איז ביי היינ־טיקן טאג דער שטארקסטער פאליטישער און מיליטערישער פאקטאר אויפן נא־ענטן מזרח. א דאנק דעם, וואס זי איז איצטער דער ראש־המדברים אין דעם באל־קאן־בונד און אין דעם בונד פון פאדער־אזיאטישע מלוכות (אפגאניסטאן און איראן—פערסיע), וואס זי איז דער בעל־הבית איבער די דארדאנעלן, און א דאנק

איר מיליטערישן בונד מיט רוסלאַנד, האָט טערקיי היינט־צו־טאָג אין יענעם סעקטאָר אַ וויכטיקן וועלט־פּאָליטישן שליסל אין אירע הענט. און מיט דעם אומשטאַנד האָבן זיך גערעכנט גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך, בעת זיי האָבן לעצטנס געשלאָסן מיט טערקיי אַן אַליאַנס. פראַנקרייך איז אַפילו אַזוי ווייט גע־גאַנגען, אַז זי האָט אָפּגעטראָטן טערקיי אַ טייל פון איר מאַנדאַט־געביט אין סי־ריע — דעם אַלעקסאַנדרעטער סאַנדזשאַק. **דורך די דאָזיקע אָפּמאַכן איז טערקיי געוואָרן אין דער צייט פון שלום, און באַזונדערס אין פאַל פון אַ מלחמה, אַ מיטגאַראַנט און אַ מיטהיטער פונעם בריטישן אימפּעריאַלן וועג אין דעם מזרחדיקן סעקטאָר פונעם מיטללענדישן ים.**

דער ענגליש־טערקישער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 15־טן מאַי 1939. מען קען דעם ענין דרייען און אויסטייטשן, ווי מען וויל, אָבער קלאָר איז, אַז אָט דער אָפּמאַך באַטייט פאַר ענגלאַנד על כל פנים דעם אָנהייב פון אַן אָפּזאָג פון דער אַלטער קאָנצעפּציע וועגן אַ פּאַן־אַראַבישער פעדעראַציע. דעם 17־טן מאַי 1939 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָס „ווייסע בוך" אין שייכות מיט דער נייער ענגלישער פּאַלעסטינע־פּאָליטיק — אַ דאָקומענט, מעג מען אים אויך פאַרשלייערן, ווי מען וויל, וואָס איז אין זיין טיפסטן מהות אַ רעזול־טאַט און אויסדרוק פון דער ענגלישער פּאַן־אַראַבישער קאָנצעפּציע. אין דעם ליגט קלאָר אַן אינעווייניקסטע סתירה, וואָס קען מיט קיין שום דיפּלאָמאַטישן פּילפּול ניט פאַרדעקט ווערן. דורך דעם אָפּמאַך מיט טערקיי האָבן די אַראַבער אין פאָ־דער־אַזיע אויפגעהערט צו זיין פאַר די ענגלענדער אַן אָרטיקער פאַקטאָר פון ערשטן ראַנג. די ענגלישע רעגירונג־קונסט מעג זיך איינרעדן, אַז זי וועט אימ־שטאַנד זיין איינצוהאַלטן די גלייכוואָג צווישן די טערקן און די אַראַבער, אין דער אמתן אָבער האָבן די ענגלענדער, די טערקן צוליב, שוין מקריב געווען די אידעע פון אַ פּאַן־אַראַבישער פעדעראַציע. דער דאָזיקער אַקט איז ניט אין ערך מער מסוגל צו אַנטווישן די אַראַבער אין זייערע האָפענונגען און נאָך מער צו קערעווען זייערע סימפּאַטיעס אויפן צד פון די טאָטאַליטאַרע מלוכות, איידער דאָס „וויי־סע בוך" איז בכוח זיי מפייס צו זיין און צו מאַכן זיי לאָיאַל לגבי ענגלאַנד.*) אַז דער אָפּמאַך מיט טערקיי גייט אין לעצטן סך־הכל אויפן חשבון פון די אַראַ־בער, דערצו באַדאַרף מען ניט קיין באַזונדערע באַווייזן; ס'איז גענוג צו דערמאָ־נען דעם ענין אַלעקסאַנדרעטע.

מיטן שטילשווייגנדיקן אָפּזאָג מצד ענגלאַנד פון אַ פּאַן־אַראַבישער פעדע־ראַציע אונטער איר אויבער־ממשלה — פון אַ פעדעראַציע, וואָס האָט געזאָלט איינשליסן אין זיך אויך סיריע און לבנון — פאַלט במילא אָפּ דער וויכטיקסטער

---

*) אַ קלאָרע ראיה איז, אַז באַלד נאָך דעם האָט העדזשאַס זיך אָנגענומען מוט און געשיקט אירן אַ שליח קיין בערלין, וואָס זי האָט פריער ניט געוואַגט צו טאָן אַזוי אָפן.

גרונט פאַר אַ קאָנקורענץ צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך אויפן נאָענטן מזרח. די צווייזייטיקע אָפּמאַכן פון ענגלאַנד און פראַנקרייך מיט טערקיי האָבן אָט די ביז איצט קאָנקורירנדיקע קאָלאָניאַלע אימפּעריעס געמאַכט פאַר שותפים און ענגע פאַרבינדעטע אויך אויפן נאָענטן מזרח: לגבי אַ ניי־געוואונענעם פריינד שאַדט ניט צו האַלטן אַ בשותפותדיקן פראָנט... איז עס טאַקע ניט קיין צופאַל, וואָס קורץ נאָכן שליסן אָט די אָפּמאַכן איז צום ערשטן מאָל, בכל אופן אויסער־לעך, איינגעשטעלט געוואָרן אַ דירעקטער קאָנטאַקט צווישן דעם ענגלישן און דעם פראַנצויזישן קאָלאָניאַל־מיניסטער. דער פייערלעכער מאָלצייט בחברותא פון מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד מיט זשאָרזש מאַנדעלן, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 19 יוני 1939 אין פּאַריז, מיט דער באַטייליקונג אויך פון גענעראַל גאַמלען און אַנדערע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, איז אין תוך גענומען געווען אַ דעמאָנסטראַטיווער אויסדרוק פון דער התחלה אין דער ענגליש־פראַנצויזישער צוזאַמענאַרבעט אויפן נאָענטן מזרח.

די אָפּאָזיציע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט קעגן דעם „ווייסן בוך" לאָזט זיך ניט דערקלערן נאָר מיט סענטימענטאַלע מאָטיוון, הגם אויך אָט דער מאָמענט שפּילט אַ געוויסע ראָלע: עס זיינען אויך אין ענגלאַנד פאַראַן פּאָליטיקער, וואָס קוקן קרום דערויף, ווי זייער רעגירונג שטעלט זיך בפרהסיא, פאַר דער גאַנצער וועלט, אין דער לאַגע פון וואָרט־ברעכער. אויב אָבער אַזאַ מאַן, ווי ווינסטאָן טשערטשיל, דער מחבר פונעם „ווייסן בוך" פון 1922, דער געוועזענער חסיד פון אַ פּאַן־אַראַבישער פעדעראַציע, — אויב ע ר נעמט אָן אַזאַ שאַרפע שטעלונג לגבי דעם איצטיקן „ווייסן בוך" פון 1939, טוט ער דאָס ניט נאָר אויס עטישע מאָטיוון, נייערט אויך דערפאַר, ווייל ער איז איבערגעצייגט, אַז די פּ אָ ל י ט י ש ע פאַר־הנחות פאַר דער טענדענץ פונעם נייעם „ווייסן בוך" עקסיסטירן שוין ניט מער: אין דעם מאָמענט, ווען אונטערן צוואַנג פון די וועלט־פּאָליטישע אינטערעסן האָט מען געמוזט טערקיי מאַכן פאַר אַ שותף, ווערט לחלוטין איבעריק צו מקריב זיין דעם יי ד י ש ן פאַקטאָר. מחמת טשערטשיל ווייס גענוי, אַז פּאַן־אַראַביזם און אַן אַראַבישע פעדעראַציע קלעפּן זיך ניט מיטן פאַקט פון ווידער איינשליסן טערקיי, ווי אַ פאַרבינדעטע מאַכט, אין דער פּאָליטישער סיסטעם פון דעם מזרח־סעקטאָר פון מיטללענדישן ים.

אייניקע ענגלישע פּאָליטיקער מעגן זיך האַלטן ביי דער מיינונג, אַז אינעם איצטיקן מאָמענט איז בכלל דער יידישער פאַקטאָר אין ארץ־ישראל — און אין דער נאָרער וועלט — ווייניקער וויכטיק, ווי דער אַראַבישער, און באַזונדער־ס נאָך דערפאַר, ווייל די יידן מוזן סיי ווי זיין געבונדן מיט די דעמאָקראַטיעס אויף לעבן און טויט. דער לעצטער מאָטיוו וואָלט געקענט האָבן אַ ממשות נאָר אין דעם פאַל, אויב דער יידישער פאַקטאָר וואָלט אויפן נאָענטן מזרח געווען ענג־לאַנדס איינציקע קאָרט. דאָס איז אָבער שוין ניט מער אַזוי. דאָס, וואָס איצט איז צוגעקומען טערקיי, האָט די פּאַקטישע לאַגע געענדערט אין תוך. דאָס הייסט אָבער בשום אופן ניט, אַז ווייל אין פאַל פון אַ מלחמה וואָלטן די אַראַבער גע־

קענט נייטראַליזירט ווערן דורך די טערקישע דיוויזיעס, וועלן די ענגלענדער איצט לחלוטין אַ מאַך טאָן אויף די אַראַבער מיט דער האַנט. די ענגלענדער זיינען באַגייסטערטע חסידים פון גלייכוואָג־פּאָליטיק און זיי קאָנסערווירן זייער גערן די מאָרגנדיקע מעגלעכע קעגנער פון זייערע היינטיקע פריינד... אַזוי צי אַנדערש, אין דעם איצטיקן מאָמענט איז דער מצב אַזאַ, אַז הן די יידן און הן די אַראַבער אויפן נאָענטן מזרח שפּילן ניט די ערשטע ראָלע אין די ענגלישע חשבונות און אויסבליקן אויף די קומענדיקע מלחמה־מעגלעכקייטן. אין פּלוג קען זיך דעריבער ענגלאַנד פאַרגינען, אָן אַ שום שאָדן פאַר אירע אינטערעסן, צו בלייבן גערעכט לגבי ביידע צדדים, און ניט, ווי זי האָט עס געטאָן איצט מיטן „ווייסן בוך״, אָפּגעבן די בכורה די אַ ר אַ ב ע ר לגבי די יידן.

גראָד איצט האָט די ענגלישע פּאָליטיק די מעגלעכקייט אָפּצושאַצן דעם אָביעקטיוון ווערט פונעם יידישן פאַקטאָר, אַפילו אויך פאַר די ענגלישע אינטע־רעסן אויפן נאָענטן מזרח. אויב נאָר — און אָט דער חשד מוז אַרויסגעזאָגט ווערן — ענגלאַנד באַהאַלט ניט אין די טיפסטע טיפעניש אַ געוויסן אַנטיסע־מיטישן ווידערווילן בכלל קעגן יידן. מעגלעך, אַז די האַליפאַקס און טשעמבער־לענס פילן זיך אין דער לאַגע פון אינטימע פאַרבינדעטע פון די יידן פונקט אַזוי וויניק גוט און היימיש, ווי זיי פילן זיך ניט גאָר גליקלעך צו דאַרפן קושן זיך חבריש מיט סטאַלינען. אָבער דער געזונטער חוש פון דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג וועט איצט, אַ דאַנק דעם, וואָס טערקיי דעקט צו דעם הינטערלאַנד אויפן אָריענט, ריכטיק קענען אָפּשאַצן, וואָס פאַר אַ ווערט ס'האָט דער האַלבער מיליאָן יידן אין ארץ־ישראל פאַר ענגלאַנדס פּאָזיציע אינעם מזרחדיקן טייל פון מיטל־לענדישן ים. אָט דער האַלבער מיליאָן איז אַ דאַנק זיין ביאָלאָגישער סטרוקטור (אַ דורכשניט־עלטער אונטער 30 יאָר) שקול כנגד אַ מיליאָן אייראָפּעער און כנגד אַ סך אַ גרעסערער צאָל אַראַבישע איינוואוינער פונעם אָריענט. דער ענטו־זיאַזם פון אָט דעם האַלבן מיליאָן, זיין פּראָדוקטיווע קראַפט, זיין ציוויליזאַטאָ־רישער אימפּעט, זיין פעסטער רצון און גרייטקייט אויף קרבנות, זיין טיפע פאַר־בונדנקייט מיט מיליאָנען יידן אין דער גאָרער וועלט — דאָס אַלץ זיינען פאַקטן, וואָס לאָזן זיך ניט אַזוי לייכט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. ביז מיט אַ יאָר זעקס צוריק וואָלט מען נאָך אפשר געוועזן גערעכט באַשליסן דעם גורל פון ארץ־ישראל קעגן דעם ווילן פון אָט די יידן. היינט־צו־טאָג וואָלט דאָס באַטייט אַן אמתן קרייצצוג קעגן די יידן, און אָן אַ שאַרפן יידישן ווידערשטאַנד איז איצט אַזוינס ניט מעגלעך...

אָט דאָס אַלץ איז גוט צו האָבן אין זינען, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם, וואָסערע שאַנסן דאָס נייע „ווייסע בוך״ האָט דורכגעפירט צו ווערן אין לעבן. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן דערויף, ווי קאָמיש עס קלינגט אין אַ רעגי־רונג־דאָקומענט די באַשטימונג, אַז די יידישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל ווערט אָפּגעשטעלט אין 5 און 10 יאָר אַרום און אַז דעמאָלט וועט פּראָקלאַמירט ווערן אַ זעלבשטענדיקע אַראַבישע מלוכה אין פּאַלעסטינע. יורידיש שטייט איצט די

פראַגע אַזוי, אַז די מאַנדאַט־קאָמיסיע ביים פעלקער־בונד האָט דערקלערט, אַז זי איז ניט קאָמפּעטענט צו נעמען אַ וואָסער עס איז שטעלונג צום „ווייסן בוך“, מחמת דער דאָקומענט גייט אַרויס פון גדר פון די מאַנדאַט־באַשטימונגען. דער דאָזיקער פּסק־דין איז אין תוך פאַרניכטנדיק פאַרן „ווייסן בוך“; עס וואָלט גע־ווען אַזוי, ווי ווען אַ קונסט־קריטיקער וואָלט דערקלערט אויף אַ בילדער־אויס־שטעלונג, אַז דאָ איז קאָמפּעטענט ניט ער, נייערט דער לייוונט־הענדלער... דער האַרבער ענטפער פון דער קאָמיסיע וועט מוזן צווינגען די ענגלישע רעגירונג צו ברענגען די דאָזיקע פראַגע ווידער פאַרן פּאַרלאַמענט. און אויב דאָרטן וועלן די מאַנדאַט־ענדערונגען אָנגענומען ווערן, וועט מען נאָך מוזן באַקומען דעם הסכם פון די אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער אין ענגלישן אונטערהויז איז די שטימונג בנוגע דעם „ווייסן בוך“ גאָר ניט אַזאַ, אַז די רעגירונג זאָל מיט אַ גרינג געמיט קענען ריזיקירן, ווי זי האָט עס געטאָן בעת דער ערשטער דורכפירונג פונעם פּראָיעקט פון „ווייסן בוך“, צו צווינגען די מערהייט דעפּוטאַטן שטימען פאַר אים און דערמיט אייגנטלעך סאַנקציאָנירן, אַז ענגלאַנד האָט געבראָכן דאָס וואָרט, וואָס זי האָט יידן געגעבן. אָבער ווען אַפילו מאַקדאָנאַלד, וואָס זיין פּער־זענלעכע קאַריערע איז קענטיק פאַרבונדן מיט דעם „ווייסן בוך“, און האַליפאַקס זאָלן איצט — נאָך דעם אַפּמאַך מיט טערקיי און דעם וואַרשיינלעכן אַפּמאַך מיט סאָוועט־רוסלאַנד (אגב באַמערקט: די „איזוועסטיע“ האָט זיך אַרויסגעזאָגט ק ע ג ן דעם „ווייסן בוך“) — ווידער קומען פאַרן פּאַרלאַמענט און אַרויספּרעסן פון אים די מאַנדאַט־ענדערונגען, בלייבן נאָך אַלץ די שוועריקייטן מצד אַמעריקע. די אַמע־ריקאַנער רעגירונג וועט בכל־אופן איצט, פאַר די פּרעזידענט־וואַלן פון 4־טן נאָ־וועמבער 1940, ניט אָננעמען די דאָזיקע ענדערונגען אינעם פּאַלעסטינע־מאַנדאַט (ס'איז אַפילו אַ ספק, צי וועט זי זיי בכלל אָננעמען) שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אין אַמעריקע לעבן מיליאָנען יידישע וויילער און גאָר קנאַפּ אַראַבישע. די ענגלי־שע רעגירונג, אויב זי וועט זיך פּאַרט פאַרעקשנען אויפן „ווייסן בוך“, וועט ריין־יורידיש זיך מוזן פאַרנעמען אויף אַ דערנער־וועג, וואו זי וועט זיך אָנשטויסן אויף אַזעלכע מניעות, אַז זי וועט מסתמא מוזן אויסקלייבן אַ מיטלוועג. און דער גאַנצער ענין וועט בלייבן הענגען אין דער לופטן.

ווי האַלט עס ר ע אַ ל מיט די דורכפירונג־מעגלעכקייטן פונעם „ווייסן בוך“? די בריטישע רעגירונג און די פּאַלעסטינע־פאַרוואַלטונג וועלן זיך מעגלעך וועגן דער יורידישער זייט ניט קימערן און וועלן מאַכן מן הסתם אַ פּרואוו דורכצופירן אין דער פּראַקטיק די באַשטימונגען פונעם „ווייסן בוך“, און שטעלן ערנסטע מניעות דעם יידישן אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל. אָבער דערביי וועלן זיי זיך אָנשטויסן — און שטויסן זיך שוין איצט אָן — אויפן אַנטשלאָסענעם ווילן מצד דעם ישוב, וואָס וועט דורך זיין פּאַסיוון ווידערשטאַנד גיבן דער פּאַלעסטינע־פאַרוואַלטונג אַ האַרטע נוס צום קנאַקן. אמת, אָט דער ווידערשטאַנד האָט זיינע אימאַנענטע גרענעצן: פון איין זייט — די אינטערעסן פון דער כסדרדיקער ווי־דעראויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, און פון דער צווייטער — יענעם פּאַק־

טישן פּאַראַלעליזם, וואָס עקסיסטירט דאָ צווישן די יידישע און די ענגלישע אינ־טערעסן. דער כוח פון אָט דעם פּאַראַלעליזם האָט פון תמיד אָן אויסגעגליכט דעם פּאַרקרימטן שכל פון די אַדמיניסטראַטיווע מאָסמיטלען. אויב די פּאַלעסטינע־אַדמיניסטראַציע וועט זיך דאָך עקשנותדיק האַלטן ביים „ווייסן בוך", איז ניטאָ וואָס צו האָפן, אַז אין דער נאָענטסטער צייט זאָל זיך דאָרטן איינשטעלן רו און אָרדענונג. מיר לאָזן דאָ בכיוון אָן אַ זייט די פראַגע פונעם אַראַבישן טעראָר, וואָס דויערט ווייטער און וואָס ווערט געשטיצט פון היטלערן און מוסאָליני, און ווילן דערביי נאָר אָנווייזן, אַז די אַלע טערמינען, וואָס ווערן אינעם „ווייסן בוך" פאָרויסגעזעען, קענען נאָר דעמאָלט אַריינטרעטן אין קראַפט, ווען דאָס לאַנד וועט זיך באַרואיקן.

אָבער אין תוך גענומען האַנדלט זיך עס איצט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. מען שטייט פאַר דריי מעגלעכקייטן: 1) דער אומרואיקער צושטאַנד אין דער וועלט האַלט נאָך אָן אַ לאַנגע צייט; 2) עס ברעכט אויס אַ מלחמה; 3) די וועלט סטאַביליזירט זיך ענדלעך — אָן אַ מלחמה, אָדער נאָך איר. אינעם ערשטן פאַל קען עס זיכער קומען אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַרום צו נייע וואַלן אין ענגלאַנד, אָדער צו אַ קאַבינעט־ענדערונג, און אין דיביידע פאַלן קען פאָרקומען אַן ענדע־רונג אויך אין דער פּאַלעסטינע־פּאָליטיק. אין פאַל פון אַ מלחמה פאַרלירן בכלל אַלע „ווייסביכער" און דעקלאַראַציעס יעטווידן באַטייט, און זיי וועלן זיכער פאַרביטן ווערן מיט נייע דערקלערונגען אויפן אַדרעס פון די יידן און אַראַבער; די מלחמה וועט שאַפן אַ גאַנץ נייע סיטואַציע. אין דריטן פאַל — פון אַן ענדגיל־טיקער סטאַביליזאַציע — וועט די אויסגעגליכטערטע ענגלישע פּאָליטיק האָבן די מעגלעכקייט אָנצונעמען אַ דזשענטעלמעניש — פון איר שטאַנדפּונקט אויס — שטעלונג. און אַזאַ שטעלונג איז נאָר איין מאָל געקומען צום אויסדרוק, היינו: אין דעם באַריכט פון דער „ראָיאַל קאָמישאָן" פון 1937. ביי די איצטיקע פאַר־העלטענישן, רעכענענדיק זיך מיט דעם קאָנקרעטן מצב אין ארץ־ישראל, איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי דער פּלאַן פון חלוקה, פון ט ײ ל ו נ ג , צי אין דער פאָרם פון צוויי זעלבשטענדיקע קאָלעקטיוון, אַ יידישן און אַראַבישן, אָדער אין דער פאָרם פון אַ פעדעראַציע פון די ביידע טיילן.

ווי עס זאָל ניט זיין, די אַלע דריי מעגלעכקייטן — ווייטערדיקע אומרוען, אַ מלחמה, אַ סטאַביליזאַציע דורך אָדער אָן אַ מלחמה — פירן אונדז צו דער מסקנה, אַז העכסט וואַרשיינלעך וועט דאָס „ווייסע בוך" קיין אַריכת־ימים ניט האָבן און פאַרבלייבן ניט מער ווי אַן ע פּ י ז אָ ד , אַ פּרשה אין דער לאַנגער סדרה קאַמף פון יידן פאַר ארץ־ישראל.

מ. ערעס / תל־אביב

אויף די שליאַכן פון דער נאַציאָנאַלער אַראַבישער באַוועגונג

נאָך אַ לאַנגער היסטאָרישער הפסקה פון קרוב 1200 יאָר האָבן זיך ווידער צונויפגעטראָפן די לעבנסוועגן פונעם יידישן און אַראַבישן פאָלק. אמת — ביי גאָר אַנדערע, טיף געענדערטע אומשטאַנדן.

אין יאָר 711 האָבן זיך באַוויזן אין אַנדאַלוסיע, דרום־שפּאַניע, די ערשטע אַראַבישע שטורעם־פאַנען, באַגריסט פון די שפּאַנישע יידן, וואָס זיינען אָקאָרשט, כמעט האַרט פאַר דעם אַראַבישן אָנקום, אָפּיציעל פאַרוואַנדלט געוואָרן פון דער וועסטגאָטישער מלוכה, ערב איר שקיעה, אין שקלאַוון. אַזוי איז פאַרלייגט געוואָרן דעמאָלט דער פונדאַמענט פאַר אַ מערקווירדיקער און גאַנץ לאַנגער יידיש־אַראַבישער תקופה אין דרום־מערב־ווינקל פון אייראָפּע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן איבער 600 יאָר. מיטן ענדגילטיקן פאַל פון דער מאַוריטאַנישער ממשלה האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג־אַראָפּ אויך פון דעם יידישן קיבוץ אין שפּאַניע, ביז עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער לעצטער טראַגישער אַקט — דער גירוש ספרד.

ביידע פעלקער האָבן זיך זינט דעמאָלט צעשיידט: דאָס יידיש פאָלק האָט ווידער אָנגעהויבן זיין וואַנדער־מאַרש איבער אייראָפּע, אונטערן קרייץ פון קריסט־לעכע רדיפות; די אַראַבישע וועלט איז צוריקגעשטויסן געוואָרן קיין אַפריקע און אַזיע, וואו זי איז איינגעגלידערט געוואָרן ווי אַ באַשטאַנדטייל אין דער אויפ־קומענער טערקישער אימפּעריע.

יאָרהונדערטער זיינען אַריבער. מלחמות און רעוואָלוציעס האָבן איבערגע־טאַשעוועט לענדער און פעלקער. און אָט האָט די געשיכטע איצט ווידער צונויפ־געפירט די ביידע פעלקער. אָבער שוין ניט ווי פריינד און פאַרבינדעטע, נאָר ווי קעגנער און צדדים אין קאַמף. דער טרעפפּונקט איז שוין ניט שפּאַניע, נאָר ארץ־ישראל — דאָס לאַנד, וואו עס האָט זיך אויסגעפורעמט די יידישע געשיכטע און מיט אַ צייט שפּעטער — דער ערשטער גרויסער עטאַפּ פון דער אַראַבישער עקספּאַנסיע.

וואָס טראָגט מיט זיך אָט די נייע באַגעגעניש אין דער צוקונפט? איז דער יידיש־אַראַבישער קאָנפליקט טאַקע אַן אומפאַרמיידלעכער, אָן אַ שום אויסוועג פאַר אַ פרידלעכער לייזונג? אָדער עס איז ניט מער ווי אַ דראַמאַטישער עפּיזאָד, אַן איבערגאַנג־תקופה אינעם לעבן פון די ביידע פעלקער? וואוהין פירן אונדז די פאַרנעפּלטע וועגן פון דער געשיכטע: צו מלחמה און צעשיידונג, אָדער צו שלום און צוזאַמענלעבן? דאָס איז ניט נאָר אַן אָנגעווייטאָגטע פראַגע פון היינט, אַרויסגערופן דורך די געשעענישן אין ארץ־ישראל; אין שיין פון דער איצ־טיקער וועלט־סיטואַציע באַקומט זי די חשיבות פון אַ גורל־פראַגע. אין קאָן שטייט צוגלייך דער גורל פונעם יידישן יחיד, אין זיינע גרויסע טויזנטער און

טויזנטער, וואָס זוכט אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ רעטונג פון אומקום און טויט, און דער גורל פונעם יידישן נאַציאָנאַלן כּלל, וואָס האָט אין שוויים און אין בלוט, מיט עקשנות און מסירת־נפש פאַרלייגט אַ פונדאַמענט פאַר אַ באַנייטן נאַציאָנאַלן לעבן און וועט אים ניט אויפגעבן, ניט געקוקט אויף אַלע קרבנות. די אַראַבישע וועלט איז געוואָרן אַ פאַקטאָר אין דעם טראַגישן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע, פּונקט ווי די יידישע וועלט איז, דורך ארץ־ישראל, געוואָרן אַווירקנדיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פונם אַראַבישן לעבן.

לאָמיר זיך נעענטער באַקענען מיט אונדזער היסטאָרישן פּאַרטנער — מיט דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר אַ ר אַ ב י ש ע ר ב אַ וו ע ג ו נ ג.

1. ד ע ר א ו י פ ק ו ם פ ו ן ד ע ר אַ ר אַ ב י ש ע ר ב אַ וו ע ג ו נ ג

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די נאַציאָנאַלע אַראַבישע באַוועגונג? ווער רעפּרעזענטירט זי און וועמען רעפּרעזענטירט זי אַליין? וואָס איז איר כּוח און וואָס זיינען אירע פּאָליטישע און סאָציאַלע אידעאַלן און שטרעבונגען?

קודם־כּל מוז מען זיך באַפרייען פון צוויי פאַלשע איינרעדענישן: א) אַז די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אַ בלויזער „קונץ" פון אימפּעריאַליסטישער רעזשיסור, ב) אַז די ארץ־ישראלדיקע אַראַבישע באַוועגונג איז אַן אָפּגעריסענער, גאַנץ באַזונדערער צווייג פון דער אַלגעמיינער אַראַבישער באַוועגונג.

פּונקט ווי דער ציוניזם, וואָרצלט אויך די נאַציאָנאַלע אַראַבישע באַוועגונג אין דעם עלעמענטאַרן דראַנג פון די מאַסן אויסלעבן זיך נאַציאָנאַל פריי. די דאָזיקע באַוועגונג, פון איר ערשטער השכּלה־תּקופה אָן, ציילט שוין קנאַפּע 45 יאָר, זינט עס איז אין ביירוט פאַרלייגט געוואָרן דער קאָלעדזש „אָסמאַניאַ" דורכן שייך אַכמעד אַבּבּאַס, אַ תּלמיד פון דעם העכסטן מוסולמענישן רעליגיעזן אוניווערסיטעט „אַל־אַזהאַר" אין קאַירע. פּינקטלעכע היסטאָרישע כראָניסטן וואָלטן געקענט דאַטירן דעם אויפקום פון דער באַוועגונג נאָך פריער, פון יאָר 1875, בעת ס'איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע אַראַבישע דרוקעריי און די הויכשול אויפן נאָמען פון „הייליקן יוסף" דורך אַ גרופּע אינטעליגענץ פון קריסטלעכע אַראַבער אין סיריע. פּאַלעסטינע, וואָס איז דעמאָלט געוועזן ניט בלויז אַדמיניסטראַטיוו, נאָר אויך ווירטשאַפטלעך און קולטורעל אַ טייל פון סיריע, האָט ביי זיך קיין ספּעציעלע באַוועגונג ניט געשאַפן.

פון דעם איז נאָך ניט געדרונגען, אַז די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אַן א י נ ה י י ט ל ע כ ע. מען וואָלט געקענט זאָגן אַ היסטאָרישן פּאַראַדאָקס: להיפּוך צו דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט דורך ציוניזם צו שאַפן א י ין צענטער — אַ קאָנצענטראַציע־פּונקט פאַר דער יידישער צעשפּרייטקייט, האָט די אַראַבישע באַוועגונג פון אָנהייב אָן געהאַט ד ר יי נאַציאָנאַלע הויפּט־צענטערן: מצרים, סיריע און העדזשאַס; צו זיי איז שפּעטער

צוגעקומען א פערטער — איראַק. זיי אַלעמען האָט פאַרבונדן די שפּראַך און קולטור־איינהייט, דער בשותפותער פּאָליטישער גורל — די טערקישע הערשאַפט איבער דעם אַראַבישן לענדער־מאַסיוו (מצרים איז אָקופּירט געוואָרן דורך ענג־לאַנד ערשט אין 1882). גלייכצייטיק האָט זיי אָפּגעטיילט איינעם פון דעם אַנ־דערן זייער באַזונדערער געאָגראַפישער, ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער בוי. קורץ: א יי ן אַראַביש פאָלק אין ע ט ל ע כ ע אַראַבישע לענדער. אַזוי אַרום האָט די אַראַבישע באַוועגונג באַקומען פאַרשיידענע היסטאָרישע וו אַ־ר י אַ נ ט ן, וואָס האָבן געלייגט זייערע שטעמפּלען אויפן גאַנצן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער אַראַבישער וועלט.

אָבער נאָך אַ סך פריער פאַר אָט די אַלע וואַריאַנטן, נאָך אין דער צווייטער העלפט 18־טן יאָרהונדערט, האָט זיך אויף אַ קורצער צייט באַוויזן אויפן אַראַ־בישן האַלב־אינדזל דער פּראָטאָטיפּ פון דער אַראַבישער באַוועגונג: דער אויפ־שטאַנד פון די וו אַ ה אַ ב י ט ן קעגן טערקיי. נאָך אַ לאַנגער הפסקה איז צוריק אויפגעשטאַנען תחית־המתים אַן אַ ר אַ ב י ש ע מדינה, וואָס האָט זיך אויסגע־שפּרייט ביז צום עבר־הירדן. אמת, זי האָט בסך־הכל אָנגעהאַלטן עטלעכע צענ־דליגג יאָר. אירע אידעאישע און פּאָליטישע שפּורן האָבן זיך אָבער אויסגעפונען אין אַ צייט אַרום, אין אונדזער תקופה, וואָס האָט צוריק אויפגעלעבט דעם וואַ־האַביטישן טרוים פון אַ פּ אַ ן ־ מ ו ס ו ל מ ע נ י ש ע ר באַוועגונג, געטראָגן אויף די באַגנעטן פון אַראַבישע חיילות קעגן די טערקן, די „אוזורפּאַטאָרן פונעם כאַליפאַט". דער פּאַן־איסלאַמישער מאָמענט האָט אויפגעלעבט אין יאָר 1871 אין מצרים, לויט דער איניציאַטיוו פון דזשעמאַל־א־דין־אַל־אַפגאַני, איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן אין דער מוסולמענישער וועלט. ער האָט צונויפגעפּאָרט דעם קאַמף פאַרן איסלאַם מיטן קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם און אַזוי־אַרום באַפאַרבט דעם פּאָליטישן קאַמף מיט רעליגיעזן פּאַטאָס. אָט די אייגנ־שאַפט איז שוין פאַרבליבן אַ טיפּישער שטריך אין דער אַראַבישער באַוועגונג.

די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אָבער ניט געבליבן שטיין פאַרגלי־ווערט אין די ראַמען פון אַ רעליגיעזער דאָגמע. איר סירישער וואַריאַנט האָט אַריבערגעטראָגן דעם שווערפּונקט אויפן געביט פון קולטור־רענעסאַנס. אין 1875 דערשיינט אַן אַראַבישע ענציקלאָפּעדיע — דער ערשטער טריט צו באַפרייען זיך פון דער אָנגעוואָרפענער און זייער אָרימער טערקישער ליטעראַטור. אונטער דער פראַנצויזישער השפעה רייסט זיך אייראָפּע אַריין אין אָט דעם קולטור־רענעסאַנס. די אַראַבישע ליטעראַטור מאַכט דורך אַלע עטאַפּן: נאַסיף־אַל־יאַסידזש פאַרפלאַנצט אויפן אַראַבישן באָדן דעם קלאַסיציזם און שטעלט אַוועק אַ ליטעראַרישן מאָנומענט — 9 בענד סירישע געשיכטע; אַביד־יצחק שפּרייזט אַריבער צו ראָמאַנטיזם און רופט אין זיין צייטונג „אַל תקדים" צו פּראָגרעס (אַזוי הייסט אויך די צייטונג) — אַ צעשוואומענע פאָרמול פון דראַנג צו אַנטוויקלונג. אין 1893 דערשיינט אויך די אַראַבישע פרוי אין דער ליטעראַ־טור און שפּיגלט אָפּ איר לעבן אין דעם ערשטן פרויען־זשורנאַל „פאַטאַל אַל־

שאַרק" („די יונגפרוי פון מזרח"). עס וואַקסט אויס אַן אַראַבישע אינטעליגענץ, דערצויגן טיילווייז אין די קריסטלעכע מיסיאָנערישע שולן, טיילווייז אין די מוסולמענישע אַנשטאַלטן. עס הזרט זיך איבער אין אַלגעמיינע שטריכן דער אונדז גוט באַקאַנטער איבערגאַנג-עטאַפּ פון ליטעראַטור צו פּאָליטיק. שוין אין יאָר 1870 פּראָקלאַמירט די צייטונג „אַל דאַדזשאַן" („דער שיצער"), אַז „די ליבע צום פאָטערלאַנד איז אַן עיקר פון אונדזער רעליגיע". אין די 90־ער יאָרן פלאַקערט זיך פונאַנדער דער קאַמף קעגן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס, געווענדט גלייכצייטיק הן קעגן דער טערקישער, הן קעגן דער פראַנצויזישער השפעה.

פון דעם צעאַקערטן קולטור־באָדן הייבן זיך אַרויס די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ מאָדערנער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער באַוועגונג. שוין ניט די פּראָבלעם פון פרעמדער השפעה, נאָר פון דער פרעמדער מאַכט ווערט אויפגעשטעלט אויפן טאָג-סדר פון די אינטעליגענץ־קרייזן: די באַציאונג צו טערקיי און צו דער הערשאַפט פון סולטאַן. אָט דער סירישער געזעלשאַפטלעכער אויפשטייג פאַלט צונויף מיטן אויפקום פון אַ נייער וואַהאַביטן־כוואַליע אויפן אַראַבישן האַלב־אינדזל — אַן אייגנאַרטיקע פּאָליטיש־רעליגיעזע אַראַבישע באַוועגונג, וואָס האָט בכל־אופן באַוויזן, אַז דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט האָט טיפע וואָרצלען אין אַלע אַראַבישע לענדער. דער זעלביקער גרוס האָט זיך געלאָזט הערן אויך פון מצרים, וואו עס האָט געווירקט און געקעמפט אַפגאַנים' תלמיד — מוכאַמעד אַבדו. זיינע העפטן „אַל־ערוואַ־אַל־וואַטקאַ" האָבן אָן אויפהער געשלאָגן אין איין פּינטל: אין דער בריטישער אָקופּאַציע. די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע קרייזן און גרופּן אין אַלע אַראַבישע לענדער האָבן זיך הילכיק איבערגערופן און אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון אַ נייער פּאָליטישער תקופה אין דער אַראַבישער וועלט. אין 1904 איז געגעבן געוואָרן אויך דער אָרגאַניזאַטאָרישער סיגנאַל: עס איז דערשינען דער ערשטער אויפרוף פון דעם „נאַציאָנאַל־אַראַבישן קאָמיטעט". אין סאַמע ברען פון אָט דער געזעלשאַפטלעכער יוירונג, וואו אַלץ איז נאָך געווען כאַאָטיש אויסגעמישט, ניט אויסגעפורעמט, אַן אמתער וויניגרעט פון פּאַן-איסלאַמיזם מיט פּאַן־אַראַביזם, רעליגיעזער רעפאָרמאַציע מיט רעליגיעזער קנאות, איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ דונער די איבעראַשנדיקע געשעעניש — די רעוואָלוציע אין טערקיי און דער נצחון פון די „יונג־טערקן".

מיט דער רעוואָלוציע הייבט זיך אָן אַן אַנטשיידנדיקער ווענדפּונקט אויך אין דער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג.

2. דער באַרג־אַראָפּ פונעם פּאַן־איסלאַמיזם

די יונג־טערקישע רעוואָלוציע האָט דערלאַנגט אַ מוראדיקן קלאַפּ דעם פּאַן־איסלאַמישן געדאַנק. און, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט אויסזען אויפן ערשטן קוק, האָט זי דערמיט פאַרשטאַרקט די פּאַן־אַראַבישע באַוועגונג.

דער פּראָצעס פון מאָדערניזאַציע פון טערקיי אונטער דער יונג־טערקישער ממשלה איז געוואָרן צו דער גלייכער צייט אַ קאָנסאָלידאַציע־פּראָצעס פון דער ט ע ר ־ ק י ש ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר באַוועגונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַגרע־סיווע קולטור־פּאָליטיק, אַ צוואַנג־אַסימילאַציע מיטן כּוח פונעם אַדמיניסטראַ־טיוון אַפּאַראַט. אין קאַמף קעגן דער אַראַבישער העבערער קולטור און אין די ראַ־מען פון אַ מלוכה, וואָס באַשטייט אין איר גרויסן טייל פון אַן אַראַבישן לענדער־מאַסיוו, איז אַזאַ פּאָליטיק מלכתּחילה געווען פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל. אין איר שאָוויניסטישער בלינדקייט האָט די יונג־טערקישע מאַכט פאַרזען די פּ אָ ־ ל י ט י ש ע סכּנה פון דעם נאַציאָנאַליסטישן אונטערדריקונג־קורס: דעם וואוקס פון די ס ע פּ אַ ר אַ ט י ס ט י ש ע טענדענצן, דעם איבערגאַנג פון דער אַראַ־בישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטי־טערקישער מלוכה־באַוועגונג, וואָס בויט אויף דעם פּ ו נ אַ נ ד ע ר פּ אַ ל פון דער טערקי־שער אימפּעריע אין דער צוקונפט. די אינטערעסן פון דער אַראַבישער באַוועגונג האָבן געפאָדערט, ווי ווייט מעגלעך אָפּצושוואַכן די ווירקונג פונעם פּאַן־איסלאַ־מיזם, וואָס האָט צונויפגעבונדן מיט רעליגיעזע פּעדים די הערשנדיקע טערקישע נאַציע מיט דעם באַהערשטן אַראַבישן פאָלק.

אַזוי אַרום האָבן די ב יי ד ע קאָנקורירנדיקע און קעמפּנדיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין דער מוסולמענישער וועלט צוגעלייגט אַ האַנט צו דער ירידה פונעם פּאַן־איסלאַמישן געדאַנק, און וועגן רעדט שוין — פון דער פּאַן־איסלאַ־מישער באַוועגונג. און הגם פון צייט צו צייט זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשיי־דענע פּרוואון צו לאָזן אים ווידער אין גאַנג ווי אַ פּאָליטישן אינסטרומענט אין דער פאָרם פון צוריק אויפשטעלן דעם אינסטיטוט פון כאַליפאַט, איז עס אָבער קיינמאָל ניט געראָטן. אָפּגערעדט פון קעמאַל פּאַשאַס טערקיי, וואָס האָט זיך אָפּן און אַקטיוו אָפּגעטרייסלט פונעם פּאַן־איסלאַמיזם, אָבער אויך די ניי געשאַפענע, נאָך דער מלחמה, אַראַבישע מלוכות האָבן אַרויסגעוויזן אַ ביז גאָר קנאַפּן אינטערעס און אָפטמאָל אַפילו אַן אומצווייידייטיק נ ע ג אַ ט י וו ע באַציאונג צו דער „כּלל־איסלאַמישער“ באַוועגונג („אַל דזשאַמעאַ אַל־אַסלאַ־מיאַ“). דאָ האָט געווירקט די קעגנזייטיקע קאָנקורענץ פון די אַראַבישע לענדער פאַר באַקומען די דאָמינירנדיקע השפּעה אויף דער אַראַבישער וועלט און די צומאָל פאַרבאָרגענע, צומאָל אָפענע שנאה פון די דינאַסטיע־משפּחות איינער צו דער צווייטער (איבן־סאַאוד און די האַשאַם־משפּחה פון די הוסיינס, די עגיפּטישע דינאַסטיע און די אַמביציעס פון אימאַם יחיה אין תּימן), אָבער אויך — דער סאָציאַלער פּראָצעס פון פרייער מאַכן דעם רעליגיעזן עול, דער נאַציאָ־נאַלער באַשטאַנד פון די אַראַבישע מדינות (מוסולמענער און קריסטן, קריסט־לעכע קאָפּטן אין מצרים, די מוסולמענישע מחלוקת צווישן שיאיטן און סוניטן) און דער פאַקטאָר פון אייראָפּעאישן אימפּעריאַליזם (זע ווייטער). ווי ווייט די פּאַן־איסלאַמישע פּאָן איז געוואָרן אָפּגעבליאַקעוועט, באַווייזט צום בעסטן גראָד די תּקופה 1931—1939 אין ארץ־ישראל. אַלע באַמיאונגען פונעם מופתּי צו

רעאַליזירן, כאָטש טיילווייז, די באַשלוסן פונעם פּאַלעסטינער אַראַבישן קאָנ־גרעס אין 1931 וועגן פּאַן־איסלאַמישער פּאָליטישער אַחדות האָבן געבראַכט פּונקט צו היפּוכדיקע רעזולטאַטן. אמת, דער מופטי האָט געשאַפן אַ רעליגיעזן פאָנד צו רעסטאַווירן „אַל־אַקצאַ", דעם הייליקן מעטשעט, וואָס גרענעצט מיט דעם כותל־המערבי, און אָנגעשפּאַרט מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע אַזש קיין אינדיע. אָבער דער אָפּקלאַנג פון אָט דער אַקציע איז געווען אַ פאַרביטערטער קאַמף קעגן דעם מופטי, וועמען די אַראַבישע אָפּאָזיציע האָט באַשולדיקט פּשוט אין גנבה, אין פאַרשווענדן הקדש־געלט אויף פּאַרטייאישע הצטרכותן. פון דער פּאַן־איסלאַמישער רוחניות האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט קרימינעלער פּראָזע. דער צווייטער אָרגאַניזאַטאָרישער פּרואוו — צו קאָנסאָלידירן אַ באַוועגונג פון מו־סולמענישער יוגנט — האָט ביז גאָר פאַרשאַרפט די באַציאונגען מיט די קריסטלעכע אַראַבער און שיער ניט צעריסן דעם אַראַבישן נאַציאָנאַלן פראָנט. דער דריטער פּרואוו האָט געזאָלט דינען, ווי אַ פּרעלודיע צו די בלוטיקע געשעענישן פון 1936: די קאָנספּירירטע באַוועגונג פון שייך אַל־קאַסאַם, וואָס האָט דערקלערט אַ „דזשאַהאַד" (אַ הייליקן קאַמף) קעגן די אומגלויביקע — יידן און ענגלענדער; אָבער אינעם פאַרלויף פון די געשעענישן איז די דאָזיקע פּאַ־ראָלע שנעל פאַרלוירן געגאַנגען, און די ברוטאַל־נאַקעטע פּאַשיסטישע פּראָגראַם האָט געוירשנט איר פּלאַץ.

מיר האָבן זיך אַביסל געניוער אָפּגעשטעלט אויף דער עוואָלוציע פונעם פּאַן־איסלאַמיזם, כדי עס זאָל קלאָר ווערן, אַז אָט דער סטראַשונעק פון „הונ־דערטער מיליאָנען מוסולמענער" איז היסטאָריש אַן אויסגעשפּילטער. ער האָט ניט קיין רעאַלן באָדן אונטער זיך און ער איז היינט־צו־טאָג ניט מער, ווי אַ ספּעקולאַציע־פּזמון אין דער אימפּעריאַליסטישער מוזיק. דער כוח און די שוואַכ־קייט פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אירע אַספּיראַציעס און צילן ליגן שוין לאַנג מחוץ פון דעם פאַרלאָזטן שליאַך פונעם פּאַן־איסלאַמיזם.

3. דער אימפּעריאַליזם און די נאַציאָנאַל־אַראַבישע באַוועגונג

דער הייסער „קלימאַט" פון דער וועלט־מלחמה האָט צייטיק געמאַכט אין אַ פאַרגיכערטן טעמפּ די זריעה פון רעוואָלט אויפן אַראַבישן מזרח. די אימפּע־ריאַליסטישע בעריזע האָט אָנגעהויבן הויך קאָטירן די חשיבות פון די אַראַבישע לענדער, און די נאַציאָנאַל־אַראַבישע באַוועגונג איז אַרויף אויף דער פּאָליטי־שער וועלט־אַרענע, ווי אַ הויך געשאַצטער מלחמה־פאַקטאָר. פון דעם מאָמענט אָן ווערט דער אימפּעריאַליזם ניט בלויז אַ שותף צו דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג, נאָר אויך איר מדריך און אַפּוטרופּוס.

דער פּאַן־אַראַבישער געדאַנק, וואָס האָט געצייכנט די ליניע פון אַן אַראַבישער פעדעראַציע, האָט באַקומען זיין לעגאַלע אָנער־קענונג מצד ענגלאַנד און איז דורך הוסיינען, דעם שעריף פון מעקאַ, געוואָרפן געוואָרן ווי אַ לאָזונג אין דער אַראַבישער וועלט אַריין. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער גרויסער חלום פון די פּאַן־אַראַביסטן האַלט ביי פאַרווירקלעכט ווערן: אַן אַראַבישע מדינה פון דעם מיטללענדישן ים אין מערב ביז צום פּערסישן אויסגוס אין מזרח און ביז צום אינדישן אָקעאַן אין דרום. די דאָזיקע אילוזיע האָט אָבער באַלד געפּלאַצט. די אַראַבישע באַוועגונג האָט אָנגעטראָפן אויף אַ ריי באַריערן, וואָס האָבן איר פאַרצוימט דעם וועג און האָבן זי צעשטויבט. אין דער ערשטער ריי זיינען עס געווען די אימפּעריאַליסטישע חלוקה־פּלענער און חשבונות צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך.

אָבער אַ סך וויכטיקער און ערנסטער זיינען געווען די מניעות, וואָס האָבן פּאַראַליזירט פון אינעווייניק די פּאַן־אַראַבישע עקספּאַנסיע. כל זמן ס'איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף קעגן טערקיי און די באַוועגונג האָט געשמידט איר נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, איר קולטור־רענעסאַנס און פּאָליטישע קאָנסאָ־לידאַציע, איז די פּאַן־אַראַבישע פּראָגראַם געווען אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר, וואָס האָט אַריבערגעוואָרפן אַ בריק פון סאָלידאַרישקייט צווישן מצרים און איראַק, סיריע און דעם אַראַבישן האַלבאינדזל. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן די רעאַלע פּערספּעקטיוו אויסצופורעמען באַשטימטע מלוכה־פאָרמען און אריינבאַ־קומען פּאָליטישע מאַכט, האָבן זיך גלייך אַנטפּלעקט די סעפּאַראַטיס־טישע כוחות אין דעם אַראַבישן מאַסיוו, די אינעווייניקסטע רייבונגען און מחלוקתן צווישן די לענדער גופא, די פערזענלעכע סיכסוכים און קאָנפליקטן צווישן דער פירערשאַפט פון די פאַרשיידענע גרופּעס, און די פּאַן־אַראַבישע באַ־וועגונג האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ. מצרים און נעדזשד זיינען די ערשטע אַרויס פון שפּיל.

די פּאַן־אַראַבישע פעדעראַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ניט אויסגע־טראָגענעם געדאַנק. דער טראָפּ איז געשטעלט געוואָרן אויף די העגעמאָניע־אַפּעטיטן, אויף דעם פּרימאַט פון די לאָקאַלע אינטערעסן פון יעדן לאַנד. די נאַציאָנאַל־אַראַבישע קאָנסאָלידאַציע האָט פאַרלוירן יעדן רעאַלן אָנשפּאַר. דער אימפּעריאַליזם האָט געהאַט פאַר זיך איצטער אַן אָפענעם וועג דורכצוזעצן און פאַרפעסטיקן זיין טראַדיציאָנעלע שיטה פון „צעטייל און באַהערש". סיריע איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אונטערן פראַנצויזישן מאַנדאַט, איראַק איז אַרי־בער צום ענגלישן פּראָטעקטאָראַט און באַקומען אַ קיניג — פייזאַלן, עבר־הירדן איז אָפּגעריסן געוואָרן פון ארץ־ישראל און געבילדעט אַ באַזונדערן געביט מיט עמיל אַבדאַלאַ, פייזאַלס ברודער, בראש. ארץ־ישראל האָט באַקומען איר ספּע־ציעלן פּאָליטיש־יורידישן סטאַטוס. הוסיין, די הויפּט־פיגור פונעם אַראַבישן אויפשטאַנד, איז געוואָרן אַן איבעריקער באַלאַסט — דער מאַוור האָט זיין אַר־בעט אָפּגעטאָן. איבן־סאַאוד האָט באַקומען פרייע הענט און האָט אָקופּירט הע־

דזשאַס; הוסיין איז בכבוד גדול אָפּגעפירט געוואָרן אין גלות — קיין ציפּערן (קפּריסין). ס'איז געווען אַ ביז גאָר גראָטעסקער בריטישער שאַכצוג. צוויי אַראַבישע קאָנקורירנדיקע דינאַסטיעס — די סאַאודס און די הוסיינס — זיינען דערהויבן געוואָרן, און גלייכצייטיק זיינען זיי געשטעלט געוואָרן איינע אונטערן בייטש פון דער צווייטער. אַזוי איז זיך די פּאַן־אַראַבישע פעדעראַציע צעפאַלן נאָך איידער זי איז אויפגעקומען. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט באַזונדערע אַראַבישע מלוכה־פאָרמאַציעס אַרום אַ צענטראַלער אַקס — דעם אימפּעריאַליסטישן בלאָק ענגלאַנד־פראַנקרייך.

4. די נאַציאָנאַל־אַראַבישע באַוועגונג ביים מאַכט־רודער

דער דורכפאַל פון דער פּאַן־אַראַבישער פעדעראַציע איז ניט געווען קיין היסטאָרישע טראַגעדיע אין דעם אַנטוויקלונג־פּראָצעס פון דער אויפגעקומענער אַראַבישער וועלט. אָבער אין תוך גענומען האָט די אַראַבישע באַוועגונג געקענט סומירן די רעזולטאַטן פון דעם דורכגעמאַכטן וועג מיט אַ געפיל פון טיפער באַפרידיקונג: פון קולטור-קרייזלעך צו פּאָליטישער מאַכט, אמת — אינספּעקטירט און קאָנטראָלירט פונעם אימפּעריאַליזם. ערשט איצטער, נאָך דעם גרויסן „שטורעם און דראַנג"־פּעריאָד, איז די נאַציאָנאַלע באַוועגונג אויפגערופן געוואָרן צום גרויסן היסטאָרישן עקזאַמען: באַווייזן, וואָס שטעלט זי מיט זיך פאָר אין סאָציאַלן לעבן, ווי ווייט זי איז פעאיק אָנצופירן מיט אַ מלוכה אין די אינטערעסן פון די ברייטע שיכטן, אויף וויפיל זי איז מסוגל צו רעגולירן די באַציאונגען צווישן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און עטנישע גרופּעס און שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער ממשלה פון אימפּעריאַליסטישן אַפּוטרופּוס.

נאָך 20 יאָר רעלאַטיווער נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט און מאַכט קען מען שוין אונטערפירן אַן אָביעקטיוון סך־הכל און משפטן וועגן דעם סאָציאַלן מהות פון דער היינטיקער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג און אירע דערגרייכונגען. און די רעזולטאַטן זיינען — גאָר ניט געהויבענע. די צעשוואומענע שטריכן פון דעם נאַציאָנאַל־העראָאישן פּעריאָד זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן און עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער קלאַסן־כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, די פעאָדאַל־פּריצישע געשטאַלט פונעם פירנדיקן שיכט. לאָמיר אַריינקוקן אין יעדן פון די לענדער באַזונדער.

סועאודיע און תימן זיינען נאָך ביז איצטער ניט אַרויס פון דער מיטלעלטער־תקופה: שקלאַוון־האַנדל איז נאָך עד־היום אַ סאָציאַלער פונדאַמענט אין העדזשאַס; דאָס געריכטסוועזן איז נאָך ביז איצט געבוים אויף רעליגיעזער יורידיקציע („שעריאַה"). די באַפעלקערונג אין איר הויפּט־מאַסע מאַכט ערשט לאַנגזאַם דורך דעם איבערגאַנג פון נאָמאַדישן שבטים־לעבן צו סטאַבי־

לער פּויערים-ווירטשאַפט אונטערן צענטראַליזירטן קאָנטראָל פון דער מלוכה, וואָס וויקלט איין דעם פּראָצעס אין אַ פּאָליטיש-רעליגיעזן שלייער (די וואַהאַביטישע „אַחואַן"-באַוועגונג, סטימולירט דורך איבן סאַאוד). די פּרווו איז דאָס אייגנטום פונעם מאַן, און „פּאַר געפינען אַ פּגם אין דער אויפפירונג פון אַ מיידל איז דאָ נאָר איין וועג: אַפּרוימען זי פון דער וועלט", ווי עס שרייבט מיט פּשטות דער סוועדישער געזאַנדטער אין ענגלאַנד כאַפּעז וואַהבאַ אין זיין בוך „אַראַביע אין 20-טן יאָרהונדערט". דער לעבנסשטייגער איז פּרימיטיוו, כמעט ווי גאָר אַמאָל: אַפילו גאָפּל, מעסער, לעפל זיינען נאָך ביז היינט לוקסוס-אַרטיקלען. די „ציוויליזאַטאָרישע" ראָלע פונעם אימפּעריאַליזם לעבט זיך איין גאַנץ גוט מיט אָט דער „אָריענטאַלישער עקזאָטיק": בלויז די מיליטער-מאַשין ווערט קענטיק „איירָאָפּעאיזירט" און מאָדערניזירט. אוודאי איז דאָ צו פאַרצייכענען אויך אַנדערע שינויים אין די לענדער, באַזונדערס אין סועאודיע. דער וויכטיקסטער פון זיי איז דער ליקווידאַציע-פּראָצעס פון דער בעדואינישער „מאַכט אויף די ערטער". עס וואַקסט אויס אַ צענטראַליזירטע, דעספּאָטישע מלוכה מיט אַ היפּשן ביוראָקראַטישן שיכט, וואָס קאָסט אָפּ דער באַפעלקערונג זייער טייער. אין די ראַמען פון אָט דעם „פּאַטריאַרכאַלן" סדר זיינען, נאַטירלעך, די סאָציאַלע קעגנזאַצן גאַנץ שטאַרק, אָבער דאָס פעלן פון אַן אַרבעטער-באַוועגונג פּאַראַליזירט די פּערספּעקטיוון פון אָרגאַניזירטע סאָציאַלע קאַמפן. עס איז נאָך דערוויילאַ געשלאָסענע, רואיק-פּאַרגליווערטע מלוכה, וואָס האָט זייער ניט ליב קיין „פרעמדע", ניט-מוסולמענישע עלעמענטן. תימן איז אין דעם פּרט אַ קלאַסישער ביישפּיל פון אומטאָלעראַנץ מיט פעאָדאַלער הפקרות. דער יידישער מיעוט ווערט דאָ גערודפט און דערנידעריקט אויפן אַכזריותדיקסטן אופן, הגם ער לעבט דאָ פון דורי-דורות. דער ציוניזם ווערט דאָ באַטראַכט ווי אַ טאָפּלטער געשפּענסט: ווי אַן אָנגריף אויף די אַראַבער און אַן אַטנטאַט קעגן דעם איסלאַם און זיינע הייליקייטן אין ארץ-ישראל. די באַוועגונג פונעם מופטי אין ארץ-ישראל בויט טאַקע ניט וויניק אויף די לענדער פון אָט דעם אַראַבישן האַלבאינדזל, אָבער דאָס איז אַן אויסגעשפּילטע מערכה: אין דער סיסטעם פונעם אַראַבישן, מערווינציקער פאָרגעשריטענעם לענדער-מאַסיוו איז שוין ניטאָ קיין שום אויסזיכט פאַר אַ העגעמאָניע פון סועאודיע און פאַר איר אויסגעברייטערטער השפּעה.

אַנדערש זעט שוין אויס דאָס בילד אין א י ר א ק, וואָס פאַרמאָגט שוין אַלע אויסערלעכע סימנים פון אַ מאָדערנער מדינה: אַ פּאַרלאַמענט, אַ פאַרצווייגטן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, לויטן איירָאָפּעאישן שטייגער, אַ מיניסטאָרן-קאַבינעט, מיט קאַבינעט-קריזיסן אאַז"וו. איראַק ווייס שוין גוט דעם טעם פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. שוין אין דער ערשטער האָניק-תקופה פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון יאָר 1920, האָט דער ענגלענדער טאָמאַס, אַן עדות פון די געשעענישן, געמוזט קאָנסטאַטירן אין זיין בוך «Alarm and Excursions in Arabia» אַז „דער אויפשטאַנד האָט געטראָגן אַן אַגראַרן כאַראַקטער און ניט נאָר אַ

פּאָליטישן. די סאַמע ליבעראַלע קאָנסטיטוציע וועט ניט ענדערן די לאַגע אויף אַ האָר. די הויפּט־סיבה איז דער קאַמף קעגן די שטייערן". און ער האָט קיין טעות ניט געהאַט. איראַק ווערט ספּאָראַדיש אויפגעטרייסלט פון אַגראַרע בונטן: די מער באַקאַנטע זיינען פאָרגעקומען אין 1923 און אין די יאָרן 1926—1928. די יווירונג הערט ניט אויף די גאַנצע צייט, און ס'איז קיין וואונדער ניט: די נאַציאָנאַל־אַראַבישע פירערשאַפט איז געקומען צו דער מאַכט ווי אַ פּ ר י צ י ם - קלאַס אין אַ לאַנד, וואו „דער גרעסטער טייל באָדן אין די דערפער געהערט איינעם אָדער צוויי גרויסע ערד־אייגנטימער, און די באַפעלקערונג מוז אַרבעטן אויף זיי, ווי אַקערער, שניטער און פּאַסטוכער" (פונעם אָפיציעלן בריטישן דאַאוסאָן־באַריכט «Land Tenure in Iraq»). דער אויפקום פון קאַפּיטאַליזם, אין דער טראַדיציאָנעלער געשטאַלט פון דער פרי־תקופה פון קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג, האָט דעם מצב בלויז פאַרשאַרפט, אַרויסרוקנדיק אין פאָדערגרונט דעם פּ ר אָ צ ע נ ט נ י ק, דעם וו אָ כ ע ר ־ קאַפּיטאַל. דער דערמאָנטער אָפיציעלער באַריכט מוז פעסטשטעלן, אַז „זייער ווייניק פעלאַכן זיינען פריי פון חובות, און די חובות וואַקסן אין אַן אומגעהייערער מאָס". דער פיסקאַלער אַפּאַראַט פון דער רעגירונג דינט די זעלביקע אינטערעסן. איראַק האָט אָבער נאָך אַ שווערע פּראָבלעם — אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזע. איראַק איז ניט מאָנאָליט: די מאַכט ליגט אין די הענט פון די אַראַבער־סוניטן — אַ מינדערהייט פון 600.000 מאַן קעגן 1.300.000 אַראַבער־שיאיטן, וואָס בילדן אַ מין „סודעטן־געביט", מיט אַן אָנשפּאַר אויף א י ר אַ ן (פּערסיע) — אַ מוסולמענישע שיאיטן־מלוכה, מיט אַ שטאַרקער נטיה צו גיין אין די דרכים פון דער נייער טערקיי; אַ קורדישע מינדערהייט פון 500.000 מאַן — אמת, מוסולמענער — פּרעטענדירט אויך אויף מאַכט און האָט לעצטנס, אויף אַ קורצער צייט, דורך אַן אויפשטאַנד אפילו דערגרייכט עס. פון די אַלע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע קאָנפליקטן האָט דער פירנדיקער שיכט פון דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג געלייזט „ראַדיקאַל" נאָר די פּראָבלעם פון די אַשורים — אַ שוואַכע, געדרודפטע מינדערהייט, וואָס האָט זיך פאַרלאָזן אויף בריטישע הבטחות: מען האָט זיי, די אַשורים, פשוט צום טייל אויסגעשאָכטן, צום טייל אַרויסגעטריבן. אויפגעבלאָזענער שאָוויניזם איז דאָ געוואָרן אַ ריכטליניע, כדי איינצוהאַלטן די מאַכט פונעם ק ל אַ ס. די ארץ־ישראל־געשעענישן זיינען געקומען, ווי אַ גוטע געלעגנהייט צו מאַכן „נאַציאָנאַלע, אַלגעמיין־אַראַבישע" פּאָליטיק.

אין אָט דער אַטמאָספער שטייט די שוואַכע און יונגע איראַקישע אַ ר ב ע ט ע ר ־ באַוועגונג, וואָס איז קאָנצענטרירט בעיקר אין די מאָסולער נאַפט־אונטערנעמונגען, פאַר דער ערנסטער סכנה פאַרקריפּלט צו ווערן און ווערן אויסגענוצט פאַר אַ פ אַ ש י ס ט י ש ע ר באַזע. פון דער ביטערער דערפאַרונג ווייסן מיר שוין, וואָס פאַר אַ געפערלעכע כלי־זין עס איז די ס אָ צ י אַ ל ע ד ע מ אַ ג אָ ג י ע פונעם פאַשיזם, בפרט אין אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט נאָך ניט קיין שום טראַדיציעס פון פּראָלעטאַרישן באַפרייונג־קאַמף.

מ צ ר י ם איז אַ ווייטערדיקער שטאַפּל אין דער אַנטוויקלונג פון די אַראַבישע לענדער און פון דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט. אַ לאַנד מיט פאַרוואָרצלטע טראַדיציעס פון קאַמף קעגן פרעמדער אַפּוטראָפּסות, מיט אַ רייכער פאַרגאַנגענהייט פון זייער אַ פּאָפּולערער פּאָליטישער מאַסן־פּאַרטיי — דעם „וואַפד“, געגרינדעט דורך זאַגלול־פּאַשאַ. מצרים איז ניט סתם אַן אַגראַר־לאַנד, נאָר מיט אַ היפּש דורכגעמאַכטן עטאַפּ פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, מיט אַן אינדוסטריע (באַזונדערס בוימוואָל). די סאָציאַלע דיפערענציאַציע איז דאָ אַ סך שטאַרקער, די פּרינציפּן פון בירגערלעכער דעמאָקראַטיע אַ סך סאָלידער, ווי אין די אַנדערע אַראַבישע לענדער. טאַקע דערפאַר איז דער ד ו ר כ פ אַ ל פון דער עגיפּטישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, הן אין איר סאָציאַלן שטח, הן אין איר קאַפּיטולאַציע לגבי דער אימפּעריאַליסטישער אַפּוטראָפּסות, זייער באַלערעוודיק און סימפּטאָמאַטיש פאַר די פירנדיקע כוחות פון דער היינטיקער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג.

פונקט ווי דאָס צאַרישע רוסלאַנד בשעתו, אַזוי פּלאָגט זיך אויך מצרים מיט דער „פאַרשאָלטענער“ אַגראַר־פראַגע. 96,5 פּראָצענט פון דער פעלאַכישער באַפעלקערונג פאַרמאָגן דאָ אין זייער רשות בלויז 46 פּראָצענט פונעם גאַנצן באַאַרבעטן ערד־שטח, בשעת די גוטבאַזיצער, וואָס מאַכן אויס בסך־הכל 3,5 פּראָצענט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג, באַזיצן 54 פּראָצענט פונעם באָדן. אויך אין דעם פעלאַכישן דאָרף גופא איז דאָ אַ טיפע דיפערענציאַציע: 1,5 מיליאָן פויערשע ווירטשאַפטן, וואָס מאַכן אויס 70 פּראָצענט פון אַלע ווירטשאַפטן, פאַרמאָגן בלויז 10 פּראָצ' פונעם באָדן. אַלע פראַוואַן פון די הערשנדיקע פּאַרטייען (שוין אָפּגערעדט פון סידקי־פּאַשאַס פּאַרטיי — דער בריטישער קרעאַטור — און פון מוכאַמעד מאַכמוד פּאַשאַס „ליבעראַל־קאָנסטיטוציאָנעלער פּאַרטיי“, נאָר אויך פון „וואַפד“) צו לעשן דעם פייער אויפן דאָרף האָבן געבראַכט צו פונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן: דער פ ר י צ י ש ע ר קלאַסן־כאַראַקטער פון דער מאַכט, אין אַלע אירע פאַרשיידענע גילגולים, די א י נ ט ע ר ע ס ן פון אָט דעם קלאַס, ענג צענויפגעפלאָכטן מיט די אינטערעסן פון דער אויפגעקומענער בורזשואַזיע, האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף אַלע אַגראַר־פּלענער, פּראָיעקטן און געזעצן. דאָס אייגענע איז אויך חל אויף דער שטייער־סיסטעם. „דער רייכער, וואָס פאַרמאָגט אַ סך ערד, ווערט ווייניקער באַשטייערט, איידער דער אָרעמער פעלאַך, וואָס פאַרדינט 3 פּיאַסטער אַ טאָג“ (זע די « Egyptian Gazette » פון 21־טן מערץ 1933). אַלע די געזעצן האָבן דעם פעלאַך פולשטענדיק פאַרשקלאַפט צום פּראָצענטניק. די בענק קרעדיטירן ניט די פויערים, וואָס פאַרמאָגן קליינע נחלאות. צוליב די טעמים איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די „וואַפד“־פּאַרטיי האָט פאַרשפּיצט די אויפמערקזאַמקייט פון דער ברייטער באַפעלקערונג אויפן פּ אָ ל י ט י ש ן לאָזונג פון נאַציאָנאַלער סוּווערעניטעט אין קאַמף קעגן ענגלאַנד — אַ לאָזונג, וואָס איז געוואָרן באַזונדערס פּאָפּולער, ווען מען האָט דערבײַ אין זינען, אַז דער שטייער־

פרעס, וואָס פּאַמפּעט אַרויס פונעם פעלאַך ביז 25 פּראָצ׳ פון זיינע הכנסות, אַר־בעט אין אַ גרויסער מאָס פאַר צאָלן די מלוכה־חובות דעם אימפּעריאַליסטישן „בעל־טובה". פאַר דעם „וואַפד" איז דער קאַמף קעגן ענגלאַנד אין אַ גאַר באַ־דייטיקער מאָס געוואָרן אַן אינסטרומענט פאַר איינהאַלטן די מאַכט און השפּעה און אַ בליץ־אַפּלייטער אָפּצוּוואַנדן די פאַרביטערונג קעגן זיך און די פעאָדאַל־בירגערלעכע שיכטן.

די אַרבעטער־באַוועגונג אין מצרים איז פון אָנהייב אָן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם פראָנט פון „נאַציאָנאַלן" קאַמף, נאָך איידער זי האָט באַוויזן צו שטעלן זיך אויף די פיס ווי אַן אָרגאַניזירטער, זעלבשטענדיקער כוח. מיט דעם דער־קלערט זיך איר שוואַכקייט און אָפּהענגיקייט אַפילו אויפן ריין פּראָפעסיאָנעלן געביט. דער פאַרבונד מיטן „נאַציאָנאַלן, אַנטי־אימפּעריאַליסטישן" פראָנט פונעם „וואַפד" האָט פּאַראַליזירט יעדע מעגלעכקייט, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל אויפטרעטן זעלבשטענדיק אין שוץ פון אירע עלעמענטאַרע אינטערעסן.

אַ פּאָר טרוקענע ציפערן וועגן דעם אַרבעט־לוין אין מצרים אין פאַרגלייך מיט ארץ־ישראל (אינעם אַראַבישן סעקטאָר) שפּיגלען אָפּ דעם פּראָפעסיאָנעלן מצב פון דער עגיפּטישער אַרבעטערשאַפט. אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אַראַבישער אַרבעטער פאַרדינט דורכשניטלעך אין ארץ־ישראל 8—15 פּיאַסטער אַ טאָג, אין מצרים — 2—5; אַ פּשוטער אַרבעטער אין דער אינדוסטריע: אין ארץ־ישראל — 10—25 פּיאַסטער, אין מצרים — 6—15; אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער: אין ארץ־ישראל — 20—60, אין מצרים — 12—50 פּיאַסטער. נאָך עד־היום פאַרמאָגט ניט מצרים קיין עלעמענטאַרע אַרבעט־געזעצגעבונג.

געוויס איז מצרים אַ גרויסער טריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע אַראַבישע לענדער. פונעם פּרימיטיוון סעאודיע און פון איראַק, וואו פּויערשאַפט רייסט זיך אַמאָל אַרויס פון געשפּאַן און אַרבעטערשאַפט איז נאָך אין אַן עמ־בריאָנאַלן צושטאַנד, ביז מצרים, וואו די אַגראַר־פראַגע שטייט שוין אויפן סדר־היום און די אַרבעטערשאַפט ווערט שוין גענומען אין חשבון, כאָטשבי ווי אַ פּאַסיווער מאַטעריאַל פאַרן נאַציאָנאַלן בנין, — איז אַ גאַר היפּשער מהלך. אָבער ביי דעם גאַנצן אונטערשייד איז דאָ אַ „געמיינזאַמער היסטאָרישער צייכער": דער פ ע אָ ד אַ ל - פּ ר י צ י ש ע ר כאַראַקטער פון דעם פירנדיקן שיכט אין דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט.

ס י ר י ע איז ניט קיין יוצא מן הכלל, נאָר, פאַרקערט, אַ ווייטערדיקע באַ־שטעטיקונג פון דעם כלל, הגם די אַנטוויקלונג פון סיריע איז אָנגעגאַנגען גאַנץ אַנדערש — אונטער דעם פ ר אַ נ צ ו י ז י ש ן פּראָטעקטאָראַט. אויף דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג אין סיריע איז אויסגעפאַלן דער סאַמע טראַגי־שער גורל. זי האָט געדאַרפט לייזן אַ דרייענדיקע פּראָבלעם: א) ליקווידירן דעם נאַציאָנאַלן, רעליגיעזן און פּראָווינציעלן סעפּאַראַטיזם אין די ראַמען פון איין מלוכה־קערפּערשאַפט, ב) אַריבערפירן די ווירטשאַפט פון פעאָדאַליזם צו קאַפּי־טאַליזם, ג) אויסמיידן די סכנה פון אָפענער פראַנצויזישער אָקופּאַציע־הערשאַפט.

דער סירישער פליגל פון דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג האָט אָבער באַוויזן, אַז ער איז לחלוטין אומפּעאיק צו לייזן אָט די היסטאָרישע אויפגאַבן. דער פראַנצויזישער אימפּעריאַליזם האָט פון אָנהייב אָן געבויט זיין פּאָליטיק אין סיריע אויף דעם ס ע פּ אַ ר אַ ט י ז ם פון די פאַרשיידענע געביטן. נאָך אין יאָר 1920 איז די סירישע מאַנדאַט־טעריטאָריע איינגעטיילט געוואָרן אין 5 אויטאָנאָמע געביטן: גרויס־לבנון, דמשק, אַלעפּאָ, עלואים־לאַנד און עמיראַט חורן (דרוזן־לאַנד). די סירישע צענטראַלע מאַכט האָט זיך די גאַנצע צייט געשטעלט קעגן אָט דער „צעטייל און הערש"־פּאָליטיק, אָבער — דורך א ז א פּאָליטישן קורס, וואָס האָט נאָר געשטאַרקט דעם אימפּעריאַליזם און געהאָלפן צו פאַרטיפן די סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן. געשטראָפט מיט קורצזיכטיקייט, האָט די סירישע מאַכט געלאָזט אין פולן גאַנג דעם נאַציאָנאַלן דרוק אויף די פאַרשיידענע מינדערהייטן אין לאַנד און איז האָפענונגסלאָז דורכגעפאַלן. די מאַראָניטן אין לבנון האָבן זיך אַלץ מער איזאָלירט; דאָס דרוזן־לאַנד האַלט בסדר אין רעוואָלטירן און פילט זיך און פירט זיך פריי פון דמשק; אַלעקסאַנדרעטע איז שוין איצט אָפּגעגעבן צו טערקיי; דער עלואים־געביט האַלט זיך אָפּגעשלאָסן; אין געביט פון אַל־דזשעזאַרע טרייבט מען די סירישע אַדמיניסטראַציע. גאַנץ סיריע איז צעריסן אויף פּראָווינצן, וואָס פאָדערן „זעלבשטענדיקייט". דער פראַנצויזישער „פּראָטעקטאָר" האָט געמוזט שניידן, וואָס עם האָט מיט זיין הילף פאַרזייט דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער שאָוויניזם. און ערשט דעמאָלט איז געקומען דער סיורפּריז: סיריע איז דערקלערט געוואָרן פאַר א „פרייער" מדינה, מיט רעכט אינעם פעלקער־בונד; און די סירישע צענטראַלע מאַכט האָט דערפאַר באַצאָלט מיט מסכים זיין אויף דער פראַנצויזישער פּאָליטיק און פראַנצויזישע אינטערעסן אין לאַנד, פּאַקטיש — סאַנקציאָנירט איר פולע אָפּהענגיקייט פון פראַנקרייך. דער עקסטרעמער פליגל פון דער נאַציאָנאַלער סירישער באַוועגונג, די אָפּאָזיציע פון דעם אַזוי גערופענעם „נאַציאָנאַלן בלאָק", וואָס זיין הויפּט־פּראָגראַם איז: „א פעסטע האַנט קעגן די מינדערהייטן" און א בענקשאַפט נאָך א טאָטאַליטאַרן מלוכה־מוסטער, האָט נאָך דעם פאַרשטאַרקט דעם אָנגריף אויף דער רעגירונג און צעריסן דעם פירנדיקן שיכט אויף קעמפנדיקע צדדים. סיריע גייט ניט אַרויס פון פערמאַנענטע אומרוען. אויפשטאַנדן, קעגנזייטיקע אינטריגעס, אַפּעלאַציעס צום אימפּעריאַליסטישן בורר דיסקרעדיטירן אַלץ טיפער און שאַרפער די הערשנדיקע שיכטן און דעמאַנסטרירן די פּאָליטישע אימפּאָטענץ פון דער דאָרטיקער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג.

נאָך בולטער קומט עס צום אויסדרוק אויפן סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן געביט. דער איבערגאַנג פון פעאָדאַליזם צו קאַפּיטאַליזם אין סיריע שטעלט מיט זיך פאָר א ביז גאָר קרענקלעכן פּראָצעס, אויף וויפיל עס האַנדלט זיך וועגן די אינטערעסן פון דער מ אַ ס ן ־ באַפעלקערונג: פויערים און אַרבעטער. בלויז 50 פּראָצ' פונעם פּאַסיקן באָדן ווערט דאָ באַאַרבעט. די לאַנדווירטשאַפט ווערט געפירט אַזוי פאַרשוועדעריש־עקסטענסיוו און פּרימיטיוו, מיט קליינע אויס־

נאמען, ווי אין די אמאליקע צייטן, אזוי אז פון סיריע גייט שטענדיק אן אויס־וואנדערונג־שטראם קיין ארץ־ישראל. ניט געקוקט אויף דער אינטענסיווער ארבעט פונעם שטייער־פרעס, ווערט דער איבערגאנג פון פעאדאלער ווירטשאפט צו א קאפיטאליסטישער באגלייט מיט א פארקלענערונג פון די רעגירונג־הכנסות — א באוויז, ווי ווייט עס וואקסט די פויפעריזאציע פון דער באפעלקערונג, פון איין זייט, און די ירידה פון דער פראדוקטיווקייט, פון דער צווייטער. אט איז א פארגלייך אין דער פראדוקטיווקייט צווישן די יארן 1929—1930 און 1934—1935 אין ארץ־ישראל און סיריע. ווען מ'נעמט אן דעם אינדעקס פונעם ערשטן פעריאד פאר 100, באקומען מיר אן אינדעקס פארן צווייטן פעריאד: אין א"י — 234,7, אין סיריע — 82,3. דאס אייגענע בילד ווייזט אויך דער האנדל מיט אויסלאנד (אימפארט און עקספארט): אויף יעדן איינוואוינער פאלט אויס אין א"י —18,5 פונט, אין סיריע — 3.350 פונט (א"י־דיקע). די אינטענסיפיקאציע פון דער לאנדווירטשאפט שפיגלט זיך אפ געוויינטלעך גאנץ קלאר אין דעם אימפארט פון לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס. נעמט מען אן דעם אינדעקס פאר ארץ־ישראל פאר 100, באקומט זיך פאר סיריע אן אינדעקס פון 47. אן ענלעכע פראפארץ זעען מיר אויך ביים אימפארט פון אינדוסטריע־מאשינעס: א"י — 100, סיריע — 79.

דאס אייגענע בילד ווייזן אויך די ציפערן פונעם ארבעט־לוין (אין פיאסטער):

אין דער לאנדווירטשאפט:	ארץ־ישראל — 80—150,	אין סיריע —	40—100
אין דער אינדוסטריע:	" — 100—250,	" " —	100—150
קוואליפיצירטע ארבעטער:	" — 200—600,	" " —	180—350

דאס אלץ באטייט לחלוטין ניט, אז סיריע שטייט ווירטשאפטלעך אויף איין ארט. פארקערט, זי מאכט דורך א גאנץ אינטענסיווע אנטוויקלונג: די אינדוסטריע וואקסט מיט א שנעלן טעמפ; ארטיקע און אויסלענדישע, בעיקר פראנצויזישע קאפיטאלן ווערן אינוועסטירט גאנץ קענטיק. דאס איז אבער א קאלאניאלער קאפיטאליזם, וואס ברענגט אמת גרויסע דיווידענדן פאר די ארבעטגעבער, אבער נאר א הונגער־קיום פאר די ארבעטער און א פערמאנענטע ארבעטלאזיקייט (אין דורכשניט — 90 טויזנט, לויט די אפיציעלע ציפערן). די נאציאנאל־אראבישע באוועגונג אין סיריע, אנגעפירט פונעם פעאדאל־בירגערלעכן שיכט, קומט אלץ מער און מער אין א שארפער סתירה מיט די סאציאלע און נאציאנאלע אינטערעסן פון דער באפעלקערונג.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס דער ציוניזם, מיט זיין שארפער סאציאלער דינאמיק, מיט זיין קאפיטאליסטישער עקספאנסיע און ברייט פונאנדערגעוויקלטער, ארגאניזירטער ארבעטער־באוועגונג, הענגט תמיד, ווי א געשפענסט, איבער די הערשנדיקע קרייזן פון דער נאציאנאלער באוועגונג אין סיריע, וואס איז אזוי ענג געבונדן מיט ארץ־ישראל ווירטשאפטלעך און מיט איר אראבישן ישוב פאליטיש, סאציאל און קולטורעל. דעריבער איז סיריע טאקע

געוואָרן די „סטראַטעגישע באַזע" פון דער טעראָר־באַוועגונג אין ארץ־ישראל: דאָ זיצט דער גענעראַל-שטאַב פון די כנופיות, דאָ פאַרמירן זיך די קאַדרען און דאָ זיצט אויך... די אַראַבישע טעראָריזירטע עמיגראַציע.

5. די נאַציאָנאַל־אַראַבישע באַוועגונג אין ארץ־ישראל

די אַראַבישע באַוועגונג אין ארץ־ישראל איז ענג געבונדן מיט דער גאַנצער אויפגעקומענער אַראַבישער וועלט און גלייכצייטיק אויסגעטיילט פון איר. אַ דאַנק אַ ריי ספּעציפישע מאָמענטן, דערשיינט היינט־צו־טאָג די פּאַלעסטינער נאַציאָנאַל־אַראַבישע באַוועגונג, ווי אַ צענטראַלער אָביעקט, וואָס ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער ברייטער אינטערנאַציאָנאַלער און יידישער עפנטלעכקייט. אין ארץ־ישראל האָט זיך פאַרוויקלט אַ נייער היסטאָרישער קנופּ — דער יידיש־אַראַבישער פּלאָנטער.

אין דער אַראַבישער וועלט האָט זיך באַוויזן אַ נייער פאַקטאָר: דער ציוניזם, דאָס יידישע אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל. דער יידן־מאָמענט איז געוואָרן די צענטראַלע אַקס, ארום וועלכער עס דרייט זיך דער פּאַלעסטינער אָפּצווייג פון דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער באַוועגונג — אידעאָלאָגיש, פּאָליטיש, סאָציאַל און עקאָנאָמיש. אויבן־אויף, באַזונדערס אין דעם ערשטן, „הייסן" פּעריאָד פון די בלוטיקע געשעענישן, האָט זיך געדוכט, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ מאָנאָליטע, איינהייטלעכע באַוועגונג, מיט איין פּראָגראַם, איין ציל און איין וועג, על כל פנים אין דער באַציאונג צום ציוניזם. ווייזט זיך אָבער ארויס, אַז אַפילו מיטן כוח פון טעראָר און בלוט איז אוממעגלעך צו שאַפן אַ „נאַציאָנאַלע האַרמאָניע". די אַראַבישע פּאַרטייען אין ארץ־ישראל זיינען נ י ט פאַרשוואונדן, די גרענעץ־ליניע צווישן זיי איז ניט אָפּגעווישט געוואָרן.

ווער זיינען עס די פּאַרטייען? דעם ערשטן פּלאַץ אין השפּעה און וואָג פאַרנעמט די „פּאַלעסטינישע אַראַבישע פּאַרטיי" („אַל־כיזעב־אַל־ערבי־אַל־פלשתיני") — די פּאַרטיי פונעם מופטי און דזשעמאַל אַל הוסייני. איר באַזע זיינען די גרויסע פעאָדאַלע משפחות און די אָרטאָדאָקסאַלע מוסולמענישע קרייזן, וואָס גרופּירן זיך ארום דעם „אויבערשטן מוסולמענישן ראַט". די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע פון אָט דער פּאַרטיי איז: אַ זעלבשטענדיקע פּאַלעסטינע, איבער וועלכע קיין שום בעלי־בתים, וואָס הערשן אין די אַנדערע אַראַבישע לענדער, זאָלן קיין דעה ניט האָבן. די פּאַרטיי פירט ארויס אויף דער סצענע דעם אַלטן פּאַן-איסלאַמיזם, דעם סוראָגאַט פון פּאַן־אַראַבישער אחדות — אַ גענוג ווירקנדיקער לאָזונג אויף צו וועקן די סימפּאַטיעס צום אַראַבישן קאַמף אין ארץ־ישראל און אַפּעלירן אויך צו דער מוסולמענישער קעשענע, און דערביי אַ גענוג אומשעדלעכער פּאָליטיש, כדי אויסצומיידן די סכנה פון אַראַבישע קאָנקורענטן אויף דער מאַכט אין ארץ־ישראל. צוליב דעם טעם באַציט

זיך די פּאַלעסטינישע אַראַבישע פּאַרטיי נעגאַטיוו צו דער אידעע פון אַן אַראַבי־שער פ ע ד ע ר אַ צ י ע, וואָס וואָלט געווען אַ סכנה פאַר דער העגעמאָניע פונעם מופטי אין ארץ־ישראל.

פונקט אַזוי איז די דאָזיקע פּאַרטיי קאַטעגאָריש קעגן אַלע פּלענער פון אַ לעגיסלאַטיוון ראַט אין ארץ־ישראל — אַ מין פּאַרלאַמענט, אין דער סאַמע באַ־שיידענער און אַנטי־דעמאָקראַטישער פאָרם — וואָס ענגלאַנד האָט פּאָרגעשלאָגן (הויכער וואַל־צענזוס, שטימרעכט נאָר פאַר ארץ־ישראל-בירגער, פרוּיען אויס־געשלאָסן, נאַציאָנאַלע קוריעס, אַ טייל מיטגלידער באַשטימטע פון אויבן וכדומה). יעדע, אַפילו פאַרקריפּלטע זעלבסטפאַרוואַלטונג קען אַרונטעררייסן די אַליין־הערשאַפט פונעם מוסולמענישן ראַט, וואו דער מופטי און זיין קרעאַטור־פּאַרטיי זיינען די איינציקע בעלי־בתים.

איר טיפע קעגנערשאַפט און אַנטיפּאַטיע צום ציוניזם האָט אָט די ריכ־טונג אויסגעדריקט קלאָר און דייטלעך, נאָך אין יאָר 1920, אין אַ ריי קורצע און אומצווייידייטיקע פּסוקים. אָט זיינען אירע דריי וויכטיקסטע עיקרים, ווי עס גיט זיי איבער די אויספאָרשונג־קאָמיסיע וועגן די בלוטיקע געשעענישן אין יאָר 1921: א) „די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וויל פאַרפלייצן פּאַלעסטינע מיט מענטשן, וואָס פאַרמאָגן מער קאָמערציעלע און אָרגאַניזאַטאָרישע ד ע ר פ אַ ־ ר ו נ ג, איידער די אַראַבער, און וויל דערמיט פאַרכאַפּן די מאַכט איבער דער גאַנצער באַפעלקערונג“; ב) „די יידישע עמיגראַנטן באַליידיקן מיט זייער אויפפירונג דעם אַראַבישן געזעלשאַפטלעכן לעבנסשטייגער“; ג) „אַ דאַנק די שוואַכע פאַרהיט־מיטלען ווערן אַריינגעלאָזן אין לאַנד עמיגראַנטן מיט ב אָ ל ־ ש ע וו י ס ט י ש ע נטיות, וואָס פירן איין אין לאַנד קלאַסן־האַס (social strife), עקאָנאָמישע אומסטאַבילקייט און פאַרשפּרייטן באָלשעוויסטישע אידעען“...

עס איז קלאָר: דער ציוניזם ווערט באַקעמפט ניט בלויז ווי אַ נאַציאָנאַלער קעגנער, נאָר אויך ווי אַ ס אָ צ י אַ ל ע ר שונא.

במשך דער צייט האָט די ברכה פון עליה און יידישער קאָלאָניזאַציע ממש פאַרשאָטן מיט גאָלד דעם אַראַבישן פעאָדאַלן קלאַס. אָבער די שנאה צום ציוניזם איז נאָר גרעסער און טיפער געוואָרן: דער פעאָדאַל איז געוואָרן אַ ראַנטיע, אַ ווירטשאַפטלעכער פּאַראַזיט, וואָס איז דורך זיין באָדן־פאַרקויף אויס־געטיילט געוואָרן פון דעם עקאָנאָמישן קרייז.*) האָט פאַרלוירן די אומבאַגרע־נעצטע שליטה איבערן פעלאַך און דערפילט די ביז גאָר אַקטועלע סכנה פון אַן אויפקומענדיקער אַראַבישער אַרבעטער־באַוועגונג, אונטער דער השפּעה פון דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט. די וועגן פון ציוניזם און פון דעם אַראַ־בישן פעאָדאַלן שיכט האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר דיאַמעטראַל־היפּוכדיקע.

וואָס פעסטער און זיכערער עס איז געוואָרן דער ציוניסטישער „עקספּערי־

---

*) לויט דער רעגירונגס-ציילונג פון דער באַפעלקערונג אין 1931 איז די צאָל ראַנטיעס, וואָס לעבן פון לאַנדווירטשאַפטלעכער רענטע, געווען: ביי די אַראַבער — 5301, ביי יידן — 10...

מענט", אַלץ מער פֿאַרביטערט און עקשנותדיק איז געוואָרן דער קאַמף קעגן אים
מצד אָט דער פּאַרטיי, וואָס האָט געפֿילט, אַז אירע פּאָזיציעס גייען פֿאַרלוירן,
אַז דער באָדן ברענט ממש אונטער די פֿיס. עס זײַנען אָנגעקומען די „לעצטע
טערמינען", און פֿונעם פּאַרטיי־אַרסענאַל זײַנען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן די לעצ־
טע, פֿאַרצווייפֿלטע כלי־זין: בלוטיקער טעראָר, חרם אויף ייִדן, גוואַלד קעגן אַראַ־
בער „קאַפּיטולאַנטן און בוגדים" — אַ ברייט פֿונאַנדערגעוויקלטער קאַמפּס־
פֿראָנט, וואָס דויערט שוין איבער דרײַ יאָר.

דער כוח פֿון דער אַראַבישער באַוועגונג ליגט אָבער ניט נאָר אין איר גופֿא,
ניט בלויז אין אירע שטורעמדיקע אָנשטרענגונגען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל צו
מאַכן אַ סוף צום ציוניזם, נאָר אין אַ גאָר גרויסער מאָס ווערט איר „פּאַטאָס
פֿון יאוש" געשפּייזט און געקרעפֿטיקט דורך דער פּאָזיציע פֿון דעם בריטישן אימ־
פּעריאַליזם. סיסטעמאַטיש, מעטאָדיש און אויסגערעכנט האָט די בריטישע מאַכט
געפֿילעוועט און געכאָוועט די אַראַבישע באַוועגונג, געהויבן איר אויטאָריטעט און
אָפּגערוימט פֿון איר וועג די קעגנער אויף דער אַראַבישער גאַס. דאָס מיליטער
האָט געשלאָגן די כנופֿיות — און די פּאָליטישע רעזשיסור האָט זיי געעפֿנט
דעם ברייטסטן פּאָליטישן קרעדיט ביז צו דעם לעצטן אַקט פֿון די פֿאַרהאַנ־
דלונגען אין לאָנדאָן און דער פּראָקלאַמירונג פֿונעם „ווײַסן בוך". דער בשותּפֿות־
דיקער אינטערעס פֿון דעם אימפּעריאַליזם און דער מופֿטי־באַוועגונג „אַרונ־
טערצושנײַדן די פֿליגלען" דעם ייִדישן אויפֿבוי אין ארץ־ישׂראל און האַלטן בײַ
דער מאַכט די סאָציאַלע רעאַקציע אין לאַנד וואָלט, בלי ספֿק, דערפֿירט געוואָרן
צו אַ שלום־אָפּמאַך, ווען ניט דער אבן־נגף, דער שטרויכל־שטיין פֿון דעם פּלאַן
וועגן אַן אַ ר אַ ב י ש ע ר פֿ ע ד ע ר אַ צ י ע. ענגלאַנד האָט לחלוטין ניט
בדעה אַרויסצולאָזן פֿון האַנט אָט די קאָרט אין אירע ווײַטע סטראַטעגישע חשבונות,
הן קעגן דער איטאַליענישער און דײַטשער עקספּאַנסיע אויפֿן נאָענטן מזרח, הן
ווי אַ „שטיין אין בוזים" קעגן דעם „בעסטן פֿרײַנד" — פֿראַנקרײַך און הן
אינעם זיגזאַגן־שפּיל מיט די אַראַבישע לענדער גופֿא. אָבער דווקא די פֿאָדערונג
פֿון אַ ב אַ ל ד י ק ע ר ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ק ײ ט פֿון פּאַלעסטינע איז פֿאַר
דעם מופֿטי ממש אַ לעבנס־פֿראַגע, אַ פֿראַגע פֿון "זײַן אָדער ניט זײַן". יעדע אָפּ־
שטופּעניש לאָזט אים הענגען אין דער לופֿטן און טרײַבט אים מיט גוואַלד צו
שאַרפֿער אָפּאָזיציע קעגן דער בריטישער פּאָליטיק.

אין אָט דער סיטואַציע וואַקסן אַלץ מער די שאַנסן פֿון דער צווייטער, לויט
איר חשיבֿות, אַראַבישער פּאַרטיי — דער נאַשאַשיבי־פּאַרטיי, אָדער, ווי זי
האָט זיך ניט לאַנג אַ נאָמען געגעבן, די „פּאַרטיי פֿון נאַציאָנאַלער פֿאַרטיידי־
קונג" („כיזעב־אַ־דיפֿעאַ־אַל־וואַטאַני"). קאָמפּלעקטירט פֿון גרויסע גוטבאַזיצער,
שטאָטישער בורזשואַזיע און הויכגעשטעלטע באַאַמטע, געמישט פֿון מוסולמענער
און קריסטן, זוכט די דאָזיקע פּאַרטיי פֿון תּמיד אָן דעם וועג פֿון „רעאַלער פּאָלי־
טיק", פֿון אַרײַנפּאַסן זיך אין אַלע מעגלעכע אומשטאַנדן. דער ווירטשאַפֿטלע־
כער אויפֿשטײַג פֿון ארץ־ישׂראל, וואָס רייצט מיט אַזוי פֿיל מעגלעכקייטן, צווינגט

זי צו זוכן א פשרה מיטן ציוניזם. אָרדענונג און רו און א פאַרשטענדיקונג מיט דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס האָט איר ניט איינמאָל אַרויסגעהאָלפן אין קאַמף קעגן דעם מופטי און מיט וועלכער זי איז תמיד געווען שטאַרק אויסגעבונדן גע־שעפטלעך — דאָס איז די אינעווייניקסטע פּראָגראַם פון אָט דער פּאַרטיי. אין הסכם מיט אָט דער ליניע בויט זי אויך איר אויסערלעכע אָריענטאַ־ציע: בונד מיט ענגלאַנד און גרייטקייט אויסצובוייטערן די ראַמען פון פּאַ־לעסטינע דורך צוריק אויפשטעלן די פּאָליטישע איינהייט מיטן עבר־הירדן. די פּראָגראַם עפנט פאַר איר א רייַ פּערספּעקטיוון: פאַרשטאַרקן דעם אַראַבישן עלעמענט קעגן דער „יידישער סכנה", שלאָגן דעם מופטי מיט דעם כוח פון עמיר אַבדאַלאַ — דער בריטישער קרעאַטור אין עבר־הירדן, אויסברייטערן דאָס ווירט־שאַפטלעכע פעלד און דורכשלאָגן פאַר זיך א וועג צום אַדמיניסטראַטיוון מלוכה־אַפּאַראַט. די נאַשאַשיבי־פּאַרטיי נעמט אָן דעם „ווייסן בוך" פאַר א באַזיס, אָנ־דייטנדיק דערביי גאַנץ קלאָר, אַז צוזאַמען מיט דעם יידישן פּאַרטנער איז זי פּאַראינטערעסירט צו ברעכן דעם פאַרבאָט פון באָדן־קניות. דער גרויל־טעראָר פון די מופטי־כנופיות, וואָס האָט אָנגעמאַכט א חורבן אין אירע רייען, האָט סוף־כל־סוף געצוואונגען די נאַשאַשיבי־פּאַרטיי אויפצונעמען דעם קאַמף מיט דעם מופטי, אָן קיין שום באַוואָרעניש, און שטעלן זיך אין דינסט פון ענגלאַנד.

די געשעענישן האָבן דערוויילט אָפּגעווישט פון דער פּאָליטישער אויבער־פלאַך די אומבאַדייטיקע קאָניונקטור־פּאַרטייען, ווי די „רעפאָרם־פּאַרטיי" פון כאַלדי, אָן אָפּגעשפּאָלטענעם נאַשאַשיבי־צווייג, וואָס האָט געפּרואווט קאָקע־טירן מיטן מופטי און איז פּאַקטיש איינגעשלונגען געוואָרן פון זיין פּאַרטיי. דאָס זעלביקע האָט פּאַסירט מיט דער פּאַרטיי פון „נאַציאָנאַלן בלאָק" פון שכם — א נאָכמאַכונג פון סירישע פּאָליטישע פאָרמאַציעס, כמעט א פּריוואַט־אייגנטום פון עבד־אַ־לאַטיף־אַ־פּאַלאַך. די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, וואָס אין איר יסוד ליגט א קאַריערעסטישער עקספּערימענט פון איר „פירער", איז א „כל־בו" פון פּאַן־אַראַבישקייט און לאָקאַלער פּאַטריאָטישקייט, א קאָמבינאַציע פון זיצן בסדר אויף צוויי שטולן, אַמאָל מיט דער רעגירונג, אַמאָל אָן איר; דאָס האָט באַשטימט איר גיכן סוף, און אירע רעשטלעך וואָלגערן זיך איבער די גרויסע פּאַרטייען.

א באַזונדער פּלאַץ פאַרנעמט די „א י ס ט י ק ל א ל"־פּאַרטיי (די פּאַר־טיי פון אומאָפּהענגיקייט), וואָס ווערט רעפּרעזענטירט דורך עאוני־אַבדול־האַדי. ס'איז אפשר די איינציקע פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, וואָס קען פּרעטענדירן אויף געוויסער פּרינציפּיעלער אויסגעהאַלטנקייט. איר ציל איז אַן אַראַבישע לענדער־פעדעראַציע, און דעם עיקר־שונא זעט זי דעריבער אין ע נ ג ל א נ ד, אין דעם בריטישן אימפּעריאַליזם. זיין טראַדיציאָנעלע פּאָליטיק פון צופּיצלען די אַראַבישע לענדער אויף באַזונדערע וואַסאַלע מלוכות און אויסשפּילן זיי איינע קעגן דער אַנדערער באַטראַכט די „איסטיקלאַל"־פּאַרטיי, ווי די גרעסטע סכנה פאַר דער נאַציאָנאַלער אַראַבישער אויפלעבונג. דער קאַמף קעגן ענגלאַנד פּאָ־דערט, לויט דער מיינונג פון „איסטיקלאַל", א פעסטע קאָנסאָלידאַציע פון די

כוחות און פון אַ שטאַרק פּאַרשפּיצטן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.ביידע מאָמענטן האָבן באַשטימט אויך דעם סאָציאַלן כאַראַקטער און באַשטאַנד פון דער פּאַרטיי: די מיטעלע גרופּן פון דער בורזשואַזיע, די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, די שטודיר־יוגנט און דינע שיכטן פון פּעלאַכן און אַרבעטער — אַלץ עלעמענטן, וואָס האָבן ווייניק וואָס צו פּאַרלירן אין קאַמף, אַ מענטשן־מאַטעריאַל אָן מיושבדיקע חשבונות פון עקאָנאָמישן „דעבעט און קרעדיט", און דעריבער מיט אַ נטיה צו „אַקטיוויזם". די „איסטיקלאַל"־פּאַרטיי מאַכט דורך אין דעם פּרט דעם וועג פונעם יידישן רעוויזיאָניזם. דער נאַציאָנאַליסטישער פּאַטאָס, געווענדט מיטן שפּיץ אויך קעגן די פּאַרמעגלעכע, בכבודיקע און הערשנדיקע קרייזן פון נאַציאָנאַלע פּשרה־מאַכער, געפינט אַן אָנשפּאַר אין דער ס אָ צ י אַ ל ע ר ד ע מ אַ ג אָ ג י ע אויף אַ היסטעריש־שאָוויניסטישן אונטערשלאַק. אַזוי ווערט דער פּ אַ ש י ז ם די פּראַקטישע אידעאָלאָגיע פון אָט דער פּאַרטיי, און דער קאַמף קעגן ענגלאַנד פּאָרט זיך צונויף מיטן קאַמף קעגן די יידן, קעגן ציוניזם, וואָס טראָגט מיט זיך כל־המינים „סכנות" — נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע. דערווייל איז נאָך די השפּעה פון דער פּאַרטיי מער אַן אידעאָלאָגישע, איידער אַן אָרגאַניזאַטאָרישע: טראַדיציע, הכנעה און דרך־ארץ פאַר די „נאָטאַבלען" איז נאָך גאַנץ שטאַרק אין ארץ־ישראל, ווי בכלל אינעם נאָענטן מזרח. די „איסטיקלאַל"־לייט זעען נאָך דערווייל דעם שווערפּונקט אין דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט צווישן די אַלטע פּאַרטייען, זיי זיינען אַפילו געווען גרייט צו שטעלן זיך אין נאָענטע באַציאונגען מיט דער „פּ.ק.פּ." — דער היגער סעקציע פון קאָמאינטערן, און יענע זיינען געווען מוכן ומזומן צו שטיצן דעם „איסטיקלאַל" אין זיין קאַמף קעגן ציוניזם און ענגלאַנד... און דאָך קען מען נאָך ניט אונטערפירן קיין ענדגילטיקן סך־הכל פונעם אַנטוויקלונג־וועג פון „איסטיקלאַל". ער קען נאָך פּונקט אַזוי ווערן אַן אַגענטור פון ענגלאַנד אין אירע אייגענע פּאַן־אַראַבישע אַספּיראַציעס, ווי אַ בלית־ברירה־פּאַרטנער פון די יידן אין קאַמף קעגן די בריטישע פּלענער, וואָס האָבן דעם ציל צו ברעכן דעם נאַציאָנאַלן אויפקום פון ביידע פעלקער.

אַזוי זעען אויס די פּאָליטישע רייסערייען און סאָציאַלע סתירות ביי דעם אַראַבישן ישוב. די דאָזיקע סתירות זיינען צו שאַרף און צו אָנגעשטרענגט, אַז מען זאָל זיי קענען איינשטילן נאָר מיט סאָציאַלער דעמאַגאָגיע אויף אַ לאַנגער צייט. פּאַראַליזירן דעם פּראָצעס פון פּאַשיזאַציע פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג וואָלט נאָך געקענט דער קלאַסן־קאַמף, אויב ער זאָל באַגלייט ווערן פון אַ ניט פּאַלסיפיצירטן נאַציאָנאַלן באַפרייונג־קאַמף.

די פראַגע פון דעם יי ד י ש ן י ש ו ב אין ארץ־ישראל, דער ציוניזם און די פאָרמען פון אַראַביש־יידישע באַציאונגען, דער מצב פון ארץ־ישראל, וואָס שטייט שוין דריי יאָר אין פלאַמען, דער קאַפּיטל טעראָר און „ווייסבוך" — דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך, וואָס מוז באַזונדער און אויספירלעך באַהאַנדלט ווערן.

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי / ניו־יאָרק

וואָס איז יידיש־וועלטלעכע קולטור ?

(פון אַ יידישיסטיש־סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט).

די יידיש־וועלטלעכע קולטור וועלן מיר דאָ נעמען אין איר מאָדערנער געשטאַלט, אין איר שפּראַך־פאָרם פון י י ד י ש. זי איז ניט די ערשטע אויסגעשטאַלטונג פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור בכלל. אין דער גאָר אַלטער צייט איז כמעט דאָס גאַנצע קולטור־לעבן פון די בני־ישראל געווען וועלטלעך, אויך די ליטעראַרישע שאַפונג. ערשט מיט דעם אויפקום פון די אַזוי גערופענע הייליקע ביכער, וואָס זיינען פול און פול מיט ריין־וועלטלעכע עפּיזאָדן און באַטראַכטונגען, איז אויך אויפגעקומען דער פונאַנדערשייד צווישן הייליקע שריפטן און „דרויסנלעכע" („ספרים חיצונים"), „וועלטלעכע", ווי מען מעג זיי איצטער אָנרופן. אויך אַ סך שפּעטער, אין די העברעאישע ווייך און ליבע־לידער, אין די עלעגיעס און הומאָרעסקן פון דעם שפּאַניש־אַראַבישן פּעריאָד, אין דער פּאָעזיע פון אַן עמנואל רומי, און נאָך שפּעטער אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור פון דער השכלה־צייט ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, האָט די יידישע ליטעראַטור־ און קולטור־שאַפונג געטראָגן און טראָגט נאָך עד־היום אַ ריין־וועלטלעכן כאַראַקטער, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם אָדער יענעם אָפיציעלן רעליגיעזן גלויבן.

ווער רעדט שוין וועגן די ניט־גייסטיקע צווייגן און פּראָדוקטן פון מענטשלעכער קולטור ביי דעם יידישן פאָלק: אין זיין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן, ווי אויך אין דעם פּאָליטישן לעבן, ווען עס איז נאָך געווען מעגלעך פאַר אונדז. דאָ האָט דער רעליגיעזער עלעמענט צייטנווייז געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, אָבער ניט אַזאַ, אַז ער זאָל האָבן אַרויפגעדריקט זיין כאַראַקטער אויף דעם גאַנצן מהות פון דעם יידישן קולטור־לעבן און דער יידישער קולטור־שאַפונג.

אַ יידיש־וועלטלעכע קולטור איז לפי דעם ניט קיין נייס אין אונזער געשיכטע. „ממצרים ועד הנה" האָט זי ניט פאַרלאָזן דאָס יידישע פאָלק. אַ נייס פאַר אונדז איז די מאָדערנע וועלטלעכע קולטור אין י י ד י ש. און אויך דאָ וועט ניט שאַטן אַביסל קלאָרער אַרויסצוברענגען אין וואָס דאָס נייס באַשטייט.

שוין די שפּראַך אַליין — יידיש — ווערט פון דעם יידישן פאָלק באַטראַכט ניט ווי אַ ה י י ל י ק ע , ניט ווי אַ שפּראַך פאַר ריין־רעליגיעזע צוועקן און ריטואַלן, נאָר ווי אַ וו ע ל ט ל ע כ ע , אַן „עולמישע" שפּראַך פאַר אַלע הצטרכותן פון אַ מענטשלעך לעבן, וואָס קומען פאָר אין אַ באַשטימטער שפּראַךספערע. איז דאָך דער לשין גופא אַריבערגענומען פון דער דרויסנלעכער וועלט.

דאָס הייסט ניט, אַז מען האָט זיך מיט יידיש ניט באַדינט פאַר רעליגיעזע צוועקן. ניט נאָר די פרויען, מיט זייער ליכט־בענטשן, מיט זייער „גאָט פון אברהם“, מיט זייערע תחינות און „צאינה וראינה“, ניט נאָר דער פשוטער המון, וואָס האָט געשלונגען די רעליגיעזע מוסר־דרשות פון די מגידים אין יידיש, נאָר אויך די יידיש־פרומע למדנישע וועלט האָט ניט געקענט באַנוצן די הייליקע שפּראַך, דעם „לשון קודש“, פאַר דער גאַנצער קולטור „שבעל־פּה“ פון דעם יידישן פאָלק אין די דייטשע און מזרח־איראָפּעאישע לענדער. סיי אין דער דערציאונג, אין די חדרים און ישיבות, סיי אין די לומדישע דרשות, פּילפּולים, רעליגיעזע חקירות, חסידישע זאָגענישן פון די צדיקים, רביים און „חוזרים“, סיי אין די העכערע מוסר־באַלייכטונגען — איז די שפּראַך פון דעם לימוד און פון דער רעליגיעזער אויפקלערונג געווען יי ד י ש און איז עס נאָך עד היום ביז צו גאָר אַ גרויסן גראַד.

און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אויף דעם קאָלאָסאַל־גרויסן שטח, וואָס דאָס רעליגיעזע לעבן אין יידיש האָט ביי די פרומע דורות פאַרנומען און פאַרנעמט נאָך עד־היום, האָט די שפּראַך און די שפּראַך־ספערע אין יידיש ניט פאַרלוירן איר וועלטלעכן כאַראַקטער. די פרום־רעליגיעזע קולטור שבכתב ווערט נאָך עד־היום געשריבן דער עיקר אין דעם „הייליקן“ לשון, אין „לשון קודש“. יעדע פרום־רעליגיעזע שריפט אין „לשון קודש“ איז אַ הייליקער ספר. די זעלביקע פרום־רעליגיעזע שריפט אין יידיש איז אַ ו ו ע ל ט ל ע כ ע שריפט און ווערט באַטראַכט פאַר הייליק נאָר פון די פרומע פרויען.

גראָד דערין ליגט דאָס נ י י ע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער שפּראַך גופא און וואָס האָט זיך גענומען איינשטעלן נאָך אין דעם פופצענטן יאָרהונדערט. ווען איר פאַרגלייכט די גאַנצע קולטור שבכתב אונדזערע אין דער העברעאישער שפּראַך־ספערע און אין דער יידישער אין דעם גאַנצן משך פון אונזער היסטאָרישן לעבן, באַמערקט איר, אַז אין דער העברעאישער קולטור־שאַפונג איז דער שטאַם מיט אַלע וויכטיקסטע צווייגן רעליגיעז, און די וועלטלעכע שאַפונג איז נאָר איין צווייג אויף יענעם בוים. אין דער יידישער שפּראַך־ און קולטור־ספערע איז דער ענין פונקט פאַרקערט: דער שטאַם מיט דער קולטור שבעל־פּה און די וויכטיקסטע צווייגן זיינען פון דעם פופצענטן יאָרהונדערט אָן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג ו ו ע ל ט ל ע ך, אָן אַ שום שייכות צום אָפיציעלן רעליגיעזן גלויבן, בעת די רעליגיעזע שאַפונג אין יידיש איז נאָר אַ צווייג אויף דעם בוים, און אַפילו אָט דער צווייג קאָן, מצד זיין לשון, ניט פּרעטענדירן אויף אַ וועלכער עס איז רעליגיעזער הייליקייט.

דאָס נייע באַטייט דאָ די פ אַ ר ו ו ע ל ט ל ע כ ו נ ג, די „סעקולאַריזירונג“ פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן און קולטור־לעבן. דאָס באַטייט אַ גאַנצע ר ע וו אָ ל ו צ י ע אין אים. פריער האָט זיך אויסלעבן ווי אַ ייד באַטייט נאָר דאָס אויסלעבן זיך אין אַזאַ אָדער אַנדער רעליגיעז־יידישער ספערע, האָט באַטייט שוין אין דעם פרום־נאַציאָנאַלן פעריאָד אויך ווי אַ זיך־אויסלעבן אין דער ספערע

פון יידישער שפּראַך. וואָס מער די טראַדיציאָנעלע רעליגיע האָט געגומען פאַר־לירן איר באַהערשנדיקע מאַכט איבער די יידישע מוחות און הערצער, וואָס מער זי ווערט פּאַקטיש אַ פּריוואַטע זאַך פאַר יעדן יידן, וואָס מער עס ווערן אין יידיש באַפרידיקט קולטורעלע הצטרכותן, וואָס האָבן גאָרנישט ניט צו טאָן מיט דעם יידישן רעליגיעזן גלויבן — אַלץ מער פעסטיקט זיך איין, וואַקסט זיך פונאַנדער, שפּרייט זיך אויס און פאַרצווייגט זיך דער ריין־וועלטלעכער שטאַם פון דעם איצטיקן קולטור־לעבן אונדזערן אין יידיש.

אָט דאָ ליגט דאָס רעוואָלוציאָנערע נייע אין אונדזער קולטורעלן און נאַציאָנאַלן לעבן. דערין ליגט דער כאַראַקטער־שטריך פון דער נייער היסטאָ־רישער עפּאָכע, אין וועלכער אונדזער פאָלק איז אַריין. פריער, סיי אין דער פרום־נאַציאָנאַלער, סיי אין דער פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישער עפּאָכע פון אונדזער געשיכטלעכן לעבן, איז די צוגעהעריקייט צו דעם יידישן פאָלק געווען פאַר־בונדן מיט דער צוגעהעריקייט צו דער יידישער אמונה, צו דעם יידנטום אין דער אָדער יענער פאָרם זיינער. אַרויסטרעטן פון דעם יידישן גלויבן האָט באַטייט — „אַרויס פון דעם יידישן פאָלק". איצטער געהערט בלי שום ספק צו דעם יידישן פאָלק יעדער ייד, וואָס לעבט מיט דעם אייגענעם פאָלק אין זיין שפּראַך־ספערע — אַלץ איינס, צי ער גלויבט אין דער יידישער אמונה, צי ער גלויבט בכלל אין גאָט, אָדער איז אַן אַטעאיסט.

ווען אַ ייד באַפרידיקט זיינע גייסטיק־קולטורעלע הצטרכותן אין יידיש, ווען ער לייענט אַ יידישע צייטונג, אָדער אַ יידיש בוך, גייט צו אַ יידישער לעקציע, ווען ער באַזוכט אַ יידיש טעאַטער־שפּיל, אָדער אַ יידישן קינאָ, אָדער שיקט זיין קינד אין אַ מאָדערנער יידיש־וועלטלעכער שול, ווען ער הערט זיך צו צו אַ יידישער ראַדיאָ־שטונדע, אָדער פירט אַ געשפּרעך אין יידיש וועגן יידישע אָדער ניט־יידישע ענינים און פּראָבלעמען — איז ער שוין בלי שום ספק אַ ייד, אַ צוגעהעריקער צו דעם יידישן פאָלק. מענטשן פון אַ ניט־יידישן אָפּשטאַם, וואָס לעבן זיך אַריין אין דער יידישער שפּראַך־ספערע און גיסן זיך צונויף מיט איר, כמעט אַסימילירן זיך מיט איר — אַזוינע מענטשן קומען שוין אויך פאָר, אָבער דאָס זיינען אַזעלכע זעלטענע אויסנאַמען, אַז מיר קענען זיי דאָ איגנאָרירן ארויסלאָזן פון חשבון.

און אַזאַ יידיש אויסלעבן־זיך אין אַ ריין-וועלטלעכער גייסטיקער שפּראַך־און קולטור־ספערע וואַקסט און שפּרייט זיך פונאַנדער אין אַלע לענדער פון דער וועלט, וואו עס געפינען זיך גרעסערע אָדער קלענערע קיבוצים פון מזרח-אייראָפּעאישע יידן.

עס וואָלט זיכער געווען פון גרויסן אינטערעס צו קענען געווינען אַ קלאָרן איבערבליק איבער דעם פאַרנעם פון יידיש אין דער איצטיקער יידישער וועלט. עס קען גרייך זיין, אַז יידיש, ווי אַן אומגאַנג־שפּראַך צווישן יידן, איז די גערעדטע יידישע שפּראַך האָט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר, זינט דעם וועלט־קריג, פאַרלוירן אַ געוויסן טייל פון איר שטח, אָדער געבליבן

סטאביל, ניט געקוקט אויף דעם צואוואקס פון דער יידישער באפעלקערונג. און אפשר איז אויך פאראן א צואוואקס פון דעם שטח. קיין סטאטיסטיקע וועגן דעם האָבן מיר ניט. מען קען אָבער אָננעמען, אַז אַ געוויסער צוריקגאַנג פון יענעם שטח איז באמת פאָרגעקומען, אַ דאנק די אָביעקטיוו־ווירקנדיקע אסימי־לאטאָרישע טענדענצן אין דעם יידישן לעבן, און נאָך מער — אַ דאנק דער אסימילאטאָרישער און דער ציוניסטיש־העברעאיסטישער אידעאָלאָגיע. לויט דעם גורל פון דער אייגענער שפּראַך־ספערע ביי די אַנדערע מינאָריטעטן־פעלקער, מוזן מיר אויך ביי אונדז אָננעמען, אַז גראָד דער אידעאָלאָגישער פאקטאָר שפּילט אומעטום, אויך אין אַמעריקע, אַ שטאַרקע היסטאָרישע ראָלע סיי ווי אַ צע־שטערנדיקער כוח, סיי ווי אַן אויפהאַלטנדיקער און אַנטוויקלענדיקער.

האָט מען אַט דעם אומשטאַנד אין זינען, קענען מיר מיט זיכערקייט קאָנסטאַ־טירן, אַז די אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע האָלט ביי אונדזער פאָלק אין פאַר־שווינדן, ניט אין אָנוואַקסן. די אינעווייניקסטע לאָגיק פון אונדזער אָביעקטיווער לאַגע צווישן פעלקער זינט דעם וועלט־קריג ברענגט פון זיך ארויס אַ שטאַרקן נאַציאָנאַליזירונג־פּראָצעס, אַ פּילפאַך פאַרבונדענעם מיט אַ ווידערבאַלעבונג פון דער רעליגיעזער יידישקייט. אַט דער פּראָצעס טרייבט אָבער צו דער באַ־העפטונג מיט דעם יידישן פאָלק, און אין דער אינעווייניקסטער לאָגיק פון אַט דעם נאַציאָנאַליזירונג־פּראָצעס ליגט די דערנענטערונג צו די יידישע פאָלקס־מאַסן, צו זייער לעבן און זייער שפּראַך־ספערע אין יידיש. מיר קענען קאָנסטאַטירן אַזאַ דערנענטערונג אין אַ היפּש ביסל פריער ריין־אסימי־לאַטאָרישע קרייזן. די איינשרומפּונג פון דעם שטח יידישע שפּראַך־ספערע קען זיך אויך ביי אונדז, ווי ביי אַ סך אַנדערע מינאָריטעטן־פעלקער, ארויסשטעלן ווי אַ צייטווייליקע דערשיינונג, וואָס קען אין לויף פון דעם נאַציאָנאַליזירנדיקן און דעמאָקראַטיזירנדיקן היסטאָרישן פּראָצעס פאַרוואַנדלט ווערן אין איר אייגע־נעם היפּוך.

אָבער, ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין אַט דער איינשרומפּונג־פּראָצעס, קיין מאוימדיק־געפּערלעכע פּראָפּאָרציעס האָט ער פאַרן גאַנצן פאָלק נישט אָנגענומען. אין מזרח־אייראָפּע און אין די גרויסע אימיגראַציע־לענדער רעכנט מען זיך נאָך עד־היום מיט אַן איבער 10 מיליאָן יידיש־רעדנדיקער פאָלקס־מאַסע (אגב, לויט מיין אָפּשאַץ פון די פאַרעפנטלעכטע ציפערן, דאַרף די צאָל יידיש־רעדנדיקע פאָלקס־מאַסן געשאַצט ווערן אויף ניט ווייניקער ווי 12 מיליאָן).

און עס איז דאָ נאָך אַן „אָבער" אין דעם ענין שטח־איינשרומף. אויב מיר האָבן וואָס פאַרלאָרן אין דער ברייט, האָבן מיר אָבער דערפון געוואונען אין דער טיף, און אין דער הויך, און אין דער נאַציאָנאַליזירנדיקער קראַפט פון אונדזער „וועלטלעכן" לשון. אין דער יידישער שפּראַך איז באַשאַפן גע־וואָרן אַ יידישע קולטור־ספערע, אין אירע פאַרשיידענע ארויס־צווייגונגען, וועלכע מיר האָבן פריער אָנגעמערקט. און דאָ מוז יעדערער צוגעבן,

אַז אָט די ב א וו א ו ס ט ז י נ י ק ע שאַפונגען אין יידיש, סיי אין דער קולטור שבכתב, אין דער ליטעראַטור מיט אירע ביכער, צייטונגען און צייטשריפטן, סיי אין דער קולטור שבעל־פה מיט טעאַטער, פאָרלעזונגען, קינאָס, ראַדיאָ-שטונדעס און דער עיקר — מיט דער זיך־אויסבילדנדיקער מאָדערנער דערציאונגס־סיסטעם אין יידיש אין אַלע לענדער מיט אַ יידיש־ריידנדיקער פאָלקס־מאַסע — אַז אָט די באַוואוסטזיניקע קולטורעלע שאַפונגען אין דער יידישער שפּראַך־ספערע האַלט אין איין וואַקסן, סיי אין קוואַנטיטעט פון דעם געברויכטן יידישן וואָרט, סיי אין דעם באַטייט פון אָט דער אַבסאָלוט נייער קולטור־ספערע פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער ווידערגעבורט.

דער אומגעהייער וויכטיקער באַטייט פון אָט דער קולטור־ספערע באַשטייט דערין, וואָס איר האָט זיך שוין איצטער איינגעגעבן אויסצובויען אַ „גייסטיק-נאַציאָנאַלע" היים, אַ ריין־וועלטלעכע, וואָס קאָן אַריינגעמען אין זיך אַלע יידן פון גאָר דער וועלט, אַלע אונדזערע קלאַסן, פאַרטייען, ריכטונגען און בילדונגס־שטופעס, און וואָס אין איר איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די ש פּ ר אַ ך ־ מ ח י צ ה, וואָס האָט פריער ביי אונדז געהערשט צווישן מענער און פרויען, צווישן דעם למדנישן קלאַס און דער מאַסע. אַזוי אַרום ווערט אויך די יחידים פון די ני־דעריקסטע בילדונגס־שטופעס געגעבן די מעגלעכקייט זיך אויפצוהייבן אויף די העכסטע הויכן פון יענער קולטור־מדרגה, וועלכע דאָס פאָלק קאָן דערגרייכן. פון דער אַנדערער זייט קענען די וואַסערן פון דעם פאָלקס קולטור־באַסיין צוגעפירט ווערן דורך קאַנאַלן און קאַנאַלעכלעך צו די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דעם פאָלק, באַפרוכפּערנדיק אויף אַזאַ אופן אַלע זיינע פעלדער, צוציענדיק צו דער קולטורעלער שאַפונג אַלץ מער נייע און נייע כוחות פון די פאָלקס-מאַסן גופא און באַרייכערנדיק דערמיט די קולטור־שאַפנדיקע כוחות פון דעם פאָלק. די קול־טור־ספערע אין יידיש קען אַזוי אַרום ווערן אי אַלזייטיק, אַרומנעמענדיק אַלע צווייגן פון דעם מענטשלעכן שאַפן, אי רייך, אי אַלוועלטלעך־יידיש, אַרומנעמענ־דיק אַלע טיילן און שיכטן פון דעם פאָלק איבער גאָר דער וועלט, אי באַפרוכפּערנ־דיק — מעלות, וואָס קענען ניט אָנגעטראָפן ווערן ניט אין דער העבּרעאישער קולטור־ספערע, ניט אין אַנדערע קולטור־ספערעס ביי יידן אין די פאַרשיידענע לאַנד־שפּראַכן.

דאָס הייסט אָבער אויך, אַז אַ דאַנק דעם אויפקום פון דער יידיש-וועלט־לעכער קולטור הייבן מיר זיך אָן אויסצוגלייכן אין אונדזער נאַציאָנאַל-קולטורעלן מהות מיט אַלע אַנדערע קולטורעלע פעלקער פון דער וועלט. אַ פאָלק איז אַ קולטור־שאַפנדיקער כמו־אָרגאַניזם, וואָס זיצט ביי זיין אייגענעם וועבשטול און וועבט מענטשלעכע קולטור, לויט זיין נוסח און זיין פאָרם. די שפּראַך — דאָס זיינען די פסיכישע פעדים, וואָס ציען זיך פון יחיד צו יחיד און פאַרבינדן אין דער קולטור־שאַפונג אַלע טיילן פון פאָלק. פון אָט די פסיכישע פאַרבינדונגס־פעדים, פון דער פאָלקס־שפּראַך, וואָס איז אין דער זעלביקער צייט די נאַציאָנאַלע שפּראַך, וועבט דאָס פאָלק אויף זיין אייגענעם וועבשטול זיין אייגענע קולטור

שבכתב און שבעל־פה. אזוי איז דאס מיט אלע אנדערע פעלקער פון דער וועלט, אזוי ווערט דאס איצטער אויך מיט אונדזער שטארק־צוריקגעשטאנענעם יידישן פאלק. דערין ליגט דער הויפט־באטייט פון יענער נאציאנאל־קולטורעלער רעוואָ־לוציע, וואס די יידיש־וועלטלעכע קולטור טראגט אריין אין אונדזער לעבן.

איך האב נאר־וואס געזאגט, אז מיר הייבן זיך ערשט אן אויסצוגלייכן מיט די קולטור־פעלקער פון דער וועלט. מיר שטייען נאך ביי דעם סאמע אנהייב. און ווייל די נייע, די פראגרעסיוו־נאציאנאלע עפאכע פון אונזער היסטאָרישן לעבן האט נאך ניט אינגאנצן אראפגעווארפן פון זיך די אלטע הויט פון די פריערדיקע עפאכעס, און ווייל די יידיש־וועלטלעכע קולטור האט נאך אזוי פיל קעגנער אנטקעגן זיך, און ווייל דער אלגעמיינער מצב פון דעם יידישן פאלק איז אזא אומגעלומפערט־פארהויקערטער, — שטייען די באוואוסטזיניקע שאפער פון דער וועלטלעכער קולטור אין יידיש פאר פראבלעמען, וואס זיינען פרעמד די פעלקער פון דער וועלט, ווייל ביי ז י י זיינען די ענטפערס אויף די פראבלע־מען אלף־בית־אמתן, און ביי א ו נ ד ז זיינען זיי נאך מהרש"אם מיט מהר"ם שיפס, וואס לאזן צו א גאנץ שארפן פילפול. אייראפעאישע פעלקער, צום ביי־שפיל, האבן שוין מיט עטלעכע הונדערט יאר צוריק דערהייבן זייערע פאלקס־שפראכן צו דער מדרגה פון ד י נאציאנאל־שפראכן. ביי אונדז איז דאס נאך אן ענין פאר הארבע שאלות־ותשובות.

עס איז אוממעגלעך פאר מיר צו בארירן אלע פראבלעמען פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור. א פאר פון זיי מוזן אבער ארויסגעבראכט ווערן און בא־לייכטן ווערן, ווייל זיי האבן דירעקט צו טאן מיט דער טעטיקייט פון אונדזערע קולטור־טוערס. איין פראבלעם איז וועגן דעם א י נ ה א ל ט א ו ן ד ע ר פ א ר ם אין דער יידיש־וועלטלעכער קולטור.

די פראנצויזן האבן א וועלטלעכע קולטור אין פראנקרייך, איינע פון די פראגרעסיווסטע אין דער וועלט. האט איר ווען געהערט, מען זאל זיך אין פראנק־רייך מפלפל זיין וועגן דעם, וואס עס דארף זיין דער פ ר א נ צ ו י ז י ש ע ר אינהאלט פון דער פראנצויזיש־וועלטלעכער קולטור? ביי אונדז אבער קלינגט נאך עד־היום שווערד־געקלאנג אין דער פראגע, וואס דארף זיין דער י י ד י ש ע ר אינהאלט פון אונדזער יידיש־וועלטלעכער קולטור. פראקטיש איז דאס טאקע זייער א וויכטיקע פראגע, אבער טעארעטיש איז דאס אן איבערבלייב פון יענער עפאכע, ווען דער יידישער זיין איז געווען געבונדן מיט דעם תנאי, אז מען זאל גלויבן אין א באשטימטן רעליגיעזן אינהאלט. אן אפיקורסישער, טריפענער נאציאנאלער ס ת ם זיין אויף דער וועלט, סתם פריי לעבן און פריי שאפן, ווי אלע פעלקער, איז געווען פשוט אומפארשטענדלעך. דער זעלביקער איינשטעל איז נאך פאר־שארפט געווארן ביי יענע אסימילירטע אינטעליגענטן, וואס זיינען געווארן נא־ציאנאלע און יידישיסטישע בעלי־תשובהס: צ ו ל י ב ו ו א ס אפזאגן זיך פון די רייכע קולטורעלע פלייש־טעפ אין די פארשיידענע מצרימס און אוועקגיין אין דעם זאמדיקן מדבר פון דער יידישער שפראך־ספערע? כדי זיך מתענג צו

זיין מיט דער יידישער שפּראַך־פאָרם? כדי נהנה צו זיין פון „איינדל־ביינדל, שטופּ אַ ציינדל"? אויב מ י ר, די אַזוינע און אַזעלכע מיוחסים, גייען אַוועק צום פאָלק און מוען שאַפן פאַר אים, איז דאָס נאָר צוליב אַן ערנסטן א י נ ־ ה אַ ל ט, וואָס דאַרף אונדז זיין הייליק און טייער, ניט צוליב דער פוסטער שפּראַך־פאָרם. די זעלביקע פּסיכאָלאָגיע געפינט איר אַגב אויך ביי די גרויס־רוסישע אַסימילאַטאָרן פון לעניגס חדר, וואָס זיינען, אַ דאַנק סטאַלינען, געוואָרן איצטער נאַציאָנאַליסטן. פאַר זיי האָט סטאַלין געפונען דעם ענטפער אויף דער פּראָבלעם אין זיין פאָרמול: „ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר אינהאַלט אין אַ נאַציאָנאַלער פאָרם". אַן ענטפער פאַר אַלע פעלקער פון ראַטנלאַנד און פאַר אַלע פעלקער פון דער ערד. מיר וועלן שפּעטער זיך נאָך אומקערן צו אָט דער פאָרמול. דאָ מוזן מיר פריער באַרירן נאָך אַ צווייטע פּראָבלעם: די פּראָבלעם פון וו ע ל ט ־ ל ע כ ק יי ט.

ביי אַ סך פון אונדזערע קולטורעלע שאַפערס און טוערס איז „וועלטלעכקייט" געוואָרן אַ סינאָנים פון אַ נ ט י ־ ר ע ל י ג י ע ז. אַ גלויבן אין גאָט און אַ בענקשאַפט נאָך אַ רעליגיעזן לעבן ווערט פון דאָס רוב אונדזערע טוערס באַטראַכט, ווי אַ טויט־זינד אַנטקעגן וו ע ל ט ל ע כ ק יי ט, אַ טויט־זינד, וואָס מוז אויס־געראָטן ווערן שטאַם און וואָרצל. ביי אַנדערע פעלקער, וואו די וו ע ל ט ל ע כ ע רעגירונגען, אפילו זיי אַליין זאָלן זיין אַטעאיסטישע, האַלטן אויס אויף זייער חשבון רעליגיעזע אַנשטאַלטן, הערשט מן הסתם אַ גאַנץ אַנדער באַגריף וועגן וועלטלעכקייט, איידער ביי אונדז. ביי אונדז הענגען נאָך אויף דעם באַגריף שטיקער הויט פון יענער אַסימילאַטאָרישער ראַדיקאַלעכץ, וואָס האָט געהערשט ביי אונדז נאָך אין די צייטן פון די „יום־כיפור־בעלער".

אין דער אמתן איז דער באַגריף „וועלטלעכקייט", „סעקולאַריטעט", קיינמאָל אין ערגעץ ניט פאַרבונדן מיט אַנטי־רעליגיעזיטעט. ניט אין פראַנקרייך, ניט אין אַמעריקע, ניט אין ענגלאַנד, וואו די קולטורן זיינען אויך ריין־וועלטלעכע. וועלטלעכקייט האָט צוויי באַטייטן: איינעם פאַר דעם אַלגעמיינעם מלוכהשן לעבן, דעם אַנדערן פאַר דער דערציאונג־סיסטעם און פאַר דער באַוואוסטזיניקער קולטור־טעטיקייט בכלל, וואָס טראָגט אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אין דעם אַלגעמיינעם מלוכה־לעבן איז דאָס דער טייטש: „ר ע ל י ג י ע א י ז אַ פּ ר י וו אַ ט ־ ז אַ ך, ווי א ו י ך אַ נ ט י ־ ר ע ל י ג י ע א י ז אַ פּ ר י וו אַ ט ־ ז אַ ך". קיינער טאָר אין זיינע רעכט ניט דיסקרימינירט ווערן פאַר דעם אָדער יענעם גלויבן, אָדער פאַר דעם אָדער יענעם קאַמף אַנטקעגן וועלכן ס'איז רעליגיעזן גלויבן.

אין דער דערציאונג־סיסטעם און אין דער פרייער קולטור־טעטיקייט בכלל האָט וועלטלעכקייט דעם באַטייט פון אויסשליסן אַלץ, וואָס קומט אין נאָמען פון אַ וועלכער עס איז אַנטפּלעקטער איבער־מענטשלעכער, איבער־נאַטירלעכער א ו י ט אָ ר י ט ע ט, אַ „גאָטהייט", און פאָדערט פון דעם מענטשן דאָס אָדער

יענעס, כדי דורכצופירן דעם ווילן פון אַט דער איבער־נאַטירלעך אַנטפּלעקטער, איבער־מענטשלעכער אויטאָריטעט, אָדער כדי צו געפינען חן אין אירע אויגן, אָדער כדי צו באַקומען פון איר אַ באַשטימטן לוין, אָדער אויסצומיידן אַ באַשטימטע שטראָף פון איר.

דאָס און נישט קיין אַנדער זאַך איז וועלטלעכקייט. דער אַטעאיסטישער מאַ־טעריאַליזם, וואָס ווערט אָפט באַטראַכט, ווי דער תמצית פון וועלטלעכקייט, איז נאָר אַ באַשטימטע ר י כ ט ו נ ג אין איר, אַ ריכטיקע, צי אַ פאַלשע — אַלץ איינס. ווען איינער קומט צו מענטשן און זאָגט: „אַזוי האָט גאָט גערעדט צו מיר און אַט דאָס האָט ער מיר געהייסן פאָדערן פון אייך!" — ווערט זיין גאַנצע טעטיקייט, אַ געטראָגענע פון אַט דעם גייסט, אַ רעליגיעז־סעקטאַנטישע, און זי מוז אויסגעשלאָסן ווערן פון דער וועלטלעכער דערציאונג און דער וועלטלעכער קולטור־טעטיקייט. אָבער ווען איינער קומט צו אונדז און זאָגט, ווי דאָס טוען אייניקע פון אונדז: „לויט מיין מענטשלעכן פאַרשטאַנד און געפיל, קומט אויס, אַז עס איז דאָ אַ געטלעכע קראַפט אין דער וועלט, און אַז גלויבן אין איר איז פאַר דעם מענטשן גוט, און אַז כדי צו לעבן אין דער ספערע פון אַט דער קראַפט, דאַרף מען שטרעבן צו עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף זיין הייליק און טייער דעם מ ע נ ט ש ן, ווי אַ מ ע נ ט ש ן, אַלץ איינס, צי ער גלויבט אין גאָט, צי ניט" — פאַלט דאָס ניט אַרויס פון דעם באַגריף „וועלטלעכקייט". דאָס איז אַ מעטאַפיזיש־אידעאַליסטישע וו ע ל ט ל ע כ ע שיטה, וואָס גייט להיפּוך צו דער אַנדער וועלטלעכער שיטה, דער אַטעאיסטיש־מאַטעריאַליסטישער.

לויט מיין מיינונג נאָך טאָרן ביידע שיטות ניט אַרויפגעצוואונגען ווערן אויף די מוחות פון די קינדער אין די נידעריקע דערציאונג־אַנשטאַלטן. זיי מוזן אָבער ביידע זיין פריי און אומגעשטערט אין די העכערע בילדונג־אַנשטאַלטן און אין דער וועלטלעכער קולטור־טעטיקייט בכלל. והוא הדין מיט דער אָפּהיטונג פון רעליגיעזע יום־טובים, אָדער אפילו געוויסע רעליגיעזע צערעמאָניעס.

אויב דער יידישער פּסח, למשל, ווערט געיום־טובט דערפאַר, וואָס אַ פאָלק האָט זיך באַפרייט פון שקלאַפעריי און גייט זוכן אַ לאַנד, וואו צו פירן אַן אייגענעם, פרייען לעבן — הגם די גאַנצע מעשה פון „יציאת מצרים" איז אפשר ניט מער ווי אַ לעגענדע — איז דער יום־טוב אַ מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר, פון גאָר אַ גרויסער מענטשלעכער חשיבות. אָדער אויב ניט־יידן יום־טובן „קריסט־מעס", ווייַנאַכטן, די געבורט פון ישו דעם נוצרי, דערפאַר וואָס עס איז געבוירן איינער פון די גרעסטע מאָראַלישע זשעניען פון דער מענטשהייט, וועלכער איז פאַר זיין פרעדיקן געגאַנגען אין טויט — הגם די גאַנצע מעשה פון ישום לעבן, ווירקן און מסירת־נפש איז אפשר ניט מער ווי אַ לעגענדע — איז דער יום־טוב אַ מענטשלעכער און פון גאָר גרויסער מענטשלעכער חשיבות. בתנאי, נאַטירלעך, אַז אין די יום־טובים זאָל ניט צוגעלאָזן ווערן אפילו ניט קיין שאָטן פון אַן איבער־נאַטירלעכער, איבער־מענטשלעכער אַנטפּלעקונג, פון אַ ק אָ נ פ ע ס י אָ נ ע ל ע ר א מ ו נ ה. די קאָנפעסיאָנעלע פאַרערונג פון ביידע יום־טובים מוז אי־

בערגעלאַזן ווערן צו יענע רעליגיעזע קהילות, וואָס קענען גלייבן אין איבער־נאַטירלעכע, איבער־וועלטלעכע און אויסער־וועלטלעכע אַנטפּלעקונגען.

און איצטער — צו דער הויפּט־פּראָבלעם: דער פּראָבלעם פון אינהאַלט און פאָרם אין דער יידיש־וועלטלעכער קולטור. קודם־כל מוזן מיר איינזען, אַז אומעטום, וואו עס ווערן אָנגעווענדט די באַגריפן „אינהאַלט" און „פאָרם", קען קיינמאָל ניט פאָרקומען אַן אינהאַלט אָן אַ פאָרם און אַ פאָרם אָן אַן אינהאַלט (אויספירלעכער האָב איך דעם ענין באַהאַנדלט אין מיין רעפעראַט, וואָס איך האָב צוגעשיקט צום ערשטן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, אין סעפּטעמבער 1937). אינהאַלט ווערט באַטראַכט פאַר דעם אינעוויניקסטן תוך, פאַרן ע י ק ר, פאָרם — פאַרן דרויסנלעכן לבוש און פאַר טפל. „אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו" — „פאַרקוק זיך ניט אויף דעם קרוג, נאָר אויף וואָס ס'איז דאָ א י ן אים" — לערנט דער פּרק.

טעאָרעטיש גערדונגען, איז זייער אַ וויכטיקער כלל, אַז וויניקסטנס אין ד ע ר ק ו ל ט ו ר זיינען „אינהאַלט" און „פאָרם" ניט קיין אַבסאָלוטע באַגריפן, נאָר רעלאַטיווע. דאָס הייסט, אַז דאָס, וואָס איז פון איין שטאַנדפּונקט „אינהאַלט", איז פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט „פאָרם". עס ווענדט זיך אין דעם שטאַנדפּונקט און אין דער וו אָ ג, וואָס מען לייגט אויף דעם אָדער יענעם עלעמענט פון דער קולטור־דערשיינונג. עס הענגט אָפּ פון דעם, וואָס מען באַטראַכט פאַר דעם עיקר אונטער די געגעבענע אומשטאַנדן.

אין יעדער קולטור פון יעדן פאָלק און פון אַלע צייטן אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג איז פאַראַן נאָר א יי ן ־ א יי נ צ י ק ע ר א ל ג ע מ יי נ ע ר א י נ ה א ל ט: דאָס מענטשלעכע לעבן אין אַלע זיינע אַרויסצווייגונגען און אויסדרוק־פאָרמען, אין אַלע זיינע היסטאָרישע קאָנפליקטן און קאַמפן. גלייבן דען אונדזערע קעגנער, אַז אָט די „קלייניקייט", דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק, אינטערעסירט אונדז גאָר ניט? מיר קעמפן פאַר דער יידישער שפּראַך־פאָרם אין אונדזער קולטור־לעבן, ווייל מיר גלייבן אין דער אומגעהייער־וויכטיקער ראָלע, וועלכע זי דאַרף שפּילן אין דער אויפהאַלטונג און פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פ אָ ל ק ס ־ ל ע ב ן. אַזוי אַרום ווערט אויך די יידישע שפּראַך־פאָרם פאַר אונדז אַן א י נ ה א ל ט מיט אַ גרויסער וואָג, אַן עיקר, וואָס ציט צו צו זיך אַן אומגעהייערן אינטערעס. זי איז נאָר פאָרם בנוגע די אַנדערע אינהאַלטן פון דער יידישער קולטור. דאָס מענטשלעך ל ע ב ן פון דעם יידישן פאָלק און זיין פאַרגאַנגענהייט, אויף וויפיל זי לעבט אין דעם זכרון פון דורות, און זיין קעגנוואַרט, מיט אַלע קאַמפן און קאָנפליקטן, וואָס קומען אין איר פאָר, און זיין צוקונפט, ווי זי ווערט אָנגעשטרעבט אין די פאַרשיידענע ריכטונגען — אָט דאָס איז אַלע מאָל געווען, איז אויך איצטער און וועט אַלע מאָל זיין דער הויפּט־אינהאַלט פון דעם יידישן קולטור־לעבן, ווי דאָס איז אַלע מאָל געווען און וועט אַלע מאָל זיין דער הויפּט־אינהאַלט אין יעדער קולטור־ספערע, ביי יעדן פּראָגרעסיוון פאָלק.

איך וויל דאָ ברענגען אַ ביישפּיל, ווי אַזוי „אינהאַלט“ און „פאָרם“ בייטן זיך לויט די אומשטאַנדן מיט זייערע ערטער, לויט דעם פאַרשיידענעם שטאַנד־פּונקט. נעמען מיר דעם וואונדערבאַר־שיינעם פּסוק פון דעם נביא מיכה, וואָס לייענט זיך אַזוי: „הוגד לך, אדם, מה טוב ומה אלהיך דורש ממך — כי אם אהבת חסד ועשות משפט“ („עס איז דיר, מענטש, געזאָגט געוואָרן, וואָס עס איז גוט און וואָס דיין גאָט פאָדערט פון דיר — נ י ט מ ע ר, ווי ליב האָבן גענאָד און טאָן גערעכטיקייט“). דאָס איז אַן איינצל־דערשיינונג פון דער יידישער קול־טור. וואָס איז דאָ אינהאַלט, וואָס איז פאָרם? לאָמיר אָננעמען, אַז די העברעאישע שפּראַך־קלאַנגען זיינען דאָ די אַבסאָלוטע פאָרם און אַז דער אינהאַלט איז דאָ דער באַשטימטער זינען פון די העברעאישע ווערטער. גייט איר איבער צו אַט דעם זינען, קענט איר ווידער באַמערקן אַ פ ו נ אַ נ ד ע ר פ אַ ל אין „אינהאַלט“ און „פאָרם“, וואָס בייטן זיך מיט זייערע ערטער. איר קענט זאָגן: דער אינהאַלט איז דאָ אַ ר ע ל י ג י ע ז ע ר, גאָטס אַ פאָדערונג. דאָס מאָל האָט זיך אַט דער אינהאַלט איינגעקליידט אין דער פאָרם פון אַ סאָציאַל־עטישן אידעאַל, אַן אַנ־דערש מאָל קליידט ער זיך איין אין דער פאָרם פון אַ פאַרבאָט צו רויכערן אום שבת. און איר קענט מיט דעם זעלביקן רעכט זאָגן פּונקט פאַרקערט: דער אינ־האַלט איז דאָ דער סאָציאַל־עטישער אידעאַל פון מענטשן־ליבע און גערעכטיקייט. די רעליגיעזע פאָדערונג פון אַן איבערנאַטירלעכן יש, פון אַ גאָט, איז דאָ די פאָרם, אין וועלכער דער אידעאַל האָט זיך איינגעקליידט, אַ דאַנק דער טעאָלאָגישער עפּאָכע, אין וועלכער עס האָט זיך דעמאָלט געפונען דאָס גאַנצע יידישע לעבן. און איר קענט נאָך ווייטער גיין און זאָגן, אַז דער אינהאַלט פון דעם פּסוק זיינען א י ן ד ע ר ל ע צ ט ע ר א י נ ס ט אַ נ ץ די באַדערפעניש און נויטן פון אַ מענטשלעכן לעבן, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין אַ סאָציאַל־עטישן אידעאַל און האָבן זיך היסטאָריש איינגעקליידט אין אַ טעאָלאָגיש־רעליגיעזער פאָרם.

אַט דער ביישפּיל, ווי אַלע אַנדערע, לערנען אונדז אַ סך זאַכן: ערשטנס — די שטענדיקע צונויפפאָרונג פון אַ וועלכן עס איז „אינהאַלט“ מיט אַ וועלכער עס איז „פאָרם“; צווייטנס — דעם רעלאַטיוון כאַראַקטער פון אַט די צוויי באַ־גריפן; דריטנס — אַז „פאָרם“ איז ניט נאָר שפּראַך: נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־שטריכן זיינען פאָרמען, נאַציאָנאַלער שטייגער איז אַ לעבנס־פאָרם, אייגנאַרטיקע טאַלאַנט־שטריכן זיינען פאָרמען פון נאַציאָנאַלע שאַפונג־כוחות. זיי לערנען אונדז אויך, אַז ממילא איז אויך נאַציאָנאַלע פאָרם ניט נאָר שפּראַך־פאָרם. און זיי גיבן אונדז יענעם אַבסאָלוט וויכטיקן איינזען, אַז אין דער לעצטער אינסטאַנץ איז דער א י נ ה אַ ל ט פון אַ פאָלקס־קולטור אַלעמאָל דאָס מענטשלעכע לעבן אין עבר, הוה און עתיד — דאָס מ ע נ ט ש ל ע כ ע ל ע ב ן מיט זיינע נויטן און באַדערפענישן, מיט זיינע פּראָבלעמען און קאַמפן, זיינע בענקענישן, לעבצענישן און האָפענונגען, מיט זיינע פריידן און ליידן.

מיר האָבן געזען, אַז די וועלטלעכע קולטור אין יידיש, ווי אַ היסטאָרישע

ווירקלעכקייט, ווי אַ קולטור שבעל־פּה פאַרן גאַנצן פאָלק און ווי אַ קולטור שבכתב פאַר די פאָלקס־מאַסן און אויך פאַר די פרויען פון די למדנישע שיכטן, איז שוין אַלט אַ גוטע פאַר הונדערט יאָר. אָבער ווי אַ *באַוואוסטזיניקער* ציל, ווי אַ שטרעבן צו אַ רעוואָלוציאָנערן איבערבייט אין אונזער נאַציאָנאַל־קולטור־רעלן מהות, ווי דער אידעאַל פון אַ „נאַציאָנאַל־גייסטיקער היים“ פאַר אַלע יידן פון גאָר דער וועלט — איז זי פון אַ גאַנץ יונגער צייט. אָט די באַוואוסטזיניקע יידיש־וועלטלעכע קולטור איז געבוירן געוואָרן אין דער גייסטיקער ספערע פון דעם יידישן *סאָציאַליזם* און פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. שפּעטער איז דער זעלביקער אידעאַל אויפגענומען געוואָרן אויך פון די בירגערלעכע עלעמענטן מיט אַ פאָלקיסטישן איינשטעל. אַזוי־אַרום איז דער סאָציאַליסטישער שטראָם אירער, מיט וועלכן אויך מיר ווערן געטראָגן, געוואָרן נאָר אַ *ריכטונג* אין איר, וואָס מוז קעמפן, אַז זי זאָל ווערן די הערשנדיקע ריכטונג אין דעם לעבן פון אונזער פאָלק, מיט דער האָפענונג צו ווערן אַמאָל די איין־און־איינציקע ריכטונג אין אים.

מיר אָנדערקענען, אַז יידיש מ׳ז זיין די *איין־און־איינציקע* שפּראַך־פאָרם פון אונדזער קולטור; מיר ווילן, אַז יידיש זאָל אונדז געבן יענע נאַציאָנאַל־פּסיכישע באַהעפטונג־פעדים, פון וועלכע מיר, ווי אַ פאָלק, וואָס זיצט, ווי יעדעס פאָלק, ביי זיין אייגענעם וועבשטול, זאָל וועבן זיין אייגענע יידישע קולטור. לאָמיר אַלע אַנדערע אַלגעמיין־מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע אַרויסווייזפאָרמען פון פאָלקס־לעבן באַטראַכטן ווי „אינהאַלט“. מיר האָבן נאָר־וואָס געזען, אַז מיר האָבן אַ כשרן טעאָרעטישן רעכט דערצו. פרעגט זיך דעמאָלט: וואָס דאַרף זיין דער „אינהאַלט“ פון יענער יידיש־וועלטלעכער קולטור, צו וועלכער מיר, ווי *יידישע סאָציאַליסטן*, דאַרפן שטרעבן?

ווי יידישע סאָציאַליסטן, זיינען מיר, אַזוי צו זאָגן, בירגער פון גאַנצע פינף אין זיך גופא צונויפגעבונדענע וועלטן. מיר זיינען קודם־כל *מענטשן*, דערנאָך זיינען מיר *יידן*, דערנאָך זיינען מיר *סאָציאַליסטן*, דערנאָך זיינען מיר *יידיש־וועלטלעכע* יידן און לסוף, פינפטנס, זיינען מיר *יידיש־וועלטלעכע סאָציאַליסטן*. אָט די אַלע פינף גייסטיקע וועלטן האָבן באַשאַפן קולטורעלע אוצרות. די ריכטיקע אוצרות געפינען זיך, נאַטירלעך, אין דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור. עס איז אַ ים, ניט אויסצושעפּן. דערנאָך קומען די רייכע קולטור־אוצרות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט באַשאַפן אין דעם משך פון זיין איבער דריי טויזנטיאָריקער געשיכטע. דערנאָך קומען די אוצרות פון דער אַלגעמיין־סאָציאַליסטישער קולטור־ספערע, וואָס איז שוין באַלד אַזוי אַלט, ווי די יידישע קולטור־ספערע. דערנאָך קומען ווערטפולע שאַפונגען פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור און פון דער סאָציאַליסטישער ריכטונג אין איר, וואָס קענען אויך ניט, מיר־ניט, דיר־ניט, אָוועקגעשאַרט ווערן מיט דער האַנט.

איז אויב ס'איז אמת, וואָס מיר זאָגן, אַז דער לעצט-אינסטאַנצלעכער אינ־האַלט פון אַ פאָלקס-קולטור איז מ ע נ ט ש ל ע ך ל ע ב ן, און ניט נאָר מענטשלעך לעבן אין דער קעגנוואַרט און אין די שטרעבונגען צו אַ בעסערער צוקונפט, נאָר אויך אַ לעבן אין די ג ײ ס ט י ק ע י ר ו ש ו ת פון דעם עבר, קענט איר זיך משער זיין, ווי רייך עס מוז ווערן דער אינהאַלט פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, אפילו ווען מען זאָל נאָר אַריבערנעמען אין אונדזער שפּראַכ־לעכער פאָרם אַלע פינף אויבן־אָנגעמערקטע ירושות. אפילו ווען מען זאָל זיי אַלע לאָזן דורכזיפּן דורך דער דין־דין קריטישער זיפּ פון דעם סאָציאַליסטישן גייסטיקן איינשטעל.

און דאָ באַגעגענען מיר זיך מיט דער באַרימט־געוואָרענער סטאַליניסטישער פאָרמול פאַר דער קולטור פון אַ פאָלק: „סאָציאַליסטיש לויט דעם אינהאַלט, נאַ־ציאָנאַל לויט דער פאָרם". קענען מיר אָט די פאָרמול אָננעמען, ווי אַ פירנדיקן שטערן אין אונדזער יידיש-סאָציאַליסטישער קולטור־טעטיקייט? ניין, דאָס קענען מיר ניט. שוין דערפאַר אַליין מוזן מיר זי פאַרוואַרפן, וואָס ניט געקוקט אויף איר שטרענג־סאָציאַליסטישן אויסזען, גייט זי להיפוך צו יענעם סאָציאַליסטישן גייסטיקן איינשטעל, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון קאַרל מאַרקסן, דעם עד־היום פון קיינעם ניט אָפּגעפרעגטן פוסק-אחרון אין דעם סאָציאַליסטישן לעבנס-באַנעם.

פאַר קאַרל מאַרקסן איז דער סאָציאַליזם אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע פאָרם פון פּראָדוצירן און פאַרטיילן מ אַ ט ע ר י ע ל ע ג י ט ע ר. אַלע געזעל־שאַפטלעכע פּראָדוציר־פאָרמען, ווי אויך די יורידיש־פּאָליטישע לעבנס־פאָרמען, וואָס נעמען אין זיך אַריין, ווי אַ געוויסן אינהאַלט, די אופנים פון פּראָדוקציע און פאַרטייל פון מאַטעריעלע גיטער, באַטראַכט מאַרקס, ווי די „ממשלה פון נויט־ווענדיקייט", וואו יעדע זאַך איז אַ מיטל צו אַ „דרויסנלעכער נוצלעכקייט". און אָט די ממשלה איז נאָר דער ב אַ ז י ס, דער פונדאַמענט, די קעלער-שטוב פון אַ געזעלשאַפטלעכן קולטור־לעבן. אויף אָט דעם באַזיס הייבט זיך אויף, זאָגט מאַרקס, די „ממשלה פון פרייהייט", וואָס האָט פאַר איר אינהאַלט יענע — איך ציטיר לויט זיינע אייגענע ווערטער — „מענטשלעכע קראַפט-אַנטוויקלונג, וואָס שאַצט זיך אַליין, ווי אַ צוועק אין זיך גופא" („די זיך אַלס זעלבסטצוועק גילט").

און מערקט אייך גוט: אָט די איינטיילונג אין אַ „ממשלה פון נויטווענדי־קייט" און אַ „ממשלה פון פרייהייט" ווערט פון מאַרקסן געמאַכט ניט פאַר דעם „באחרית-הימים", פאַר דער צייט נ אָ ך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, נאָר פאַר י ע ד ן פעריאָד פון אַ מענטשלעך־געזעלשאַפטלעכן לעבן. די, וואָס גלויבן מיר ניט אויפס וואָרט, זאָלן זיך מטריח זיין און איבערלייענען די גאַנצע שטעל אין דעם דייטשן טעקסט, אין דער צווייטער העלפט פון דריטן באַנד „קאַפּיטאַל", ז. 355.

זאָגן, אַז דער אינהאַלט פון אַ פאָלקס-קולטור דאַרף זיין דער סאָציאַליזם, הייסט פאַרמשפּטן זי אויף אייביק צו לעבן אין דעם פונדאַמענט, אין דער קעלער־

שטוב, וואו אַלץ איז, לויט מאַרקסן, נאָר אַ מיטל צו אַ „דרויסנלעכער נוצלעכ־קייט“. אַ מענטשלעך לעבן האָט קראַפט־אַנטוויקלונגען, וואָס טראָגן, לויט דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין, ז י י ע ר צ י ל א י ן ז י ך ג ו פ אַ — ווּיסנשאַפט, פילאָסאָפיע, רעליגיע, קונסט — ניט צוליב וועלכע עס איז דרויסנ־לעכע צוועקן. בכל דור ודור קומען אויף פּראָדוקטן פון אַזעלכע קראַפט־אַנט־וויקלונגען. אָפט ווערן זיי מער אָדער ווייניקער פאַרהוויקערט דורך דער באַשטימ־טער סאָציאַלער לעבנס־פאָרם, אין וועלכער זיי זיינען איינגעוואַקסן, אָבער דאָס רוב קענען מיר אַפילו אין אַזעלכע פאַרהוויקערטע אַרויסווייזונגען אויפדעקן און ווידער אויפריכטן דעם ריין־מענטשלעכן ק ע ר ן, וואָס ליגט אין דעם אָדער יענעם היסטאָריש צוגעפּאַרבטן שאָלעכץ, ווי מיר קענען די אינדיווידואַל־מאָראַ־לישע און סאָציאַל־עטישע אידעאַלן פון די גרויסע יידישע נביאים גרינג אַרויס־שיילן פון זייער טעאָלאָגישער איינקליידונג.

אָפט האָט זיך מיר געדוכט, אַז סטאַלינס פאָרמול האָט געקענט אויפקומען נאָר אין אַ לאַנד מיט אַזוי פיל אומהיסטאָרישע פעלקער און פעלקערלעך, וואָס זיינען נאָך ניט דערוואַקסן אַפילו צו אַן אייגענעם אלף־בית. נעמט אַזאַ קליין פעלקעלע, ווי, זאָגן מיר, די יוקאַגירן פון סאַכאַלין. ווען אַ יוקאַגיריש קינד זאָל דערצויגן ווערן אין דער גרויס־רוסישער ציוויליזירטער ספערע און ער זאָל זיך אַליין אַ פרעג טאָן: וואָס אַזוינס פון זיין אייגענער פאָלקס־קולטור וואָלט ער געקענט אַריבערנעמען אין זיין נייעם ציוויליזירטן לעבן און נהנה זיין דערפון, ווי אַ מאָדערנער מענטש, ווי אַ סאָציאַליסט? צי וואָלט ער ניט געדאַרפט אויס־שטרייכן די גאַנצע באַזונדערע נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ פון זיין פעלקעלע, פשוט זי אָפּלייקענען מיט הויט און האָר, ווייל עס איז אין איר קולטור ניטאָ קיין איין אינהאַלט, וואָס זאָל אויסהאַלטן די קריטיק פון אַ פרייען, אַנטוויקלטן מענטשלעכן געדאַנק? — טרייסט אים סטאַלין, אַריבערנעמענדיק דעם געדאַנק פון אַן אַנדער סאָציאַליסטישן טעאָרעטיקער, אַז דער תוך פון דעם נאַציאָנאַלן ליגט ניט אין דעם „אינהאַלט“, נאָר אין דער „פאָרם“, און אַז די אַלגעמיינע פאָרם פון אַ נאַציאָנאַלן לעבן איז די שפּראַך. טרייסט סטאַלין אָט די קליינע פעלקערלעך: איר האָט דאָך אייגענע שפּראַכן! פילט זיי אָן מיט אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט, און די סאָציאַליסטישע מלוכה וועט אייך געבן די מעגלעכקייט פאַר אייער ווייי־טערדיקער עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג, ווי אַ באַזונדערער נאַציאָנאַל־קולטורעלע איינס!

אָבער אויך פאַר דעם יוקאַגיר איז די סטאַלינשע פאָרמול צו ענג, צו ווייט צוריקגעבליבן הינטער דעם סאָציאַליסטישן גייסטיקן איינשטעל פון אַ קאַרל מאַרקס. דער יוקאַגיר איז אַ מ ע נ ט ש, זיין לעבן האָט מ ע נ ט ש ל ע כ ע אינהאַלטן, פריידן, ליידן און באַטראַכטונגען וועגן אַ מענטשלעך לעבן. אַפילו ביי די פרימיטיווסטע פעלקער פון אַפריקע געפינען מיר אין זייערע פאַבלען און מעשות קערנדלעך פון אמתער פּאָעזיע און פון אַן ערנסטן איבערטראַכט וועגן דעם גורל פון לעבעדיקע ברואים אויף דער וועלט. וועט דאָך אויך אין אַ ס אָ ־

ציאַליסטישן לעבן ניט אַלץ זיין סאָציאַליסטיש, ניט אַלץ זיין נאָר אַ מיטל צו אַ „דרויסנלעכער נוצלעכקייט“. ווער רעדט שוין וועגן אַזאַ פֿאָלק, ווי די גרויס־רוסן! איז ניט איצטער פּושקין, אַ דאַנק אַביסל אַ פֿאַרגוזמאַטער אָפּשאַץ־מאָס, דערהויבן געוואָרן אין ראַטנלאַנד צו דעם חשובסטן אינהאַלט פֿון דעם רוסישן קולטור־לעבן? מיט וואָס איז פּושקין אַ סאָציאַליסט? עס איז די *פּאָעזיע* פּושקינס, דער אַלגעמיין־מענטשלעכער אינהאַלט אירער אין אַ נאַציאָנאַל־רוסישער פֿאָרם, וואָס ציט צו צו זיך די נשמה אויך פֿון אַ סאָציאַליסט. ממילא איז שוין פּושקין אַ „נאַציאָנאַלער אינהאַלט“. און בלייבט דען דאָס איצטיקע גרויס־רוסישע ראַטנלאַנד שטיין נאָר ביי דער אייגענער נאַציאָנאַל־קולטורעלער ירושה? איז דען ניט דער „בורזשוי“ שעקספּיר שוין אָוועקגעשטעלט געוואָרן העכער פֿאַר גאָרקין?

די סטאַלינשע פֿאָרמול דאַרף פֿאַרביטן ווערן אויף אונזער אַלטער פֿאָרמול, וואָס מיר האָבן נאָך מיט יאָרן צוריק פֿאָרגעשלאָגן אין דער רוסישער אַרבעט „סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע“, פֿון וועלכער די סטאַלינשע פֿאָרמול שטאַמט היסטאָריש אָפּ. די פֿאָרמול זאָגט: „אַלגעמיין־מענטשלעכער אינהאַלט אין אַ נאַציאָנאַלער פֿאָרם“. דאָס הייסט אויך, אַז די ירושה פֿון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור מוז אַריבערגעטראָגן ווערן אין דער נאַציאָנאַלער פֿאָרם פֿון *יעדער* פֿאָלקס־קולטור. און אין אָט דער אַלגעמיין־מענטשלעכער ירושה, ד״ה אין דער קולטור פֿון *אַלע* פֿעלקער מוז דעם חשובסטן אָרט פֿאַרנעמען די *גאַנצע* קולטור־ירושה פֿון דעם אייגענעם פֿאָלק. אָבער די *סאָציאַליסטישע ריכטונג* אין דער פֿאָלקס־קולטור פֿאָדערט, אַז די ביידע ירושות זאָלן דורכגעלייטערט ווערן מיט יענעם סאָציאַליסטיש־גייסטיקן איינשטעל, וואָס נעמט די „ממשלה פֿון נויטווענדיקייט“, דעם סאָציאַליזם, ווי דעם נויטווענדיקסטן *פֿונדאַמענט* פֿאַר דער „ממשלה פֿון פֿרייהייט“, ד״ה פֿון אַלע יענע קולטור־שאַפֿונגען, וואָס זיינען אַן אַרויסווייז פֿון מענטשלעכע שאַפֿונג־קרעפֿטן, וועלכע „טראָגן זייער ציל אין זיך גופֿא“.

און אָט די דורכלייטערונג דורך דעם פֿלאַם פֿון אַן איידעלן מענטשלעכן באַוואוסטזיין דאַרף דורכגעפֿירט ווערן פֿון *אַלע* ירושות: אי פֿון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, אי פֿון דעם יידישן קולטור־שאַפֿן, אי פֿון דער אַלגעמיין סאָציאַליסטישער קולטור־ספֿערע, כדי אַרויסצובאַקומען דאָס גאָלד פֿון די היסטאָרישע פּסולת. אָבער אויך די פּסולת, וואָס וועלן בלייבן נאָך דער דורכלייטערונג אין דעם פֿייער פֿון סאָציאַליסטישן גייסטיקן איינשטעל — אויך זיי וועלן ניט גיין אינגאַנצן פֿאַרלאָרן. זיי וועלן דינען, ווי אַ מאַטעריאַל פֿון יענעם קולטור־צווייג, וואָס רופֿט זיך *היסטאָרישע וויסנשאַפֿט*, וואָס דאַרף אונדז דערקלערן דעם וועג פֿון דער גאַנצער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, ווי אויך דעם היסטאָרישן לעבנס־גאַנג פֿון דעם אייגענעם פֿאָלק. אויך די קולטור־ירושה פֿון דעם יידישן פֿאָלק איז ניט לויטער פּסולת. עס איז אין איר פֿאַראַן גענוג אַלגעמיין־מענטשלעכע און אפֿילו ריין־סאָציאַליסטישע גינגאָלד, וואָס פֿאַר־

דינט אויף אייביק צו פארבלייבן, ווי א ווערטפולער אינהאַלט ניט נאָר אין דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, נאָר אויך אין דער אַלגעמיין־מענטשלעכער. א היפּש ביסל פון אַט דעם גינגאָלד מוז פאַר אונדז, יידן, זיין פון א גרעסערן ווערט, איידער פאַר אַלע אנדערע פעלקער.

היוצא מדברינו: אין דעם איצטיקן פעריאָד פון דער יידיש-וועלטלעכער קולטור, וואָס שטרעבט אויסצוגלייכן דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן מהות פון דעם יידישן פאָלק מיט דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן מהות פון אַלע אנדערע פראָגרע־סיווע קולטור־פעלקער, מוזן מיר זען, אז דער אינהאַלט פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, א דורכגעלייטערטער אין דעם גייסטיקן איינשטעל פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און אַן אריינגעגאָסענער אין דער שפּראַך־פאָרם פון יידיש — אז אַט דער אינהאַלט זאָל ניט פארענגט ווערן ניט מיט די פיר ווענט פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן און סאָציאַל־פּאָליטישן באַזיס פון דעם קולטור־לעבן, אָבער אויך ניט מיט די ד' אמות פון דעם ריין־יידישן נאַציאָנאַלן שאַפן.

אַלע ירושות פון די ענג־צונויפגעבונדענע קולטור־ספערעס — דער אַלגע־מיין־מענטשלעכער, דער יידישער, דער וועלטלעך־יידישער, דער אַלגעמיין-סאָציאַליסטישער און דער יידיש-סאָציאַליסטישער — זיי אַלע מוזן אריינ־געגאָסן ווערן אין דעם באַסיין פון אונזער קולטור אין יידיש, וואָס וועט אַלעמאָל סיי ווי סיי האָבן אין זיך, ווי א שטענדיק אָנקוואַלנדיקן נייעם אינהאַלט, דאָס לויפנדיקע לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און פון די יידישע שאַפנדיקע כוחות, מיט זייערע קאַמפן, פּלאָגן, יסורים און דערווייַלע נאָך אַזוי ווייניק חשוב־מענטשלעכע פריידן. דער באַסיין וועט אויך מוזן אָנגעפילט ווערן מיט די באַ־פרייונג־שטרעבונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער און קלאַסן און — אין דער ערשטער ליניע — מיט די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייונג־שטרעבונגען פון דעם אייגענעם פאָלק, לויט אונדזערע סאָציאַליסטישע אידעאַלן פון אַרבעטאַרישקייט, דעמאָקראַטיע, פּאָליטישער און דער עיקר גייסטיקער פריי־הייט, קולטורעלער רייכקייט, סאָציאַלער גערעכטיקייט און גלייכקייט און אינטער־נאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט.

נאָר ווען אונדזער קולטור־טעטיקייט אין אַלע אירע צווייגן, די פּעדאַגאָגישע ניט אויסגעשלאָסן, וועט בלייבן טריי דעם קאַרדינאַלן פּרינציפּ פון „אַלגעמיין־מענטשלעכן אינהאַלט אין א נאַציאָנאַלער פאָרם" — נאָר דעמאָלט וועלן מיר קענען האָפן, אז דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער מהות פון דעם יידישן זיין אויף דער וועלט וועט אין אַלע פּרטים אויסגעגליכן ווערן מיט דעם נאַציאָנאַל-קולטורעלן מהות פון אַלע אנדערע פּראָגרעסיווע פעלקער, אז מיר, ווי א נאַציאָנאַל־באַשטימ־טע קולטור־שאַפנדיקע „איינס", וועלן אויפגענומען ווערן ניט נאָר ווי א גלייכ־באַרעכטיקט, נאָר אויך ווי א קולטורעל גלייכווערטיק פאָלק אין דער משפּחה פון די פאַרברידערטע פעלקער.

צו דעם טריאומף פון אַט דער פעלקער־פאַרברידערונג מוזן מיר שטרעבן אין דער ערשטער ליניע.

ש. ניגער / ניו־יאָרק

נייע טענדענצן אין דער יידיש־ליטעראַטור זינט נאָך דער מלחמה *)

אין אַ ל ע ליטעראַטורן האָט זיך די וועלט־מלחמה איינגעביסן, ווי אַ שלאַנ־גיקער בליץ, מאַכנדיק אַ גוואַלד־רים צווישן די נאָך־מלחמהדיקע ווערק און צווישן די, וועלכע זיינען געווען נאָך „פאַרן מבול". אַ סך אַ גוואַלדיקערע איבערקערעניש האָבן די אַכזריותדיקע געשעענישן פון 1914 און שפּעטער אָנגעמאַכט אין דער ליטעראַטור אויף יי ד י ש. אין איר האָבן זיי ניט בלויז אָפּגעשוואַכט אַלטע טענדענצן און אַריינגעבראַכט נייע — אַליין די באַדינגונגען פון איר עקסיסטענץ זיינען דורך די קאַטאַסטראָפאַלע פּאַסירונגען געענדערט געוואָרן. די רעזולטאַטן פון קריג האָבן געגעבן אַ נייע ריכטונג, אָפּט אויך אַ נייעם אימפּעט דעם עצם גאַנג פון איר אַנטוויקלונג.

די יידיש־ליטעראַטור האָט נאָך דער מלחמה באַקומען אַ נייע געאָגראַפישע מאַפּע, נייע גרענעצן; זי איז צום טייל אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ דורכויס נייער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סביבה, צום טייל איבערגעפלאַנצט געוואָרן אין אַן אַנדער גייסטיקן קלימאַט. סיי אירע פּראָדוקטן, סיי אירע „פּראָדוציר־כוחות", די שרייבער און זייערע שאַפונג־מעטאָדן, זיינען נאָכן קריג געוואָרן אַנ־דערש, ווי זיי זיינען געווען פריער.

אין וואָס באַשטייט אָט די אַנדערשדיקייט?

כדי זי קלאָרער צו זען, כדי בעסער צו פאַרשטיין אַלע נייע וועגן און אויך די נייע בלאָנדזשענישן פון דער נאָך־מלחמהדיקער ליטעראַטור אויף יידיש, וואָלט מען געדאַרפט אויסמאָלן אַ בילד פון אַלע אַנדערע איבערבראָכן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די לעבנס־תנאים — אין די געאָגראַפישע, עקאָנאָמישע, פּאָלי־טישע און אַלגעמיין־קולטורעלע לעבנס־תנאים — פונעם וועלט־יידנטום (און פון דער גאַנצער וועלט). מיר וועלן זיך אָבער באַגרענעצן נאָר מיטן ריין־ליטעראַ־רישן געביט, בלויז אָנווייזנדיק אויף די אַלגעמיין־היסטאָרישע מעטאַמאָרפאָזעס.

---

*) דער דאָזיקער אַרטיקל טראָגט מער אַן אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער און איז תחילת געווען באַשטימט פאַרן אַמעריקאַניש־יידישן פערטליאָרשריפט „דזשואיש סאָשעל סטאָ־דיעס" אין ניו־יאָרק. אין אים ווערט געמאַכט אַ פּרואוו צו געבן אַן איבערבליק איבער די וויכטיקסטע ענדערונגען אין דער ליטעראַטור אויף יידיש נאָך דער מלחמה און צו פאָרמולירן די פּראָבלעמען, וואָס זיינען מיט אָט די ענדערונגען פאַרבונדן.

.1

מיר וועלן אָנהייבן פון די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם עצם שרייבערישן „פּערסאָנאַל" פון דער יידיש־ליטעראַטור. זיי זיינען גראָד ניט געווען קיין דירעקטער רעזולטאַט פון די מלחמה־געשעענישן, אָבער זיי זיינען אויסגעפאַלן אין דער מלחמה־צייט און האָבן זיכער פאַרשטאַרקט איר ווירקונג.

צי איז עס געווען אַ צופאַל אָדער ניט, ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין די בלוטיקע יאָרן און באַלד נאָך זיי האָבן מיר פאַרלוירן שיער ניט אַלע פאָר־שטייערס פונעם אַלטן דור און אַ גרויסן טייל פונעם עלטערן דור. עס זיינען אַנשוויגן געוואָרן די גרינדער פון דער נייער יידישער ליטעראַ־טור. אינעם ערשטן יאָר פונעם וועלט-קריג, פרילינג 1915, איז געשטאָרבן י. ל. פּרץ; מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1916, איז געשטאָרבן שלום־עליכם; אין 1917 איז, זאַט מיט יאָרן, פאַרזאַמלט געוואָרן צו זיינע עלטערן דער, וואָס שלום־עליכם, זיין „אייניקל", האָט אָנגערופן „דער זיידע פון דער יידישער ליטע־ראַטור" — מענדעלע מוכר־ספרים. אויך אַנדערע וויכטיקע פאָרשטייערס פון דעם אַלטן און עלטערן דור שרייבער זיינען אין די מלחמה־ און נאָך־מלחמה־יאָרן געשטאָרבן. פון די, וואָס זיינען לעבן געבליבן, האָבן היפּשע עטלעכע אויסגעוואַנדערט און באַזעצט זיך אין דער נייער וועלט. אַזוי אַז דער נאָך־מלחמהדיקער יידיש־ליטעראַטור איז (דער עיקר אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין פּוילן און אין אַנדערע, קלענערע אייראָפּעאיש־יידישע צענטערן) באַשערט געווען צו ווייזן וואָס זי קאָן, נישט בלויז ביי גאַנץ נייע אומשטאַנדן, נאָר אויך מיט דער הילף פון כמעט גאָר אינגאַנצן אַ נייעם קאָנטינגענט שרייבער — שרייבער, וואָס זיינען אָדער אויפגעוואַקסן אין דער סביבה פון קריג, בירגער־קריג און רעוואָלוציע, אָדער זיי זיינען פון דער דאָזיקער סביבה זייער שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן.

אַ גאַנץ קליינע צאָל איז געבליבן פון יענע יידיש־שרייבער, וועלכע האָבן באַוויזן זיך איינצואָרצלען (און וואָס זיינען געבליבן איינגעוואָרצלט) אינעם באָדן פון דער פאַר־מלחמה־ און פאַר־רעוואָלוציע־ליטעראַטור. גאָר באַזונדערס וויכטיק אָבער איז דער פאַקט, וואָס די נייע יידיש־ליטעראַטור האָט זיך געמוזט שיידן מיט אירע הויפּטגרינדער, די דערמאָנטע דריי קלאַסיקער. וויכטיק איז דער דאָזיקער פאַקט נישט בלויז פאַר זיך אַליין נאָר אויך, ווי אַ סימבאָל פון דער נייער לאַגע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן — דער לאַגע פון אַ ליטעראַטור, וואָס גלייכצייטיק מיט אירע דריי צענטראַלע פּערזענלעכקייטן האָט זי פאַרלוירן איר פרידיקן צענטער, דעם צענטער, וואָס איז פאָרמירט געוואָרן אינעם פאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

דער רוסיש־יידישער קיבוץ, דער מיטלפּונקט און דער הויפּט־רעזערוואַר

פונעם יידיש־ליטעראַרישן שאַפן פאַרן קריג, איז צעפאַלן געוואָרן אויף שטיקער. פוילן איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע רעפובליק, בעסאַראַביע — אַ טייל פון רו־מעניע, בעת אין צפון־מערבדיקן טייל פונעם געוועזענעם רוסלאַנד זיינען אויפגעקומען די נייע רעפובליקן פון ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד. די געוועזענע רוסישע יידן זיינען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן פאַרשיידענע מלוכות. עס איז צעשטערט געוואָרן די איינהייט פונעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע; ממילא האָט מער נישט געקאָנט עקסיסטירן אויך די פריערדיקע גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַ געוויסע צייט האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצקייט פון דער יידיש־ליטעראַטור, ווי פון אַ יידישער וועלט־ליטעראַטור, הויבט בכלל אָן צו ווערן אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. וואָרעם גראַד אין יענעם לאַנד, וואו עס איז פריער געווען דער ה ו י פּ ט ־ צ ע נ ט ע ר פונעם אַלוועלטלעכן יידיש־ליטעראַרישן שאַפן — אינעם געוועזענעם לאַנד פון די צאַרן און איצטיקן ראַטן־פאַרבאַנד — האָט זיך גענומען ווייזן אַ שטאַרקע א י ז אָ ל י ר ו נ ג ־ ט ע נ ד ע נ ץ, די טענדענץ פון אַ יידיש־ליטעראַטור, וואָס וויל זיך אָפּרייסן פונעם נאַטירלעכן אַלגעמיין־יידישן שורש און ווערן קינסטלעך אַ צווייג פון דער אַלגעמיין־סאָוועטישער, אָדער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

אַזוי ווייט זיינען געגאַנגען די יידישע פאַרשטייערס פון דער נייער, אַזוי גערופענער פּראָלעטאַרישער קולטור אין זייער שטרעבן אינערלעך צו ד ע נ אַ ־ צ י אָ נ אַ ל י ז י ר ן די יידישע ליטעראַטור און אַרויפצוודריקן אויף איר דעם ניוועלירנדיקן סאָוועטיש־פּראָלעטאַרישן קלאַסנשטעמפּל, אַז זיי האָבן תחילת געהאַט אפילו אַ ווידערווילן צו דעם יידיש, וואָס עס באַנוצן יידן אין „בורזשואַזע" לענדער. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ צו „בורזשואַזע" שפּראַך. האָבן זיי געוועזן געמאַכט אַ פּרוואו אויסצוראָטן פון זייער יידישן לשון די אַלע עלעמענטן, וואָס שטאַמען פון דער טיף־פאַרוואָרצלטער יידישער קולטור־טראַדיציע, „פאַרווערן" די גאַנצע לעקסיק, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דעם פאַר־רעוואָלוציאָנערן יידישן לעבנסשטייגער. זיי האָבן אָנגעהויבן פון „נאַטוראַליזירן" דעם אויסלייג פון די העברעאיש־אַראַמישע ווערטער, וועלכע געפינען זיך אין יידיש, דערנאָך האָבן זיי די ווערטער גופא געוואָלט אַרויסשטויסן פונעם ליטעראַרישן געברויך. זיי האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט לשון־קודש, איז שייך צום רעליגיעזן לעבנסשטייגער, צום רעליגיעזן לעבנסבאַנעם — און פּונקט אַזוי ווי די רעליגיע אַליין, איז אויך דער רעליגיעזער וואָרט־אוצר באַטראַכט געוואָרן ווי „אָפּיום פאַרן פאָלק".

אָבער ניט בלויז דער אינסטרומענט פון יידיש־ליטעראַרישן שאַפן — דאָס עצם ליטעראַרישע שאַפן האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו דער ווייט ניט קלאָרער און ווייט ניט סטאַבילער, אָבער זייער שטרענגער „פּראָלעטאַרישער" דאָגמע.

דער סוף איז געווען, אַז צווישן דער סאָוועטישער יידיש־ליטעראַטור און

דער יידיש־ליטעראַטור אין אַנדערע לענדער איז אויסגעוואַקסן אַ וואַנט. די פּויליש־יידישע און די אַמעריקאַניש־יידישע ליטעראַרישע שאַפונגען האָבן פאַר די שרייבער און פאַר די לייענער פון ראַטן־פאַרבאַנד אויפגעהערט צו עקסיסטירן (אויך די ר ו ס י ש ־ י י ד י ש ע ליטעראַרישע ווערק, אויב נאָר זיי האָבן געשטאַמט פון פאַר „אָקטאָבער", זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם). אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר די „פּיאָנערן פון דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע", וועלכע זיינען סוף 19־טן יאָרהונדערט אויפגעקומען אין אַמעריקע (מאָרים ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָווּשאָווער). אויך איינציקע רע־וואָלוציאָנערע ווערק פון אַנדערע פאַר־אָקטאָבער־שרייבער זיינען טאָלערירט גע־וואָרן. אינגאַנצן גענומען, איז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור געווען אַוועק אויף אַזאַ ענג־פּאָליטישן און ענג־פּאַרטייאישן וועג, אַז ס'איז געווען אַ סכנה, זי זאָל אינגאַנצן ניט אָפּנעריסן ווערן פונעם אַלגעמיין־יידישן ליטעראַרישן שטראָם און אַז ניט זי זאָל ביי אים עפּעס קענען נ ע מ ע ן , ניט זי זאָל אים קענען עפּעס ג ע ב ן . די סכנה איז אויך איצט דאָ; זי ווערט אָבער וואָס ווייטער אַלץ קלענער. די פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע שפּילט שוין מער ניט אין ראַטן־פאַרבאַנד די ראָלע, וואָס זי האָט אַמאָל געשפּילט. אַ סאָוועטישער וואַריאַנט פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פאַרנעמט בײַסלעכווייז דעם אָרט פונעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־באַוואוסטזיין. אינאיינעם דערמיט הייבט מען אָן זיך אומצוקערן — אין דער קינדער־דערציִאונג, אין דער פּראָפּאַגאַנדע און אויך אין דער ליטעראַטור — צו דער ירושה, אָדער ריכטיקער — צו אַ טייל ירושה פון די פריערדיקע דורות. די דאָזיקע מעטאַמאָרפאָזע קומט פאָר אין דעם אַלגעמיינעם רוסישן קולטור־לעבן, אין דעם לעבן פון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן — און אין אַ שוואַכער מאָס אויך אין דעם יי ד י ש ן לעבן. ווי אַ רעזולטאַט דערפון ווייזט מען איצט אַרויס מער אינטערעס ווי פריער צו די יידישע קלאַסיקער און מען זונדערט זיך שוין ניט אָפּ אַזוי שטאַרק, ווי פריער, פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַנ־דערע לענדער. פאַרמאָגן די מער טאַלאַנטפולע ווערק פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור — אַזוינע ווערק, ווי דוד בערגעלסאָנס אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן „ביים דניעפּר", משה קולבאַקס סאַטירישע דערציילונג „זעלמעניאַנער" (ערשטער טייל), אייניקע פּאָעמעס פון דוד האָפשטיין, פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, איזי כאַריק און אַנדערע — עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ ווערט אויך פאַר יענע לייענער, וואָס פילן ניט קיין טעם אין דער ספּעציפיש־פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. און ס'איז אַ פאַקט, אַז אַ טייל פּראָזע־שאַפונגען, ווי אויך אַ טייל לידער פון די דערמאָנטע און אַנדערע סאָוועטיש־יידישע דיכטער ווערן געלייענט און אָפּ־געשאַצט אויך אויף יענער זייט גרענעץ פון ראַטן־פאַרבאַנד. אַזוי אַז עס ציען זיך פאַרט געוויסע פעדים פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד צו דעם יידיש־ליטעראַרישן לעבן פון אַנדערע לענדער — און פאַרקערט. דאָך איז ניטאָ מער יענע נאָענטע קרובהשאַפט, וועלכע איז אַמאָל געווען צווישן די

שרייבער און לייענער פון איין לאַנד און צווישן די שאַפער און געניסער פונעם יידישן וואָרט אין די אַנדערע לענדער.

ניט נאָר סאָוועט־רוסלאַנד פירט פאַר זיך אַליין אַ ליטעראַרישע באַלעבאַטישקייט. אויך אין יעדן אַנדער צענטער פונעם יידיש־ליטעראַרישן לעבן — דערהויפּט אָבער אין פּוילן און אין אַמעריקע — מערקט זיך זינט נאָכן קריג אַ שטאַרקערע טענדענץ ווי פריער צו שאַפן „אַן אייגענע" יידיש־ליטעראַטור — אַ פּויליש־יידישע, אַן אַמעריקאַניש־יידישע. אפילו אין די ייִנגערע יידישע ישובים — און ניט נאָר אין קאַנאַדע אָדער אין אַרגענטינע, וואו אַ יידישע פּרעסע און דער אָנהויב פון אַ יידישער ליטעראַטור האָט זיך גענומען אַנטוויקלען נאָך פאַרן וועלט-קריג — אפילו אין אַזעלכע גאָר יונגע יידישע קאָלאָניעס, ווי אין בראַזיל אָדער מעקסיקע, אײַלן זיך יידיש־שרייבער „איינצואוואָרצלען זיך", אָדער צו שאַפן זיך אַ ן א י ל ו ז י ע פון „איינגעוואָרצלטקייט" אינעם נייעם באָדן און צו זיין ניט סתם־אַזוי יידיש, נאָר — בראַזיליאַניש־יידיש, מעקסיקאַניש־יידיש אד"גל.

אויסגעוואַקסן אין דער צייט און אין דער אַטמאָספער פון מלחמה, אויסגעוואָרצלט און המיילאָז פון די קינדער־יאָרן אָן, ב ע נ ק ע ן ז יי ש ט אַ ר ק נ אָ ך אַ ה יי ם , לעכצן נאָך אַ באָדן, וואָס זאָל כאָטש ליטעראַריש ווערן זייערער. און ווען אַ ליטעראַטור און אַ שפּראַך, וואָס געוויינטלעך זיינען זיי די שאַפונגען פון דורות, וואָלטן געקענט זיך אַזוי לייכט און אַזוי שנעל אַקלימאַטיזירן אין אַ נייער פיזישער און קולטורעלער סביבה, ווי שנעל און לייכט דער יידישער יחיד בירגערט זיך איין, וואָלט די דערמאָנטע שטרעבונג פון דער יידיש־ליטעראַטור — זיך וואָס גיכער איינצופונדעווען אין יעדער נייער היים באַזונדער — געוואָרן אפשר אַ גאַנץ געזונטע און פּרוכפּעריקע שטרעבונג. צום באַדויערן אָבער זיינען די „נאַטורעליזיישאָן-פּייפּערס", וואָס דער יידישער אימיגראַנט איילט זיך צו נעמען, נאָך ניט די נ אַ ט ו ר פונעם נייעם לאַנד און נייעם פאָלק — און הינטער דעם „מעקסיקאַנער" אָדער „קובאַנער" פּייזאַזש, וואָס ער כאַפּט זיך מאָלן אין זיינע פּאָעמעס, באַהאַלטן זיך אָפט די בערגלעך, אויב ניט די בלאָטעס, פון זיין היימישן שטעטל אין בעסאַראַביע אָדער אין פּוילן. דער נאַטירלעכער פאַרלאַנג פונעם יידיש־שרייבער וואָס שנעלער זיך איינצוהיימישן אין דער נייער היים פירט אָפט צו קינסטלעכקייט און צו דעם היפוך פון איינגעוואָרצלטקייט — צו אויבנאויפיקייט. אין די קלענערע ישובים איז עס, אַ חוץ אַלעמען, פאַרבונדן מיט דער סכנה פון גייסטיקן פּראָווינציאַליזם...

אָבער ניט די דאָזיקע לאָקאַלע פּראָבלעמעס אינטערעסירן אונדז דאָ. איך האָב געוואָלט נאָר אָנווייזן אויפן פאַקט, אַז די טענדענץ צו פירן אַן אייגענע ליטעראַרישע באַלעבאַטישקייט, די טענדענץ פון ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ר א ו ט אַ ר ק י ע, די טענדענץ, וועלכע האָט זיך אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט אין סאָוועטנלאַנד, האָט זיך אין אַ שוואַכערער פאָרם באַוויזן אויך אין אַנדערע מקומות. אין אַ שוואַכערער פאָרם — ווייל דאָרט איז ניט פאָרגעקומען קיין רעוואָלוציע

און עס איז ניט איינגעפירט געוואָרן די דיקטאַטור פון איין באַשטימטער אידעאָלאָגיע. אין פּוילן אָדער אין אַמעריקע איז דער יידיש־שרייבער ניט געצוווּנגען צו זיין פּויליש אָדער אַמעריקאַניש: אויב ער איז עס, איז ער עס פרייוויליק. אין סאָוועט־רוסלאַנד מ ו ז ער זיין סאָוועטיש. איז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור ניט אַן ערך מער א י ז אָ ל י ר ט פון דער אַלייגעמיין יידישער ליטעראַטור, ווי די יידיש־ליטעראַרישע פּראָדוקציע אין יעדן אַנדער לאַנד. אָבער אויך אין אַנדערע לענדער איז, ווי געזאָגט, גרעסער געוואָרן די ראָלע פון אָרטיקע איינפלוסן — און זי איז גרעסער געוואָרן אָדער דערפאַר, ווייל די אָרטיקע יידישע ישובים זיינען עלטער געוואָרן, אָדער דערפאַר, ווייל די איזאָלירנדיקע ווירקונג פון דער לאָקאַלער סביבה ווערט שוין מער ניט באַלאַנסירט פון דער פאַראייניקונג־השפּעה, וועלכע עס האָט געהאַט אַמאָל דער גרויסער יידיש־ליטעראַרישער צענטער פונעם פאַר־מלחמהדיקן און פאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

דער חורבן פונעם פאַראייניקנדיקן ליטעראַרישן צענטער אינעם געוועזענעם רוסלאַנד האָט קיין געזונט ניט צוגעגעבן דער יידיש־ליטעראַטור. אין איין פּרט אָבער איז — מ ע ז י צ א מ ת ו ק: די אָפּשוואַכונג פון דער פירנדיקער ראָלע פון דעם רוסיש־יידישן ליטעראַרישן צענטער האָט פאַרשנעלערט דעם וואוקס און פאַרשטאַרקט דעם איינפלוס פונעם יידיש־ליטעראַרישן צענטער אין א מ ע ר י ק ע. דער לעצטער איז, אמת, וויכטיק געווען שוין פאַר דער מלחמה אויך: אים האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די שנעלע אַנטוויקלונג פון עטלעכע זייער וויכטיקע ליטעראַרישע געביטן. אין אַמעריקע האָט אויפגעבליט דער י י ד י ש ע ר ז ש ו ר נ אַ ל י ז ם אין אַלע זיינע פאָרמען. און ניט נאָר דאָס אַליין: ד י ל י ט ע ר אַ ט ו ר־ א ו ן ט ע אַ ט ע ר־ק ר י ט י ק, ד י פּ אָ פּ ו ל ע ר־ו ו י ס נ ש אַ פ ט ל ע כ ע ליטעראַטור, ווי אויך די א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג־ליטעראַטור אויף יידיש איז אין אַמעריקע אויפגעקומען פריער, ווי אין די אַנדערע יידישע צענטערן; די ד ר אַ מ ע, די ל י ר י ש ע פּ אָ ע ז י ע, אויך די „פּראָלעטאַרישע" פּאָעזיע אויף יידיש האָט אירע בעסטע פאָרשטייערס געהאַט אין אַמעריקע נאָך פאַרן קריג. אָבער, ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, איז די יידישע אַמעריקע ניט געווען קיין צענטער פון השפּעה אינעם יידיש־ליטעראַרישן שאַפן. עס זיינען געווען דאָ אַ סך יידישע ליטעראַטן — עס איז נאָך ניט געווען קיין יידישע ליטעראַטור. כדי פון די איינציקע ליטעראַטן און ליטעראַרישע ווערק זאָל ווערן אַ ל י ט ע ר אַ ט ו ר, איז נויטיק אַ געוויסע איינגעפונדעוועטקייט און אַן אַטמאָספער פון גלויבן אין די אייגענע כוחות. קיין איינגעפונדעוועטקייט און קיין סטאַבילקייט איז נאָך ניט געווען. דער עיקר האָט געפעלט גלויבן אין די אייגענע כוחות. מאַטעריעל איז מען געווען רייכער, ווי אין דער אַלטער היים, און מען האָט זי שוין לאַנג אָנגעהויבן צו שטיצן מיט געלט. אָבער ג יי ס ט י ק און ל י ט ע ר אַ ר י ש איז מען נאָך אַלץ געווען אירע אַ קאָלאָניע — אַזוי ווי די פאַראייניקטע שטאַטן בכלל זיינען ליטעראַריש געבליבן

אַן ענגלישע קאָלאָניע נאָך דעם, ווי פּאָליטיש זיינען זיי שוין לאַנג געווען אַן אומ־אָפּהענגיקע רעפּובליק... אָט די לאַגע פון ליטעראַרישער ניט־זעלבשטענדיקייט האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן אין די מלחמה־יאָרן. אין רוסלאַנד זיינען אין יענע יאָרן די קוואַלן פונעם יידיש־ליטעראַרישן לעבן געוואָרן אַלץ שוואַכער, אין אַמעריקע — אַלץ שטאַרקער. אין רוסלאַנד איז די יידיש־ליטעראַרישע פּראָדוקציע אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז זי האָט ניט געהאַט שוין כמעט וואָס צו געבן דעם אַמע־ריקאַנער יידישן לייענער אָדער שרייבער. און ווען אפילו זי זאָל ניט האָבן פּאַראַליזירט געוואָרן, וואָלטן יידישע ביכער און זשורנאַלן פון רוסלאַנד סיי־ווי ניט געקענט מער אימפּאָרטירט ווערן קיין אַמעריקע — צוליב רײן־טעכנישע מניעות. די יידישע אַמעריקע איז ליטעראַריש געווען אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. אַמעריקע האָט אָנגעהויבן איבערצונעמען די ירושה פון דער אַלטער היים.

אָבער ניט נאָר די דערמאָנטע — רײן־נעגאַטיווע — סיבות האָבן געפירט צו דער פאַרשטאַרקונג פונעם יידיש־ליטעראַרישן צענטער אין אַמעריקע. עס זיינען געווען אויך פּ אָ ז י ט י וו ע סיבות. די אַמעריקאַנער יידן האָבן, צוליב דעם חורבן פון די יידישע קהילות אין דער אַלטער היים, אָנגעהויבן צו פילן די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס זיי טראָגן אויף זיך פאַרן גורל פונעם יידישן פאָלק. עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל און נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין פונעם גרעסטן טייל יידן אין אַמעריקע. עס איז אויפגעוועקט געוואָרן ביי זיי אַ מער אַקטיווער אינטערעס צו אַ ל ע יידישע אָנגעלעגנהייטן — און אויך צו די אָנגעלעגנהייטן פונעם יידישן וואָרט. דערצו האָבן זיך אָנגעהויבן די „זיבן זאַטע יאָר“, די יאָרן פון מלחמה־פּראָספּעריטעט, און אפילו די, וואָס האָבן געהאַט פאַרשטאָפּטע הערצער, האָבן געעפנט דעם — פול־געוואָרענעם — בייטל. מען האָט אָנגעהויבן לעבן ברייט, אויסגעבן געלט אויף לוקסוס־זאַכן. האָט מען זיך פאַרגינען אויך אַזאַ מין „לוקסוס־אַרטיקל“, ווי יידישע ביכער. און גראָד דעמאָלט, ווען אין רוסלאַנד האָט די יידישע ליטעראַטור געהאַט אַ שלאָס אויפן מויל, דעם שלאָס פון צאַרישע גזירות און צאַרישער צענ־זור, זיינען אין אַמעריקע אויפגעקומען יונגע און אונטערנעמונגס־פעאיקע יידי־שע ביכער־פאַרלאַגן. און אַ חוץ פאַרשיידענע זשורנאַלן און זאַמלביכער, זיינען דאַן אַרויס די געזאַמלטע ווערק פון שיער ניט אַלע עלטערע און יינגערע יידישע שרייבער. אַגב איז באַלד נאָך דער מלחמה באַנייט געוואָרן דער שטראָם איינ־וואַנדערונג, און ער האָט מיט זיך געבראַכט אי נייע לייענער, אי נייע שרייבער פון דער אַלטער היים.

די פריערדיקע ליטעראַרישע צענטערן זיינען צום טייל אויסגעליידיקט גע־וואָרן. דער נייער יידיש־צענטער איז געוואָרן אַלץ פולער, אַלץ רייכער, און עס איז אָנגעשטאַנען אַ פּעריאָד פון אַן אמתער יידיש־ליטעראַרישער אויפלעבונג אין דער נייער היים. ניט נאָר איז דאָס, וואָס איז דאָ ביז דעמאָלט געשריבן געוואָרן, אויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוכפאָרם — עס זיינען געשאַפן

געוואָרן אַ סך נ י י ע ווערק, וואָס האָבן אַ גרויסע באַדייטונג. אַ. ליעסין, וועלכער האָט יאָרנלאַנג ניט געשריבן קיין לידער, האָט נאָכן קריג פאַרנומען ווידעראַמאָל דעם רוף פון זיין לירישער מוזע — און דער גרעסטער און רייפסטער טייל פון די דריי בענד „לידער און פּאָעמעס", וואָס זיינען נאָר וואָס אַרויס פון דרוק, איז געשאַפן געוואָרן אין די לעצטע צוויי צענדלינג יאָרן. אויך יהואש פּאָעזיע איז באַנייט געוואָרן אין די נאָך־מלחמה־יאָרן — און ער האָט אונדז געגעבן „אין געוועב", זיינע געלייטערטסטע און ראַפינירטסטע פּאָעטישע שאַ־פונגען, שוין ניט גערעדט וועגן זיין תנ"ך־פאַריידישונג. דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן דער גרופּע „יונגע" און וועגן כמעט אַלע, עלטערע און יינגערע, יידישע שרייבער אין אַמעריקע: זייער אַלעמענס שאַפונג האָט אין דער נאָך־מלחמה־צייט געהאַט איר אויפבלי־פּעריאָד. און די היגע יידיש־ליטעראַטור האָט אויפגעהערט צו פילן זיך ווי אַ „קאָלאָניע" און איז געוואָרן זעלבשטענדיק. זי איז — אין כמות און אין איכות — אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז זי האָט אָנגעהויבן אויסצו־שפּרייטן איר ווירקונג איבער דער יידיש־ליטעראַטור פון אַנדערע לענדער — אַזוי אַז מען האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן צו דיסקוטירן די פראַגע וועגן דער ה ע ג ע מ אָ נ י ע פון דעם יידיש־ליטעראַרישן ניו־יאָרק איבער דער יידיש־ליטעראַרישער װאַרשע אָדער מאָסקווע...

.2

מאַכנדיק אַ קורצן סך־הכל פון דער ערשטער סעריע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין משך פון די לעצטע צוויי צענדלינג יאָר אינעם אַלוועלטלעכן שטראָם פון יידיש־ליטעראַרישן לעבן, קען מען זאָגן, אַז זיי האָבן זיך אויסגע־דריקט אין דעם, וואָס, פון איין זייט, ווערט דער דאָזיקער שטראָם צ ע ר י ס ן אוי פ ט יי ל ן און איז שוין מער ניט אַזוי איינהייטלעך, ווי ער איז געווען פאַר דער מלחמה, און פון דער אַנדער זייט שפּרייט ער זיך אויס, אינאיינעם מיט דער גרויסער יידישער וואַנדערונג, איבער נ יי ע ל ע נ ד ע ר, קריגט צו נייע קראַפט־צענטערן און נייע אָפּצווייגונגען... עס חזרט זיך איבער דאָס אַלטע פאָלקס־מעשהלע: קינדער פון איין טאַטן און איין מאַמען האָבן זיך געלאָזט איבער דער וועלט זוכן גליק. יעדערער איז אַוועק אין אַן אַנדער זייט... ווען עס איז וועלן זיי זיך ווידער באַגעגענען. יעדערער וועט ברענגען עפּעס, וואָס די איבעריקע האָבן ניט, און עס וועט ווידער זיין איין משפּחה — אַ באַרייכערטע. דערוויילע — איז מען צעזייט און צעשפּרייט...

יעדער פון אונדזערע דריי גרעסערע ליטעראַטור־צענטערן — סאָוועט־רוס־לאַנד, פּוילן, אַמעריקע — לעבט זיין אייגן לעבן, האָט זיינע שאַרפע אייגנאַרטי־קייטן.

אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט יידיש און יידישע ליטעראַטור מלוכה־רעכט. די יידישע ליטעראַטור, אַזוי ווי דאָס גאַנצע יידישע קולטור־לעבן, האָט אַלע פּריווי־

לעגיעס, וועלכע עס האָט די ליטעראַטור און די גאַנצע קולטור פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. דאָך האָבן מיר ניט יענע ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ד ע ר ־ ג ר יי כ ו נ ג ע ן, אויף וועלכע אייניקע פון אונדז האָבן זיך גערעכט. און שולדיק אין דעם איז ניט נאָר דער פּאַרטיי־קאָנטראָל, דער דרוק פון דער „פּראָ־לעטאַרישער דיקטאַטור", וועלכער לאָזט נאָך אַלץ ניט צו די פרייע אַנטוויקלונג פון אַלע קינסטלערישע און אינטעלעקטועלע כוחות. שולדיק איז ניט נאָר די קלאַסן־און קלאַסנקאַמף־טענדענץ, וועלכע לאָזט נאָך אַלץ ניט צו די ליטעראַטור צו די טיפערע קוואַלן פון דער נאַציאָנאַלער ירושה. אַ שטער איז אויך דאָס, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, דערהויפּט פון דער יוגנט, איז צוליב עקאָנאָמישע סיבות געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן די איינגעזעסענע ערטער אינעם געוועזענעם תחום, איז צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער אַלע עקן ראַטן־פאַרבאַנד און איז אין אַ באַדייטיקער מאָס רוסיפיצירט, אָדער אפילו אוקריי־ניזירט געוואָרן. ניט קיין קלענערע מניעה איז דאָס, וואָס צו די נאַציאָנאַלע מינאָריטעט־רעכט איז ניט צוגעקומען קיין נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, קיין נאַ־ציאָנאַלע אידעאָלאָגיע, וואָס זאָל אַקטיווירן און קאָנסאָלידירן די באַמיאונגען אויסצונוצן די נאַציאָנאַלע רעכט אין אַ פולער מאָס... עס פילט זיך ניט קיין ע נ ט ו ז י אַ ז ם אינעם קאַמף פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ יידישער קולטור.

אַ פאַרקערטע לאַגע איז אין די אַנדערע צוויי גרויסע צענטערן פון דער היינטיקער יידיש־ליטעראַטור — אין פּ ו י ל ן און אין אַ מ ע ר י ק ע : אין די דאָזיקע צוויי לענדער זיינען די אינעווייניקסטע קוואַלן פון יידישן שאַפן פריי און אָפן, אָבער די דרויסנדיקע אומשטאַנדן, די תנאים פון דער סביבה, זיינען וויט ניט גינציק. אין פּוילן שטערט דער פרייער און פולער אַנטוויקלונג פון די יידישע שאַפונג־כוחות דאָס, וואָס יידן האָבן ניט קיין ברויט און האָבן ניט קיין פרייהייט. אין אַמעריקע זיינען יידן, פאַרקערט, „צו" זאַט און „צו" פריי. ווען יידן לעבט זיך גוט — ו י ל ן זיי ניט האָבן קיין פול אייגן קולטור־לעבן, ווען זיי איז שלעכט — ק ע נ ע ן זיי עס ניט האָבן...

דאָס איז ריכטיק, אָבער — צום גליק — ניט אינגאַנצן ריכטיק. והא ראיה, סיי אין פּוילן, סיי אין אַמעריקע האָט די יידיש־ליטעראַטור צו פאַרצייכענען אַ היפּש ביסל אויפטואונגען.

וואָס ווייטער, אַלץ מער אָרט פאַרנעמען אין דער יידיש־ליטעראַטור — אין דער פּאָעזיע, אַזוי גוט ווי אין דער פּראָזע — אַלגעמיינע, ניט דווקא יידישע, סוזשעטן. וואָס ווייטער, אַלץ מער דרינגען אין איר אַריין אַ ו נ י ו ו ע ר ס אַ ל ע מ אָ ט י ו ו ן.

פאַרשוינען, וואָס זיינען ניט קיין יידן, פּאַסירונגען, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיטן יידישן לעבן, זיינען אין דער יידיש־ליטעראַטור פון פאַר דער מלחמה און פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע געווען אַ זעלטנהייט. טאָמער איז ביי מענ־דעלען דאָ אַ גוי, איז ער אַ „שבת־גוי", ביי שלום־עליכמען איז ער — אַ „פּאָ־גראָמשטשיק". איצט באַגעגנט איר ניט־יידן כמעט אין יעדן יידישן ראָמאַן און

אפילו אין פּאָעמעס, אויב זיי טראָגן אַ דערציילערישן כאַראַקטער. מיט וואָס דערקלערט זיך עס? פריער ווי אַלץ דערמיט, וואָס די יידישע, אַזוי ווי די אַלגע־מיינע ליטעראַטור האָט אין די לעצטע צוויי צענדליגג יאָרן אָפּגעגעבן ניט אַן ערך מער אָרט ווי פריער אַזוינע טעמעס, ווי מלחמה אָדער בירגער־קריג, קלאַסן־קאַמף אָדער רעוואָלוציע. שילדערנדיק און באַלייכטנדיק אַזוינע אוניווערסאַלע קעגנשטאַנדן, האָט די יידיש־ליטעראַטור ניט געקענט בלייבן אין די גרענעצן פון „געטאָ", בפרט נאָך, אַז דאָס „געטאָ"־לעבן גופא איז מער ווי פריער אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם אַלגעמיינעם קולטור־שטראָם. ניט נאָר אין אַמעריקע און אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואו געטאָ איז ניט מער ווי אַ געאָגראַפישער טערמין, אפילו אין יענע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, וואו עס האָט נאָך אַלץ אַן עקאָנאָמישן אָדער גאָר אַ רעכטלעך־פּאָליטישן באַטייט, — זיינען יידן אין דעם נאָך־מלחמה־און רעוואָלוציע־פעריאָד געקומען אין אַ נאָענטערער, וועגן אפילו ניט שטענדיק פריינדלעכערער, באַרירונג מיט דער אַרומיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג. די ווענט פון געטאָ, וואָס אין איניקע לענדער ווערן זיי איצט צוריק אויפגעשטעלט, זיינען באַלד נאָכן קריג געפאַלן אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע, און אומעטום זיינען געבויט געוואָרן בריקן — צום באַדויערן, ניט שטענדיג פעסטע און זיכערע בריקן — צווישן דעם יידישן און דעם אַלגעמיינעם לעבן. עס זיינען אָנגעקומען יאָרן פון גרויסע האָפענונגען און נאָך גרעסערע אנטוישונגען, און די יידישע מאַסן פון יענער זייט ים זיינען אין די דאָזיקע שווערע און פאַטאַלע יאָרן ניט געווען איינגעשלאָסן אין זיך אַליין. זיי זיינען אַגב געטריבן געוואָרן פון איין אָרט צום אַנדערן, אויסגעוואָרצלט געוואָרן פונעם אַלטן איינגעזעסענעם באָדן, געלאָפן וואו די אויגן האָבן געטראָגן און געמוזט זיך צופּאַסן צו נייע, אָפט פיינטלעכע, אומשטאַנדן. דאָס אַלץ האָט זיי געמאַכט ניט בלויז דערפאַרענער, נאָר אויך וועלט־לעכער. עס האָט זיך אגב געענדערט אויך די דערציאונג פונעם יונגן דור. ווי דאָס גאַנצע יידישע קולטור־לעבן, איז אויך די דערציאונג געוואָרן נעענטער צו דער מאָדערנער קולטור. דאָס אַלץ האָט געווירקט אויך אויף דער שפּראַך און דער ליטעראַטור פון דעם יידישן פאָלק. זיי זיינען געוואָרן באַוועגלעכער, דינאַמישער, וועלטלעכער, און דער עיקר — נעענטער צו דער ליטעראַטור פון דער וועלט. אויך פריער האָט די לעצטע, דירעקט אָדער אומדירעקט, באַאיינפלוסט דאָס יידי־שע ליטעראַרישע שאַפן, אָבער קיינמאָל איז צווישן זיי ניט געווען אַזאַ ענגער קאָנטאַקט, ווי אין די לעצטע צוויי צענדליגג יאָרן. אַלע נייע ריכטונגען און אפילו נייע מאָדעס אין דער אַלגעמיין ליטעראַרישער וועלט האָבן געהאַט און האָבן איצט זייערע פאָרשטייערס, אָפט אויך זייערע אָרגאַנען, אין דער יידיש־ליטע־ראַטור. זי האָט מיטגעמאַכט — און נאָכגעמאַכט — אַלע נייע עקספּערימענטן. זי האָט געהאַט אירע אייגענע „עקספּרעסיאָניסטן" און „אימאַזשיניסטן", זי האָט אירע אייגענע פּרעדיקער פון „פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור" און „סאָציאַליס־טישן רעאַליזם".

יידיש איז נעענטער געוואָרן צום אַלגעמיינעם שטראָם פונעם ליטעראַרישן

לעבן — האָט דאָס געפירט דערצו, אַז מען זאָל מער ווי פריער איבערזעצן פון אַנדערע שפּראַכן, אַזוי אַז כמעט יעדעס וויכטיק ווערק, וואָס ווייזט זיך אויפן אייראָפּעאישן אָדער אַמעריקאַנישן ביכער־מאַרק, ווערט פריער אָדער שפּעטער איבערגעזעצט אויף יידיש. מען זוכט אויך אָנצויאָגן, וואָס מען האָט פאַרשפּעטיקט בנוגע דער פאַריידישונג פון די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור. און ס'איז אוודאי ניט קיין צופאַל, וואָס אין דער זעלביקער צייט, ווען די יידיש־ליטעראַטור דערנענטערט זיך אַלץ מער און מער צו אַנדערע ליטעראַטורן, ווייזן זיי, פון זייער זייט, אַרויס מער אינטערעס צו יידיש־שרייבער. און ביכער, וואָס ווערן איבערגעזעצט פון יידיש, פאַרנעמען איצט אָפט אַן אָרט צווישן די בעסט פאַרקויפטע ביכער פון דעם ענגלישן, רוסישן, אָדער — פריער — דייטשן ביכער־מאַרק. די דאָזיקע דערנענטערונג ווערט סימבאָליזירט דורך דעם פאַקט, וואָס יידיש־שרייבער געהערן צום אינטערנאַציאָנאַלן „פּען־קלוב” אין די דעמאָקראַטישע לענדער און צו דער אַלגעמיינער אַסאָציאַציע פון סאָוועטישע (פריער פּראָלעטאַרישע) שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד.

3.

די טענדענץ זיך אויסצושפּרייטן און דערנענטערן צו דער אַרומיקער וועלט האָט געווירקט ניט נאָר אויף די טעמעס און די מאָטיוון פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און ניט נאָר אויף דער גרויסער פאַרמערונג פון דער צאָל איבערזעצונגען. עס איז פאַרגעקומען אַן עקספּאַנסיע אויך אין אַנדערע ריכטונגען.

עס איז ברייטער געוואָרן דער ר יי ן ־ ג ע אָ ג ר אַ פ י ש ע ר שטח פון די יידיש־ליטעראַרישע צענטערן. עס איז שווער איצט צו געפינען אַ יידישן ישוב, וואו עס זאָל ניט עקסיסטירן קיין יידישע פּעריאָדישע פּרעסע און עס זאָלן ניט געדרוקט ווערן קיין ביכער אויף יידיש. אין פּאַריז, אין בריסל, אין אַנטווערפּן, ניט נאָר אין מזרח־אייראָפּע, ווערן געדרוקט יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. אין בראַזיל, אין מעקסיקע, אין קובאַ, ניט נאָר אין קאַנאַדע, אין אַרגענטינע, אין דרום־אַפריקע און אין אַנדערע עלטערע יידישע ישובים זיינען דאָ יידישע זשורנאַליסטן, יידישע פּאָעטן, יידישע דערציילער. די דאָזיקע ריין־געאָגראַפישע אויסשפּרייטונג פונעם יידישן וואָרט באַהאַלט אין זיך, ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, סכנות — די סכנה פון צעברעקלונג, די סכנה פון צו שטאַרקע צענטריפוגאַלע טענדענצן, ווי אויך די סכנה פון פּראָווינציאַליזם, וואָס באַווייזט זיך אין אייניקע ערטער, ניט געקוקט אויף דער פריער דערמאָנטער אוניווערסאַליסטישער טענדענץ. אויסגעשפּרייטקייט מיינט אַלעמאָל אויך צעשפּרייטקייט, צעוואָרפנקייט. אָבער דער עיקר, אויף וואָס איך האָב געוואָלט אָנווייזן, איז דער פאַקט, וואָס די אַרענע פון יידיש איז איצט שוין שיער ניט די גאַנצע יידישע וועלט, ניט נאָר, ווי עס איז געווען פריער, מזרח־אייראָפּע און די פאַראייניקטע שטאַטן. „יידיש־לאַנד” האָט צוגעקראָגן אַן אַ שיעור „קאָלאָניעס”.

און ניט בלויז די צאָל יידישע ישובים, וואו יידיש ווערט געשריבן און גע־לייענט, איז געוואַקסן; אויך די צאָל י י ד י ש ע ש ר י י ב ע ר איז ווייט ניט אין ערך גרעסער, ווי אין אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

עס זיינען איצט דאָ מער שרייבער און אויך — מ ע ר ש ר י י ב ע ר י נ ס. ביז מיט אַ פּאָר צענדליגג יאָר צוריק זיינען געווען עטלעכע געציילטע פרויען אין דער יידיש־ליטעראַטור, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין משך פון הונדערטער יאָרן איז זי געווען באַשטימט דער עיקר פאַר פרויען. איצט באַגעגענען מיר זיי זייער אָפט. מיר טרעפן זיי אין דער פּראָזע און אין דער פּאָעזיע, דערהויפּט — אין דער פּאָעזיע. צי נעמט זיך עס דערפון, וואָס אין אַלע ליטעראַטורן האָט זינט נאָכן קריג די פרוי אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַ גרעסערן אָרט, ווי פריער, צי עס זיינען געווען דערצו ס פּ ע צ י ע ל ע סיבות אין דער יידיש־ליטעראַטור — אַ פאַקט איז, אַז די יידיש־מוזע אינספּירירט איצט אויך די פרוי און ניט ווי פריער נאָר דעם מאַנצביל.

צו גלייכער צייט האָט די יידיש־ליטעראַטור צוגעצויגן אין אַ באַדייטיקער צאָל שרייבער, וועלכע האָבן פריער געשריבן נאָר אין אַנדערע שפּראַכן. און אויך דאָס איז אַ נייס... ווען שלום־עליכמען איז, פּונקט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, געלונגען צו פאַראינטערעסירן מיט זיינע יידיש־זאַמלביכער („די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק") עטלעכע יידישע פאַרשטייערס פון דער רוסישער און העברע־אישער ליטעראַטור, איז עס געווען אַ יום־טוב. אין די לעצטע פאָר צענדליגג יאָר איז עס אַ טאָג־טעגלעכע זאַך, אַז יידן, וואָס שרייבן אין אַנדערע לשונות, דער עיקר אין רוסיש, זאָלן אָנהויבן אָנטיילצונעמען אין דער ליטעראַטור און פרעסע פון יידיש.

בכלל זיינען נייע נעמען אין דער יידיש־ליטעראַטור איצט ניט אַזאַ נאָווינע ווי פריער, און אפילו פון נייע אמתע טאַלאַנטן ווערט מען איצט שוין ניט מער נתפּעל, אַזוי ווי אַמאָל. מען זאָרגט זיך, וואָס עס זיינען ניטאָ קיין סך לייענער — שרייבער פעלן ניט. אין די צענדליגגער, ניין — אין די הונדערטער ציילן זיך די יונגע יידישע שרייבער און יידיש־דעביוטאַנטן. די נייע, פאַרגרעסערטע אויסגאַבע פון ז. רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע" באַשטייט שוין ניט פון א י ן באַנד, ווי פריער, נאָר פון גאַנצע פ י ר — און דער מאַטעריאַל איז נאָך אַלץ ניט אויסגעשעפּט... דער טויט האָט זינט דעם אָנהויב וועלט־קריג צוגענומען, ווי עס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, שיער ניט דעם גאַנץ אַלטן און עלטערן דור יידישע שרייבער, ווי אויך אַ היפּשע צאָל יינגערע. אַ חוץ די פריער שוין דערמאָנטע דריי גרינדער פון דער נייער יידישער ליטע־ראַטור, מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם, זיינען געשטאָרבן אין משך פון די לעצטע צוויי צענדליגג יאָר: ש. פרוג, יעקב דינעזאָן, ש. אַנ—סקי, מ. ספּעקטאָר, ד"ר מ. י. בערדיטשעווסקי, מאָרים ראָזענפעלד, יהואש, ה. ד. נאָמבערג, בעל־מחשבות, דוד פרישמאַן, מ. טשעמערינסקי, ד"ר זאָלאָטאַרעוו, פּראָפ. יצחק־אייזיק הורוויץ, י. זעווין (תשר"ק), ד"ר נ. סירקין, ב. באָראָכאָוו, מאָרים ווינטשעווסקי, אַ. ווײַ־

טער (דערשאָסן געוואָרן בעתן פּאָגראָם אין ווילנע 1919), וולאַדימיר מעדעם, אליעזר שטיינבאַרג, נחום שטיף (בעל־דמיון), ח. נ. ביאַליק (וועלכער האָט געשריבן אויך יידיש), מ. ל. האַלפּערן, זישא לאַנדוי, מ. דילאָן, ד״ר א. קאָראַלניק, ד״ר ש. מלמד, ד״ר ק. פּאָרנבערג, אַ. ליטוואַק, ב. מיכאַלעוויטש, מ. ליטוואַקאָוו, לייב ניידוס, משה טייטש, יכנה״ז, כמורנער (יוסף לעשצינסקי), מ. זילבערפאַרב, ל. מלאך, לעצטנס — א. ליעסין, ב. וולאַדעק... און אַנדערע.

אַ גאַנצער בית עולם... אַ גאַנצער דור שרייבער איז אויסגעשטאָרבן, אַ דור, וואָס איז געווען שעפעריש אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פונעם יידיש־ליטעראַרישן לעבן. און דאָך... אונדזער ליטעראַרישער געבורט־פּראָצענט שטייגט ניט אַן ערך איבער דעם פּראָצענט פון טויט־פאַלן. און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס זיינען ניטאָ כמעט קיין פּריוואַטע יידישע פאַרלאַגן און וואָס דער יידישער בוכהאַנדל איז אַזוי שלעכט אָרגאַניזירט, אַז ער פונקציאָנירט כמעט ניט, שטעלט זיך פונדעסטוועגן ניט אָפּ דער שטראָם פון נייע יידישע ביכער, זאַמלביכער, זשורנאַלן.

אָט דער קוואַנטיטאַטיווער וואוקס וואָלט ניט געווען אַזוי וויכטיק, ווען אויף דעם דאָזיקן שטראָם פון נייע ביכער וואָלטן פון צייט צו צייט זיך ניט באַוויזן כוואַליעס פון גאַנץ הויכער קוואַליטעט. זיי ווייזן זיך, די דאָזיקע הויכפּונקטן פונעם יידיש־שאַפן, און אויב ניט אַלעמאָל שטייט שוין איצט הינטער זיי, ווי עס איז געשטאַנען הינטער די ווערק פון אונזערע קלאַסיקער, אַ גאַנצער יידישער דור, אַ פאָלקס־לעבנשטייגער, אַ פאָלקס־פילאָסאָפיע, — צייכענען זיי זיך דערפאַר אוים מיט זייער גרעסערער נאָענטקייט צו די פּראָבלעמען פון אונדזער צייט און מיט דעם גרויסן אומרו, וואָס ברויזט אינעם היינטיקן מענטש.

.4

די ליטעראַטור פון דער פריערדיקער עפּאָכע איז געווען נעענטער, ווי די איצטיקע ליטעראַטור, צום אַלטן יידישן פאָלקס־לעבן און צו זיינע טראַדיציעס (דאָס יידישע פאָלקס־לעבן גופא איז געווען נעענטער צו דער יידישער קולטור־ירושה, ווי עס איז איצט). האָט זי אויך געהאַט די טראַדיציע פון דער פאָלקס־שפּראַך צו זיין אַ שפּראַך מער פון „אגדה“, ווי פון „הלכה“, צו זוכן אַן אויסדרוק מער פאַרן געמיט און פאַר דער פאַנטאַזיע, ווי פאַר דעם אינטעלעקט. די נאָך־מלחמה־ליטעראַטור אויף יידיש האָט געבראָכן אַ סך טראַדיציעס — און אויך די נאָר־וואָס דערמאָנטע פון באַנוגענען זיך מיט בעלעטריסטיק, פּאָעזיע און דראַמע. די נייע יידישע ליטעראַטור שליסט איין אין זיך וויסנשאַפט אויך. און דאָס מיינט אָריגינעלע פאָרשונג, ניט בלויז פּאָפּולאַריזאַציע. פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ווערק זיינען געווען אויך פריער, דערהויפּט דאָ ביי אונדז אין אַמעריקע. זייער ציל איז געווען: אויפקלערונג, פּראָפּאַגאַנדע. אָריגינעלע געדאַנקען, רעזולטאַטן פון זעלבשטענדיקער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט האָט מען דעם יידיש־לייענער ניט אָנגעטרויט. מען האָט גערעכנט, אַז ניט ער נויטיקט

זיך אין זיי, ניט ער איז צו זיי דערוואַקסן. זאָגן עפּעס פון קאָפּ, ניט איבערזאָגן אַנדערע, האָט מען זיך פאַרגינען נאָר אין דער פאָרם פון דערציילונגען, ראָמאַנען, לידער, דראַמעס. נאָר אין בעלעטריסטיק אָדער אין פּאָעזיע האָט מען געמעגט זיין אָריגינעל אַפילו אויף דער פאָלקס־שפּראַך. יידיש גופא איז וויסנשאַפטלעך געפאָרשט געוואָרן אין אָנהויב ניט אויף יידיש, נאָר אויף אַנדערע שפּראַכן. אַפילו די געשיכטע פון דער יידיש־ליטעראַטור איז געשריבן געוואָרן אויף אַנדערע שפּראַכן פריער ווי אויף יידיש (אַ שטיינער, פּראָפ. לעאָ ווינערס באַקאַנט ווערק אין ענגליש „די געשיכטע פון דער יידיש־ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט", ניו־יאָרק 1899).

די דאָזיקע לאַגע, די לאַגע פון אַ שפּראַך, וואָס האָט נאָר אַ קינסטלערישע און ניט קיין וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור, האָט זיך אין משך פון די לעצטע פאָר צענדלינג יאָר אינגאַנצן געענדערט. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו ענדערן נאָך פאַר דער מלחמה. די נייע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן צווישן די יידישע פאָלקסמאַסן אין מזרח־אייראָפּע, דערהויפּט די סאָציאַליסטישע און די ציוניסטישע, האָבן נאָך דעם, ווי זיי האָבן אויפגעוועקט די פאַנטאַזיע, אָנגעהויבן וועקן אויך דעם געדאַנק פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ מיט דער כוונה צו באַאיינפלוסן די מאַסן. יעדע פּאַרטיי האָט געזוכט צו פאַרפעסטיקן איר פּאָזיציע מיט דער הילף פון אַ וויסנשאַפטלעכן (אָדער קוואַזי־וויסנשאַפטלעכן) אַנאַליז פונעם יידישן לעבן, דערהויפּט פונעם עקאָנאָמישן. אַזוי האָט זיך נאָך מיט אַ דריי־פיר צענדלינג יאָר צוריק אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין דער יידישער שפּראַך אַ געוויסער סאָרט פאָרש־אַרבעט אויף די געביטן פון יידישער עקאָנאָמיק, סטאַטיסטיק, צום טייל אויך געשיכטע. צוליב דער פאָדערונג פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע, וועלכע עס האָט אַרויסגעשטעלט דער „בונד" און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע יידישע גרופּירונגען אין רוסלאַנד, ווי אויך צוליב דעם אינטערעס צום יידישן פאָלקס־לעבן און פאָלקס־שאַפן, וואָס האָט אויפגעוואַכט ביי דער יידישער אינטעליגענץ, איז געוואַקסן די חשיבות פון דער יידישער שפּראַך, פון דעם יידישן פאָלקלאָר, פון דער יידישער ליטעראַטור, און מען האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט דער לינגוויסטישער און היסטאָרישער אויס־פאָרשונג פון די דאָזיקע אַלע זאַכן. און אַזוי ווי מען האָט עס אין אָנהויב געטאָן ניט אַזוי צוליב אַלגעמיין־לינגוויסטישע און אַלגעמיין־היסטאָרישע צילן, ווי צו־ליב דער פאַרטיפונג פונעם יידיש־נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין, האָט דאָס געהאַט געפירט דערצו, אַז יידיש־פילאָלאָגיע איז אָפט געווען מער יידישיזם ווי יידישיסטיק, און אַז יידישע סאָציאָלאָגיע איז אָפט געווען מער פאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע ווי וויסנשאַפט. דערווייל האָט מען זיך אָבער צוגעוווינט צו אַ געוויסן גראַד און אַ געוויסער פאָרם פון וויסנשאַפטלעכקייט אינעם דענקען און אינעם שרייבן — און באַלד נאָכן קריג האָבן אָט די פּאַרזייטע קערנדלעך אָנ־געהויבן אויפצוגיין. צו דער גלייכער צייט איז, ווי אַלעמאָל אין אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע, פאַרשטאַרקט געוואָרן דער אינטערעס צו דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

די אַלע, ווי אויך אַנדערע אומשטאַנדן האָבן נויטיק געמאַכט געוויסע וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונגען, און זיי זיינען וואָס ווייטער אַלץ ברייטער און אַלץ פרוכטבאַרער געוואָרן — אַזוי אַז ביי היינטיקן טאָג זיינען מיר בנוגע צו אַ ריי יידישע פאָרש־געביטן ניט מער אָנגעוויזן נאָר אויף אַנדערע שפּראַכן. מיר האָבן שוין ברייט־פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט וויסנשאַפט־לעכער זאַמל־ און פאָרש־אַרבעט אויף יידיש — אַזוינע, ווי דער יידישער וויסנ־שאַפטלעכער אינסטיטוט (ייוואָ) אין ווילנע און זיין אָפּטיילונג אין אַמעריקע און די פאַרשיידענע אינסטיטוטן און אוניווערסיטעט־קאַטעדרעס אין ראַטן־פאַרבאַנד. אינאיינעם מיט דער אָריגינעלער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור אויף יידיש איז געוואַקסן די וויסנשאַפטלעכע איבערזעצונג־ליטעראַטור. פריער נאָך האָבן אין אַמעריקע עקסיסטירט די „קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעל־שאַפט" און די "קאַרל מאַרקס־ליטעראַטור־געזעלשאַפט" — פאַרלאַגן, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף איבערזעצן די קלאַסיקער פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן. אויך אין די לעצטע יאָרן זיינען פאַרייִדישט געוואָרן אַ ריי ווערק פון דעם מין. עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויך אַ סך טעקסטביכער און עס איז געלייגט גע־וואָרן דער פונדאַמענט פאַר אַ פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור, וועלכע האָט פריער כמעט אינגאַנצן געפעלט.

אַזוי אַז די טענדענץ פון עקספּאַנסיע, וועלכע איז פריער דערמאָנט געוואָרן, האָט זיך אויסגעדריקט ניט בלויז אין ברייטער מאַכן דעם קרייז פון די טעמעס און די מאָטיוון פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור און ניט בלויז אין דער פאַר־גרעסערונג פון דער צאָל שרייבער, נאָר אויך אין דעם, וואָס עס זיינען צוגעקומען נייע ליטעראַרישע צווייגן. וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג איז ניט דער איינציקער נייער צווייג, וואָס איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך צעבליט אין משך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר. עס האָבן זיך אַנטוויקלט אויך אַנדערע ליטעראַרישע געביטן, וועלכע זיינען פריער ניט קולטיווירט געוואָרן, אַ שטייגער — די רייזע־ און מעמואַרן־ליטעראַטור.

ביז פאַרן וועלט־קריג האָבן מיר געהאַט זייער ווייניק רייזע־באַשרייבונגען אויף יידיש. עס זיינען געווען פּאַראָדיעס אויף רייזעס (מענדעלע מוכר־ספרים „קיצור מסעות בנימין השלישי"), ניט קיין רייזעס. און עס איז פאַר־שטענדלעך פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען. די יידיש־ליטעראַטור איז ביז דאָ ניט לאַנג נאָך געווען דערהויפּט אַ שטעטל־ליטעראַטור, און דער שטעטלדיקער ייד איז געווען אַ קנאַפּער אַרומפאָרער. ער איז געגאַנגען פון שטעטל אין דאָרף אַריין (האַנדלען מיטן פויער אָדער פאַרריכטן אים די קליידער, די שיך), ער איז גע־פאָרן פון שטעטל אין שטאָט אַריין (איינקויפן סחורה, זוכן אַ שטעלע). לענגערע נסיעות זיינען ניט נויטיק געווען, אָפּט אויך ניט מעגלעך. ערשט אין אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט דערהערן מיר דאָס רעדער־רוישן פון אייזנבאַנען און דאָס פייפן פון שיפן — אין יידישע ביכער. עס ווייזן זיך אַזוינע ווערק, ווי שלום־

עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן” (אַ ראָמאַן פונעם לעבן פון וואַנדערנדיקע אַק־טיאָרן) און „אייזנבאַן־געשיכטן”, שלום אַשס „פּאַלעסטינע־רייזע” אָדער „קיין אַמעריקע”. קיין אָפּטער גאַסט איז דער רייזנדער נאָך אָבער אַלץ ניט געווען אין דער יידישער ליטעראַטור. איז געקומען די מלחמה מיט אירע גירושים, דערנאָך די פּאָגראָמען און די מורא פאַר פּאָגראָמען, דערנאָך די רעוואָלוציע. מיט פייער און שווערד זיינען יידן געטריבן געוואָרן פון זייערע היימען און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ יאָגעניש, אַ לויפעניש, וואָס האָט קיין גלייכן ניט צו זיך אפילו אין אונזער וואָגל־ און וואַנדער־געשיכטע. טויזנטער יידן — צווישן זיי אויך שריפט־שטעלער — האָבן אין משך פון יאָרן ניט געהאַט כמעט קיין אַנדערע לעבנס־דערפאַרונגען, אַ חוץ די דערפאַרונגען, וואָס מען האָט אין וועג... איז אַ וואונדער, וואָס אין אונדזער פּרעסע האָבן זיך אַלץ אָפטער און אָפטער גענומען ווייזן רייזע־באַשרייבונגען, וועג־איינדרוקן?

אין דער זעלביקער צייט איז געוואַקסן די יידישע מעמואַריסטיק. זי איז ניט געווען אינגאַנצן קיין נייס אין דער יידיש־ליטעראַטור. צווישן די ווערק פון דער אַלטער יידיש־ליטעראַטור געפינט זיך אַזאַ אויסגעצייכנטע אויטאָביאָגראַפיע ווי די „מעמואַרן פון גליקל האַמיל” (ניט לאַנג איבערגעזעצט אויף ענגליש), כמעט אַלע גרינדער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור האָבן אונדז איבערגעלאָזט זייערע פּרעכטיקע זכרונות. דאָך איז די יידישע מעמואַרן־ליטעראַטור געווען זייער אָרעם. נאָכן קריג איז זי רייך געוואָרן. עס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן צענדלינגער און צענדלינגער בענד זכרונות און אויטאָביאָגראַפיעס. ניט נאָר שריפטשטעלער, קינסטלער אָדער כלל־טוער, אויך פּשוטע מענטשן, יידן פון אַ גאַנץ יאָר, האָבן אָנ־געהויבן צו דערציילן, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין די מלחמה־יאָרן און אויך פריער. עס זיינען געווען אַ סך סיבות פאַר דער דאָזיקער אויסערגעוויינטלעכער אויפלעבונג אויפן געביט פון מעמואַרן. כ׳וועל אָנווייזן אויף אייניקע פון זיי.

דער אַלטער איינגעשטעלטער לעבנסשטייגער איז אין די מלחמות און אין די רעוואָלוציעס חרוב געוואָרן: איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך דער וואונטש צו שטעלן „אַ מצבה אויף דעם, וואָס איז געווען און אונטערגעגאַנגען”, ווי ז. שניאור האָט זיך אויסגעדריקט אין פאָרוואָרט צו זיינע „שקלאָווער יידן”. אָבער ניט נאָר „מצבות” און הספדים אויפן אונטערגעגאַנגענעם אַלטן לעבנסשטייגער זיינען די נייע זכרונות. עס קומען אין זיי צום אויסדרוק אויך אַנדערע מאָטיוון. אין די קריגס־יאָרן האָבן מענטשן מער ווי אַלעמאָל געזען די פאַטאַלע מאַכט פון פאַקטן, פון רויע, נאַקעטע פאַקטן: איז אויפגעקומען אַ ליטעראַטור, וואָס אויך איר נשמה איז דער פאַקט — דאָס געשעענע, דאָס געזעענע. און אַ חוץ דעם: צו וואָס האָט מען נאָך די אויסערגעוויינטלעכע, אָפט ממש פאַנטאַסטישע, געשעענישן פון דער דראַמאַטישער קריגסצייט געדאַרפט נאָך אויסטראַכטן זאַכן און שרייבן בעלעטריסטיק, אַז דאָס רעאַלע לעבן איז געווען אַ סך שפּאַנענדיקער, פאַר־כאַפּנדיקער, סענסאַציאָנעלער, ווי די סאַמע אויסטערלישע פּראָדוקטן פון אַ שרייבערס פאַנטאַזיע! די רויע פאַקטישע פאַנטאַסטיק פון דער קריגסצייט האָט

זיך אַרייַנגעכאַפּט אַפילו אין דער בעלעטריסטיק, און עס האָבן זיך געוויזן ביי אונדז די האַלב־פֿאָלקלאָריסטישע, האַלב־מעמואַריסטישע ראָמאַנען פֿון עוזר וואַרשאַווסקי, שמעון האָראָנטשיק און אַנדערע. איז וואָס דער חידוש, וואָס די מעמואַרן פֿון יענער צייט זיינען אַריין אין מאָדע, בפרט נאָך, אַז די אַלע גרויסע, געפּערלעכע און פּיינלעכע איבערלעבונגען זיינען געלעגן ווי אַ משא אויף די מענטשן, און זיי האָבן זיך געוואָלט פֿון איר באַפֿרייען, געוואָלט אויסלאָדן, אַראָפּ־וואַרפֿן די לאַסט פֿון דער נשמה, כדי צו קענען זיך אומקערן צוריק צו אַ נאָרמאַלן לעבן. און אַז מען האָט שוין אָנגעהויבן דערציילן, וואָס מען האָט איבערגעלעבט אין די שלעכטע צייטן, אַז דער קוואַל פֿון פּערזענלעכע ערינערונגען האָט זיך געעפֿנט, זיינען געקומען דערנאָך שוין אַנדערע סאָרטן זכרונות אויך. אַז עס איז שוין אָנגעקומען אַ צייט פֿון דערמאָנען זיך, האָט מען זיך דערמאָנט אין אַ ל ץ, וואָס עס איז געווען פֿריער. בפרט נאָך, אַז דאָס, וואָס איז פֿריער געווען, האָט אויסגעזען צו זיין אָנגענעמער, ווי דאָס אַרומיקע. איז מען דאָך געווען אַזוי מיד און קראַנק פֿון דער קעגנוואַרט און עס האָט זיך אַזוי שטאַרק געגלוסט אויס־צורוען די קראַנקעביינער אויף די ווייכע קישעלעך פֿון „אַמאָל, אַמאָל“. עס האָט זיך אַזוי געבענקט אין דעם כאַאָס און דער הפקרות, וואָס אַרום, נאָך דער פֿאַר־גאַנגענהייט, וועלכע האָט פֿאַרמאָגט, ווי עס האָט זיך געדוכט, אַן איינגעשטעלטן סדר, אַ געוויסע זיכערקייט און פֿעסטקייט. און לסוף, ס׳איז געווען נאָך אַ סטימול צו פּערזענלעכע זכרונות: אין דער סביבה פֿון קריג און בירגער־קריג האָט דער יחיד זיך געפֿילט אומגליקלעך, ער איז געווען אומגעאַכט און אומבאַ־האָלפֿן, קיינער האָט זיך אויף אים ניט אַרומגעקוקט, קיינער האָט זיך מיט אים ניט גערעכנט, מען האָט אים ממש געטראָטן מיט די פֿיס. עס זיינען געווען נאָר מ אַ ס ן — און ה ע ל ד ן. דער יחיד האָט קיין שום רעכט ניט געהאַט. איז ווי נאָר עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אויף אַ ווייַלע די מאַכט פֿון מאַסן־פּסיכאָז און דער כישוף פֿון העלדן־קולט, האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זיין באַ־העלטעניש דער יחיד, אַ הייב געטאָן זיך פֿון זיין געפֿאַלנקייט און גענומען אונדז דערציילן וועגן זיך אַליין, אָנגעהויבן מאָנען דעם חוב פֿון זיין פּריוואַטן לעבן...

אַזוי איז עס געווען ביי אַנדערע פֿעלקער, אַזוי איז עס געווען אויך ביי אונדז. מער ניט, וואָס אין אַנדערע ליטעראַטורן האָט אינאיינעם מיט דער אויטאָביאָ־גראַפֿיע זיך צעבליט אויך די ב י אָ ג ר אַ פֿ י ע. די לעבנסגעשיכטע פֿון גרויסע — און אויך ניט גאָר קיין גרויסע — פּערזענלעכקייטן האָט אַזוי ווי פֿאַרנומען דעם אָרט פֿון די קריגס־העלדן, צו וועלכע מען האָט זיך צוגעוויינט אין די מלחמה־יאָרן. ביי אונדז איז די ביאָגראַפֿישע ליטעראַטור נאָך אַלץ אָרעם, אָבער די ליטעראַטור פֿון זכרונות און אויטאָביאָגראַפֿיעס האָט זיך פֿונאַנדערגעבליט. אַ וואוקס איז צו מערקן אויך אויף אַנדערע ליטעראַרישע געביטן — אויפֿן געביט פֿונעם מאָדערנעם און היסטאָרישן ראָמאַן, אויפֿן געביט פֿון דער דראַמע, ווי אויך אויף די געביטן פֿון ליטעראַטור־קריטיק און האַלב־פֿילאָסאָפֿישן עסעי.

.5

אָבער איך רייד דאָ מער וועגן די א ל ג ע מ יי נ ע ליטעראַרישע טענ־דענצן, ווי וועגן די איינציקע זשאַנרען פון יידיש־ליטעראַטור. אויב איך האָב זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף איינזיקע פון די לעצטע, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זיי כאַראַקטעריזירן איינע פון די סאַמע וויכטיקע טענדענצן פון דער נייער יידי־שער ליטעראַטור, — די פריער שוין אַ פּאָר מאָל דערמאָנטע ט ע נ ד ע נ ץ פ ו ן א ו י ס ש פּ ר יי ט ו נ ג.

וואָס איז שייך צו די מער אינעווייניקסטע כאַראַקטער־שטריכן פון דער יידיש־ליטעראַטור, צו די שטריכן, וואָס האָבן מער צו טאָן מיט איר ט י ף, ווי מיט איר גיין אין דער ב ר יי ט, איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די ערשטע און די שפּעטערדיקע יאָרן פון דער נאָך־מלחמה־עפּאָכע: באַלד נאָכן קריג זיינען פאַרשיידענע גרופּעס יידיש־שרייבער פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פאַרשיי־דענע שטימונגען, וועלכע האָבן דעמאָלט אָנגעפילט אַלע ליטעראַטורן.

דאָס זיינען געווען שטימונגען, געפילן און אידעען, וועלכע האָבן איינע די אַנדערע סותר געווען, כאָטש זיי זיינען אַלע אויסגעוואַקסן אויף איין באָדן, אויף דעם באָדן, וואָס איז געווען אָנגעזעטיקט מיטן בלוט פונעם וועלט־קריג. דאָס איז געווען, פון איין זייט, אַ געוויסע עקסטרעם־נאַטוראַליסטישע ניכטערקייט, אַ דעזאילוזיאָנירונג, וועלכע איז אָפט דערגאַנגען ביז צו פאַרצווייפלונג. דאָס איז, פון דער אַנדער זייט, געווען אַן עקסטרעם־ראָמאַנטישע רעוואָלוציאָנערישקייט, אַ סובלימירונג פון דעם זעלביקן געפיל פון ביטערקייט און אָפּגענאַרטקייט, וואָס ביי אַנדערע האָט עס ארויסגערופן דעם נאָר־וואָס דערמאָנטן געמיט־צושטאַנד פון עקסטרעמען דעפּעטיזם. און דריטנס — אין דער ספערע פון פאָרם און סטיל איז עס געווען די נייגונג צו עקספּערימענטירן.

פאַר די דאָזיקע דריי טענדענצן איז כאַראַקטעריסטיש געווען די איגנאָרירונג, אָדער די — מער אַגרעסיווע — פולשטענדיקע נעגירונג פון די סאָציאַל־עטישע און ליטעראַרישע טראַדיציעס פון דער פאַר־מלחמה־צייט. אין דער יידיש־ליטע־ראַטור האָט יעדערער פון אירע דריי הויפּט־צענטערן זיך אויסגעצייכנט דערהויפּט מיט איינעם פון די דערמאָנטע דריי כאַראַקטער־שטריכן: די פּויליש־יידישע לי־טעראַטור איז פול געווען מיט דעזאילוזיאָניזירונג און דעפּעטיזם, די סאָוועטישע — מיט עקזאַלטירטע „אָקטאָבער"־הימנען, בעת אין דער אַמעריקאַנער יידיש־ליטעראַטור האָט זיך געפילט דערהויפּט דער גייסט פון זוכן און עקספּערימענטירן. און אין אַלע דריי יידיש־צענטערן, דערהויפּט אָבער אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט זיך דער נייער דור שרייבער דערווייטערט פון דער אַלטער קולטור־טראַדיציע (מיטן אויסנאַם פון אהרן צייטלין, יהושע ביבל, לייוויקס „גולם"). די דאָזיקע דער־ווייטערונג האָט ביי פאַרשיידענע יונגע שרייבער אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען, דער עיקר אָבער איז זי געקומען צום אויסדרוק אין דעם ר י ס צ ו ו י ש ן

ייִדיש און העברעאיש. פֿאַרן קריג האָבן העברעאישע און ייִדישע
שרײַבער געהערט צו איין ליטעראַרישער משפּחה. אַ סך ייִדיש־שרײַבער האָבן
אָנטייל־גענומען אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור און פּרעסע; כמעט אַלע
העברעאישע שריפֿטשטעלער האָבן געשריבן ייִדיש. בי־לינגוויזם איז געווען אַ
נאַטירלעכע זאַך. „צוויי שפּראַכן — איין ליטעראַטור" — אַזוי האָט בעל־מחשבֿות
כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן צושטאַנד און ער האָט אין זינען געהאַט די קולטור־
אוצרות פֿון העברעאיש און ייִדיש, ניט נאָר די שפּראַך אַליין. די ייִדיש־ליטעראַ־
טור האָט זיך גענערט פֿון דער גאַנצער היסטאָרישער דערפֿאַרונג פֿונעם
ייִדישן פֿאָלק; אַלע זײַנע קוואַלן, די ווײַטסטע, אַזוי ווי די נאָענטסטע, האָבן דורך
אומגעזעענע אונטערערדישע קאַנאַלן אָנגעטרונקען און באַפֿרוכפּערט די פֿעלדער
פֿונעם ייִדיש־ליטעראַרישן שאַפֿן. נאָכן קריג און דערהויפּט נאָך דער רוסישער
רעוואָלוציע, האָט זיך עס אָנגעהויבן צו ענדערן. די גרענעץ־ליניע צווישן ייִדיש
און העברעאיש, ווי אויך צווישן דער ייִדישער און דער העברעאישער קולטור־
טראַדיציע, האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ קענטיקער און קענטיקער. עס איז, פֿאַר־
שטייט זיך, ניט אָפּגעשאַפֿט געוואָרן אינגאַנצן די ווירקונג פֿון דער טיף־אײַנגע־
וואָרצלטער אינעווייניקסטער און אָפֿט אומבאַוואוסטזיניקער שותּפֿותדיקייט פֿון
דערפֿאַרונגען און איבערלעבונגען, אָבער פֿון אויבן־אויף האָט זיך אָנגעהויבן צו
פֿאָרמירן אַ נײַער באַוואוסטזײַן און אַ שטרעבונג אָפּצוזונדערן ייִדיש
פֿון העברעאיש (דערהויפּט אין סאָוועט־רוסלאַנד) און העברעאיש פֿון ייִדיש (דער־
הויפּט אין פּאַלעסטינע). די איין־און־איינציקע, כאָטש אין צוויי שפּראַכן געשרי־
בענע, ייִדישע ליטעראַטור איז צעפֿאַלן געוואָרן אין צוויי באַזונדערע טיילן, און
אויב די דאָזיקע טענדענץ זאָל דערפֿירט ווערן ביז צו איר לעצטן שלום, וועלן מיר
אינגיכן האָבן ניט בלויז צוויי ייִדישע שפּראַכן, נאָר אויך צוויי אָפּגעזונדערטע
ייִדישע ליטעראַטורן. און צוויי — וואָלט אין אונדזער פֿאַל געווען ווינ־
ציקער, ווי איינס. עס וואָלטן, אָנשטאָט איין ייִדישער ליטעראַטור, אַ
גאַנצער און איינהייטלעכער אין איר פֿאַרשיידנאַרטיקייט, געוואָרן צוויי פֿאַר־
אָרעמטע און איינזײַטיקע ייִדישע ליטעראַטורן. דער אַלטער העברעאישער לי־
טעראַטור וואָלט געפֿעלט די זאַפֿטיקייט, די פֿרישקייט פֿונעם לעבן און שאַפֿן פֿון
די פֿיל־מיליאָניקע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין „גלות"; די ליטעראַטור אויף ייִדיש
וואָלט אָפּגעריסן געוואָרן פֿון די טיפֿערע היסטאָרישע וואָרצלען פֿון נאַציאָנאַ־
לער קולטור.

די מער ערנסטע און מער פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדיש־
ליטעראַטור שפּירן די דאָזיקע סכּנה, און עס ווערן געמאַכט פּרואוון, אינטואיטיווו
קינסטלערישע און אויך באַוואוסטזיניקע פּרואוון, אויסצומײַדן אָדער צו פֿאַר־
קלענערן די דאָזיקע סכּנה. און בעת איין צד — דער, וואָס מאַרשירט (אויך אין
דער ליטעראַטור) אונטער דער פֿאָן פֿון קלאַסן־קאַמף — זוכט ברייטער צו מאַכן
דעם תּהום, וואָס האָט זיך געעפֿנט צווישן דעם העברעאישן קולטור־שטראָם און
דעם שטראָם פֿון ייִדיש, באַמיט זיך, פֿאַרקערט, אַ צווייטער צד צו בויען

בריקן איבער דעם דאָזיקן תהום, אויב עס איז אוממעגלעך אים צו פאַרשיטן, גלויבנדיק, אַז דער בנין פון דער יידישער, ווי פון יעדער ליטעראַטור, מוז זיין אַ פאָלקס־בנין, מעג זיין אינעווייניקסטע איינאָרדענונג ווי שטאַרק באַאיינפלוסט ווערן פון דעם פאָלקס סאָציאַלער דיפערענצירטקייט.

און אָט די טענדענץ אויפצוהיטן די נאַציאָנאַלע גאַנצקייט און נאַציאָנאַלע פולקייט פונעם יידיש־שאַפן און צו האַלטן עס וואָס נעענטער צו די היסטאָרישע, איינגעשלאָסן די העברעאישע, קוואַלן פון דער יידישער קולטור־ירושה — איז איינער פון די סימנים, וואָס טיילן אָפּ דעם נייסטן פעריאָד אין דער אַנטוויקלונג־געשיכטע פון דער יידיש־ליטעראַטור פון די יאָרן, וועלכע זיינען אָנגעשטאַנען גלייך נאָכן קריג. עס ווערט אַלץ זיכערער און אַלץ קלאָרער די שטים, וועלכע וואָרנט ניט בלויז קעגן אָפּרייסן זיך פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין פּאַלעסטינע, נאָר אויך קעגן איזאָלירן זיך פון די רעליגיעזע איינפלוסן, פון די איינפלוסן, וועלכע זיינען געווען אַזוי שטאַרק אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאָ און דאָרט לייכט אויף אַ פונק פון אינטערעס צו רעליגיעזע פּראָבלעמען בכלל און צו דער ירושה פון דער יידישער רעליגיעזער קולטור בפרט. דער קאַמף קעגן דעם אַלטן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, דער קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן מיט אַזאַ ברען — פריער פון די משכּילים און דערנאָך פון די סאָציאַלע ראַדיקאַלן אין אַמעריקע — דער קאַמף, וועלכן עס פירן נאָך איצט זייערע עפּיגאָנען אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווערט אָפט פאַרביטן מיט אַ גייסט פון קאָמפּראָמיס, אויב ניט פון בענקשאַפט נאָך די אַלטע רעליגיעזע מנהגים און פירונגען. עס זיינען קיינמאָל ניט אַרויס אויף יידיש אַזוי פיל ביכער וועגן רעליגיעזע יום־טובים, בכלל וועגן פּראָבלעמען פון רעליגיעזן לעבן, וויפיל עס גייען אַרויס לעצטנס. די יידישע ליטעראַטור איז איצט מער ווי באַלד נאָכן קריג גרייט אָנצונעמען, אָדער אַפילו צו אידעאַליזירן די יידישע קולטור־ירושה. אַזוי ווי אָפט אין דער געשיכטע פון ליטעראַטורן, קומט אין דער יידיש־ליטעראַטור נאָך אַ פעריאָד פון אומרו און נעגאַציע אַ צייט, ווען מען זוכט באַרואיקונג, ווען מען בענקט נאָך דויערנדיקע ווערטן.

דניאל טשאַרני / פּאַריז

ווי האַלט עס מיט דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד ?

1.

מיט אַ יאָר צען צוריק איז אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך געווען אָנ־געגאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן דער פראַגע פון „העגעמאָניע". מען האָט זיך געהאַט דעמאָלט געאַמפּערט, וועמען פון די דריי צענטראַלע לאַנד־ליטעראַטורן — סאָוועט־רוסלאַנד, פּוילן אָדער אַמעריקע — קומט די בכורה, קומט די אָנפירער־שאַפט?

די פירער אין די נאָכלויפער פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן געהאַט געמאָנט פאַר זיך די בכורה שוין צוליב דעם אַליין, ווייל די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אויך די יידישע ליטעראַטור ארויסגעפירט אויפן ברייטן שליאַך פון דער — אויף זייער לשון — „אָנקלאַסאָווער (קלאַסנ־לאָזער) געזעלשאַפט". זיי האָבן געטענהט, אַז אַ זכות־הקיום קען האָבן נאָר יענע שעפערישע עמך־ליטעראַטור, וואָס דריקט אויס אין איר „נאַציאָנאַלער פאָרם" (אין דעם געגעבענעם פאַל — אין יידיש) דעם גרויסן עקספּלאָדירנדיקן „סאָציאַלן אינהאַלט".

די שאַפער און בויער פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן האָבן געהאַט פּרעטענזיעס אויף העגעמאָניע צוליב דעם גרויסן יחוס אירן. די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור אין פּוילן איז געבוירן געוואָרן אונטער דעם ליכטיקן שטערן פון י. ל. פּרץ. אמת, דער בכבודיקער פּרץ־שטול שטייט נאָך עד־היום ליידיק, אָבער די פּרץ־קולטור און דער פּרץ־קולט גייט אָן ווייטער און ער ווירקט נאָך עד־היום ווייט־ווייט איבער די גרענעצן פון פּוילן.

איז געקומען דער נאָכוואוקס פון דעם פּרץ־דור אין אַמעריקע און ער האָט ארויסגעשטעלט די גערעכטע טענה, אַז וויבאַלד דער רוב מנין און רוב בנין פון דער יידישער ליטעראַטור, סיי אין כמות און סיי אין איכות, שאַפט און ווירקט ניט נאָר פאַר דעם יידישן קיבוץ פון אַמעריקע אַליין, און וויבאַלד אים קומט אויס אַזוי שטאַרק צו קעמפן און צו באַקעמפן די אַלע מניעות און שטערונגען, וואָס דער אַסימילירנדיקער כוח פון אַמעריקע שאַפט פאַר די אַלע אַנדערע קולטורן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — איז קלאָר, אַז די בכורה קומט דער מוזינקע־ליטעראַטור פון אַמעריקע.

איצטער אָבער, אין יאָר 1939, וואָלט אַזאַ מין „העגעמאָניע"־דיסקוסיע שוין ניט געווען מער מעגלעך, ווייל איינער פון די הויפּט־פּרעטענדענטן אויף

דער העגעמאָניע — די יידישע ליטעראַטור פון סאָוועט־רוסלאַנד — איז, ליידער, שוין לאַנג אַרויס פון דעם שפּיל. איר אויפרייסעריש ווירקונג אין רוסלאַנד גופא — און ווער רעדט נאָך אין די אַנדערע לענדער — האָט זיך פאַר די לעצטע יאָרן אָפּגעשטעלט.

די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור, וואָס האָט געהאַט פּרעטענדירט אויף אָנפירערשאַפט, איז אַליין פאַרבליבן אָן פירערשאַפט.

ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט נאָך די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור־קריטיק געהאַט פאַרמאָגט אַזעלכע אָנפירער, ווי משה ליטוואַקאָוו, מאַקס עריק, י. בראָנשטיין און אייניקע אַנדערע ליטעראַטור־היסטאָריקער און ליטעראַטור־קריטיקער. ביים היינטיקן טאָג אָבער זעט אויס די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור־קריטיק, ווי אַ וואַלד, פון וועלכן מען האָט אַלע הויכע סאָסנעס אויסגעהאַקט, איבערלאָזנדיק נאָר די נידעריקע יאָדלעס („יאָלקעס") אויף ניטל אין בירא־בידזשאַן...

נעמען מיר דעם זשורנאַל „פאָרפּאָסט", וואָס דערשיינט אָפיציעל אין בירא־בידזשאַן, כאָטש פאַקטיש ווערט ער געדרוקט און אויך רעדאַקטירט אין מאָסקווע — זעען מיר, אַז נאָך אין 1936 איז דער „פאָרפּאָסט" רעדאַקטירט געוואָרן פון גאַנצע זיבן רעדאַקטאָרן, נעמלעך: ב. אַליעווסקי, ד. בערגעלסאָן, ש. דימאַנשטיין, מ. ליטוואַקאָוו, ש. קליטעניק, י. ראַבין און י. שוואַרצבאַרד. אין יאָר 1937 ווערט שוין דער זעלביקער זשורנאַל רעדאַקטירט נאָר פון דעם איין־און־איינציקן רעדאַקטאָר ש. קליטעניק, און אין 1938 פיגורירט שוין אַלס רעדאַקטאָר פון דעם בירא־בידזשאַנער „פאָרפּאָסט" איינער אַ ל. עטין (?). וועלכע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור בכלל און פאַר דער סאָוועטישער בפרט פאַרמאָגט אָט דער חבר עטין, וואָס איז פּלוצים אַזוי דערהויבן געוואָרן, קען איך אייך, ליידער, ניט זאָגן. אפילו זיין נאָמען פון אַ רעדאַקטאָר איז געדרוקט ניט מיט יידישע אותיות, ווי די נעמען פון די פריערדיקע רעדאַקטאָרן, נאָר דווקא מיט רוסישע... קען מען אפשר מיינען, אַז אין דעם דאָזיקן זשורנאַל זיינען פאַראַן אַזעלכע קולטור־פּאָליטישע אָדער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע אַרטיקלען, וואָס צוליב זיי אַליין איז נויטיק געוועזן אַ ישוב־הדעת פון גאַנצע צען חדשים, ביז מען האָט זיי דערלויבט צו פּובליקירן? *) ניין, אַזעלכע „ריזיקאַלישע" אַרטיקלען האָב איך אין דעם נומער „פאָרפּאָסט" ניט געפונען. אויף דריי־פערטל איז ער אויסגעפילט מיט דערציילונגען און לידער וועגן אַרום בירא־בידזשאַן. דאָס לעצטע פערטל איז אויסגעפילט מיט אַרטיקלען (ריכטיקער — שטודיעס) פון נ. אויסלענדער וועגן גאָלדפאַדענס ליד „דער מאַרש פון משיחן", פון ט. הייליקמאַן וועגן דער „רעקרוטשינע" אין די צייטן פון ניקאָלאַי

*) כאַראַקטעריסטיש: פון דער זשורנאַל־מעטריקע, געדרוקט אויף רוסיש אינעם לעצטן בוכל „פאָרפּאָסט", זעט מען, אַז דער דאָזיקער נומער (184 קליינע דרוקזייטן) איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין דרוק אין מערץ 1938 און דערלויבט צום דרוקן — ערשט אין 10 חדשים אַרום!

דעם ערשטן און אָ. מאַרגולים וועגן „אַנטייל פֿון די יידישע מאַסן אין די הונגער־אומרועו פֿון 1891־טן יאָר". ניט אין די הונגער־בונטן פֿון 1891, ניט אין דער „רעקרוטשינע", ווי אויך ניט אַפֿילו אין גאָלדפֿאַדנס „מאַרש פֿון משיחן" קען חלילה אַריינגעשמוגלט ווערן אַ וועלכער ניט איז רמז אויף „טראָצקיזם", צי אויף אַן אַנדער אָפּנויג פֿון דער „גענעראַל־ליניע".

אויף וויפֿיל מיר קענען ניט פֿון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור גופֿא באַקומען אַ ריכטיקע — און אויפֿריכטיקע — פֿאָרשטעלונג וועגן דעם פֿונאַנדערוואוקס און אויפֿבלי פֿון דער יידישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אין משך פֿון די קאַרגע 22 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע, באַווייזן אונדז אויך די דריי גאַנצדיקע נומערן (5, 6 און 7—8) פֿון דעם ליטעראַרישן אַלמאַנאַך „ס אָ וו ע ט י ש". די אַלע דריי נומערן זיינען פֿאָרמעל דערשינען אין 1938, אַרויסגעגעבן פֿון מלוכה־פֿאַרלאַג „עמעס" און פֿאַרמאָגן אַ קימאַ־לן פֿון קאַרגע 1300 גאַנץ גרויסע זייטן.

האָב איך אומזיסט געזוכט אויפֿן שטח פֿון די אַלע 1.300 זייטן פֿונעם צ ע נ ט ר אַ ל ן זשורנאַל, וואָס דערשיינט אין מאָסקווע גופֿא, כאָטש אַ וועלכן ניט איז סך־הכל־אַרטיקל וועגן דעם יידישן שול־וועזן, וועגן דעם יידישן פֿאַרלאַגוועזן, צי וועגן דעם יידישן קולטור־וועזן בכלל. איך האָב נאָר געפֿונען צום סוף פֿון נומער 7—8 אַ קליין אַרטיקעלע פֿון דעם ביבליאָגראַף א. פֿינקעלשטיין וועגן דער „ביכער־פּראָדוקציע פֿונעם פֿאַרלאַג „עמעס" פֿאַר דעם צווייטן פֿינפֿיאָר" 1933—1937 (וועגן דעם — וויטער). וואָס איז נוגע דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע און ליטעראַטור־קריטיק, האָב איך אין די אַלע דריי זאַמלביכער פֿאַרן יאָר 1938 געפֿונען ניט מער, ווי דריי אַרטיקלען פֿון י. דאָברושין: וועגן דער „יידיש־סאָוועטישער דראַמאַטורגיע" (נומער 5), וועגן דעם „יידיש־סאָוועטישן פֿאָלקס־ליד" (נומער 6) און וועגן דריי יידיש־סאָוועטישע דיכטער — הארצמאַן, טאַלאַלאַיעווסקי און כאַלאָדענקאָ (נום. 8—7). די אַנדערע ליטעראַרישע אַרטיקלען אין די אַלע דריי זאַמלביכער זיינען די אָפּהאַנדלונגען פֿון אָ. מאַרגולים — „צו דער מענדעלע־פֿאָרשונג", פֿון מ. ווינער — „מענדעלע־סטיל" און „ליריק און סאָציאַליזם", מיזשיריצקים אַן אַרטיקעלע וועגן דעם יידיש־סאָוועטישן שרייבער שעכטמאַן און יודיצקים — „די פּאָליטיש-געזעלשאַפֿטלעכע ריכטונגען אין יהודה אין די ערשטע יאָרהונדערטער פֿאַר און נאָך אונדזער צייטרעכענונג". דער איבעריקער מאַטעריאַל, ביי 1000 זייטן, באַשטייט פֿון בעלעטריסטיק און פּאָעזיע.

יאָ, פֿון די 1000 זייטן בעלעטריסטיק און פּאָעזיע האָב איך פֿאַרגעסן אַראָפּצורעכענען די 25 זייטן פֿון דעם לייטאַרטיקל „דער פֿאַרווירקלעכטער טרוים פֿון דורות", מיט וועלכן ס'הויבט זיך אָן דער 5-טער אַלמאַנאַך „סאָוועטיש". דער דאָזיקער באַגייסטערטער (אָבער ניט באַגייסטערנדיקער) לייטאַרטיקל באַשעפֿטיקט זיך מיטן אַנאַליז פֿון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע. דער אַנאָנימער מחבר פֿון דאָזיקן אַרטיקל (אגב, איז אויך די רעדאַקציע פֿון דעם דאָזיקן זאַמל־

בוך אנאָנים: „רעד.־קאָלעגיע”) ציטירט אַ ריי פּאַראַגראַפן פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט „פאַרווירקלעכט דעם טרוים פון דורות”. און אָט זיינען, לויט מיין באַשיידענער מיינונג, די סאַמע וויכטיקסטע פון זיי — פון וועלכע אגב אויך איך טרוים שוין זינט איך לעב:

פּאַראַגראַף 125. — „אין הסכם מיט די אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע און כדי צו פאַרפעסטיקן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג — ווערט די בירגער פון פסס"ר גאַראַנטירט דורכן געזעץ: א) פרייהייט פון וואָרט, ב) פרייהייט פון פרעסע, ג) פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, ד) פרייהייט פון גאַסן־פּראָצעסיעס און דעמאָנסטראַציעס”. פּאַראַגראַף 126. — „די בירגער פון פסס"ר ווערט געזיכערט דאָס רעכט פון פאַראייני־קונג אין געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס”. פּאַראַגראַף 127. — „די בירגער פון פסס"ר ווערט געזיכערט די אומבאַרירלעכקייט פון פערזאָן”. פּאַראַגראַף 128. — „די אומבאַרירלעכקייט פון דער וואוינונג פון די בירגער און די געהיימקייט פון זייער קאָרעספּאָנדענץ ווערן געשיצט דורכן געזעץ.”

„אָט די אַרטיקלען פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע — דערציילט אונדז דער מחבר פונעם לייטאַרטיקל — זיינען שטאָלצע עדות, אַז עס זיינען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט פאַרווירקלעכט געוואָרן די דורותדיקע אידעאַלן וועגן פאָלקס־הערשאַפט און פרייהייט” (זע ז. 12 פון נומ' 5 „סאָוועטיש”). האָב איך דען צופעליק אויך דעם דאָזיקן לייטאַרטיקל אריינגערעכנט אין די 1000 זייטן פון בעלעטריסטיק און פּאָעזיע?...

2.

וויבאַלד מיר האַלטן שוין ביי דער אָפּטיילונג פון בעלעטריסטיק און פּאָעזיע, וועלן מיר געבן אַ קוק: וועלכע ענדערונגען זיינען אין די לעצטע יאָרן פאָרגעקומען אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור?

די פּאָר וויכטיקסטע ענדערונגען, וואָס וואַרפן זיך גלייך אין די אויגן, ווען מען באַקענט זיך מיטן אינהאַלט פון די אַלמאַנאַכן „סאָוועטיש”, זיינען אַזעלכע:

ערשטנס, איז כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן דער ליטע־ראַרישער נאָכוואוקס פון דער אָקטאָבער־תקופה. גראָד די, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין שוים און אין שוים פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, באַגעגנט מען אַזוי זעלטן אויף די זייטן פון דעם צענטראַלן אַלמאַנאַך „סאָוועטיש”. צווישן די דאָזיקע איז אויך געווען איינער פון די פיינסטע און פון די טיפסטע אָקטאָבער־דיכטער — איזי כאַריק. ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מיט איזי כאַריקן געקלונגען די יידיש־ליטעראַרישע וועלט: ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעגירונג אין ווייסרוסלאַנד, ער איז געווען דער „פאַרדינסט־פולער פּאָעט פון דער ווייסרוסלענדישער רעפּובליק”. און איצטער איז זיין

פלאַץ פאַרבליבן, ליידער, אינגאַנצן ניט באַזעצט. די פינף יידישע דיכטער, וואָס זיינען לעצטנס פּרעמירט געוואָרן דורך דער סאָוועט־רעגירונג: פּרץ מאַרקיש, דוד האָפשטיין, ל. קוויטקאָ, איציק פעפער און ש. האַלקין — שטאַמען אַלע פון אוקראַינע. צווישן די יידישע דיכטער פון ווייסרוסלאַנד איז ניט געפונען געוואָרן קיין איין־איינציקער, וואָס זאָל זוכה זיין פּרעמירט צו ווערן! אַזוי אַרום איז פאַרשעמט געוואָרן די גאַנצע יידישע ליטעראַטור פון ווייס־רוסלאַנד, וואו 90,7 פּראָצ. פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט גערעדט יידיש, לויט דער פאָלקסציילונג פון 1926. פאַרשעמט געוואָרן איז אויך די יידישע פּראָזע פון דעם גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד: מען האָט צווישן די מערערע עלטערע און יינגערע פּראָזע־שרייבער ניט געקענט געפינען קיין איין־איינציקן בעלעטריסט, וואָס זאָל פאַרדינען די אָנערקענונג פון דער סאָוועט־רעגירונג. דערביי דאַרפן מיר זיך דערמאָנען, אַז בראש פון דער יידיש־סאָוועטישער פּראָזע שטייט דאָך ניט קיין אַנדערער, ווי דער מייסטער פון יידישן וואָרט דוד בערגעלסאָן...
דוד בערגעלסאָן האָט זיכער געמעגט באַקומען אַ רעגירונגס־פּרעמיע שוין אַליין פאַר דעם ערשטן באַנד „פּענעק", וועלכן ער האָט געהאַט אָנגעשריבן אין גייסט פון דער „גענעראַל־ליניע" נאָך זייענדיק אין בערלין. און וואו זיינען די אַנדערע גאַנץ באַגאַבטע פּראָזע־שרייבער, ווי ש. גאָדינער, ד. מייעראָוויטש (מ. דאַניעל), ב. אָליעווסקי, אָרלאַנד, י. ראַבין, נאָטע לוריע און אַ סך אַנדערע, וועלכע האָבן עס געזאָלט אוועקשטעלן די יידישע ליטעראַטור פון ראַטן־פאַרבאַנד אויף די „פאָדערשטע פּאָזיציעס פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור"? איך רעד שוין ניט פון אַזעלכע צוויי באמת קרעפטיקע טאַלאַנטן, ווי משה קולבאַק און אַל־בערטאָן, וואָס זיינען גאָר אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער סאָוועטי־שער עפנטלעכקייט.

דערפאַר אָבער זיינען אין די אַלמאַנאַכן „סאָוועטיש" אויפגעשטאַנען תחית־המתים צוויי יידישע שרייבער, וואָס זיינען געווען „אַרויס פון טיראַזש" נאָך לאַנג־לאַנג פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע: דאָס זיינען — ליפמאַן לעווין און יהודה מאַרגאָלים. דער ערשטער פיגורירט אין נומער 6 מיט קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן „דעם שטורעם אַנטקעגן", דער צווייטער, אויך אין נומער 6, מיט אַ דערציילונג „קלעזמאָרים" און אין נומער 7—8 — מיט אַ דערציילונג „קאָלאָ־ניסטן" פון די ניינציקער יאָרן. צווישן די פּראָזע־שרייבער פון דער פאַר־אָקטאָבער־תקופה געפינען מיר אויך דעם דערציילער יודל יאָפע, וואָס האָט נאָך אין יאָר 1914 דעביוטירט מיט זיין „איידעמל" אין ש. ניגערס „אידישע וועלט".

און דאָ גייען מיר צו צו דער צווייטער וויכטיקער דערשיינונג, וואָס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן ביים באַקענען זיך מיטן אינהאַלט פון די צענטראַלע אַלמאַנאַכן „סאָוועטיש", און נעמלעך: דעם טעמאַטישן „השיבנו נאַזאַד" ניט נאָר צו די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, נאָר — אויף גאַנצע יאָר־הונדערטער צוריק.

נעמען מיר, למשל, דעם אינהאַלט פון „סאָוועטיש" נומער 4 (1937). ער הויבט זיך אָן מיט פּרץ מאַרקישעס לידער וועגן שפּאַניע, נאָך אים קומט מ. דאַניעלס א פּיעסע „יאָהאַן גוטענבערג", מ. כּאַשטשעוואַצקי באַזינגט „לער־מאָנטאָווס שטיבל", דער נסתּר פּובליקירט פראַגמענטן פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן „די משפּחה מאַשבער", ש. האַלקין — זיינע איבערזעצונגען פון שעקספּירס „קיניג ליר" און פון פּושקינס „מאָצאַרט און סאַליערי", עזרא פינינבערג — מיט זיין נישט גאָר געלונגענער איבערזעצונג פון געטעס „פאַוסט". דאָס נעמלעכע מערקט זיך אויך אין די ווייטערדיקע נומערן „סאָוועטיש", אין וועלכע מיר געפינען א. קושניראָווס איבערזעצונג פון דעם „געזאַנג וועגן איגאָרס חייל" („סלאָוואָ אָ פּאָלקו איגאָרעווע"), מ. כּאַשטשעוואַצקיס איבערזעצונגען פון דעם גרוזינישן דיכטער רוסטאַוועלי, וואָס האָט געלעבט אין מיטלעלטער, ש. האַלקינס אַ פּיעסע „בר־כּוכבא", מ. כּאַשטשעוואַצקיס אַ באַלאַדע וועגן ספּינאָזעס טויט, ש. ראָסינס איבערזעצונגען פון פּושקין, לערמאָנטאָוו און טיוטשעוו און די אויבן דערמאָנטע אַרבעט פון יודיצקין וועגן „די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען אין יהודה".

מיר זעען אַלזאָ, ווי דער יידיש־סאָוועטישער שרייבער אַנטלויפט פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט צו די נ י ט - י י ד י ש ע ק ל א ס י ק ע ר, ווי אויך — צו די ו ו י י ט ע י א ר ה ו נ ד ע ר ט ע ר, וואו מען קען זיך דיכ־טעריש אויסלעבן אין גאַנץ אַנדערע וועלטן און ביי גאַנץ אַנדערע שעפערישע אָנלאָדונגען און באַדינגונגען.

די דאָזיקע דערשיינונגען קענען, פאַרשטייט זיך, נאָר באַגריסט ווערן, באַזונדערס — דאָס אַריבערטראָגן אין דער יידישער ליטעראַטור די הויפּט־ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור. גראָד פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך די איבער־זעצונג־אַרבעט אין די א נ ד ע ר ע יידישע לאַנד־ליטעראַטורן, דער עיקר אין אַמעריקע און אין פּוילן, כּמעט ווי אָפּגעשטעלט. איז עס טאַקע אַ גרויס געווינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור בכלל, וואָס די יידיש - ס א ו ע ט י ש ע דיכטער האָבן זיך אַ נעם געטאָן פאַר דער איבערזעצונג פון די רוסישע און אַנדערע קלאַסיקער.

אָבער אין סאָוועט־רוסלאַנד בכלל און אין דער דאָרטיקער יידישער קולטור בפרט ווערט יעדע נייע טענדענץ אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן באַלד מגולגל אין אַ ליידנשאַפט, אין אַ לאָזונג, אין אַ מין „אצבע אלקים" פון דער „גענעראַל־ליניע"... און אויך: דער דראַנג צו איבערזעצן פון אַנדערע ליטעראַטורן הויבט אָן גיין, ליידער, אויפן חשבון פון דער א ר י ג י נ ע ל ע ר יידישער ליטעראַטור.

אָט ליגט פאַר מיר דער ביכער־ביולעטען פון פאַרלאַג „עמעס" (מאָסקווע, 1937). זע איך, אַז אין משך פון 9 חדשים (פערטער קוואַרטל פון 1935 און ערשטער האַלב־יאָר פון 1936) האָט דער „עמעס"-פאַרלאַג אַרויסגעגעבן 12 ביכער א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג ע ן: פון אַנרי באַרבים ,אַנדאָר גאַבאָר, דאָסטאָיעווסקי, היי־נע, מאָפּאַסאַן, ראָמען ראָלאַן, פּושקין און פאַדעיעוו, וואָס אַלע צוזאַמען פאַרנע־

מען זיי 1626 זייטן, — בעת פון די ייִדיש-סאָוועטישע שרייבער זיינען פאַר די זעלביקע 9 חדשים דערשינען: פון די שרייבער פון פ א ר דער אָקטאָבער־תקופה (צווישן זיי אַזעלכע, ווי ד. בערגעלסאָן, ידידיה מאַרגאָליס, יודל יאָפע און י. דאָברושין) ניט מער ווי 8 ביכער, וואָס פאַרנעמען צוזאַמען נאָר 1800 זייטן, און פון די ב א מ ת ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער — דאָס מיינט די, וואָס זיינען באַקאַנט געוואָרן ערשט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע (ווי ש. ברעגמאַן, א. קושניראָוו, מירע כענקין און י. ראַבין) — זיינען דערשינען בלויז 4 ביכער מיט 932 זייטן. דערפאַר אָבער האָט דער פאַרלאַג „עמעס" אין דעם אייגענעם צייט־אָפּשניט אַרויסגעלאָזט דעם דריטן באַנד פון דער 9־בענדיקער מענדעלע־אויסגאַבע („מסעות בנימין השלישי" און „דאָס קליין מענטשלע") און דריי בענד פון שלום־עליכמס 12־בענדיקער אויסגאַבע („אייזנבאַן־געשיכטן" און „פונעם יאַריד"). אַזוי־אַרום באַקומט זיך, אַז פאַר די 9 חדשים פון 1935—1936 האָט דער פאַרלאַג „עמעס" אַרויסגעלאָזט אויף דעם ייִדישן ביכער־מאַרק:

פ ו ן ד ע ר י י ד י ש ע ר ל י ט ע ר א ט ו ר	
קלאַסיקער — — — — — — — — — —	1422 זייטן
ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער פון פ א ר אָקטאָבער — —	868 "
ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער פון נ אָ ך אָקטאָבער — —	932 "
צוזאַמען —	3222 זייטן
א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג ע ן — — — — — — — —	2626 "

די דאָזיקע, אין פלוג געגומען צופעליקע, ציפערן זיינען אָבער גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאַר די איצטיקע טענדענצן אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור: אויפן ערשטן פלאַץ קומען די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור און סאָוועט־רוסישע שרייבער; אויפן צווייטן — די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור; אויפן דריטן — די ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער פון נ אָ ך דער אָקטאָבער־תקופה; אויפן פערטן — די ייִדישע שרייבער פון פ א ר דער אָקטאָבער־תקופה.

לויט די קאַטאַלאָגן, וואָס די „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ" (אינטערנאַציאָנאַלער בוכהאַנדל) לאָזט אַרויס אין מאָסקווע, זיינען נאָר פאַר די ערשטע 3 חדשים פון 1939 דערשינען אויף ייִדיש 14 ביכער פון בעלעטריסטיק, פון זיי — 8 ביכער ייִדישע אָריגינעלע ליטעראַטור (775 ז"ז) און 6 ביכער איבערזעצונגען (1268 ז"ז). ווען מען פאַרגלייכט די לעצטע ציפער מיט דער ציפער פון די 9 חדשים אין 1935-1936 (2626), זעט מען קלאָר, אַז דער איבערזעצונג־אימפּעט אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור וואַקסט פון יאָר צו יאָר.

פון די זעלביקע קאַטאַלאָגן האָב איך זיך געפּרוּווט אויפשטעלן אַ בילד, אויף וויפיל די ייִדישע ליטעראַטור ווערט איבערגעזעצט אין דער רוסישער שפּראַך. וויבאַלד עס רעדט זיך

וועגן א פאראייניקונג פון פעלקער און קולטורן, איז דאָך כדאי צו וויסן, אויף וויפיל דער ניט יידיש־לייענער אין סאָוועט־רוסלאַנד (קריסטן און רוסיפיצירטע יידן) ווערן באַקאַנט מיט די בעסערע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז פאַרן יאָר 1938 איז אין רוסיש דערשינען אַ קליינע אַנטאָלאָגיע פון די יידיש־סאָוועטישע ד י כ ט ע ר (142 ז"ז) און אַז עס גרייטן זיך צום דרוק די לידער פון ד. האָפשטיין און פון ל. קוויטקאָ. פון די יידיש־סאָוועטישע פ ר אָ ז א א י ק ע ר פיגורירן: ד. בערגעלסאָנס „בײַם דניעפּר" („פּענעק"), עליע גאָרדאָנס ראָמאַן „אינגול־באַיאַר", מ. דאַניעלס דראַמע „יוליוס", נאָטע לוריעס „די סטעפּ רופט", פּרץ מאַרקישס „אומקער פון נייטען בעקער" און שלום־עליכמס „אייזנבאַן־געשיכטן" און „מאָטל־פּייסי דעם חזנס".

אינגאַנצן, הייסט עס, פיגורירן אין דעם קאַטאַלאָג פון „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ" פאַרן יאָר 1938 צען ביכער מיט 2156 זייטן פון דער יידישער ליטעראַטור, איבערגעזעצט אין רוסיש, בעת פון דער ג ר ו ז י נ י ש ע ר ליטעראַטור פיגורירן אין דעם זעלביקן קאַטאַלאָג 24 ביכער מיט 6410 זייטן — דאָס מיינט פּונקט דריי מאָל מער ווי פון דער יידישער, לויט דער צאָל זייטן.

בכלל גענומען, ווען מען פאַרגלייכט די יידישע ביכער־פּראָדוקציע מיט דער ביכער־פּראָדוקציע פון די אַנדערע קולטור־פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד, דערזעט מען באַשיימפּערלעך, ווי דער יידיש־סאָוועטישער „עם הספר" איז נאָך שטאַרק אָפּגעשטאַנען. אַזוי, למשל, זיינען אין א ו ק ר א י נ ע, וואו די יידישע באַפעלקערונג מאַכט אויס 5 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, דערשינען פאַר די יאָרן 1934—1936 — 426 יידישע ביכער, מיט אַ טיראַזש פון 1 מיליאָן 983.695 עקזעמפּלאַרן. דאָס מאַכט אויס פּראָצענטועל 3,1 פון דער גאַנצער ביכער־פּראָדוקציע אין אוקראַינע לויט דער צאָל דערשינענע ביכער פאַר די דערמאָנטע יאָרן און ווינציקער פון 1 פּראָצענט לויט דער צ אָ ל ע ק ז ע מ־ פּ ל א ר ן. ס'וואָלט דאָ געווען אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן די פּראָצענטער פון דער יידישער ביכער־פּראָדוקציע לגבי דער ניט־יידישער אין אַמעריקע און פּוילן. צום באַדויערן, פאַרמאָג איך ניט די דאָזיקע ציפערן און ס'איז מיר שווער אפילו צו פאַרגלייכן די פּראָפּאָרציע פון דער יידישער ביכער־פּראָדוקציע לגבי דער ניט־יידישער אין אַנדערע טיילן פון ראַטן־פאַרבאַנד, חוץ אוקראַינע.

וואָס איז נוגע דער יידישער ביכער־פּראָדוקציע אין צ ע נ ט ר א ל ־ ר ו ס־ ל א נ ד, וואו ס'אַרבעט דער פאַרלאַג „עמעס", וואָס באַזאָרגט מיט יידישע ביכער ניט נאָר דעם יידיש־לייענער פון צענטראַל־רוסלאַנד אַליין — געפינען מיר וועגן דעם אַ גאַנץ גענויע ביבליאָגראַפישע נאָטיץ פון א. פינקעלשטיין אין דעם אַלמאַנאַך „סאָוועטיש", נומער 7—8. די נאָטיץ נעמט אַרום די ביכער־פּראָדוקציע פון פאַרלאַג „עמעס" פאַר דעם צווייטן „פינפיאָר" — פאַר די יאָרן 1933—1937. אין משך פון אָט די 5 יאָר האָט דער פאַרלאַג „עמעס" אָפּגעדרוקט 852 יידישע ביכער מיט אַ טיראַזש פון 6.240.925 עקזעמפּלאַרן, פון זיי — בעלעט־

ריסטישע: 328 מיט אַ טיראַזש פון 1.847.750. לויט די יאָרן פאַרטיילט זיך די ביכער-פּראָדוקציע פונעם פאַרלאַג „עמעס“ אַט ווי:

צאָל און טיראַזש פון ביכער, דערשינען אין פאַרלאַג „עמעס“ אין די יאָרן 1933—1937

ליטעראַטור-געביטן	1933	1934	1935	1936	1937	פאַר אַלע 5 יאָר צוזאַמען: צאָל ביכער	פאַר אַלע 5 יאָר צוזאַמען: טיראַזש *)
	צאָל ביכער						
מאַרקס-לענין-ליטעראַטור	11	16	5	4	5	41	404.500
פּאַרטיי-פּאָליטישע „	4	7	—	4	—	15	81.000
פּאָליט.-סאָוו. דאָקומענטן	20	36	41	36	40	173	1.455.925
טעכניק, לאַנדווירטשאַפט	9	—	—	—	—	9	21.500
קינסטלערישע ליטעראַטור	33	29	91	108	67	328	1.847.750
קינדער-ליטעראַטור	—	11	29	10	21	62	272.000
קריטיש-פאָרשערישע ליט'	—	4	6	—	—	10	20.500
סטאַבילע לערנביכער	17	17	10	17	8	69	633.750
אַנטירעליגיעזע ליטעראַטור	—	—	—	—	1	1	4.000
אַנדערע געביטן (?)	22	38	25	30	29	144	1.500.000
סך-הכל	116	158	198	209	171	852	6.240.925

אין דער דאָזיקער טאַבעלע ווערט, ליידער, ניט אָנגעגעבן די צאָל ביכער, וואָס זיינען אין משך פון דעם דאָזיקן פינפיאָר (1933—1937) איבערגעזעצט געוואָרן פון אַנדערע שפּראַכן (דער עיקר — פון רוסיש).

פאַרשטייט זיך, אַז אונדז אינטערעסירט דאָ ניט די אַזוי גערופענע „פּאָליט-מאַסאָווע“ ליטעראַטור (פּאַרטיי-פּאָליטישע), ווי אויך ניט די פאַרשיידענע מינים לערנביכער, וואָס זיינען כמעט אינגאַנצן איבערגעזעצט פון רוסיש, נאָר אויסשליסלעך — די ייִדישע שײנע ליטעראַטור. מיר געפינען נאָר אין דער ביבליאָגראַפישער נאָטיץ פון א. פינקעלשטיין, אַז אין 1938 זיינען אין פאַרלאַג „עמעס“ דערשינען פון דעם מין ליטעראַטור 7 אָריגינעלע ייִדישע ווערק

*) צוליב דוחק אין פּלאַץ האָב איך פון פינקעלשטיינס טאַבעלע נומער 2 וועגן דעם טיראַזש פון די ביכער פאַר יעדן יאָר באַזונדער גענומען נאָר דעם אַלגעמיינעם סך-הכל פאַר אַלע 5 יאָר צוזאַמען.

(פון בערגעלסאָן, מאַרקיש, פינינבערג, גאָדינער, אַלבערטאָן, אַליעווסקי און פּערסאָוו) און 3 איבערזעצונגען (פון פּאַוולענקאָ, קאַטאַיעוו און קאַראַוואַיעוואַ), בעת אין 1937 זיינען שוין אין דעם זעלביקן פאַרלאַג דערשינען די ווערק נאָר פון 4 יידישע שרייבער (בערגעלסאָן, מאַרקיש, דאָברושין און משה טייטש) און 11 איבערזעצונגען (פון גאָרקי, דאָסטאָיעווסקי, שאָלאָכאָוו, ווירטאַ, קירפּאָטין, געטע, שעקספּיר, לאָנגפעלאָ, אַנאַטאָל פראַנס, דזשעק לאָנדאָן און רוסטאַוועלי). די איינציקע טרייסט איז, וואָס פאַר דעם זעלביקן פינפיאָר זיינען דערשינען 4 בענד פון מענדעלע-מוכר-ספרים און 15 בענד פון שלום-עליכם.

אגב, וואָס איז נוגע שלום-עליכמס ווערק, דערוויסן מיר זיך פון א. פינקעלשטיינס ביבליאָגראַפישער נאָטיץ, אַז פאַר די אַלע 20 יאָר נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע (1917—1937) זיינען שלום-עליכמס ווערק דערשינען: אין יידיש — 1.216.000 עקזעמפּלאַרן, אין רוסיש — 405.000 און אין אַנדערע זעקס שפּראַכן — 486.000; צוזאַמען, הייסט עס, 2.107.000 עקזעמפּלאַרן אין 8 שפּראַכן.

3.

פון דער אויבן-געבראַכטער טאַבעלע זעען מיר, אַז אין 1937 איז אין דער ביכער-פּראָדוקציע פונעם פאַרלאַג „עמעס" פאָרגעקומען פּלוצים אַ גרויסע י ר י ד ה. בעת אין די 1933—1936 האָט די פּראָדוקציע געהאַלטן אין איין וואַקסן פון יאָר צו יאָר, איז די צאָל ביכער אין 1937 געזונקען ביז 171 (אָנשטאָט די 209 ביכער אין 1936) און די צאָל עקזעמפּלאַרן — ביז 1.481.375 (אָנשטאָט די 1.605.800 עקז. אין 1936). אויך די בעלעטריסטישע ליטעראַטור איז אין 1937 פּלוצים געזונקען ביז 67 עקז. (אָנשטאָט די 108 אין 1936) און די צאָל עקזעמפּלאַרן — ביז 447.750 (אָנשטאָט די 678.000 אין 1936). ס'איז אַגב כדאי צו באַמערקן, אַז אויך דער טיראַזש פון אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" איז אין 1938 געפאַלן פון 2000 אויף 1500 עקזעמפּלאַרן.

דער ביבליאָגראַף א. פינקעלשטיין דערקלערט אונדז ניט, ליידער, די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו אַזאַ שטאַרקער ירידה. ער קומט נאָר צום אויספיר, אַז „די רעקלאַם-אַרבעט ביים פאַרלאַג („עמעס") איז אינגאַנצן אַ פאַרלאָזענער געביט — דאָס שטערט דער פאַרשפּרייטונג" און „מען דאַרף זיך דערשלאָגן, אַז אויף יעדן איינציקן בוך, זאָלן זיין רעצענזיעס אין אונזערע צייטונגען און זשורנאַלן" („סאָוועטיש", נומ' 7—8, ז. 427). ווי אַזוי אָבער, פרעגט זיך, קען מען זיך „דערשלאָגן" רעצענזיעס „אין אונדזערע צייטונגען", ווען ביים היינטיקן טאָג דערשיינט אין סאָוועט-רוסלאַנד ניט מער, ווי איין-איינציקע צייטונג אין קיעוו („דער שטערן")? „דער שטערן" האָט, ווי די אַנדערע פריער-געוועזענע צוויי צייטונגען אין מאָסקווע און מינסק, שוין פון לאַנג אויסגעמיטן צו רעצענזירן די ניי-דערשינענע ביכער, ווייל עס האָט זייער אָפט פּאַסירט, אַז ניט איין רעצענזירט בוך איז שפּעטער געפּסלט געוואָרן, און דערביי פלעגט

ליידן ניט נאָר דער מחבר פונעם בוך, נאָר אויך — דער רעצענזענט, וואָס האָט איבער דעם געפּסלטן בוך געהאַט געשריבן אַ גוטע רעצענזיע.

אַזוי־אַרום איז, ביי דעם בעסטן ווילן, זייער שווער צו זיין אָפּטימיסטיש בנוגע דעם באַרג־אַרויף פון דער יידיש־סאָוועטישער קריטיק און דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור בכלל.

איך האָב דאָ אָנגעגעבן אין זינען ניט נאָר דעם באַרג־אַרויף אין כמות, נאָר אויך דעם באַרג־אַרויף א י ן א י כ ו ת.

די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור איז אין די לעצטע יאָרן ניט דערהויבן געוואָרן מיט אַ וועלכן ניט איז אויסערגעוויינטלעך־שטאַרקן און אָריגינעלן בוך, וואָס זאָל האָבן אַ פאַרבלייבנדיקן ווערט ניט נאָר פאַר דער יידישער ליטעראַטור פון ראַטן־פאַרבאַנד אַליין. די וויכטיקסטע פּראָזע־ווערק קען מען דאָ אויסציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. די פּאָפּולערסטע פון זיי, און נעמלעך: א. קיפּניסעס „חדשים און טעג", משה קולבאַקס „זעלמעניאַנער", מ. אַלבערטאָנס „בירא־בידזשאַן", מ. דאַניעלס „אין אַ צייט אַזאַ" און נאָטע לוריעס „די סטעפּ רופט" — וועלן זיכער אַריין אין דעם אייזערנעם פאָנד פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור, כאָטש אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא זיינען אייניקע פון זיי שוין לאַנג געפּסלט. צו די דאָזיקע פאַרבלייבנדיקע פּראָזע־ווערק רעכן איך ניט צו דוד בערגעלסאָנס ערשטן באַנד „יידן ביים דניעפּר" („פּענעק"), ווייל דאָס דאָזיקע מייסטערווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן אין ב ע ר ל י ן און עס קען ניט גיין אויף דעם חשבון פון דער ס אָ ו ו ע ט י ש ע ר ליטעראַטור. דער צווייטער באַנד „פּענעק" איז נאָך עד־היום ניט דערשינען, כאָטש דוד בערגעלסאָן איז שוין אַזוי לאַנג אין ראַטן־פאַרבאַנד.

די אַנדערע יידיש־סאָוועטישע שרייבער, אָנהייבנדיק פון דעם עלטסטן פון זיי — פון ש. גאָדינערן, וועלכער קען נאָך עד־היום ניט פּאַרטיק ווערן מיט זיין „מענטש מיט דער ביקס" (וועלט־מלחמה, בירגער־קריג, מיליטערישער קאָמוניזם), ביז די שפּעטער צוגעקומענע — אַבטשוק, אַראָנסקי, אַליעווסקי, ברעגמאַן, גאָרדאָן, קאַהאַן, ראַבין, שאַפּירא און נאָך אייניקע אַנדערע — שווימען נאָך עד־היום איבער די פלאַכע וואַסערן פון אַ מין סאָוועטישן „שמ"ריזם", אָבער אָן שמ"רס גע־שפּאַנטער פאַבולע. מען שילדערט טיפּן, וואָס זיינען אָדער כולו זכאי (סאָוועטישע בויער), אָדער כולו חייב (קליינבירגער פון דער אַלטער וועלט). אָבער דער מ ע נ ט ש מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, דער מענטש, וואָס קען זעלבּ־שטענדיק דענקען און פילן, אָט דער לעבעדיקער מענטש, וואָס פאַרן שרייבער איז ער שטענדיק אָריגינעל און איינגאַרטיק, ו ו ע ר ער זאָל ניט זיין און ו ו אָ ס ער זאָל ניט זיין — פעלט נאָך עד־היום.

מעגלעך, אַז דער צוריקקער צו דער נאַטור, דער צוריקקער צו דער ליבע וועלן אויך דעם יידיש־סאָוועטישן שרייבער געבן צו דערפילן די פרייד — צי דעם געוויין — פון דעם אייגענעם געביין, און ער וועט ענדלעך דערזען דעם

מ ע נ ט ש ן, וואָס קען אַמאָל האָבן „צאַנוויטאַג אין האַרצן" אויך אַפילו אין דעם לאַנד, וואו ס'איז שוין „פאַרווירקלעכט געוואָרן דער טרוים פון דורות".

און אין דער יידיש-סאָוועטישער דיכטונג האָבן מיר לעצטנס שוין אָנגעהויבן זיך אַלץ אָפטער און אָפטער אָנצושטויסן אויף אַזוינע נאַטור־ און ליבע־מאָטיוון. גענוג צו דערמאָנען דעם ציקל לידער פון ל. ק ו ו י ט ק אָ „מיין טייערער" אין „פאָרפּאָסט" נומער 2 פאַרן יאָר 1938 (בירא־בידזשאַן), אָדער זיין „יוגנט־ליד אין דריי טיילן", אָפּגעדרוקט אין אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" נומער 5 (מאָסקווע 1938). זיין בענקשאַפט און ציטעניש „צום הויז פון שטיין און ליים" האָבן לעצטנס אָנגעהויבן פאַרכאַפּן אויך די אַנדערע, מער יינגערע דיכטער, ווי מ. האַרצמאַן, מ. טאַלאַליעווסקי און חיים ביידער, הגם אין זיי פילט זיך נאָך קינסטלערישע אומבאַהאָלפנקייט, און זיי זיינען מער ע ר ב ־ דיכטער, ווי דיכטער.

אמת, די ליבע־פערזן פון די דאָזיקע דיכטער זיינען נאָך ווייט הינטערשטעליק לגבי די ליבע־לידער, וואָס מען האָט געשריבן אין דער ווילנער לבנה־תקופה נאָך מיט אַ גוטע דרייסיק יאָר צוריק. עס ראַטעוועט זיי ניט, אַפילו אויך ניט ביי ל. קוויטקאָ, דער כלומרשטער פּרימיטיוו פון אַ פאָלקס־ליד — אונדזער יידישער פאָלקלאָר פאַרמאָגט אַ סך בילדערישערע און קרעפּטיקערע ליבע־לידער.*) אָבער די יידיש־סאָוועטישע דיכטונג הויבט דאָך אָן לעגאַל זיך אויסצודרייען מיטן פּנים צו זיך, מיטן פּנים צו די „ליימענע כאַטעס" פון שטעטל און מיטן פּנים צו די „גרינע אויגן" פון דער געליבטער. אָט דער דאָזיקער טעמאַטישער צוריקקער צו דער נאַטור און צו דער נאָך קיינמאָל ניט־גענוג־באַזונגענער ליבע וועט אפשר דערפירן די יידיש־סאָוועטישע דיכטונג צו אַ העכערער מדרגה.

איך גלויב, אַז אָט די נייע שעפערישע אָנלאָדונגען פון די אוראַלטע קוואַלן וועלן סוף־כל־סוף אויך די יידיש־סאָוועטישע דיכטונג אַרויספירן פון איר פריערגעוועזענעם שאַבלאָן און לאַנגווייליקער סכעמאַטישקייט — און אַזוי־אַרום וועט זי אויך ווערן אַ שותף צו דער גרעסער יידישער וועלט־ליטעראַטור.

---

*) די נטיה צו פאָלקלאָריזירן די לידער פון די ערב־דיכטער האָט שוין דערפירט אַפילו צו אַ געווויסן מין פעלשונג פון פאָלקלאָר. אַזוי, למשל, געפין איך אינעם אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" נומער 5 אַ ציקל סטאַלין־לידער א"נ „יידישער פאָלקלאָר". אָבער שוין דאָס ערשטע ליד „סטאַלין" פון אָט דעם כלומרשטן „פאָלקלאָר" איז ערשט מיט צוויי יאָר צוריק געווען געדרוקט אין קיעווער „שטערן" פון 4 פעברואַר 1937 און אונטערגעשריבן: „קאָמיוגיסט הערשל פיליפ"... דער איינציקער אונטערשייד איז, וואָס אין „שטערן" פאַרענדיקט זיך דאָס ליד מיט די שורות:

„ער איז דער וואונדער צווישן אַלע
מיטן נאָמען — מענטשן־געני — סטאַלין"

און אין „סאָוועטיש":

„ער איז דער וואונדער צווישן אַלע
מיטן נאָמען — סטאַלין"

דער „מענטשן־געני" (זשעני?) איז אין דעם אַזוי גער' יידיש־סאָוועטישן „פאָלקלאָר" אַרויסגעפאַלן...

ח. אַראָנסאָן / פּאַריז

ביי די קוואַלן פון יידישער קונסט

1.

פאַר די לעצטע יאָרן איז די אויספאָרשונג וועגן יידישן קונסט־שאַפן אין אַלטערטום זייער ווייט אַוועק פאָרויס, אַ דאַנק די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונ־גען אין ארץ־ישראל און סיריע, בעת מ'האָט אַנטדעקט ביז גאָר וויכטיקע יידישע דענקמאָלן און באַלויכטן באַזונדערס די עפּאָכע, ווען די גריכישע און רוימישע קולטור איז אַריינגעדרונגען אין אָריענט. די נייע אַנטדעקונגען און אויספאָר־שונגען האָבן געבראַכט דערצו, אַז אַ סך אָנגענומענע אמתן וועגן יידן אין דער אַלטערטימלעכער קונסט דאַרפן איצט פון דאָס ניי איבערגעקוקט און רעווידירט ווערן.

מען האָט שוין אַ סך ביי אונדז געשריבן וועגן דעם באַקאַנטן לאו פון דער תורה „לא תעשה לך פסל וכל תמונה" און דערפון געמאַכט דעם אויספיר, אַז דעם טראַדיציאָנעלן יידנטום איז די קונסט געווען לחלוטין פרעמד. פילאָלאָגיש באַטייט טאַקע „פסל" בילדלעכע סקולפּטור, קיילעכדיק און בולט אין דער פאָרם. אָבער מען דאַרף דעם דערמאָנטן פּסוק אין תורה קיינמאָל ניט נעמען איזאָלירט, אַליין פאַר זיך; מען דאַרף זען, וואָס עס שטייט וועגן דעם זעלביקן ענין ווייטער, אין ספר דברים: איר זאָלט זיך ניט מאַכן קיין שום געשטאַלט, קיין שום בילד ניט פון דעם, וואָס איז אַרום אייך אויף דער ערד און ניט פון דעם, וואָס מען זעט אויפן הימל, „כדי איר זאָלט זיך צו דעם ניט בוקן און זיך ניט מאַכן דערפון קיין געטלעכן קולט" („ונדחת והשתחוית להם ועבדתם". דברים, ד', 19). דאָ האָבן מיר שוין דעם יסוד און עיקר פון יידישן מאָנאָטעאיזם: דער גאָט פון ישראל קען ניט ווערן פאַרגליכן מיט קיין שום געשטאַלט, וואָס מיר זעען אַרום זיך, און מען מוז אים משיג זיין נאָר ג יי ס ט י ק. דער דאָזיקער איסור, וועלכער איז קלאָר געווענדט קעגן יעטווידן געטלעכן קולט פון בילדער, איז אָבער ניט געווענדט קעגן קונסט־שאַפן ב כ ל ל, ווען אין אים איז ניטאָ קיין סכנה אָדער אַ חשד פון אַזאַ געטלעכן קולט. דערפאַר טאַקע איז אַרכיטעקטור, קונסט־מלאכה, דעקאָ־ראַטיווע קונסט תמיד געווען יאָ דערלויבט ביי יידן, און אפילו רעליגיעז־באַ־רעכטיקט. איז דאָך דער משכן אין מדבר געווען, לויט דער באַשרייבונג אין חומש, אַן אמת קונסטווערק. און אַזוי האָבן עס טאַקע פאַרשטאַנען דאָס פאָלק און די כוהנים. עס איז אַ מצווה צו באַצירן און באַשיינען גאָטס הויז, און עס איז אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס דער אויסדרוק „נוה" אין תנ"ך, וואָס באַטייט אַלס הויפּטוואָרט — אַ וואוינונג, געמיינט אייגנטלעך דעם משכן, באַטייט אַלס צייטוואָרט — באַצירן, באַשיינען. יידן זיינען געווען שטאָלץ מיט זייער שיינעם

משכן און שפּעטער מיטן פּראַכטפולן בית־המקדש. דער וואונדערבאַרער יידישער טעמפּל אין אלכסנדריא של מצרים (די באַזיליקע) האָט געהאַט אַזאַ שם ביי יידן, אַז אין תלמוד ווערט געזאָגט: „ווער עס האָט ניט געזעען דעם טעמפּל אין אַלכסנדריא, דער האָט קיין יידישע פּראַכט ניט געזעען". 1)

אויב די טראַדיציע האָט ניט געוואָלט ליידן קיין געשטאַלטן פון חיות, אפילו ריין־דעקאָראַטיווע באַהאַנדלט, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געשראָקן, מען זאָל חס־וחלילה ניט אַריינפאַלן אין געצנדינערײ. אַזוי ווערט געזאָגט אין תלמוד (מס' עבודה־זרה, פּרק „כל הצלמים"): „כל המזלות מותרין חוץ ממזל חמה ולבנה, וכל הפרצופין מותרין חוץ מפרצוף אדם, וכל הצורות מותרות חוץ מצורות דרקון" — אַלע מזלות זיינען דערלויבט, אויסער דער זון און דער לבנה, אַלע געשטאַלטן זיינען דערלויבט — אויסער דער מענטשלעכער, אַלע פיגורן — אויסער די פיגורן פון אַ דראַקאָן, דאָס מיינט — אויסער די בילדער און פיגורן, וואָס האָבן אין יענער צייט געדינט פאַרן געצנדינערישן קולט. אינעם זעלביקן אָרט אין תלמוד געפינען מיר אָבער די מיינונג פון אַזאַ אויטאָריטעט, ווי ר' שמעון בן גמליאל הנשיא, וועגן דעם איסור פון בילדער: ער איז יאָ מתיר פיגורן, אויב נאָר זיי ווערן ניט באַהאַנדלט ווי אַ געץ. אין די ווערטער פון ר' שמעון בן גמליאל פילט מען די זיכערקייט, אַז די געצנדינערײ האָט שוין מער ניט קיין שליטה איבער יידן — און מיט דעם, וואָס איז פאַרשוואונדן, האָט שוין קיין זינען ניט צו קעמפן.

אין יענע מאָמענטן, ווען עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די יידישע אמונה געפינט זיך אין סכנה, איז מען געווען זייער שטרענג מיטן דת און מען האָט פאַרווערט יעטווידע פיגורלעכע סקולפּטור, סיי פון מענטשן, סיי פון חיות — און ווי נאָר מען האָט איינגעזעען, אַז קיין סכנה איז מער ניט פאַראַן, האָט מען די סקולפּטור פון חיות צוריק דערלויבט. אָבער אפילו אין די שטרענגסטע צייטן איז ניט געווען קיין שום איסור ניט אויף שיינע קונסט־אויסאַרבעטונגען, ניט אויף שיינער אַרכיטעקטור, ניט אויף געאָמעטרישע און פלאַנצונג־אָרנאַמענטן. געוויס האָט דער שטרענגער איסור פון מאָנומענטאַלער פיגורלעכער געשטאַלטונג אָפּגע־שוואַכט די יידישע קונסטשאַפונג; מיר ווייסן, וואָס פאַר אַ באַדייטיקע ראָלע די מענטשלעכע געשטאַלט האָט געשפּילט אין דער מעסאָפּאָטאַמישער, עגיפּטי־שער און גריכישער קונסט.

מען זאָגט אָפט, אַז יידן זיינען אַ פאָלק פון געדאַנק, פון וואָרט און ניט פון געשטאַלטונג־קונסט, אַז אפילו אין דעם קונסטווערק אינטערעסירט דעם יידן די א י ד ע ע, דער געדאַנק און ניט די פ אָ ר ם. און מיר הערן אויך אָפט, אַז ס'זיינען פאַראַן יידישע קינסטלער, אָבער ס'איז ניטאָ קיין יידישע קונסט.

---

1) מסכתא סוכה, נ"א, ב: „מי שלא ראה דיופלוסטון של אלכסנדריא של מצרים, לא ראה בכבודו של ישראל, אמרי כמין בסיליקי היתה סטיו" וכו' (ווייטער קומען די באַ־שרייבונגען פון די שיינקייטן פון דעם טעמפּל).

דער מקור פון דער דאָזיקער באַהויפּטונג איז אונדז גוט באַקאַנט. די אייראָפּעאישע קונסטפאָרשער האָבן זייער קונסט־באַנעם אויפגעבויט אויף דער קאָנצעפּציע פון גריכיש־רוימישער קונסט, דער עיקר אויף דעם באַגריף פון גריכיש־רוימישער מאָנומענטאַלער סקולפּטור, און דאַן אויף די שאַפונגען פון די גרויסע רענעסאַנס־מייסטערס. דער קונסט־האַנטווערקער איז פאַרבליבן אין שאָטן, די קונסט־אויסאַרבעטונג, די פאָלקס־קונסט בכלל, די אַזוי גערופענע „געווערבע־קונסט", איז ווייניק אָפּגעשאַצט געוואָרן און איז באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ מינדערווערטיקע. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט אויס וואָלט מען אייגנטלעך געדאַרפט מבטל מאַכן די גאַנצע א י ס ל א מ י ש ע קונסט, ווייל זי איז דאָך דער עיקר אַ דעקאָראַטיווע און קונסט־געווערבלעכע, אָפּטמאָל — אַ ווערק פון אַנאָנימע קונסט־האַנטווערקער. און דאָך איז די איסלאַמישע קונסט איינע פון די פּרעכטיקסטע קונסט־שאַפונגען פון דער מענטשהייט.

די האַנט אויך פונעם י י ד י ש ן קונסט־האַנטווערקער האָט קיינמאָל ניט גערוט. די זעלביקע יידישע האַנט, וואָס האָט אויסגעפירט די פיינע סקולפּטורן פון די סינאַגאָגן אין גליל, אין 2־טן ביזן 4־טן יאָרהונדערט, האָט אויך געהאַמערט און געשניצט די סקולפּטור פון די סינאַגאָגן אין שפּאַנישן טאָלעדאָ, די פּראַכטפולע קאַפּיטעלן פון דייטשן וואָרמס און בעמישן אַלט־פּראַג, געשניצט די וואונדערבאַרע ארון־קודשים פון די הילצערנע שולן אין פּוילן פון 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט און אויסגעפירט די שיינע פאָלקס־מצבות אין פּוילן, בעסאַראַביע און בוקאָווינע. און אַזוי איז יידישער אינהאַלט, יידישע סימבאָליק, יידישע מיסטיק, יידישע טעמאַטיק דאָך געקומען צום אויסדרוק, ניט געקוקט אויף די שרעקלעכע ליידן און וואָגלענישן פון אונדזער פאָלק. און דער עיקר — דער יידישער געדאַנק, דאָס יידישע געפיל און דער יידישער גייסט האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַזאַ פּלאַסטישער פאָרם, וואו פאָרם און אינהאַלט איז געוואָרן איינס. דורך אַלע שטרויכלונגען, דורך אַלע אימיטאַציעס, השפעות פון פרעמדע סטילן, איז עס דאָך געקומען צו דער יידישער א ו י ס ד ר ו ק ־ פ א ָ ר ם, און ס'איז געוואָרן — י י ד י ש ע ק ו נ ס ט. אַזוי האָט די יידישע פאָלקס־קונסט מאַניפעסטירט איר פאָרמאַלן און גייסטיקן המשך און קרובהשאַפט מיט דער אַלטער טראַדיציאָנעלער יידישער קונסט פון ארץ־ישראל.

2.

וואָס מער מען פאַרטיפט זיך אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און וואָס מער מען דערנענטערט זיך צו אָט דער אַלטער יידישער קונסט, פון וועלכער עס זיינען געבליבן בלויז אָרעמע רעשטן, ווייסט מען אַלץ מער אונטערצושיידן דאָס י י ד י ש ע פון דעם נ י ט ־ י י ד י ש ן. דער פראַנצויזישער קונסטפאָרשער ר ע נ ע ד י ו ס אָ, איינער פון די גרעסטע אָריענטאַליסטן, שרייבט אַזוי:

„די יידן האָבן טאַקע גענומען זייערע קונסט־פאָרמען פון די גריכן, פון די רוימער, אָבער זיי האָבן זיי איבערגעפורעמט און צו דעם צוגעגעבן אייגנס. זיי האָבן געמאָלט די פּלאַרע פון פּאַלעסטינע אויף אַן אייגענעם אופן סטיליזירט און עס אַריינגעפירט אין דער קונסט". 2)

געוויס איז מיט די יידן געשען דאָס אייגענע, וואָס מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון אַלטערטום. אייננעמענדיק דאָס לאַנד כנען, האָבן די יידן איבערגענומען זיינע קונסט־פאָרמען און זיינען שטאַרק אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון די מעכטיקע קונסט־פעלקער, זייערע שכנים, וואָס האָבן באַאיינפלוסט כנען. די קונסט פון מעסאָפּאָטאַמיע, פון די כשדים, פון די בבלים, פון די חיתים, פון אשור, ווי אויך די עגיפּטישע קונסט האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער יידישער קונסט־שאַפונג און באַזונדערס אויף דער מאָנומענטאַלער אַרכיטעקטור; צו דעם קומט נאָך צו די השפעה פון די פעניקיער (צידונים) און פון די עגעאישע אינדזלען קרעטאַ און ציפּערן. די קונסט פון די פעניקיער איז אַליין געווען אַן אַמאַלגאַמע פון מעסאָפּאָטאַמישער, עגיפּטישער און עגעאישער קונסט. אויפן געביט פון קונסט־מלאכה, מעטאַל־אויסאַרבעטונג, גאָלדשמידעריי און אין דער גיסעריי־קונסט האָבן די פעניקיער פון יענער צייט ניט געהאַט קיין קאָנקורענטן, חוץ די קונסט־האַנטווערקער פון די עגעאישע אינדזלען. די מאָנומענטאַלע פיגורלעכע סקולפּטור פון מעסאָפּאָטאַמיע און עגיפּטן, וועלכע דריקט אויס דעם קולט פון די פאַרשיידענע געטער און געטינס און די פאַרגעטערונג פון הערצאָישע מלכים, האָבן צוליב דעם רעליגיעזן איסור ניט געקענט האָבן קיין פּלאַץ אין יידישן לאַנד, סיידן ערגעץ־וואו אין אַ פּאַלאַץ פון אַ קיניג. פאַרקערט אָבער, די קונסט־אויסאַרבעטונגען פון שטאָפן און מעטאַל פון מעסאָפּאָטאַמיע ,עגיפּטן, פעניקיע און די עגעאישע אינדזלען האָבן געמוזט האָבן אַ גרויסע השפעה אויף די יידן. דער יידישער האַנטווערקער האָט זיי תחילת אימיטירט און דערנאָך האָט ער זיך אויסגעלערנט צו קאָנקורירן מיט אָט די אימפּאָרטירטע קונסט־מוסטערן. אָבער די יידישע קונסט לעבט איבער דעם זעלביקן גורל, ווי דאָס יידישע פאָלק. די סיסטעמאַטישע באַרויבונג פון ארץ־ישראל דורך זיינע באַצווינגער דערלויבט ניט פעסטצושטעלן דעם מאָמענט, ווען די יידישע קונסט־מלאכה האָט דערגרייכט איר העכסטן אויפשוואונג.

בעת שלמה המלך האָט געבויט דעם בית־המקדש, איז די יידישע קונסט־מלאכה שוין געשטאַנען אויף אַ גאַנץ הויכער מדרגה, הגם ניט אויף אַזאַ, ווי ביי די פעניקיער און די עגעער. דער יידישער האַנטווערקער איז געוויס געווען אימשטאַנד אַליין אויפצובויען אַ שיינעם בית־המקדש אין אַ ריין־יידישן גייסט, אַזוי ווי ער האָט עס געשאַפן דעם הערלעכן משכן אין מדבר. אָבער שלמה המלך

2) *René Dussaud,* Les monuments palestiniens et judaïques. Musée du Louvre. Paris 1912.

האט געוואלט איבערראשן די וועלט מיט זיין בית־המקדש און מיט זיין קיניג־לעכן פאלאץ, און ער האט איינגעלאדן די פעניקישע מייסטערס, וועלכע האבן דעמאלט געשמט פאר די גרעסטע דעקאראטארן, ווי היינט די פראנצויזן. און חוץ דעם האט ארץ־ישראל ניט פארמאגט די זעלטענע, טייערע מאטעריאלן צום בויען, ווי גאלד, צעדער־האלץ, קופער. אנגעפירט פון דעם בוימייסטער חירם, וועלכער איז געקומען פון פרעמדן צור, זיינען אבער דאס רוב ארבעטן זיכער אויסגעפירט געווארן פון יידישע בעל־מלאכות, חוץ די גרויסע מעטאלגוס־ארבעטן און די פיינע גאלדשמידעריי, אין וועלכע די פעניקיער זיינען געשטא־נען אויסער יעדער קאנקורענץ. 3) די יידישע האנטווערקער זיינען שוין קענטיק אין יענער צייט געווען גוט באהאוונט אין האלץ־באארבעטונג און אין האלץ־שניצעריי. דער בארימטער וואשבעקן, דער „קופערנער ים", איז געווען אוועקגעשטעלט אויף צוועלף געגאסענע פון קופער־אקסן. 4) צי דערמאנט עס ניט די געפליגלטע אקסן, וואס מיר זעען איצט אין מוזיי פון לואוור אין פאריז, אין דער אסירישער אפ־טיילונג?

פונדעסטוועגן קען מען ניט באטראכטן דעם בית־המקדש און שלמה המלכס פאלאץ פאר דעם אויסדרוק פון ריין־יידישער קונסט, נאר מער — פון א פרעמדער, אימפארטירטער. די יידישע קיניגן האבן תמיד געלאזט זייערע פאלאצן בויען דורך פרעמדע מייסטערס. אזוי האט דער מלך אחאב זיין פאלאץ פון עלפאנט־ביין געלאזט בויען דורך די פעניקיער, און אט דער פאלאץ איז געווען א געמיש פון עגיפטישע, מעסאפאטאמישע און פעניקישע בוי־פארמען. דער בארימטער זיגל פון „שמע עבד ירבעם" איז באצירט מיט א ברילנדיקן לייב פון ריין־באבילאנישן סטיל, און צי איז דאס די ארבעט פון א יידישן האנטווערקער, איז שווער צו זאגן.

די פראגע וועגן דעם, ווי טיף איז די אידעע פון מאנאטעאיזם און די תורת־משה איינגעדרונגען אין דער פאלקס־נשמה פון די יידן, בעת זייערע וואנדערונ־גען אין מדבר און נאכן באזעצן כנען, איז זייער א קאמפליצירטע, און מיר קענען זיך דא אויף איר ניט אפשטעלן. אבער פון תנ"ך ווערט אונדז קלאר, אז זינט יידן זיינען געקומען קיין כנען האבן די ארומיקע געצנדינערישע קולטן געהאט א גוואלדיקע השפעה אויף זיי, און זיי זיינען געשטרויכלט געווארן אין עבודה־זרה, הגם די גייסטיקע פירער פון ישראל, די כוהנים און נביאים, האבן מיט דער גאנצער קראפט געפרואווט אפהיטן די ריינקייט פון מאנאטעאיזם. די אסטראלא־גישע וויזיעס פון די כשדים, דער מיטאס און די דיכטערישע פאנטאזיעס פון בבל און מצרים האבן געמאכט א טיפן רושם אויף דער שפירעוודיקער נשמה פון פרימיטיוון יידישן פאלק. און נאר דער פרומער מלך יאשיהו האט אנהויב 7־טן יארהונדערט (פאר קריסטוס) געמאכט א סוף צו די געצן־טעמפלען. געוויס

3) פארגל' דאס בוך פון קאהן-ווינער Jüdische Kunst (בערלין).

4) זע מלכים א', ז', כ"ג: „ויעש את הים מוצק... עומד על שני-עשר בקר".

האָט דאָס געהאַט אויך אַ ווירקונג אויף דער געשטאַלטונג פון דער יידישער קונסט אין יענער פרי־תקופה. 5) אָבער מיר גלויבן, אַז מיר וועלן ניט מאַכן קיין טעות, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די פיגורלעכע סקולפּטור אין שלמה המלכס בית־המקדש איז באַהאַנדלט געוואָרן ריין־דעקאָראַטיוו און כּלל ניט אינעם געצנ־דינערישן גייסט. און דער בעסטער באַווייז איז, וואָס די באַשרייבונג פון דעם בית־המקדש און זיינע פיגורלעכע באַצירונגען, וואָס געהערט זיכער צו אַ שפּע־טערדיקער און אַ פרום־יידישער רעדאַקציע, איז איבערגעלאָזט געוואָרן אין אַלע אירע פּרטים אין תנ״ך (מלכים א׳).

אין דער צייט פון די חשמונאים, ווען דאָס יידישע פאָלק לעבט דורך אַ מעכטיקן אויפשוואונג פון זיין רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, ווערט אויך די יידישע קונסט־אויסאַרבעטונג אויסגערייניקט פון די געצנדינערישע אַטרי־בוטן. אויף די מטבעות פון די חשמונאים זעען מיר אַ סטיליזירטע ליליע, אַ פּאַלמע, אַ לולב, אַ כּוס, אַן אתרוג. ווען די יידן באַקומען אַ צוטריט צום ים — זייער אַ וויכטיקע געשעעניש — באַווייזט זיך אויף די מטבעות אויך דער אַנקער. אויף איינער פון די לעצטע מטבעות פון די חשמונאים זעען מיר צום ערשטן מאָל די מנורה מיט די זיבן רערן, וועלכע וועט מיט דער צייט ווערן איינער פון די פּלאַסטישע הויפּט־סימבאָלן פון יידנטום. יוסף פלאַוויוס פאַרגלייכט די מנורה צום עץ־החיים, צום לעבנס־בוים, און די זיבן רערן זיינען די זיבן צווייגן פון עץ החיים, אַ רמז אויף די זיבן פּלאַנעטן. מען דאַרף וויסן, אַז אין די אוראַלטע רעליגיעס פון בבל און אשור האָט עקסיסטירט די פאַרשטעלונג פון „זיבן וועלטן", און דעריבער האָבן אייניקע געזוכט אַ דערקלערונג פאַר דער מנורה אין דער אַסטראָלאָגיע פון די כּאַלדעער; אין דער אמתן אָבער איז די מנורה אַ ריין־יידישער סימבאָל.

די סטיליזירטע פּלאַנצונגען אויף די יידישע מטבעות, אין די יידישע קונסט־אויסאַרבעטונגען, אין דער סקולפּטור פון די סינאַגאָגן אין גליל און אויף די יידישע סאַרקאָפאַגן אין די קאַטאַקאָמבן (זע ווייטער) זיינען דער אויסדרוק פון יידישן געדאַנק און געפיל, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער ליבע און צוגעבונדנקייט צום יידישן לאַנד, צו זיינע פעלדער און וועלדער, צו זיינע יום־טובים, צום בית־המקדש און צו דער יידישער אמונה, סימבאָליזירט דורך דעם ארון־קודש און דער מנורה. דאָס יידישע פאָלק אין ארץ־ישראל איז געווען דורכאויס אַ פּויערים־פאָלק. די זעלביקע פּאַלמע, וואָס איז דער סימבאָל פון ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון די הערלעכע פּאַלמען, וועט שפּעטער ביי די קריסטן פון 6־טן און 7־טן י״ה באַקומען אַ גאַר אַנדערן סימבאָלישן באַטייט: זי וועט ווערן אַן אַנדייטונג אויף דעם לעבן אין גן־עדן.

די פאַרשיידענע קונסט־פאָרמען אויפן אָריענט, אויסער זייער דעקאָראַטיווער ראָלע, האָבן נאָך געהאַט אַ סימבאָלישן און מיטאָלאָגישן

5) פּאַרגל׳, למשל, ביי קראַוטהיימער Mittelalterliche Synagogen (בערלין), אויך ביי קאָהן־ווינער.

באטייט. וואנדערנדיק דורך דורות און פעלקער, האבן זיי דערהאלטן זייער פאר־מאלן און דעקאראטיוון אויסזען, אבער פארלארן זייער סימבאלישקייט, די מי־טאלאגישע אידעע, מיט וועלכער זיי זיינען געווען פארבונדן אין מאמענט פון זייער אויפקום, אדער אין די דאזיקע וואנדערנדיקע פארמען זיינען אריינגעלעגט געווארן גאר אנדערע סימבאלישע אידעען. אזוי זעען מיר, אז די מאזאאיק פון דער סינאגאגע אין האמאם־ליף, לעבן טוניס, 6) וועלכע שטאמט פון 4־טן י"ה נאך קריסטוסן, שטעלט פאר צווישן אנדערע דעקאראטיווע עלעמענטן א פאנטאזן מיט צוויי קעגנגעשטעלטע פאוועס. דער דאזיקער מאטיוו שטאמט פון דער ס י ־ ר י ש ע ר אלטער קונסט; מען געפינט אים אין טעמפל פון ארטעמיס און דורא־אייראפאס, 7) און אויך אין דער אלטער פעניקישער שטאט צור פון 3־טן י"ה, 8) און דער דאזיקער מאטיוו וועט זיך שפעטער איבערחזרן, אין 7־טן י"ה, אויף א ק ר י ס ט ל ע כ ן סארקאפאג אין ראווענא (איטאליע).

עס איז דעריבער ניט ריכטיק צו דערקלערן געוויסע געשטאלטן און דעקא־ראטיווע פארמען, וועלכע קומען אריין אין יידישן קונסט־שאפן, מיט דער געצנדי־נערישער סימבאליק און מיטאלאגיע פון סיריע און בבל, אדער פון אלט־גריכנלאנד. דאס יידישע קונסט־האנטווערק אין ארץ־ישראל האט זיי געקענט אפט נאאיוו א י מ י ט י ר ן, אבער זייער סימבאליק און מיטאלאגיע איז אים געבליבן אינער־לעך פרעמד. דער יידישער האנטווערקער האט געהאט ז יי ן סימבאליק, און ער נעמט זי פון ת נ " ך און פון די יידישע פ א ל ק ס ־ ל ע ג ע נ ד ע ס. אזא סימבאליק איז דער יידישער לייב, דער שופר, דער הירש וכדומה. דער לייב איז די עמבלעם פון יהודה: „גור אריה יהודה". דער שופר, לויט די ארכעאלאגן — דער גריכישער הארן פון פרוכטבארקייט, איז אין דער אמתן א ריין ־ יי ד י ש ע עמבלעם, א סימבאל פונעם יידישן נאמאדן־פאלק. אויף דער מאזאאיק אין בית־אלפא געפינט זיך א רייטוואגן מיט א מאן אויף אים, און די ניט־יידישע און אויך די יידישע ארכעאלאגן טייטשן אויס, אז דאס איז דער גריכישער גאט פעבוס; אין דער אמתן אבער האט דער יידישער האנטווערקער, וואס האט די מאזאאיק געמאכט, אפשר גאר ניט געוואוסט, ווער איז ער אזוינער דער פעבוס, דערפאר אבער האט ער זיכער גוט געוואוסט פון תהילים דעם פסוק: „לשמש שם אוהל בהם, והוא כחתן יצא מחפתו". די דאזיקע געשטאלט האט ער נאאיוו קאפירט פון א גריכישער מטבע אדער וואזע; עס איז באוואוסט, אז ביי די אלטע מעסאפאטאמישע פעלקער איז דער געטלעכער קולט פון דער זון און דער לבנה באקאנט פון די אוראלטע צייטן (אזוי זעען מיר, ווי דער גאט שמש, וואס סימ־באליזירט די זון, גיט איבער דאס געזעץ־שריפט דעם קיניג האמוראבי אויף דער בארימטער סטעלע אין לואוור, אין דער מעסאפאטאמישער אפטיילונג) — און ביי

6) אנטדעקט אין יאר 1883.

7) *Franz Cumont,* Fouilles de Doura Europos. Paris 1926.

8) *Ernest Renan,* Mission de Phenicie. Paris 1874.

יידן איז אָט דער דאָזיקער קולט געווען שטרענג פאַרווערט. אַ יידישער סימבאָל איז אויך דער הירש — ער ווערט אָפּט דערמאָנט אין תהילים: „כאיל תערג על אפיקי מים (תהילים מ״ב, ב׳). אין די צייטן פון בר־כוכבא איז דער יידישער סטיל פון דעם קונסט־האַנטווערקער קריסטאַליזירט געוואָרן; אויף די מטבעות זיינען צוגעקומען מוזיק־אינסטרומענטן, ווי דער „כינור־דוד״. אַזוי איז די יידישע סימבאָליק געלייטערט געוואָרן דורך דעם אייביקן קוואַל פון יידישער פאָלקס־קונסט.

די בארימטע קברים פון דער חשמונאים־צייט („יד אבשלום״, „קבר זכריהו״) ווייזן אונדז אַ געמיש פון גריכישע, עגיפּטישע און סירישע פאָרמען. פּונקט ווי דער אויבן־דערמאָנטער פּאַלאַץ אין ירבעמס צייטן, זיינען אויך אָט די קברים געבויט פון פיין־געשניצטע פירקאַנטיקע שטיינער. די סירישע פאָרמען שטימען דאָ האַרמאָניש מיט די גריכישע. די צירקן, טעאַטערן און ענלעכע געבייען, וואָס הורדוס האָט אויסגעבויט אין ארץ־ישראל, זיינען ניט מער ווי וואולגאַרע אימיטאַציעס פון דער רוימישער אַרכיטעקטור און האָבן גאָרניט צו טאָן מיט יידישן גייסט און מיט די יידישע קולטורעלע באַדערפעניש, און נאָך ווייניקער — מיטן גייסט פון דער יידישער קונסטשאַפונג. די דאָזיקע געבייען זיינען געוואָרן אַרויפגעצוואונגען מיט גוואַלד אויף דעם יידישן פאָלק. די שטעט, וואָס הורדוס האָט געבויט, מאַניפעסטירן די זעלביקע אורבאַניסטישע סיסטעם, לויט וועלכער עס זיינען געבויט די שטעט אין סיריע פון די גריכן, די סעלוועקידן, ווי, למשל, אין דורא־אייראָפּאָס. דער פראַנצויזישער קונסטפאָרשער פראַנץ קיומאָן האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע אורבאַניסטישע סיסטעם פון בויען שטעט האָבן די גריכן אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן איבערגענומען פונעם אָריענט. 9) ווי מען זעט, האָבן די גריכן, אַריינדרינגענדיק אין אָריענט, פּונקט אַזוי פיל גענומען, וויפיל זיי האָבן געגעבן.

די יורשים פון הורדוסן דערלויבן זיך צו געבן אויף זייערע מטבעות זייערע אייגענע בילדער און די בילדער פון די רוימישע מושלים, און דאָס האָט טיף באַליידיקט דעם נאַציאָנאַלן געפיל און אויפגערעגט דאָס יידישע פאָלק. נאָכן חורבן בית־המקדש און דורכפאַל פון לעצטן אויפשטאַנד האָט דאָס יידישע פאָלק זיך געפילט מוראדיק דערשלאָגן. אויף די רוימישע מטבעות מיט דער אויפשריפט «Judea capta» (יהודה באַזיגט) זעט מען אַ יידישע פרוי פאַרצווייפלט, זיצט און וויינט. יידן האָבן אויפגעגעבן דעם קאַמף, מען האָט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז מען וועט נאָך צוריק געווינען די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט. צוזאַמען מיט דער ירידה פון יידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין האָט זיך אין די רייכע אַריסטאָקראַטישע קרייזן אָנגעהויבן אַ שאַרפע אַסימילאַציע־באַוועגונג. מען האָט דאָרט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך איינגאַנצן אונטערגעבן דעם רוימישן הערשער, מען נעמט איבער זיין קולטור און מנהגים, מען רעדט גריכיש אָדער לאַטיין, מען לעבט

---

9) זע דאָס צייט׳ בוך פון פראַנץ קיומאָן.

אויפן רוימישן שטייגער. אָבער די רייכע אַריסטאָקראַטישע קרייזן זיינען נאָך ניט דאָס גאַנצע פאָלק. און נאָך בר־כוכבאס אויפשטאַנד זעען מיר, ווי עס אַנטוויקלט זיך און בליט אויף דער גליל, וואָס ווערט אַ צענטער פון יידישן קולטורעלן און רעליגיעזן לעבן. אַ טיפער רעליגיעזער און מאָראַלישער באַוואוסט־זיין דאַרף פאַרבייטן דעם אונטערגאַנג פון נאַציאָנאַלן צענטער; די בעלי־התלמוד שטרעבן צו קאָנסאָלידירן דעם יידישן דת. אָבער גלייכצייטיק קומט צום אויסדרוק ביי אַ טייל גייסטיקע פירערס פון יידישן פאָלק אַ געפיל פון אידעאָלאָגישער טאָלעראַנץ און ליבעראַליזם, וואָס מאַכט מעגלעך אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער גריכישער פילאָסאָפיע, וויסנשאַפט און אויך קונסט. אַזוי זעען מיר, אַז אפילו דער נשיא ר' שמעון בן גמליאל באַזוכט אַ באָד, וואָס איז געשמוקט מיט אַ סטאַטוע פון דער גריכישער געטין אַפראָדיטאַ.

3.

אויפן דאָזיקן באָדן זיינען אויפגעקומען די סינאַגאָגן אין גליל, וואָס שפיגלען אָפּ די טיפע שפירעוודיקייט און פאַרשטענדעניש פון יידישן האַנט־ווערקער און בוימייסטער פאַרן העלעניסטישן סטיל. גליל איז געשטאַנען אין אַ שטענדיקן פאַרקער מיט די גריכן און איז אַזוי ווי באַשטימט געווען אויפצונעמען די העלעניסטישע קונסט און קולטור און פאַרבינדן זיי האַרמאָניש מיט דער קולטור פון אָריענט. דאָס גריכישע וואָרט „סינאַגאָגאַ", ווי באַקאַנט, האָט תחילת באַטייט „פאַרזאַמלונג" („עדה", „כנסת") און ערשט שפּעטער ווערט פון דעם אַ בית־התפילה און בית־המדרש. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז די ערשטע סינאַגאָגן זיינען אויפגעקומען נאָך אין דער צייט פון גלות־בבל; איינגעפירט פון עזרא הסופר אין ארץ־ישראל, זיינען זיי מיט דער צייט געוואָרן אַ פונדאַמענט פון יידישן רעליגיעזן לעבן. באַזונדערס איז אַזוי געווען אין דער פּראָווינץ און אין די גלות־לענדער, וואו די סינאַגאָגע האָט פאַרביטן דעם צענטראַלן תפילה־אָרט פון ירושלים, אָבער זייער צאָל איז זייער אויסגעוואַקסן אויך אין ארץ־ישראל, אפילו אין ירושלים גופא, און אין די צייטן פון טיטוסן האָט מען דאָרט אָנגעציילט ביז 394 סינאַגאָגן. אין גליל, ווי מ'רעכנט, געהערן זיי צום צווייטן ביזן פערטן יאָרהונדערט. די סינאַגאָגן אין גליל ווערן באַשריבן אין אַ ספּעציעלער און וויכ־טיקער מאָנאָגראַפיע פון קאָהל און וואַטצינגער, [10] אויך דער באַקאַנטער יידישער אַרכעאָלאָג סוקעניק האָט געגעבן אַ באַשרייבונג פון די דאָזיקע יידישע מאָנומענטן.

אין דער דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע זאָגט אַרוים וואַטצינגער די מיינונג, אַז די סינאַגאָגן פון גליל זיינען געווען אויפגעבויט לויטן אויפטראָג און אויף די

10) *Kohl* und *Watzinger,* Antike Synagogen in Galiläa. Leipzig 1916.

הוצאות פון די רוימישע הערשער. די דאָזיקע באַהויפּטונג איז ניט קיין ריכ־טיקע. לעצטנס האָט מען אויף אייניקע סינאַגאָגן דאָ געפונען אויפשריפטן מיט נעמען פון יידישע מנדבים. אויך די בויער פון די סינאַגאָגן זיינען געווען יידן, הגם באַאיינפלוסט זיינען זיי געווען פון די סירישע טעמפּלען אין יענער צייט. די סקולפּטור איז דאָס אויסשליסלעכע ווערק פון יידישע שני־צערס, און וואַטצינגער אליין באַשטעטיקט דאָס. אויף אַן אָפּגעריסענעם שטיק פּאַסאַד פון דער סינאַגאָגע אין כפר־בירעים, וואָס שטאַמט פון גליל פון 2־טן י"ה און געפינט זיך איצט אין מוזיי פון לואַוור, לייענען מיר אַזאַ אויפשריפט: „והי שלום במקום הזה ובכל מקומות ישראל יוסה הלוי בן לוי עשה השקוף הזה תבא ברכה במעיוש (במעשיו)". 11) קיין בעסערן באַווייז, אַז דאָס איז אַ פּראָדוקט פון יידישער בוי־קונסט, דאַרף מען ניט. די דאָזיקע סינאַגאָגע איז געבויט אויף דער באַזע פון גריכיש־רוימישער באַזיליקע און נאָר אָנשטאָט פון פיר זייטן איז זי בלויז פון דריי אַרומגערינגלט מיט זיילן; די פּערטע זייט איז באַשטימט פאַר דעם אַריינגאַנג, פאַר די טירן. די קאַפּיטעלן פון די זיילן זיינען אָדער פון קאָ־רינטישן, אָדער פון יאָנישן סטיל. דער יידישער שניצער ווייזט אַרוים אין דער סקולפּטור דעם פיינסטן פּלאַסטישן געשמאַק. די הויפּט־מאָטיוון זיינען דאָ געאָמעטרישע און פלאַנצונג־אָרנאַמענטן: ראָזעטן, שטערן, טרויבן, גראַנאַטן, קאָנסאָלן, פלעכטבאַנדן און מגן־דודים. אין דער סינאַ־גאָגע פון כפר־נחום זעען מיר קראַנצן, וואָס ווערן געהאַלטן פון גריכיש־מיטאָ־לאָגישע אַמאָרן, אָבער דערביי — אַ מנורה און אַן ארון־קודש; דעם ארון־קודש, וואָס סימבאָליזירט דעם ארון־הברית פון בית־המקדש, טרעפן מיר אויך אין דער סינאַגאָגע פון דזשעראַש (גרש, אין עבר־הירדן). אויך געפינען מיר געשטאַלטן פון חיות — אַ לייב, אַן אָדלער, אפילו אַ קענטאַוור (אין כפר־נחום). וואַטצינגער איז מסכים, אַז די ערשטע קריסטלעכע טעמפּלען זיינען אַרויס פון די דאָזיקע סינאַגאָגן אין גליל; ער שרייבט, אַז „מען זעט אין דער סינאַגאָגע צום ערשטן מאָל די פּראָפּאַנע געצנ־דינערישע אַרכיטעקטור־פאָרם פון דער באַזיליקע, צוגעפּאַסט צו די באַדערפע־נישן פון אַ ניט־געצנדינערישער געמיינדע, אַלס דעם אָרט פון פאַרזאַמלונגען און דעם לערנהויז (בית־הכנסת און בית־המדרש), און געווען איז דאָס אין אַ צייט — דאַרף מען ניט פאַרגעסן — ווען די קריסטן פלעגן זיך נאָך ניט פאַר־זאַמלען פאַר זייערע געבעט־צוועקן און ווען דאָס קריסטנטום האָט נאָך ניט געהאַט געפונען פאַר זיין קולט קיין אייגענע מאָנומענטאַלע בוי־פאָרם". 12)

אָבער דער בולטסטער באַווייז פון דער השפעה פון יידישער סינאַגאָגאַלער

---

11) זע ד. כוואָלסאָן: Corpus Inscriptionum Hebraicarum (פּעטערבורג 1882). „השקוף" מיינט פענסטער; „במעיוש" איז פאַרגרייזט, אָנשטאָט במעשיו; כוואָל־סאָן ווייזט אָן, אַז אַזעלכע גרייזן טרעפן זיך אָפט אין די אַלטע אויפשריפטן.

12) זע די ציט' מאָנאָגראַפיע פון קאָהל און וואַטצינגער.

קונסט אויף דער קריסטלעכער קירכן־קונסט איז די סינאַגאָגע אין דורא־אייראָפּאָס. צוריק מיט עטלעכע יאָר זיינען געמאַכט געוואָרן אויפן גרענעץ פון סיריע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, וואָס האָבן געבראַכט אַן אמתע איבערראַשונג: מען האָט אַנטדעקט די שטאָט ד ו ר אַ ־ א יי ר אָ פּ אָ ס, וואָס איז געווען איינגעגראָבן אין זאַמד, אין די וויסטעניש פון אַמאָליקער סיריע, פון 3־טן יאָרהונדערט אָן. אין אָט דער אויסגעגראָבענער שטאָט האָט מען צווישן אַנדערע ניט־יידישע טעמפּלען אויך אַנטדעקט אַ יידישע סינאַגאָגע מיט גרויסע פיגורלעכע וואַנט־מאָלערייען, וואָס האָבן געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם סיי אין דער קריסטלעכער, סיי אין דער יידישער וויסנשאַפטלעכער וועלט. דאָס איז דער א יי נ צ י ק ע ר אונדז באַקאַנטער ביישפּיל פון אַן אַלטער סינאַגאָגע מיט פיגורלעכער מאָלעריי, בפרט פון מענטשלעכע פיגורן, וואָס זעט אויס צו זיין אין אַ פולער סתירה צו דער שטרענגער טראַדיציע פון יידישן דת „לא תעשה לך פסל". עס איז באמת זייער שווער צו דערקלערן, ווי אַזוי איז די דאָזיקע פיגורלעכע מאָלעריי באַרעכטיקט געוואָרן פון די רבנים פון דער דאָרטיקער יידישער געמיינדע.

די שטאָט דורא־אייראָפּאָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון פּאַלמירא און האָט אייגנטלעך געלעבט נאָר אין זכות פון דער דאָזיקער וואונדערבאַרער, פאַנטאַסטישער שטאָט. ווי מיר ווייסן, איז פּאַלמירא געוואָרן איינע פון די רייכסטע שטעט אויפן אָריענט פון יענער צייט אַ דאַנק דעם, וואָס עס האָט זיך איינגעגעבן די סוחרים פון פּאַלמירא צו שאַפן די שנעלסטע און זיכערסטע קאָמוניקאַציע מיט דער רייכער אינדיע. נאַטירלעך, האָבן אין פּאַלמירא ניט געפעלט קיין יידן, וואָס זיינען דעמאָלט געווען פאַרטראָטן אין אַלע וויכטיקסטע האַנדלס־צענטערן פון אָריענט. די קאַטאַקאָמבן מיט די יידישע נעמען, וועלכע מען האָט אַנטדעקט אין פּאַלמירא, זיינען באַדעקט מיט מאָלעריי, וואָס האָבן ניט קיין שפּור פון יידישער סימבאָליק און יידישן גייסט. און דאָס איז אַ באַווייז, אַז די יידן אין פּאַלמירא זיינען צו יענער צייט שוין געווען שטאַרק אַ ס י מ י ל י ר ט. די בעלי־התלמוד רעדן וועגן די יידן אין פּאַלמירא מיט אַ געוויסן חשד, און מסתמא ניט אָן רעכט. 13) דורא־אייראָפּאָס איז געווען איינע פון די גרענעץ־שטעט, וואָס האָט אָפּגעהיט פּאַלמירא מיט אירע לעגענדאַרע אוצרות פון אַן אָנפאַל מצד די רויבערישע שבטים פון מדבר, וועלכע האָבן געלויערט אויף איר רייכטום. די גוט באַפעסטיקטע און באַוואָפנטע דורא־אייראָפּאָס האָט באַקומען אַ חלק אין פאַרדינסט פון די אָנגעקומענע האַנדלס־קאַראַוואַנען אין פּאַלמירא. ווי באַקאַנט, האָט רוים חרוב געמאַכט פּאַלמירא, פונקט ווי ער האָט חרוב געמאַכט ארץ־ישראל, קאַרטאַגענאַ, סעלעוקיא און צענדליגער אַנדערע בליענדיקע צענטערן פון דער הויכער אַנטיקער קולטור און ציוויליזאַציע. מיטן אונטערגאַנג פון פּאַלמירא האָט

---

13) די שטאָט פּאַלמירא רופט זיך אין תלמוד: תרמור, פאַרגרייזט פון תדמור; אין מסכתא יבמות, פ' ראשון, געפינען מיר: „ואמר ר' יוחנן מקבלין גרים מתרמור". די יידן פון פּאַלמירא (תדמור) האָבן געהאַט אַ שם פון פאַרגרעבטע אין יידישן דת.

געמוזט נאַטירלעך אויך אונטערגיין דוראַ־אייראָפּאָס. די סינאַגאָגע אין דוראַ־אייראָפּאָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין יאָר 245 נאָך קריסטוסן. דער פּלאַפאָן פון דער סינאַגאָגע איז באַמאָלט מיט בלומען, פּירות און חיות פון די צוועלף מזלות, די ווענט — מיט סצענעס פון תנ״ך, מיט בילדער וועגן עקידת־יצחק, בילדער פון שמות, שופטים, מלכים (אליהו הנביא, שלמה המלך א״אַ), אויך בילדער פון מרדכי און אסתר המלכה וכדומה. דער סטיל איז אַ געמיש פון העלעניסטישער און סיריש־פּערסישער מאָלערײַ. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די מאָלערס, וואָס האָבן דאָס געמאָלט, זײַנען געווען ייִדן. מען דערקענט, אַז די קינסטלער האָבן זיך געהאַלטן געטרײַ אין דעם טעקסט פון תנ״ך און זײַנען אינספּירירט פון די ייִדישע לעגענדעס און פון די פּירושים אויפן תנ״ך. ווער־זשע האָט דאָס אַלץ געקענט אַזוי גוט וויסן, אויב ניט אַ ייִדישער מאָלער?

די ייִדישע באַפעלקערונג פון דוראַ־אייראָפּאָס איז אויסערלעך געווים געווען אַסימילירט. מען איז דאָ אויף דעם קרייצוועג פון צוויי קולטורן: דער העלעניסטישער און דער פּערסישער. אָבער עס איז געווען אַ צײַט פון רעליגיעזן פיבער; סעקטעס און רעליגיעזע קולטן האָבן זיך געמערט מיט יעדן טאָג, און די ייִדישע אמונה איז געוואָרן טיף דערשיטערט דורך דעם דאָזיקן רעליגיעזן ברויזן. מען האָט קאָנקורירט ניט בלויז אין דער אידעאָלאָגיע, נאָר אויך אין דער פּראַכט פון די טעמפּלען, אין דער שיינקייט פון רעליגיעזן צערעמאָניאַל. די רײַכע ייִדישע באַפעלקערונג פון דוראַ־אייראָפּאָס, האָבנדיק אַרום זיך די פּראַכטפולע טעמפּלען פון די געטער אין פּאַלמירע, פון דער געטין אַרטעמיס, מיטראַ וכדומה, האָט געהאַלטן פאַר איר חוב אויפצובויען אַ סינאַגאָגע, וואָס זאָל אין פּראַכט און גלאַנץ ניט אָפּשטיין פון די ניט־ייִדישע טעמפּלען. אַנדערש קען מען זיך די זאַך ניט דערקלערן. מען האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם פאָלק באַווײַזן דורכן בילד די פּראַכט און די גרויסקייט פון ישראל, פון זײַן פאַרגאַנגענהייט. דער ציל האָט דאָ געזאָלט באַרעכטיקן די מיטלען. עס גלויבט זיך ניט, אַז די ייִדן פון דוראַ־אייראָפּאָס זאָלן געווען זײַן אַרײַנגעטאָן אין עבודה־זרה, ווי עס מיינט אַזאַ אויטאָריטעט, ווי דיומעניל די ביואיסאָן: 14) די מאָלערײַ אין דער סינאַגאָגע האַלט זיך געטרײַ אין דעם תנ״ך, און ס׳איז ניט צו מערקן קיין סימן פון עפּעס אַן אַנדער קולט. זי איז געשאַפן געוואָרן פון טאַלאַנטפולע ייִדישע קינסטלער און האָט אינספּירירט די ביזאַנטישע מאָלערײַ און מאָזאַאיק, און שפּעטער — די ראָמאַנטישע און גאָטישע מיניאַטיור־מאָלערײַ. קלערק האָפּקינס, דער אַמעריקאַנער קונסט־פאָרשער, ווײַזט אויך אָן, אַז די קונסט פון דער קריסטלעכער קירך האָט פון דער דאָזיקער ייִדישער מאָלערײַ אין דוראַ־אייראָפּאָס איבערגענומען איר סטיל, אירע קאָמפּאָזיציעס און אירע טעמעס.

---

14) *Comte Du Mesnil du Buisson,* Notes sur les peintures de Doura Europos ; « Gazette des Beaux-Arts », Paris 1936.

אַ פּאָר ווערטער נאָך וועגן די יידישע קאַטאַקאָמבעס. אַזעלכע קאַטאַקאָמבעס האָט מען געפונען אין רוים, סיציליע, קירענאַאיקע, אין קרים און אויך אין ארץ־ישראל. די אינטערעסאַנטסטע זיינען די קאַטאַקאָמבעס אין ווינייאַ ראַנדאַניני, ווילאַ מאָנטעווערדאָ און ווילאַ טאָרלאָניאַ אין רוים. די אויפשריפטן זיינען דאָ ס'רוב אין גריכיש, לאַטייניש און זייער ווייניק אין העברעאיש (אראַמיש). אָבער אויסער די אויפשריפטן, געפינט מען אויף די סאַרקאָפאַגן, באַזונדערס אין דער קאַטאַקאָמבע מאָנטעווערדאָ, זייער אַ סך יידישע עמבלעמעס (צווישן 191 אויפשריפטן געפינען זיך דאָ 83 מיט יידישע עמבלעמעס): די מנורה, דעם מגן־דוד, דעם אתרוג, לולב, די לוחות, דעם ארון־קודש און אויך פיגורלעכע געשטאַלטונג, ווי, למשל, אין דער קאַטאַקאָמבע ווינייאַ ראַנדאָניני, וואו מען האָט געפונען פינף אויפשריפטן, באַצירט מיט טויבן, לייבן, מיט אַ הענער־קאַמף, מיט אַ מנורה, מיט אַ קאָפּ פון אַן אָקס און מיט צוויי אויסגעגראַווירטע קעפּ פון אָקסן. לויט מיין מיינונג, איז דער לעצטער סאַרקאָפאַג פון אַ מאַן, וואָס האָט געהערט צו די אַזוי גערופענע געמישטע קולטן; די אָקסן סימבאָליזירן דאָ דעם קולט פון מיטראַ. 15) אין די קברים האָט מען אויך געפונען כלים פון געברענטן ליים, באַזונדערס — אייל־לעמפּלעך, אָפט באַצירט מיט אַ מנורה. אין דעם לאַטעראַנישן מוזיי אין רוים איז פאַראַן אַ באַרעליעף, וועלכער שטעלט פאָר אַמאָרן מיט פליגלען אַרום אַ מנורה און וואָס שטאַמט פון ווינייאַ ראַנדאַניני. אונדזערע יידיש־דייטשע קונסטפאָרשער האָבן זיך מיט דעם דאָזיקן באַרעליעף זייער דערפרייט און האָבן אים פּראָקלאַמירט, ווי אַ הערלעך מייסטער־ווערק פון „יידישער קונסט". אָבער דער פראַנצויזישער קריסטלעכער פאָרשער זשאַן באַפּטיסט פריי האָט קלאָר באַוויזן, 16) אַז די מנורה געפינט זיך גאַנץ צופעליק אויף דעם דאָזיקע ביליקן רוימישן פאַבריקאַט, וואָס איז אַ פּראָדוקציע פון די רוימישע אַטעליעס. און באמת קלעפּט זיך דאָ די מנורה, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט; אַזעלכע באַרעליעפן האָט מען אין רוים פאַבריצירט אין די טויזנטער אויף עקספּאָרט. אויך האָט מען געפונען אַ מאָלעריי אין דער ווינייאַ ראַנדאַניני, וואָס שטעלט פאָר, ווי די זיגעס־געטין קרוינט אַ יונגנמאַן און אויך די פאָרטונע מיט דעם האָרן פון פרוכטבאַרקייט. דאָס זיינען אַלץ בילדער, וואָס האָבן גאָרניט צו טאָן מיט יידישן גייסט און יידישן קונסט־שאַפן, און זשאַן באַפּטיסט פריי איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז זיי האָבן זיך צופעליק געפונען אין דער יידישער קאַטאַקאָמבע, ווייל זיי זיינען טיפּיש רוימיש אין דער

---

15) *Franz Cumont,* Monuments figurés relatifs au culte de Mithra; « Revue Archéologique », Paris 1892.

דאָ ווערט געבראַכט אַ מאָנומענט פון דעם מיטראַ־קולט מיט צוויי אָקסן־קעפּ. דער אויבן דערמאָנטער הענער־קאַמף דערמאָנט שטאַרק דעם געפונענעם זיגל מיט אַ קעמפנדיקן האָן, וואָס שטאַמט פון ערשטן בית־המקדש.

16) *Jean Baptiste Frey,* Corpus Inscriptionum Judaicarum. Rom-Paris 1936.

פֿאָרם און אין דעם גײַסט. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיט די קאַטאַקאָמבעס, וואָס די ייִדישע אַרכעאָלאָגישע געזעלשאַפֿט האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק גע־פֿונען אין א ר ץ ־ י ש ר א ל, אין דעם אויסגעגראָבענעם אַלטן ייִדישן בית־עולם אין בית־שערים, בײַם עמק־יזרעאל, מיט רעשטן פֿון הילצערנע, בלײַענע און שטיינערנע סאַרקאָפֿאַגן. די ווענט פֿון די קאַמערן זײַנען דאָ באַפּוצט מיט געמעלן, רעליעפֿן און אויסגעקריצטע פֿיגורן; די הויפּט־מאָטיוון זײַנען דאָ ייִדישע סימבאָלן: די מנורה, דער ארון־קודש, דער לולב און אתרוג, דער שופֿר און אויך געוויקסן, געאָמעטרישע אָרנאַמענטן און ש י פֿ ן, און אַמאָל אויך — מענטש־לעכע געשטאַלטן. 17)

עס איז זייער מעגלעך, אַז ווען מען וואָלט געפֿונען די הערלעכע אַרבעטן פֿון די אַמאָליקע ייִדישע מעטאַלשמידן, גאָלדשמידן, האָלצשניצערס, קונסטוועבערס, קעראַמיק־מאָלערס, וואָלט מען גענדאַרפֿט צושרײַבן אַ וואונדערבאַרן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון קונסט. צו באַדויערן אָבער, מוז מען זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס די געשיכטע האָט אונדז געראַטעוועט. 18) ווי עס זעט אויס, האָבן די ייִדישע קונסט־האַנטווערקער ניט געהאַט קיין קאָנקורענטן אין דער מאָזאַאיק און אויך אין דער גאָלדגלעזער־קונסט, דאָס מיינט אין גאָלד־באַפּאַרבונג פֿון גלעזערנע כּלים. די מאָטיוון, וועלכע ווערן געשילדערט פֿון אָט די גאָלדגלעזער, זײַנען תּמיד ריין־ייִדישע: מיר זעען דאָ אָפֿט דעם ארון־קודש מיט צוויי קעגנגעשטעלטע ברילנ־דיקע לייבן, אָדער דעם ארון־קודש מיט צוויי מנורות פֿון בײדע זײַטן; מיר זעען אויך אַ סדר־טיש צו פּסח און אַזעלכע מאָטיוון, ווי דער אתרוג, לולב, ווײַנטרויבן, ווײַנטרויבן־בלעטער, די לוחות, וכדומה. די דאָזיקע גאָלדגלעזער ווײַזן אונדז דעם אינעווייניקסטן אויסזען פֿון די סינאַגאָגן און פֿון דעם פֿרום־ייִדישן הויז. דאָס אַלץ איז דאָס ווערק פֿון י י ד י ש ע ר ק ו נ ס ט ־ מ ל א כ ה א ו ן אַ ן א ו י ס ד ר ו ק פֿ ו ן פּ ש ו ט ע ר א ו ן א מ ת ד י ק ־ י י ד י ש ע ר פֿ אָ ל ק ס ־ ק ו נ ס ט.

.4

לאָמיר איצט מאַכן איניקע א ו י ס פֿ י ר ן וועגן דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פֿון דער אַלט־ייִדישער קונסט.

אין דער מאָזאַאיק פֿון בית־אלפֿא, אין די בילדער פֿון עקידת־יצחק, אין דער וואַנט־מאָלערײַ פֿון דורא־אייראָפּאָס איז גאָטס התגלות אויסגעדריקט דורך אַ האַנט, וואָס באַווײַזט זיך אין די וואָלקנס. אין תּנ"ך רעדט זיך אָפֿט וועגן „יד ה'",

---

17) פֿאַרגל' דעם אַרט' פֿון פּראָפֿ' א. ל. סוקעניק וועגן אַרכעאָלאָגיע אין דעם ערשטן באַנד „ייִדן" פֿון דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע" אין ייִדיש (פּאַריז).

18) זע וועגן דעם ביי סאַמועל קראַוס Talmudische Archaeologie (3 בענד, לייפּציק 1910-1912).

אָדער ווען „אצבע אלקים". די האַנט איז דער סימבאָל, דער רמז, די מיסטישע אָנדייטונג אויף גאָטס געדאַנק און שליחות.

דער יידישער האַנטווערקער איז געטריי דעם גייסט פון תנ"ך. זיין האַנט פירט אויס די שליחות פון יידישן גייסט. סיי די, וואָס האָבן געשאַפן דעם משכן אין מדבר, סיי די, וואָס האָבן באַצירט די סינאַגאָגן אין גליל, און סיי די, וואָס האָבן געשניצט די הילצערנע ארון־קודשים אין די פוילישע אַלטע שולן — זיי אַלע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון תנ"ך און אַנדערע הייליקע ספרים און האָבן קיין איין מאָמענט ניט געצווייפלט, אַז זיי מאַכן אַן אַרבעט, וואָס וועט נושא־חן זיין ביים אויבערשטן, ווייל — באַצירט דאַרף ווערן גאָטס הויז. אָבער די יידישע קונסטשאַפונג האָט דורכגעמאַכט די זעלביקע עוואָלוציע, ווי דער יידישער רעליגיעזער געדאַנק. דער יידישער געדאַנק פון דער נביאים־צייט איז ניט דער אייגענער, וואָס אין משה רבינוס צייטן. דער געדאַנק פון יידישן מאָנאָטעאיזם איז געוואָרן קריסטאַליזירט, פאַרטיפט, אויסגעשיילט פון געצנדינערישן רעמיניסצענץ, איז געוואָרן דעפינירט אין ריין־גייסטיקן זינען. אין פאַרקער מיט די אַרומיקע קולטורן האָט זיך דער יידישער געדאַנק און אויך דער יידישער קונסט-געפיל באַרייכערט. דער איסור פון בילדלעכער געשטאַלטונג איז געוואָרן געמילדערט, צום טייל דערלויבט, אין הסכם מיטן גייסט פון דער צייט. די אַסטראָלאָגישע סימבאָליק פון די בבלים (דער זאָדיאַק), די פּיטאַגאָרישע פּי־לאָסאָפיע, וואָס דרינגט אַריין אין ארץ־ישראל אין די צייטן פון די חשמונאים, האָבן אַריינגעבראַכט אין דער יידישער קונסט אַן אויפשוואונג פון בילדלעכער געשטאַלטונג, אַ שפע פון געאָמעטרישע פיגורן, אַ נייע מיסטיק פון ציפערן.

דאָס יידישע פאָלק אין ארץ־ישראל, שטייענדיק אין צענטער פון פאַר־שיידענע קולטורן, האָט איינגעזאַפּט אין זיך פאַרשיידענע אידעען, נייע לעבנס־פאַרמען און אויך — נייע ק ו נ ס ט ־ פ אָ ר מ ע ן. די, וואָס האַלטן זיך ביי דער מיינונג, אַז די גריכישע אָדער עגיפּטישע בילדלעכע סקולפּטור איז דער איינציקער אויסדרוק פון ערנסטער קלאַסישער קונסט, די איינציקע מאָס פאַר אמתער קונסט, די וועלן קיינמאָל ניט אָנערקענען די יידישע קונסטשאַפונג אין ארץ־ישראל. מיר האָבן שוין באַוויזן, אַז זיי האָבן אַ טעות. די יידן אין אַל־טערטום האָבן געשאַפן מוסטערן פון שיינער אַרכיטעקטור, קונסט-מלאכה, חיות־געשטאַלטונג און דעקאָראַטיווע קליין־קונסט.

אָבער דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געפונען אויפן קרייצוועג פון די שאַרפסטע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און גייסטיקע קאָנפליקטן צווישן די מערב־לענדער ביים מיטללענדישן ים און די אָריענט־לענדער. דאָס איז געווען דער טראַגישער גורל פון יידישן פאָלק און אויך — פון דער יידישער קונסט. יעדעס מאָל, ווען ישראל איז דערגאַנגען צו אַ געוויסן וואוילשטאַנד, ווען זיין קולטור און עקאָנאָמישע לאַגע, זיין האַנטווערק, זיין קונסט־מלאכה זיינען דערגאַנגען צו אַ געוויסער הויכער מדרגה, איז עס געוואָרן אָן רחמנות צעשטערט. די נייע תקופה מוז אָנהויבן אַלץ

פון דאָס ניי. ווי אַ בוים, וואָס מען האַקט אָפּ אין פּולן בלי און מען לאָזט אים ניט אַרויסברענגען די פּירות, אַזוי איז אויך דאָס יידישע קונסט־שאַפן געוואָרן מיט גוואַלד איבערגעריסן אין פאַרשיידענע תקופות אין אַלט־פּאַלעסטינע, אין גליל, אין סיריע, אין אַלעקסאַנדריע און אין די גלות־לענדער. און אָפטמאָל ליגט צווישן איין תקופה און אַ צווייטער אַן אמתער תהום. די יידישע קונסט־שאַפונג ביז די חשמונאים איז געווען אונטער דער שטאַרקער השפּעה פון די אָריענטאַלישע לענדער, מיט עגיפּטן בראש. די יידישע גאָלדשמידעריי, קעראַמיק זעט אויס צו זיין שטאַרק באַאיינפלוסט פון די פעניקיער און די עגעאישע אינדזלען. אין דער גרויסער מאָנומענטאַלער אַרכיטעקטור פילט זיך די זעלביקע שטאַרקע השפּעה פון מעסאָפּאָטאַמיע, עגיפּטן, פעניקיע. אין עזראס צייטן איז דאָס יידישע לאַנד האַלב חרוב און אָרעם. די חשמונאים האָבן געפונען דאָס לאַנד פולשטענדיק רואי־נירט און באַרויבט פון די סעלעווקידן. דאָך בליט דאָס יידישע לאַנד גיך אויף, און די יידישע קונסט, אין הסכם מיטן יידישן רעליגיעזן געדאַנק, שאַפט אַ קונסט־מלאכה, מטבעות מיט ריין־יידישע עמבלעמעס, אַ יידישע סטיליזירטע פלאַנצונג־אָרנאַמענטיק: די פּאַלמע, דער אתרוג, דער לולב, גערשטן־זאַנגען, די ליליע, וויינטרויבן, און דאַן — די מנורה און די אַמפאָראַ (בעכער); אין בר־כוכבאס צייטן קומט נאָך צו דער כינור־דוד. די אַלע קונסט־עמבלעמעס גייען אויף שטענדיק אַריין אין יידישן אָרנאַמענטן־אוצר.

שוין פרי דרינגען אַריין די גריכישע בוי־פאָרמען אין דער מאָנומענטאַלער אַרכיטעקטור פון דער חשמונאים־צייט. די גריכישע בוי־פאָרמען און די גריכישע קונסט בכלל באַקומען די אויבערהאַנט איבער דער אָריענטאַלער השפּעה ביי ייִדן: אין מיטן פון 2־טן יאָרהונדערט אין גליל און אין העלעניסטישן אָריענט; דאָס איז בכלל די צייט, ווען די העלעניסטישע קולטור און קונסט פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין אָריענט און באַהערשן די געמיטער. אויב דאָס יידישע פאָלק האָט זיך מיט מסירת־נפש קעגנגעשטעלט דער גריכישער געצנדינעריי, האָט עס זיך אָבער אַרויסגעוויזן נאָכגיביק און פילבאַר בנוגע דער הערלעכער העלעניסטישער קולטור, ווי נאָר דער קאַמף מיט די גריכן איז געוואָרן פאַרענדיקט. נאַטירלעך, זיינען די גריכישע שפּראַך, די שיינע אַרכיטעקטור און קונסט, די גריכישע לעבנס־פאָרמען צוערשט אַריינגעדרונגען אין די רייכע יידישע קרייזן און ערשט אַ סך שפּעטער — אין די ברייטערע. עס שאַפט זיך אַ טיפּ פון אַ ייד, וואָס פאַרבינדט אין זיך די פיינע גריכישע קולטור און דעם יידישן וועלט־באַנעם, ווי מיר זעען דאָס ביי פילאָן פון אַלעקסאַנדריע. אויב ירושלים איז קעגן רוים, קעגן זיין מאָראַל, קעגן זיין אומדערזעטיקטן דעראָבערונגס־באַגער, וואָס שטיצט זיך אויף זיין מיליטערישן זשעני, קעגן זיין קאַלט־ראַציאָנעלער קולטור, איז אָבער ירושלים זייער שפּי־רעווודיק בנוגע די חכמים פון אַטען, בנוגע דער העלעניסטישער שיינער פּאָעזיע און קונסט און דער העלעניסטישער בענקשאַפט נאָך האַרמאָניע און שיינקייט.

דער צוזאַמענבונד אין דער יידישער קונסטשאַפונג פון יידיש־אָריענטאַלישן

גייסט מיט העלעניזם האָט צוגעזאָגט צו ברענגען די שענסטע פּירות. אין דער שיינער אַרכיטעקטור פון די סינאַגאָגן אין גליל האָט דער יידישער אַרכיטעקט אַרויסגעוויזן צוויי זייטן פון יידישן גייסט: דעם מיטללענדישן טעמפּעראַמענט, וואָס איז ראַציאָנעל אין זיין וועזן, און דעם מזרח־גייסט, וואָס איז מיסטיש און רעליגיעז. געשלאָסענע האַרמאָנישע פּראָפּאָרציעס, אָפּגעמאָסטענע בוי־פּאַר־מען גייען צוזאַמען מיט אָריענטאַלע בוי־פאָרמען אין די יידישע סינאַגאָגן אין גליל. דער בויגנאַרטיקער געבאַלק און קופּאָל, וועלכער שליסט זיך צוזאַמען מיט די גראַנדיעזע קאָרינטישע אָדער יאָנישע זיילן, האָט געקענט געשאַפן ווערן נאָר אויפן אָריענט, ווייל דער רעליגיעזער געדאַנק אין אָריענט איז תמיד געווענדט צו די הימלישע וועלטן, וואָס דער קופּאָל איז זייער סימבאָל.

די יידישע שניצערס פון דער סקולפּטור אין די גליל־סינאַגאָגן האָבן אַרויס־געוויזן די פיינסטע פּלאַסטישע שפּירעוודיקייט. די טיף־פאַרבאָרגענע בענק־שאַפט נאָך בילדלעכער סקולפּטור, וואָס האָט געוואַרט אויף איר שעה אין דער נשמה פון יידישן האַנטווערקער, איז געקומען צו איר טיפן אויסדרוק. אין דער מאָלעריי פון דורא־איירָאָפּאָס האָבן מיר פעסטגעשטעלט דעם זעלביקן טאָפּלטן כאַראַקטער פון יידישן קונסט־גייסט: מיטללענדישקייט און אָריענטאַליזם. די ריין־אילוזיאָניסטישע און נאַטוראַליסטישע מאָלעריי איז פרעמד דעם יידישן גייסט. די רעאַלע וויזיע פירט אַריין דעם יידישן קינסטלער אין דער וועלט פון אינעווייניקסטער גייסטיקער איבערלעבעניש. דער לירישער דאָמינירט איבערן עפּיקער.

אויב מען וואָלט ברוטאַל ניט אָפּגעהאַקט דאָס יידישע קונסט־שאַפן אין גליל און אין די פּערסיש־סירישע לענדער, וואָלטן מיר היינט געהאַט איינע פון די טיפסטע קונסט־דערגרייכונגען אין דער וועלט־קונסט. אָבער שוין דאָס, וואָס דער יידישער קונסט־גייסט האָט געשאַפן אין גליל, אין סיריע, אין אַלעקסאַנדריע, האָט אַ גאַר גרויסן באַטייט. עס האָט באַפרוכפּערט די קריסטלעכע קונסט, וועלכע וועט אין פרי־מיטלעלטער שעפּן פון דער יידישער קונסט איר ביבלישע טעמאַטיק, אירע קונסט־פאָרמען, איר מיסטיק. אָבער דער עיקר: די יידישע קונסט אין גלות וועט תמיד קומען צוריק צו דער דאָזיקער אַלטער קונסט פון ארץ־ישראל. אין דעם יידישן קונסט־שאַפן אין מיטלעלטער און שפּעטער וועט זיך אָפּשפּיגלען די זעל־ביקע פּלאַסטישע שפּירעוודיקייט, די זעלביקע מיסטיק, די זעלביקע סימבאָליק, וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט אין דער פאַרגאַנגענער אַנטיקער יידישער קונסט.

ד״ר מיכאל שוואַרץ / פּאַריז

דער מאָדערנער יידישער הומאַניזם

דאָס בוך פון האַנס קאָהן „דער יידישער הומאַניזם", אין פראַנצויזיש, *) גיט אַן אויספירלעכע און גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון דעם מאָדערנעם יידישן הומאַניזם אין זיינע דריי הויפּט־אַספּעקטן: קולטור־גייסטיקן (משה העם), עטישן (אחד־העם) און רעליגיעזן (מאַרטין בובער). דער מחבר באַווייזט, ווי מיט מ ש ה ה ע ס ן הויבט זיך אָן אַ מין נייע ליניע פון דעם יידישן „הומאַניסטישן נאַציאָנאַליזם", וואָס פּרואווט צו פאַרקניפּן דאָס נאַציאָנאַלע און דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע. מיר ווילן דאָ קורץ סקיצירן דעם „אידעאָלאָגישן פּאָרטרעט" פון משה העסן, וואָס דער מחבר גיט אין זיין בוך.

מ ש ה ה ע ס, דער שאַפער פון קולטורעל־גייסטיקן ציוניזם, אויפגעבויט אויף עטישע יסודות, רוקט אַרויס אין זיין באַרימט ווערק „ר ו י ם א ו ן י ר ו ש ל י ם" אין פאָדערגרונט די גייסטיקע ווערטן פון דער אַמאָליקער יהדות. אַ פילזייטיק פילאָסאָפיש געבילדעטער דענקער, זוכט ער צו פאַרבינדן דעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק מיט די קרובהשע פילאָסאָפישע שיטות און צו פאַרקניפן די קאָנצעפּציע פון דער יידישער צוקונפט מיט דער אַלמענטשלעכער צוקונפט. אַ גייסטיק קינד פון דער עמאַנסיפּאַציע־תקופה, אַ תלמיד פון דער לינקער העגעליאַנער שול, אַ סאָציאַליסט און קאָסמאָפּאָליט, וואָס איז יאָרן לאַנג געווען פריינדשאַפטלעך פאַרבונדן מיט קאַרל מאַרקסן, האָט ער ד ע ר ע ר ש ט ע ר אין מערב־אייראָפּע דערפילט די גרויסע גייסטיק־רעליגיעזע ראָלע פון יידנטום. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעדעקט דעם זינען פון דער עוואָלוציע, וואָס דאָס יידנטום האָט דורכגעמאַכט אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט. די עמאַנסיפּאַציע און דער חסידיזם זיינען, לויט זיין מיינונג, בלויז צוויי איינגאַרטיקע א י ב ע ר ג אַ נ ג ־ פ אָ ר מ ע ן פון דעם מיטלעלטערלעכן יידנטום צו דעם מאָדערנעם. די ביידע שטרעמונגען — איינע אַ ראַציאָנאַליסטישע און די צווייטע אַ רעליגיעז-מיסטישע — בילדן די צוויי יסודות פונעם יידישן גייסטיקן רענעסאַנס. דער ציוניזם איז אַ מין געמיינזאַם קינד פון אָט די ביידע שטרעמונגען.

העס אַנדערשט איבער אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן די טעאָריע פון „דעמאָקראַטישן נאַציאָנאַליזם", ווי זי איז פאָרמולירט געוואָרן ביי לאַסאַלן און מאַדזיני, און וואו דאָס נאַציאָנאַלע און אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערן פאַרקניפּט מיטאַנאַנד, און בויט אויף זיין אייגענע טעאָריע פון „יידישן הומאַניזם". ער פאַרשטייט גוט די חשיבות פונעם ראַסן־מאָמענט, פונדעסטוועגן האַלט ער, אַז

*) האַנס קאָהן: « L'Humanisme Juif ». Edition Rieder, Paris 1938

א נאַציע איז ניט בלויז א „נאַטירלעכער אָרגאַניזם", נאָר חוץ דעם אויך א „קולטורעל־גייסטיקער". דער ציל פון דער נאַציע ליגט נאָר אין דער נאַציע גופא: די געשיכטלעכע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע אינדיווי־דואַליטעטן פירט סוף־כל־סוף צו א פרייער און פאַראייניקטער מענטשהייט. די נאַציע האָט בכן ביי משה העסן דער עיקר א מ אָ ר אַ ל י ש ן באַטייט. די געשיכטע איז א „כסדרדיקע התגלות פון גאָט". דער זינען פון יידישן פאָלק, אין גאַנר זיין היסטאָרישער אייגנאַרט, באַשטייט טאַקע אין תופס זיין די דאָזיקע אייביק נייע התגלות פון דער געטלעכקייט אין דער געשיכטע. דאָס יידישע פאָלק איז אַזוי גוט ווי באַרופן ג יי ס ט י ק צו באַזינגן די וועלט, להיפוך צום געצנדינערישן רוים, וואָס האָט באַהערשט די וועלט בלויז דורך פיזישער מאַכט.

לויט העס' איבערצייגונג דרינגט אַריין דער גייסט פון יהדות אַלץ מער און מער אין דעם מאָדערנעם קולטורעל־גייסטיקן קאָסמאָס. ביז דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע זיינען די יידן געווען דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט מיטן הומאַניסטישן. אָט פאַר־וואָס דער יידישער וועלטבאַנעם טראָגט אויף זיך ביים סאַמע אָנהויב פון דער יידישער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ דעם שטעמפּל פון ה י ס ט אָ ר י ז ם. די יידישע רעליגיע איז אייגנטלעך א „רעליגיע פון געשיכטע", בעת די רעליגיע פון דער קלאַסישער אַנטיקער צייט, וואָס איר העכסטער אויסדרוק איז דער ה ל ע נ י ז ם, איז א „רעליגיע פון נאַטור". און באמת, די גריכן אין זייער וועלטבאַנעם גייען אַרויס פון דער „פּילזייטיקייט פון לעבן", יידן אָבער — פון דער „איינהייט פון לעבן". די גריכן באַנעמען דאָס לעבן, ווי אַן אייביק אומפאַרענדערלעכע גאַנצקייט, די יידן, פאַרקערט — ווי א לעבן, וואָס האַלט אייביק אין ווערן. אויב דער גריכישער געדאַנק שטרעבט כסדר תופס צו זיין דעם ר ו י ם (ניט אומזיסט איז די פּלאַסטיק געוואָרן די הויפּט־קונסט פון די גריכן), זוכט לײדנשאַפטלעך דער יידישער געדאַנק תופס צו זיין די צ יי ט. די גריכן זיינען געבענטשט מיט א חוש פאַר פאָרם, די יידן — מיט א חוש פאַר אַן אינערלעכן אַזוי צו זאָגן „אינטעלעקטועלן געהער". פון דאַנען נעמט זיך דער יידישער ליריזם און דאָס טיפע געפיל פאַרן היסטאָרישן און סאָציאַל־עטישן יסוד־עולם.

דער מ ש י ח י ש ע ר ג ע ד אַ נ ק פון דעם יידישן פאָלק, זאָגט העס, געהערט איצט צו אַלע אומות, און איטלעכס מאָל, ווען א טיפע איבערקערעניש האַלט ביים אויסברעכן אין דער געשיכטע פון קולטורעלן קאָסמאָס, האָט דאָס יידנטום צו זאָגן זיין וואָרט. קורץ: „די מענטשהייט נויטיקט זיך שטענדיק אינעם גייסט פון יידנטום, וואָס זיין השפעה האַלט אין איין וואַקסן".

אַזוי בויט אויף משה העס זיין טעאָריע פון „יידישן הומאַניזם", וואָס איז אָריענטירט עטיש און מאַכט דערנענטערן דאָס נאַציאָנאַלע מיטן אינטער־נאַציאָנאַלן. דער ציוניזם איז ביי אים א טייל פון זיין פילאָסאָפישער סיסטעם.

דער צווייטער שאַפער פון „יידישן הומאַניזם" איז — א ח ד ־ ה ע ם,

וואָס איז אַליין באַווירקט געוואָרן פון משה העסן, וועמען ער ציטירט זייער אָפט. אחד־העמס נאַציאָנאַליזם קען באַטראַכט ווערן, ווי אַ ריין־עטישער. פּונקט ווי העס, שטרעבט אויך ער צו אַ גייסטיק־עטישער באַנייונג פונעם יידישן פאָלק. נאָר אויב העס ציט אין זייער אַ גרויסער מאָס זיין יניקה פון דער דייטשער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע, איז אחד־העם, פאַרקערט, אַן אָנהענגער פון דעם ענגלישן פּאָזיטיוויזם. מען קען אפילו זאָגן, אַז די אידעע פון עוואָלוציע פאַרנעמט דעם מיטלפּונקט אין אחד־העמס קולטור־פילאָסאָפישער שיטה. באַטראַכטנדיק זיך פאַר אַ מין גייסטיקן יורש פון די נביאים, נעמט ער איבער זייער אידעע פון היסטאָרישער מיסיע פון יידנטום. אַזוי שרייבט ער: „גאָט האָט אויסדערוויילט דאָס יידישע פאָלק און האָט עס געשטעלט העכער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער ניט כדי דאָס יידישע פאָלק זאָל הערשן איבער גאָר דער וועלט, נייערט כדי עס זאָל זוכן אַ מאָראַלישע שלמות". דאָס יידישע פאָלק נעמט אויף זיך באַוואוסטזיניק די שווערסטע מאָראַלישע התחייבותן, אָבער ניט אַזוי כדי צו קענען נוצלעך זיין דער איבעריקער מענטשהייט, נייערט כדי צו רעאַליזירן דעם העכסטן טיפּ פון אַ „גייסטיק פאָלק". אָט פאַרוואָס דאָס יידישע פאָלק, אויף וויפיל עס בלייבט זיך אַליין געטריי, נויטיקט זיך כלל ניט אין אַ מלוכהשער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז תמיד אַן אָרגאַניזאַציע פון ברוטאַלער מאַכט, בעת דאָס יידנטום איז נאָר אַ טרעגער פון גייסטיקע כוחות. די מאָראַלישע גרונט־אידעע פון יהדות איז די אידעע פון „אַבסאָלוטן יושר". בכדי די דאָזיקע „לעבנס־אידעע" זאָל קענען רעאַליזירט ווערן, דאַרף אין ארץ־ישראל געגרינדעט ווערן אַ קולטור־גייסטיקער צענטער, וואָס זאָל מאָראַליש פּאַראייניקן דאָס גאַנצע יידנטום, וואָס איז איצט צעבראָקלט און צעטיילט צווישן כל־המינים קולטורן. דערפון נעמט זיך זיין קעגנערשאַפט צום פּאָליטישן ציוניזם. דער ציל פונעם קולטור-צענטער אין ארץ־ישראל איז רעאַליזירן די אידעע פון אַבסאָלוטן יושר. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק דאַרף זיך דערין באַטייליקן, ווי אַ לעבעדיקער טרעגער פון דעם אידעאַל. דער סוד גופא פון דעם קיום עם־ישראל ליגט אין אָט דער מאָראַלישער אויפגאַבע זיינער — ד"ה אין דער רעאַליזירונג פון דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט — אַן אויפגאַבע, וואָס מיט איר איז דורכגעדרונגען גאָר די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור. דער אַלגעמיין־מענטשלעכער אידעאַל פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט איז בכן, לויט אחד־העמס מיינונג, אַן עיקרדיקער יסוד אויך פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. אין דעם באַשטייט די צענטראַלע אידעע פון דעם נביאישן משיחיזם.

דער דריטער באַגרינדער פון דעם „יידישן הומאַניזם" איז, לויט דעם מחברס מיינונג, מאַרטין בובער. להיפוך צו משה העסן און אחד־העמען, וואָס האָבן דאָך געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפּעה, קען מען מאַרטין בובערס נאַציאָנאַליזם כאַראַקטעריזירן בעיקר, ווי אַ רעליגיעזן, אָדער ריכטיקער — ווי אַ עטיש־רעליגיעזן נאַציאָנאַליזם. מאַרטין בובער

האָט, כידוע, שטענדיק אָפּגעוואָרפן דעם פּאָליטישן ציוניזם, אין אַלע זיינע פאָרמען. די מענטשהייט איז פאַר אים העכער, ווי די מלוכה אָדער נאַציע. דער ציוניזם איז פאַר אים ניט די שאַפונג פון אַ נייער מלוכה, אָדער בכלל פון אַ נייער פּאָליטישער פאָרם — ער איז פאַר אים נאָר אַ „גייסטיקער רעאַליטעט”, וואָס איבער איר הויבט זיך אויף אַ רעאַליטעט פון אַ העכערער מדרגה — די מענטשהייט. קורץ: בובער פּרעדיקט אַ נייעם „הומאַניזירטן נאַציאָנאַליזם”, אין גייסט פון די נביאים, ד”ה אַ נאַציאָנאַליזם, וואָס דינט די אַלגעמיין־מענטשלעכע עטישע אידעאַלן. אַזאַ מין נאַציאָנאַליזם איז נאָר אַ „באַדינער פון דער מענטשהייט”.

אַרויסגייענדיק פון די דאָזיקע הויפּט־הנחות, שטעלט בובער די פראַגע: וואָס איז אייגנטלעך דער מהות פון יהדות און וואָס איז איר ראָלע אין דעם היסטאָרישן קאָסמאָס? לויט בובערן קומט דער פּרינציפּ פון פּאָלאַריטעט פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָר דאָס גייסטיקע לעבן, בולט צום אויסדרוק אין דער יידישער נשמה און אין דער יידישער געשיכטע. די יידישע נשמה איז אַן אייגנאַרטיקע קאָמבינאַציע פון קאָנטראַסטן, וואָס לאָזן זיך שווער פאַראייניקן מיטאַנאַנד. דערפון נעמט זיך, וואָס די געשיכטע פון דער יידישער נשמה איז אַ שטענדיקע פּעריאָדיזאַציע פון עליות און ירידות. דערמיט דערקלערט זיך אויך, וואָס ביי קיין אומה ולשון אין דער וועלט מערקט זיך ניט אַזוי, ווי ביי יידן, די טענדענץ גובר צו זיין אָט דעם גייסטיקן דואַליזם. די דאָזיקע טענדענץ קען מען כאַראַקטעריזירן, ווי אַ טענדענץ צו געפינען אַ סינטעז. די יידן, הן דער יחיד און הן דער כלל, טרעטן אַרויס אויף דעם געביט ווי אייגנאַרטיקע „קולטור־שאַפער”. די דאָזיקע נטיה צו אַ סינטעז, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן פאָלק, קומט קלאָר צום אויסדרוק אין דער יידישער געשיכטע. פון דאַנען נעמט זיך אויך דער משיחיזם פונעם יידישן פאָלק, וואָס ווערט פאַרשטאַנען, ווי די קומענדיקע ענדגילטיקע פאַראייניקונג פון אַלע פעלקער אין אַ רעליגיעז־מאָראַלישער כלל־מענטשהייט. אַזוי פּרואווט בובער, אַקוראַט ווי זיינע פאָרגייער משה העס און אחד־העם, צו פאַרקניפּן דאָס יידיש־נאַציאָנאַלע און דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע, און אַזוי בויט ער אויף זיין טעאָריע פון „הומאַניטאַרן נאַציאָנאַליזם”, וואָס איז אָריענטירט עטיש און רעליגיעז.

דאָס איז אין קורצע שטריכן דער הויפּט־אינהאַלט פון אָט דעם ביז גאָר אינטערעסאַנטן און נוצלעכן בוך, אין וועלכן דער מחבר פּרואווט געבן די „אידעאָלאָגישע פּאָרטרעטן” פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פונעם יידישן הומאַניזם, אין זיינע פאַרשיידנסטע אַספּעקטן, און ווייזט אַרויס אַ פּסיכאָלאָגישע קינסטלערישקייט אין כאַראַקטעריזירן דעם יידישן געדאַנק אין אונדזער טרויעריקער היסטאָרישער תקופה.

משה ש. / מאָסקווע
יידישע רעוואָלוציאָנערן אָדער רעוואָלוציאָנערן־יידן? *)

היסטאָרישע שריפטן פון ייווא, ב׳ III: די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד״. פאָרשונגען, זכרונות, מאַטעריאַלן. אונטער דער רעד. פון א. טשעריקאָווער, א. מענעס, פ. קורסקי און א. ראָזין (בן־אַדיר). ווילנע—פּאַריז 1939, 836 זייטן גרויס־אָקטאַוו, 36 בילדער און רעפּראָדוקציעס.

.1

אין דעם אָנטייל פון יידן אין דער רוסישער רעוואָלוציע אינטערעסירט אונדז דער עיקר אָט וועלכע פראַגע: מי שלהך? וועמענס שליחים זיינען געווען אָט די יידן־רעוואָלוציאָנערן? זיינען זיי געווען שליחים פון זייער פאָלק און פון זיין ווילן צו פאַרבלייבן אַ פאָלק צווישן פעלקער, — אָדער זיי האָבן, פאַרקערט, געשטרעבט צו מאַכן אַ סוף מיט אַלע יידישע צרות איינציייטיק מיטן סוף פונעם יידישן פאָלק גופא, אויסהיילן די מחלה מיטן טויט פונעם חולה?...

אויף אָט דער פראַגע זוכן מיר אויך אַן ענטפער אין דעם ניט־לאַנג דערשינענעם דריטן באַנד „היסטאָרישע שריפטן״, וועלכער גיט זיך אָפּ באריכות מיט דער געשיכטע פונעם יידישן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, פון איר בראשית אָן, אין די 60־ער און 70־ער יאָרן, ביז דער גרינדונג פון „בונד״. עס גייט דאָ דורך פאַר אונדז אַ שורה יידן־רעוואָלוציאָנערן. מיר קוקן זיך צו צו זיי און ווילן באַנעמען: וואָס פאַר אַ צוזאַמענבונד האָבן זיי געהאַט מיט די יידישע פאָלקס־אינטערעסן, מיטן גורל פונעם יידישן פאָלק, מיט זיינע קאַמפן, מיט זיין נאָענטער און ווייטער צוקונפט?

אָט מאַרשירט דאָ דורך דער ערשטער ייד־רעוואָלוציאָנער אין רוסלאַנד — ניקאָלאי אוטין, וואָס איז צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג נאָך אָנהייב די 60־ער יאָרן. וואָס פאַר אַ שייכות צום יידישן פאָלק האָט געהאַט און געקענט האָבן אָט דער משומד, אַ זון פון אַ פעטערבורגער אויפגעקומענעם מיליאָנער, אַ באַגאַבטער טוער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ שטורעמדיקן לעבן אין רוסלאַנד און שפּעטער אין דער עמיגראַציע אין אויסלאַנד, וואו ער איז געוואָרן קאַרל מאַרקס׳ רעכטע האַנט אינעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אין זיין קאַמף קעגן באַקונינען, וואָס איז געווען פאַרוויקלט אין פאַרטיי־אינטריגעס און האָט שפּעטער חוזר בתשובה געווען? סיידן נאָר דאָס, וואָס ער האָט געשטאַמט פון יידן?

פונקט אַזעלכע „יידן״ זיינען געווען כמעט אַלע אַנדערע אָנגעזעענע טוער פון יידישן אָפּשטאַם, אָנטיילנעמער אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די 70־ער און 80־ער יאָרן. אַ ריי וויכטיקערע פון זיי האָבן זייער אָפּ־

---

*) דער אַרטיקל איז אונדז צוגעשיקט געוואָרן פון אַן אַלטן אַמאָליקן יידישן רעוואָלוציאָנערן טוער און שרייבער, וואָס לעבט אין מאָסקווע און וואָס דורך אַ צופאַל איז צו אים אַריינגעפאַלן אין דער האַנט דער באַנד „היסטאָרישע שריפטן״ וועגן דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. — רעד.

געריסנקייט פונעם יידישן פאָלק און זייער פרעמדקייט זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן אונטערגעשטראָכן דורך שמד. מיטן אָפּשמדן זיך האָבן זיי באַוויזן, אַז זיי רייסן איבער דעם איינציקן און לעצטן פאָדים, וואָס האָט זיי נאָך געבונדן מיט זייער שטאַם, און שליסן זיך איין אינעם פרעמדן פאָלק. אַזוי האָט טאַקע ערלעך דערקלערט זיין אַריבערגיין צו פּראַוואָסלאַוויע דער באַקאַנטער „זעמלעוואָלעץ" אין די 70־ער יאָרן אָסיפּ אַפּטעקמאַן. אין זיינע זכרונות שרייבט ער, אַז ער האָט אָנגענומען פּראַוואָסלאַוויע, ווייל ער האָט געוואָלט בלב ונפש זיך „באַהעפטן מיטן פאָלק", דאָס מיינט — מיטן רוסישן פויער.*)

אַ צווייטע, זייער באַקאַנטע פיגור אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע רייען, לעוו דייטש, האָט פאַרקערט — אינגאַנצן געמאַכט אַ שוויַג פון זיין שמד. אין זיינע שפּעטערדיקע פּילצאָליקע אַרטיקלען וועגן יידן אין דער רוסישער רעוואָלוציע (געדרוקט אין ניו־יאָרקער „צוקונפט" און שפּעטער אַרויס אין אַ בוכפאָרם) האָט ער אין ערגעץ אַפילו ניט געלאָזט פאַלן קיין רמז וועגן דעם; אויך אין דער ליטעראַטור האָבן מיר וועגן זיין שמד קיין וואָרט ניט געפונען. אָבער אָנגעשטויסן האָב איך זיך אויף דעם פאַקט פון זיין שמד אין אַ געהיימען צירקולאַר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פון 1־טן דעצעמבער 1901 (אונטערן נומער 4292); פונעם דאָזיקן צירקולאַר האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין יאָר 1896 האָט לעוו דייטש, זייענדיק דעמאָלט אַלט 41 יאָר, אָנגענומען אין דער שטיל פּראַוואָסלאַוויע. מיטן דאָזיקן אַקט האָט ל. דייטש אַזוי ווי צוגעגעבן אַן אָפיציעלע פאָרם זיין אַלטער באַציאונג צום יידישן פאָלק מקדמת דנא. פון דעם רעצענזירטן באַנד דערוויסן מיר זיך, אַז שוין אין זיינע יונגע יאָרן, אין 1880, אין דער שווייץ, האָט ער באַקעמפט און חוזק געמאַכט פון דראַגאָמאַנאָווס פאָרשלאָג אַרויסצוגעבן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויך אין יידיש.**) שפּעטער, אין זיינע מיטעלע יאָרן, האָט ער ממשיך געווען זיין „גרויס־רוסישע פּאָליטיק" און האָט, ווי באַקאַנט, צוזאַמען מיט די אַנדערע „יידן" פון דער סאָצ'־דעמאָקראַטישער „איסקראַ" באַקעמפט די פאָדערונגען פון „בונד" וועגן אַן אויטאָנאָמער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. און צולעצט, דאָ מיט אַ יאָר זיבן צוריק, אין אַ רעפעראַט, וואָס ער האָט געלייענט וועגן זונדעלעוויטשן אין דער געזעלשאַפט פון די „פּאָליטקאַטאָרזשאַנעס" אין מאָסקווע, האָט ער ווידער גאַנץ קלאָר אַרויסגעוויזן זיין פולע גלייכגילטיקייט צו די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

אָט גייט דורך פאַר אונדז אין דעם באַנד דער שאָטן פון מאיר (נאָך זיין שמד — איפּאָליט) מלאָדעצקי, וועלכער האָט אין אַ בריוו צום ווילנער פּראַוואָסלאַוונעם אַרכיבישקאָפּ געשריבן, אַז ער האָט איינגעזען די „אומגעלומפּערטקייט פון דער יידישער תורה" און „דעם אמתן ליכט פון קריסטנטום". ***) אָט לייענען מיר, ווי עס זינגט תהילות ותשבחות צו די קריסטלעכע הייליקע דער באַקאַנטער טעראָריסט און שפּעטערדיקער פאַררעטער גריגאָרי גאָלדענבערג, אין זיין באַרימטן „ווידוי" פאַרן טויט אין טורמע — און דערביי מאַכט ער אַ שוויַג וועגן די ימים בלוט, וואָס עס האָבן פאַרגאָסן די יידישע קדושים אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן פון דער קריסטלעכער „ציוויליזאַציע". אָדער נעמט דעם איצט נאָך לעבנדיקן באַקאַנטן פּויליש־רוסישן רעוואָלוציאָנער פעליקס קאָן. אָפּשמדנדיק זיך אין סיביר, האָט פעליקס קאָן, ווי ס'גיבן איבער חברים, וואָס זיינען מיט אים געווען אין דער פאַרשיקונג, שטאַרק באַדויערט, וואָס דאָרטן איז ניט געווען קיין קאַטוילישער קסיאָנדז,

---

*) זע אַרט׳ פון א. טשעריקאָווער „יידן־רעוואָלוציאָנערן", ז׳ 132.

**) זע אַרט׳ פון פ. קורסקי וועגן דער זשענעווער גרופּע פון 1880, ז׳ 560.

***) ציט׳ אַרט׳ פון א. טשעריקאָווער, ז׳ 143.

און ער, דער „עכטער פֿאָלק“, האָט נעבעך געמוזט אָנקומען צו אַ פּראַוואָסלאַוורנעם גלח און דורך דעם זיך אַזוי ווי משדך זיין מיט די שונאים פֿון „זיין פֿאָלק“ — מיט די „מאָסקאַלן“. און איצט, אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, באַזינגט דער נעכטיקער פּוילישער פּאַטריאָט פעליקס קאָן, לויטן אָנגענומענעם נוסח, דאָס „גרויסע רוסישע פֿאָלק“.

אַזאַ מין „אינטערנאַציאָנאַליסט“ איז אויך געווען קאָנסטאַנטין קאַץ (דער יידישער נאָמען מרדכי בר' אברהם) — אַ דער יידישער בחור פֿון קאַטערינאָסלאַווער גובערניע, וואָס איז נאָך אין יאָר 1879 אַנטלאָפֿן פֿון דער פֿאַרשיקונג קיין רומעניע און דאָרטן, אונטערן נאָמען קאָסטיק דאָבראָדזשעאַנו־געראַ געגרינדעט די רומענישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און איז 40 יאָר געווען איר פירער און בכלל געוואָרן אַ באַקאַנטער רומענישער געלערנטער, אַ קענער פֿונעם רומענישן פֿאָלקלאָר און אַגראַרווירטשאַפֿט. *) וועגן אים דערוויסן מיר זיך פֿון אַן אַנדער קוועלע, אַז בעת זיינע קעגנער אין דער רומענישער ס.־ד. פּאַרטיי, די „דיסידענטן“, האָבן אַרויסגעשטעלט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין 1896 אין לאָנדאָן דריי דעלעגאַטן, איז מרדכי־קאָנסטאַנטין קאַץ־דאָבראָדזשעאַנו זיי פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און האָט זיך געווענדט צו פּלעכאַנאָוון מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער פֿאָדערט קאַטעגאָריש בשום אופֿן נית צוצולאָזן די דאָזיקע דריי דעלעגאַטן אַלס פֿאָרשטייער פֿון רומעניע אויפֿן קאָנגרעס, מחמת אַלע דריי זיינען... יידן; זיי באַזיצן נית קיין בירגער־רעכט אין רומעניע און אַלס „פרעמדע“ קענען זיי נית פֿאָרשטעלן די „אמת־רומענישע“ פּראָלעטאַריער. דעם דאָזיקן בריוו צו פּלעכאַנאָוון קען מען איצט געפֿינען אינעם בוך „פּלעכאַנאָווס ירושה“, וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע אין יאָר 1937 אינעם מלוכה־פֿאַרלאַג „סאָצעקגיז“. **)

געשמדט האָבן זיך אויך אַזעלכע באַרימטע יידן־רעוואָלוציאָנערן, ווי מאַרק נאַטאַנסאָן, ווי אַלעקסאַנדער ביבערגאַל און נאָך. מיר רעדן דאָ נית פֿון די מיאוסע, פֿאַרקויפֿטע נשמות, ווי דער משומד איסאַק פּאַוולאָווסקי, אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער פֿון די 70־ער יאָרן, וואָס איז שפּעטער אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד (פּאַריז) און איז אין די 80־ער יאָרן, אינעם ברען פֿון די רדיפֿות אויף יידן, געוואָרן אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון דער אַנטיסעמיטישער „נאָוואָיע ווערעמיאַ“, אונטערן נאָמען יאַקאָוולעוו, און האָט איבער דרייסיק יאָר געטריי געדינט אָט דער צייטונג. אָבער זעט, וואָס פֿאַר אַ עפּידעמיע פֿון שמד האָט געהערשט צווישן די יידישע פּרוּיען־רעוואָלוציאָנערקעס אין רוסלאַנד, וואָס צווישן זיי זיינען געווען נית ווייניק עכטע אידעאַליסטקעס און ריינע נשמות***) — אָבער געטראָגן האָבן זיי זייער אידעאַליזם אָפּקערנדיק זיך מיט אַווידערגעפֿיל פֿון זייער שטאַם־פֿאָלק.

און עס קומען דאָ אויף אין זכרון צוויי שורות פֿונעם דיכטער דוד האָפשטיין פֿון זיינס גאָר אַן אַמאָליק ליד:

„מיט עלנט־געבעט און מיט פּחד געהיימען
געזייט האָב איך זוימען ביי ווילד־פרעמדע היימען“...

2.

ווען מיר גייען אַריבער צו דער שפּעטערדיקער תקופֿה פֿון סוף 80־ער און אָנהייב 90־ער יאָרן, צו יענער תקופֿה, ווען עס זיינען אַרויסגעטראָטן די סאָציאַ־

---

*) דאָרטן, ז' 165.

**) Литературное наследие Г. В. Плеханова. Москва 1937, «Соцэкгиз», сб. 4, стр. 300—301.

***) ציט' אַרט' פֿון א. טשעריקאָווער, ז' 130.

ליסטישע טוער אין „תחום", וואָס האָבן די ערשטע אָנגעהויבן אַרבעטן צווישן די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן, זעען מיר אויך, ווי לגמרי פרעמד עס זיינען זיי נאָך געווען ייִדישע נאַציאָנאַלע מאָטיוון. בעת זיי האָבן געמוזט אַריבערגיין אין מיטן די 90־ער יאָרן צו ייִדיש, ווי דער שפּראַך פון אַגיטאַציע, האָבן זיי עס געטאָן בעל־כרחם. ייִדיש איז נאָך פאַר זיי געווען אַ טעכנישער מיטל, אַ צייטווייליקער פאַקטאָר, וואָס וועט ווערן איבעריק, ווי נאָר די ייִדישע אַרבעטער וועלן זיך „אויסמענטשלען", אויסלערנען רוסיש און ווערן אַגיטאַטאָרן צווישן די רוסישע אַרבעטער און פּויערים, וואָס אין דעם באַשטייט זייער אמתע „מיסיע". און נאָר אונטערן דרוק פון דער ייִדישער אַרבעטער־מאַסע גופא, וואָס איז נאָך געווען אָרגאַניש ייִדיש, האָבן זיי געמוזט שלום מאַכן מיטן געדאַנק וועגן דער חשיבות פון „זשאַרגאָן" און דעם „ייִדישן מאָמענט" אין די געפילן פון די מאַסן.

וועגן אָט דער שטעלונג פון די פּיאָנערן פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג געפינען מיר אַ ריי באַווייזן אין די „היסטאָרישע שריפטן". מיר האָבן דערויף די עדות אין די זכרונות פון שאַרל ראַפּאָפּאָרט, שמואל ראַבינאָוויטש און ווייטער פון דעם בונדישן טוער דזשאָן מילל און די אַנדערע. „מיר האָבן אין ווילנע געגרייט פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר טולע" — האָט זיך שפּעטער מודה געווען איינער פון אָט די פּיאָנערן, שמואל גאָזשאַנסקי — לנו. און גראָד דער „רוסישער" נאַראָדאָוואָלעץ אַ. רובאַנאָוויטש, וואָס איז געשטאַנען אין די רוסישע סאָציאַליסטישע רייען און אינגאַנצן ווייט פון ייִדן, איז נאָך אין יאָר 1886 אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַרטיקל וועגן דעם נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס „דערלאָזט ניט צו פאַרבלייבן מיט פאַרשטאָפּטע אויערן צו די ליידן פון ייִדישן פאָלק", און האָט געפאָדערט צו נעמען זיך אָרגאַניזירן דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. *)

אָבער קודם־כל און מער פאַר אַלעמען איז דאָס געווען דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער ייִדישער דיכטער א. ליעסין־וואַלט, וועלכער איז נאָך דעמאָלט, אין זיינע יונגע יאָרן, געווען דורך און דורך ייִדיש, ווי עס באַווייזן בולט זיינע גלענצנדיקע קינדער־זכרונות אין דעם באַנד („עפּיזאָדן"), וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן נאַציאָנאַלן געפיל און זיינען, הן לויט דעם אינהאַלט און הן לויט דער פאָרם, די צירונג פון דעם באַנד. צו ליעסינס „עפּיזאָדן" האָט מען אייגנטלעך געמעגט צוגעבן אַ באַמערקונג, אַז דאָ טרעט פאַר אונדז אַרויס אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנער — אַ יחיד במינו. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געחלומט וועגן באַגרינדן דעם סאָציאַליזם אויפן „מוסר היהדות", האָט געקעמפט קעגן דעם אַסימילאַטאָרישן קאָסמאָפּאָליטיזם און שטענדיק אונטערגעשטראָכן די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון אַ ייִדישן מאַסן־לעבן.

דער באַנד „היסטאָרישע שריפטן" באַרייכערט דעם לייענער מיט אַ סך נייע פאָרשונגען און מאַטעריאַלן ספּעציעל וועגן דעם אויפקום פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער אויספירלעכער אַרטיקל פון א. מענעס וועגן דער ייִדישער סאָציאַלער סטרוקטור און סאָציאַלע קאָנפליקטן אין די 70־ער—90־ער יאָרן גיט אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג וועגן די ערשטע שטרייקן צווישן די ייִדישע אַרבעטער אין רוסלאַנד און ווייטער וועגן דער ערב־„בונד"־תקופה. אין אַ באַזונדער קאַפּיטל שטעלט ער זיך אָפּ אויף די חברות, פאַראיינען און קאַסעס, וואָס האָבן פון לאַנג עקזיסטירט צווישן די ייִדישע בעלי־מלאכות און וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די אַלטע פאָרמען פון טראַדיציאָנעלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. זייער אינטערעסאַנט איז די פּאַראַלעל, וואָס דער מחבר פירט

*) דאָרטן, ז' 767.

דורך צווישן די נייע פאָרמען פון אַרבעטער־קאַמף (די „שבועה", די אַרבעטער־יום־טובים, דאָס „געבן זיך די הענט" וכדומה). „דער יידישער אַרבעטער — — שרייבט א. מענעס — וואָלט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל מוט און אָפּפערוויליקייט, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט אויסשליסלעך וועגן מאַטעריעלע אינטערעסן, ווען דערמיט וואָלט ניט געווען פאַרבונדן די משיחישע מיסיע פון אַ נייער צייט, פון אַן „אַחרית הימים".**)

אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע און אויך רעדאַקציאָנעלע אַרבעט האָט דורכגעמאַכט א. טשעריקאָווער. ער האָט געגעבן אין דעם באַנד אַ ריי גרינטלעכע אַרבעטן, וואָס זיינען לויט זייער כמות און לויט זייער איכות די באַדייטיקסטע אינעם רעצענזירטן בוך: „יידן־רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד אין די 60־ער און 70־ער יאָרן", „פאַרגעסענע פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", „די אָנהייבן פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור אין יידיש", „לאַוראָוו און די יידישע סאָציאַליסטן־עמיגראַנטן", וועגן דער זשענעווער „גרופּע סאָציאַליסטן־יידן", וועגן די ערשטע יידישע דעלעגאַטן אויף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן, חוץ אַ ריי דאָקומענטן פון די צאַרישע אַרכיוון און אַ גאַנצער ריי הערות און מלואים צו פרעמדע אַרטיקלען.

מיר ווילן דאָ בלויז אָנווייזן אויף אַ קליינעם דעפעקט אין א. טשעריקאָווערס אַרבעט וועגן „יידן־רעוואָלוציאָנערן". רעדנדיק וועגן דעם באַקאַנטן „ניהיליסט" אין דער העברעאישער ליטעראַטור אברהם אורי קאָוונער, ווייזט אַרויס דער מחבר אַ געוויסע סימפּאַטיע צו אים, אָבער דער מחבר אַליין דערציילט אונדז, אַז קאָוונער האָט אין זיינעם אַ בריוו צו דאָסטאָיעווסקין געשריבן כמעט אין אַ טאָן פון מסירה אויף יידן („די יידן האָבן געברענט מיינע ספרים" א.א.וו.) — און דאָסטאָיעווסקי, ווי באַקאַנט, איז געווען גאָר אַ קליינער אוהב ישראל. פון אַנדערע קוועלן ווייסן מיר, אַז מיט 24 יאָר שפּעטער האָט א. קאָוונער, דעמאָלט שוין לאַנג אַ משומד, געשריבן צו אַן אַנדער רוסישן שרייבער, צום באַקאַנטן ראָזאַנאָוון פון דער אַנטיסעמיטישער „נאָוואָיע ווראַעמיאַ", אַז הגם ער שטאַמט טאַקע פון יידן, האָט ער יידן שטענדיק פיינט געהאַט. טאָ ווי קומט אַזאַ איינער איינגעשלאָסן צו ווערן אינעם „לייסטער" פון אונדזערע קעמפער פאַר קולטור און פרייהייט?

פון די אַנדערע אַרטיקלען אין דעם באַנד דאַרף מען אָנווייזן אויף דער אינטערעסאַנטער אַרבעט פון פּנחס קאָן וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן יידישן קרייזל אין ווילנע אין 1876; אויף אַננאַ ראָזענטאַלס „בלעטלעך פון אַ לעבנס־געשיכטע", וואו עס ווערן אין אַ לעבעדיקער פאָרם און קינסטלעריש געשילדערט טיפּן פונעם אַמאָליקן יידישן לעבן און די שפּראַצונגען פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערישקייט אין אַ באַלעבאַטיש יידיש הויז; אויף די זכרונות פון הלל קאַץ־בלום, פון גריגאָרי גורעוויטש א״א, אויף די אַרטיקלען וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גאַליציע און רומעניע, וואו מיר געפינען אַ סך גאָר נייע זאַכן.

עס איז אוממעגלעך אין אַ קורצער רעצענזיע אָפּצושטעלן זיך אַפילו בקיצור אויף די אַלע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען און זייער וויכטיקע מאַטעריאַלן פון דעם בוך. מיר קענען נאָר זאָגן, אַז אָט דער באַנד „היסטאָרישע שריפטן", אַרויסגעגעבן פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וועט אַריין אין דער יידישער ביי־היסטאָרישער ליטעראַטור ווי איינער פון די גלענצנדיקסטע אויפטוען.

---

*) אַרט' פון א. מענעס, ז' 52.

דער ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם
אין דער אָפּשאַצונג פון די פראַנצויזישע קאַטויליקן
(איבערבליק פון דער ליטעראַטור)

דער וועלט־קריזיס פון די לעצטע יאָרן ווערט אין די פראַנצויזישע קאַטוילישע קרייזן פון מאָדערנעם שניט און הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ (ריכטונג פון לעאָן בלואַ און שאַרל פעגי) באַטראַכט אין דער ערשטער ריי, ווי אַ מאָראַלישער קריזיס. דער דאָזיקער מער פּראָגרעסיווער פליגל פון פראַנצויזישן קאַטויליציזם באַקעמפט אָפן און שאַרף די ברוטאַלע מאַכט פון נאַציזם און פאַשיזם אין נאָמען פון די ליבעראַלע און הומאַניטאַרע פּרינציפּן און דער אינדיווידועלער קריסטלעכער מאָראַל. צו דעם פליגל געהערן אַזעלכע קאַטוילישע פּרעסע־אָרגאַנען, ווי דאָס וואָכנבלאַט «Temps présent», אָנגעפירט פון די באַוואוסטע שרייבער סטאַניסלאַס פיומע און פראַנסואַ מאָריאַק, ווי דער אָרגאַן פון די נעאָ־קאַטויליקן «Esprit» און די טאָגצייטונג «L'Aube». אָבער אויך דער מער מעסיקער און אָרטאָדאָקסאַלער פליגל פון די קאַטויליקן מיט זיינע אָרגאַנען «Univers», «Etudes» און דער פאַרשפּרייטסטער קאַטוילישער טאָגצייטונג אין פראַנקרייך «La Croix» טרעט אַרויס קעגן פאַשיזם און ראַסיזם, דורכפירנדיק די שטעלונג פון וואַטיקאַן, ווי זי איז פאָרמולירט פונעם פאַרשטאָרבענעם פויפּס פיוס דער 11־טער.

אין דעם לעצטנס דערשינענעם זאַמלבוך „ראַסיזם און קריסטנטום" 1) קומט קלאָר צום אויסדרוק אָט די שטעלונג פונעם קאַטויליציזם. דאָס איז אַ זאַמלונג פון לעקציעס, געהאַלטן לויט די אינסטרוקציעס פון וואַטיקאַן אין דעם פּאַריזער קאַטוילישן אינסטיטוט, פון באַוואוסטע קאַטוילישע געלערנטע און שרייבער — צווישן זיי פון ד'אַרקור און סעליער — קעגן דער טעאָריע פון ראַסיזם, פון „בלוט און באָדן", ווי אויך קעגן דער נאַציסטישער דערציאונג־סיסטעם. צום זאַמלבוך איז צוגעגעבן אַן אַריינפיר פון קאַרדינאַל באָדריאַר, רעקטאָר פון קאַטוילישן אינסטיטוט און מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע. ביים אַנאַליז פון דער ראַסן־טעאָריע ווערט אויך אגב באַרירט די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם און „יידישער ראַסע".

ספּעציעל איז פון די קאַטויליקן די יידישע פּראָבלעם באַהאַנדלט געוואָרן אינעם אינטערעסאַנטן זאַמלבוך „די יידן", 2) דערשינען סוף 1937, אונטער דער רעדאַקציע פון דאַניעל ראָפּס. אַהער גייען אַריין אַרטיקלען הן פון די רעכט־געשטימטע קאַטויליקן (ווי, למשל, דער באַרימטער דיכטער פּאָל קלאָדעל) און הן פון פּראָגרעסיווע (זשאַק מאַריטען), ווי אויך פון פּראָטעסטאַנטן (דעני דע רוזשמאָן) און פון צוויי געשמדטע יידן, איצט געטרייע חסידים פון קאַטויליציזם (זשאָרזש קאַטאָן און רענע שוואָב); מיר געפינען דאָ אויך אַן אַרטיקל פונעם באַקאַנטן פראַנצויזיש־יידישן דיכטער און נאַציאָנאַל־געשטימטן יידן אַנדרע ספּיר — אַ פרייע דיסקוסיע פון פּאָרשטייער פון גאַנץ פאַרשיידענע רעליגיעזע ריכטונגען. די אַלע מחברים טרעטן שאַרף אַרויס קעגן ראַסיזם. וויל מען אָבער תופס זיין די הויפּט־טענדענץ און די כוונה פונעם זאַמלבוך, דאַרף מען עס זוכן אין די קאָמענטאַרן פונעם רעדאַקטאָר ראָפּס און באַזונדערס אין דעם אַרטיקל פונעם יעזואיטישן גלח באָנסירווען. באָנסירווען איז שוין פון

---

1) *Racisme et christianisme*. Ed. Flammarion, Paris 1939, XII+211 pp.

2) *Les Juifs*. Ed. Plon, Paris 1937, X+334 pp.

פריער באַקאַנט מיט זיינע ווערק אויפן געביט פון ביבל־געשיכטע; אַגב, אַרבעט ער איצט אין ענגן קאָנטאַקט מיט די מיסיאָנערן, וואָס האָבן פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט זינט די לעצטע רדיפות אויף די דייטשע יידן... דער צוגאַנג צו דער יידישער פראָבלעם איז דאָ, אמת, אַ הומאַניטאַרער, אָבער אַ ריין־קריסטלעכער און קירכלעכער: אין די רדיפות אויף יידן ליגט דער סוד פון אויסדערוויילטקייט פון ישראל, און די לייזונג איז... זייער איבערגאַנג צום קריסטנטום. דאָס ווערט נאַטירלעך געזאָגט זייער פאָרזיכטיק, מיטן לשון פון „אוהבי־ישראל", אָבער גענוג קלאָר און דייטלעך.

דער זאַמלבוך באַשטייט פון פיר טיילן. אין דעם ערשטן („אַנטיסע־מיטיזם") ווערט געגעבן אַ קורצער היסטאָרישער איבערבליק וועגן די יידן־רדיפות (פון קאַלאָנעל ע. מאַיער), אַן אַרטיקל וועגן די איצטיקע רדיפות אין דייטשלאַנד (פון אַן אַנאָנימען מחבר, אַ דייטשן קאַטוילי) און אַן אַרטיקל (פון רענע דיופיואי) „היטלער און די יידן". אינעם צווייטן טייל קומט אַן אַנאַליז פון די סיבות פון אַנטיסעמיטיזם; דריי מחברים, דער קאַטוילי זשאַק מאַריטען, דער פּראָטעסטאַנט דעני דע רוזשמאָן און דער ייד אַרנאָלד מאַנדעל, קומען דאָ צו איין אויספיר: דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ רעזולטאַט פון אַן אינעווייניקסטער סתירה — וואָס דאָס יידנטום איז אין דער זעלביקער צייט אי אַ רע־ליגיע, אי אַ נאַציע. אינעם דריטן טייל קומט, פון איין זייט, אַ קריטיק, און פון דער צווייטער — אַ פאַרטיידיקונג פון דעם ציוניזם, ווי אַ לייזונג פון דער יידישער פראָבלעם. אינעם פערטן טייל („די טראַגעדיע פון ישראל") טרעטן אַרויס אַ ריי מחברים קעגן דער סעקולאַריזאַציע פון יידנטום און פירן פּראַקטיש דורך די אויבן אָנגעוויזענע טענדענץ, וואָס רופט די יידן אַריבערצוגיין צום קריסטנטום.

מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע ציטאַטעס: „דאָס יידנטום איז ווי אַ שטעכלקע אין לייב פון די פעלקער. אָבער מיר פאַרשטייען, אַז אַרויס־רייסנדיק אָט די שטעכלקע, פאַרגיסן מיר אונדזער אייגן בלוט"; „דאָס פאָלק ישראל איז באַשטימט אין דער געשיכטע צו אַקטיווירן די וועלט־מאַטעריע. ווי אַ פרעמדער קערפּער, ווי אַ פערמענט אין די מאַסן, האַלט ער אויף דעם אומרו אין דער וועלט, לאָזט זי ניט איינשלאָפן, וועקט אומצופרידנקייט, וועקט צו נאָט־דערקענטעניש — און סטימולירט דעם גאַנג פון דער געשיכטע" (זשאַק מאַריטען). דער רעדאַקטאָר, דניאל ראָפּס, קומט צום אויספיר: „די אָנגעשטרענגטקייט, וואָס דאָס פאָלק ישראל רופט אַרויס צווישן די פעלקער, קען ניט און ט אָ ר ניט פאַרשווינדן — אַן דעם וואָלטן פאַרשוואונדן געוואָרן די עיקר־ווערטן פון דער מענטשהייט". ער ציטירט די ווערטער פון לעאָן בלואַ: „די געשיכטע פון יידן שניידט דורך די געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווי אַ דאַמבע שניידט דורך דעם טייך, כדי אויפהייבן זיינע וואַסערן". דער גאַנצער זאַמלבוך — איז ער מוסיף — „שטייט אונטערן צייכן פון אָט דעם דרך־ארץ פאַר ישראל, פאַר אָט דעם אומטרייען ישראל, וואָס האָט בוגד געווען אין זיך אַליין"...

אָט די פיינע קאָמפּלימענטן „מיט שטעכלקעס" פאַר יידן, פון איין זייט, און די עצה־טובה אָפּצוזאָגן זיך פון דער יידישער רעליגיע, פון דער צווייטער, — אָט די צוויי טענדענצן כאַראַקטעריזירן בולט דעם דאָזיקן פילאָסעמיטיש־קריסט־לעכן זאַמלבוך. עס פרעגט זיך נאָר: וואָס האָט דאָ אייגנטלעך געהאַט צו טאָן דער נאַציאָנאַלער ייד און ציוניסט אַנדרע ספּיר?

עס איז אויך דערשינען די לעקציע פון ז ש אַ ק מ אַ ר י ט ע ן „די יידן צווישן די פעלקער", 3) אין דער פאָרם פון אַ בראָשור. דער מחבר באַשרייבט דעם מצב פון יידן אין צענטראַל־ און מזרח־איראָפּע און טרעט אַרויס מיט אַ

3) *Les Juifs parmi les nations*. Ed. du Cerf, Paris 1938, 47 pp.

שארפן פארוואורף קעגן די פוילישע גייסטלעכע פאר זייער אנטיסעמיטיזם; ער באריהרט אויך די פראגע פון דער יידישער קאנקורענץ און לייגט פאר די קריסטן צו קעמפן קעגן איר דורך הייבן זייער אייגענעם לעבנס-סטאנדארט; אינגאנצן אויסראטן דעם אנטיסעמיטיזם וועט מען קענען נאר מיט דער אלגעמיינער סאציאלער רעפארם.

גאר פון אן אנדער מין איז דאס אקארשט דערשינענע בוך פון ו ו ר י ע ס ד ע ה ע ק ל י נ ג ע ן, א האלענדישער מחבר, וואס שרייבט אין פראנצויזיש, „יידן און קאטוילִיקן״. 4) דער מחבר איז אן אפענער אנטיסעמיט, א מיטארבעטער פון באקאנטן פליישהאוערן פון ערפורט. ער גיט אן אנאליז פון די „יידישע אייגנשאפטן״: זייער גאווה, שנאה צו די ארומיקע, די אמאראלישקייט פון זייער תלמוד וכדומה. די קאטוילישע קירך, הגם זי האט טאלערירט און אפילו פארטיידיקט די יידן, האט זי אבער שטענדיק געשטרעבט צו מאכן זיי אומשעדלעך און צו דערוויטערן פון די קריסטן. צום סוף פאדערט ער די אפשאפונג פון דער עמאנסיפאציע פאר יידן, וואס איז, לויט זיין מיינונג, א טרויעריקער און רעגרעסיווער פועל-יוצא פון דער רעוואלוציע, וואס האט געענדערט דעם נאטירלעכן גאנג פון דער געשיכטע.

דאס זיינען אפענע דיבורים פון אן אפענעם אנטיסעמיט, און בכל-אופן האבן זיי די מעלה, וואס מען ווייס, מיט וועמען מ׳האט דא צו טאן.

נינא ג.

ד״ר ראובן פעלדשוה (בן-שם), יידישער געזעלשאפטלעכער לעקסיקאן. פוילן. ב׳ I — ווארשע. ארויסגעגעבן פון יידישן לעקסיקאגראפישן פארלאג. ווארשע 1939. 926 שפאלטן.

„יידישער געזעלשאפטלעכער לעקסיקאן״ — ריכטיקער און קארעקטער אין יידיש״ וואלט געוועזן צו זאגן: „לעקסיקאן פון יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן״. דער דאזיקער לעקסיקאן איז א פרואוו צו געבן א סך־הכל פונעם יידישן לעבן אין פוילן, זינט די יידן האבן זיך אנגעהויבן צו באזעצן אויף אט דער ערד (נאך אין דער פארקריסטלעכער צייט!) ביז צום היינטיקן טאג, און בעיקר טאקע — פונעם איצטיקן מצב אויף אלע געביטן. א פרואוו געווים זייער א פאראנטווארטלעכער. דער רעדאקטאר און ארויסגעבער, ד״ר ר. פעלדשוה, שרייבט אין דער הקדמה, אז אזא סך־הכל-ווערק דארף אויך „דינען פאר די צוקונפטיקע דורות אלס... מקור פון אויסדויער אין דעם אייביקן קאמף פון יידישן פאלק״.

דער לעקסיקאן טיילט זיך אין צוויי ניט גלייכע טיילן. אינעם ערשטן טייל (368 שפאלטן) ווערן געגעבן א ריי ארטיקלען וועגן דער געשיכטע פון יידן אין פוילן (מתתיהו מיזיש, י. שיפער און נ. מ. געלבער), סטאטיסטישע ידיעות (י. לעשצינסקי, א. טארטאקאווער), דאס איצטיקע פאליטישע לעבן און קולטור־לעבן, קונסט און וויסנשאפט. דער צווייטער, גרעסערער טייל (558 שפאלטן) רעדט ספעציעל וועגן ו ו א ר ש ע. חוץ א פאר קלענערע אריינפיר־ארטיקלען (פון מ. מיזיש און נ. פרילוצקי), פארנעמען דא דעם גאנצן ארט ביאגראפיעס פון די ווארשעווער כלל-טוער און פערזענלעכקייטן, באשרייבונגען פון די אנשטאלטן און געזעלשאפטן (אפילו... פון די באנקהייזער מארגענשטערן און שערעשאווסקי), געסדרט לויטן אלף־בית, דערפירט לעת-עתה נאר ביזן אות ו׳.

אינעם גאנצן באנד פילט זיך א גייסט פון אפאלאגעטיק און אונטערגעשטראכענעם פאטריאטיזם, וואס מ׳האט געמעגט זיך איינשפארן אין אן ערנסטער אויסגאבע. אביעקטיווע ארגומענטן פאר די יידישע רעכט אין פוילן, אפילו פאר

4) *Juifs et catholiques*. Ed. Grasset, Paris 1939, 223 pp.

זייערע היסטאָרישע רעכט צו לעבן אין דעם לאַנד, זיינען פאַראַן איבערגענוג, און ס'איז ניט נויטיק זיי ספּעציעל אונטערצוטראָגן, דערצו נאָך אין אַ לעקסיקאָן פאַרן י י ד י ש ן לייענער. צו וואָס די טענדענציעזע רעפּראָדוקציע פון ביאַליסטאָקער פּלאַקאַט פון 1920 וועגן יידן, וואָס זיינען דערשאָסן געוואָרן פון די באָלשעוויקעס (166) — איז דען אַזאַ מאַטעריאַל נויטיק פאַר אַ לעקסיקאָן? אין דעם באַנד פעלן אַרטיקלען וועגן דעם יידישן פּאָליטישן מצב, אַ בילד פון דער יידישער נויט וכדומה גאַנץ אָנגעוויטאָגטע דערשיינונגען. דערפאַר אָבער פאַרגעסט מען ניט צו דערמאָנען: אַז אַ ריי גרויסע פּוילישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער (397 א"וו), ווי אויך פּוילישע „ווירטשאַפטלעכע טאַלאַנטן" (400) שטאַמען פון יידן; אַז יידן האָבן אַ סך מנדב געווען פאַר ניט־יידישע אינסטיטוציעס און... אַפילו געהאָלפן בויען דעם קלויסטער „ווּשיסטקיך שוויענטיך" אויף גזשיבאָוו (411). גערעכט איז נ. פּרילוצקי, ווען ער שרייבט, אַז פ אַ ר ז י ך אַ ל יי ן האָבן די יידן אין וואַרשע... אויפגעטאָן פיל ווייניקער, ווי דאָס וואָלט נויטיק געווען" (401 א"וו).

די פאַרטיילונג פונעם מאַטעריאַל אינעם באַנד איז ניט גאָר קיין פאַרשטענדלעכע. אַזוי, למשל: פאַר דעם אַרטיקל „די יידישע פּאָליטיק אין פּוילן" (א. האַפּטקאַ) וועגן דער יידישער באַטייליקונג אין די וואַלן צום סיים און סענאַט (אַגב אַ מאַטעריאַל זייער אַ נוצלעכער) ווערן אָפּגעגעבן 53 שפּאַלטן, און פאַרן אַרטיקל „די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען" (ד"ר ר. פעלדשוה) — נאָר 8 שפּאַלטן. דערביי האָט דער מחבר פונעם לעצטן אַרטיקל כמעט פאַרגעסן צו דערמאָנען אַזאַ פּאַרטיי, ווי דער „בונד" אין פּוילן, הגם די אַנדערע דערמאָנט ער. אין זיין כאַראַקטעריסטיק פון די יידישע פּאָליטישע גרופּירונגען גיט דער מחבר אַ רובריק „ווייסע און רויטע אַסימילאַטאָרן" — דאָס איז געווים אַ באַצייכענונג ניט פאַר אַ לעקסיקאָן. מען קען אויך ניט באַצייכענען די לינקע פּאַרטייען: „ניהיליסטן, קאָמוניסטן א"אַ" (220) — וואָס פאַר אַ פּאַרטיי זיינען דאָס די „ניהיליסטן"? אין דעם אַרטיקל וועגן שולוועזן ווערט די יידישיסטישע שולן פון „ציש"א" אָפּגעגעבן 3 שפּאַלטן, און פאַר די העברעאישע און אָרטאָדאָקסישע — 17—18! אין דער רובריק „קונסט" קען מען ניט אַריינגעמען מוזיק און געזאַנג. דער אַרטיקל „וויסנשאַפט" פאַרנעמט בסך־הכל קאַרגע 3 שפּאַלטן, און רעדן רעדט זיך דאָ גאָר וועגן „יידישע דאָקטוירים" אין פּוילן; אמת, אין דער הערה זאָגט צו די רעדאַקציע ווייטערדיקע אַרטיקלען אויף דער טעמע, אָבער אויך נאָר וועגן דעם „אָנטייל פון די פּוילישע יידן אין די אַנדערע צווייגן פון דער וויסנשאַפט" — און וואו איז די י י ד י ש ע וויסנשאַפט און דאָס אָריגינעלע יידישע שאַפן? אומפאַרשטענדלעך איז אויך, צוליב וואָס איז אַזוי נויטיק געווען אינעם לעקסיקאָן פון וואַרשע אַריינגעבן אַן אַרטיקל וועגן דער צייטונג „מאָמענט", הגם צום אות מ' איז נאָך גאַנץ ווייט; איבערגעמאַכט אויף „ ד ע ר מאָמענט", האָט מען זיך מתיר־נדר געווען אַריינצושטעלן אים אויפן אות ד'. אָבער אויב גיין אויף דעם דרך, קען מען דאָך דעם גאַנצן פּרינציפּ פון אַ לעקסיקאָן, געבויט לויטן אַלף־בית, דערפירן צו אַן אַבסורד. ניט פאַרשטענדלעך איז אויך, פאַרוואָס האָט דער רעדאַקטאָר דורכגעלאָזט צווישן די וואַרשעווער פּערזענלעכקייטן מ אַ ט י אַ ס ב ע ר ס אָ ן, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער קהילה און דערצו געווען אַ זייער באַקאַנטער געלערנטער, קונסטזאַמלער און מעצענאַט.

ניט געקוקט אויף די אַלע חסרונות, צו וועלכע עס דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן די אָפטע דייטשמערישקייטן אין דער יידישער שפּראַך, קען אַזאַ אויסגאַבע ווערן אַ נוצלעך און וויכטיק האַנטבוך וועגן דעם יידישן לעבן אין פּוילן, ווען עס וועלן דערשיינען אויך די ווייטערדיקע בענד. אָבער דערצו איז פריער פאַר אַלץ נויטיק צו באַפרייען זיך פון דער אַפּאָלאָגעטיק און פוסטער באַרימעריי וועגן די „יידישע פאַרדינסטן" און אויך פון פּאַרטייאישע פניות. דאָס רוב מאַטעריאַל

אין דעם ערשטן באַנד רעדט אַליין פאַר זיך, דערצו איז אָט דער באַנד שיין אַרויסגעגעבן, מיט זייער אַ סך בילדער און פיינע רעפּראָדוקציעס. לאָמיר דאָס באַטראַכטן נאָר ווי אַ התחלה.

די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו-יאָרק. צוגעגרייט דורך דער יידישער שרייבער-גרופּע אויפן (לויטן?) פעדעראַלן שרייבער-פּראָיעקט. אַרויסגעגעבן פון י. ל. פּרץ-שרייבער-פאַראיין. ניו-יאָרק 1938. 397 זייטן.

לעצטנס זיינען געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּרואוון אויסצופאָרשן דעם מצב פון די יידישע ישובים אין פאַרשיידענע לענדער, ספּעציעל מעבר־לים, און פאַררעגיסטרירן דעם יידישן אָרגאַניזאַציע־אינווענטאַר. דאָס רוב ערנסטע פאָרשער ביי אונדז גיבן זיך אָפּ דער עיקר מיט פאָרשן אונדזער עבר, און דער מצב פון די יידישע ישובים היינט־צו־טאָג ווערט איבערגעלאָזט אויפן באַראָט פון דער פּובליציסטיק. דער זאַמלבוך „די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו־יאָרק“ ליידט טאַקע אַ שפּאָר ביסל דערפון, וואָס זיינע מיטאַרבעטער זיינען (חוץ אַ פּאָר אויסנאַמען) ניט ספּעציאַליסטן־פאָרשער, נאָר דאָס רוב פּאָעטן און בעלעטריסטן. אָבער פאַרמיידן דאָס איז געווען אוממעגלעך, מחמת די גאַנצע אויסגאַבע איז צוגעגרייט געוואָרן פון אַביסל אַ צופעליקער גרופּע יידישע שרייבער אין ניו־יאָרק, וואָס זיינען גראָד געווען אַרבעטסלאָז, און סובסידירט איז זי געווען פון דער ניו־יאָרקער שטאָט־אַדמיניסטראַציע. אָן אַזאַ אָפיציעלער שטיצע וואָלט אפילו אין אַזאַ שטאָט, ווי ניו־יאָרק, מסתמא נאָך לאַנג ניט צו שטאַנד געקומען אַזאַ ביז גאָר נויטיקע און וויכטיקע פּיאָנערן־אַרבעט.

דער רעדאַקטאָר, י. א. ראָניטש, באַמערקט ריכטיק אין דעם אַריינפיר־אַרטיקל, אַז די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן „גיבן אונדז דעם שליסל צו דעם לעבן פון די ברייטע פאָלקסמאַסן“ און זיינען אויך „דער אומדערשעפּלעכער רעזערוו פאַר אַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס“. האָט מען ראַשית־כל גענומען מאַכן אַ רשימה פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און פעסטשטעלן זייער צאָל. עס איז דער גרופּע געראָטן צו באַקומען ידיעות וועגן 2045 אַזעלכע לאַנדסמאַנשאַפטן; צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן געגעבן גאַנץ קנאַפּע ידיעות, אָדער וואָס האָבן אַליין זיך ניט אָפּגערופן אויף דער אַנקעטע, זיינען אין דעם זאַמלבוך פאַררעגיסטרירט 2468 לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו־יאָרק. חוץ דער זייער ווערטפולער רשימה צום סוף, זיינען דאָ פאַראַן אַ ריי אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, זייער סאָציאַלער ראָלע, וועגן לאַנדסלייט־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור (ב. גלאַזמאַן), אַ ביבליאָגראַפיע פון סטאַטוטן, יובל־זשורנאַלן, מוסטערן פון לאַנדסמאַנשאַפט־ליטעראַטור, פאָרשונגען וועגן די פאַמיליע־קרייזן (מ. באַסין), וועגן פאָלקלאָר פון די יידישע ישובים וכדומה. די גרעסטע און אויך בעסטע אַרבעט איז פון ב. ריווקין: „די סאָציאַלע ראָלע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן“.

אין אַזאַ זאַמלבוך האָט זיך די רעדאַקציע געדאַרפט באַזונדערס היטן פאַר איינזייטיקייט און פּאַרטייאישקייט. צום באַדויערן אָבער איז דאָס ניט אינגאַנצן אויסגעמיטן געוואָרן. דער רעדאַקטאָר י. א. ראָניטש אַליין, און אויך דאָס רוב מיטאַרבעטער, קומען פון יענע לינקע קרייזן, וואָס האָבן פריער תמיד אָפּגעשפּאָט פון די „אָפּגעשטאַנענע סאָסייעטיס“. ב. ריווקין איז גערעכט, ווען ער שרייבט (ז. 94), אַז דער קאָמוניסטישער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדען“ איז געווען „אַן אָרגאַן פון אַמעריקאַניזאַציע“, דאָס מיינט פּאַקטיש פון אַסימילאַציע, און האָט, צום ביישפּיל, קולטיווירט ענגליש אויפן חשבון פון יידיש, באַזונדערס ביי דער יוגנט. אויף געוויסע פּאַרטייאישע טענדענצן האָט שוין אָנגעוויזן י. ריבקינד אין זיין רעצענזיע אין „צוקונפט“ (אַפּריל 1939).

עס זיינען געווען אַ פּאָר ביישפּילן. אין ניו־יאָרק עקסיסטירט איינע, אָדער עטלעכע גרופּעס, בעיקר צווישן די יידישע אַנאַרכיסטן, פאַר שטיצן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין סאָוועט־רוסלאַנד — אינעם זאַמלבוך ווערט דאָס לחלוטין פאַרשוויגן. דער „יידישער פאָלקס־קאָמיטעט קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם", וואָס ווערט אָנגעפירט פון די קאָמוניסטן, ווערט צווישן די צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס געשטעלט (ז. 34) פאַר דעם „יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט", וואָס פאַראייניקט די סאָציאַליסטישע יוניאָנס, די מערהייט „אַרבעטער־רינג", די פּועלי־ציון א"א, הגם דער „פאָלקס־קאָמיטעט" איז געגרינדעט געוואָרן ערשט אין 1936, און דער „אַרבעטער־קאָמיטעט" — אין 1934. צווישן די אויפגאַבן פון „איקאָר" (געזעלשאַפט צו העלפן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד) ווערט אָנגעגעבן: „אַרבעטן פאַר דער אייניקייט פון יידישן פאָלק"; געוויס איז דער „איקאָר" ביי זיין גרינדונג (אין 1924) זייער ווייט געווען פון דער אידעע וועגן יידישער אחדות... אין דער „אַנטאָלאָגיע פון לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָעזיע" ווערט געבראַכט אַ ליד פון איינעם לייב סאָברין „אוקראַינע", וואו מיר לייענען:

...אויפן ברודער־קבר פון די שטעטלדיקע ערשטע רויט־אַרמעער
בליען בלומען אויס אַ רויטן סערפּ און האַמער;
ווייבער שלעפּן פולע קאָשיקעס פון מאַרק
און שעלטן ביזן דריטן דור אין טאַנטנס־טאַטן אַלע קרעמער...

אַזעלכע מאָטיוון, ווי ווייבער — אפשר אַליין קרעמערקעס — וואָס „שעלטן ... אַלע קרעמער" אויפן פּאָן פון רויטן סערפּ און האַמער, זיינען געוויס ניט קיין טיפּישע פאַר דער אַלטער היים; גיכער איז דאָס אַ מאָטיוו אַ פּ אָ ל י ט י ש ע ר.

אין אַזאַ זאַמלבוך האָט באַדאַרפט געפינען אַן אָפּשאַצונג די גאַנץ רייכע מעמואַרן־ליטעראַטור פון די ערשטע עמיגראַנטן־ און אַרבעטער־טוערס (ווי אַב. קאַהאַן, קאָפּעלאָוו, ב. וויינשטיין און אַ ריי אַנדערע), ווי בכלל די ליטעראַטור צו דער געשיכטע פון דער יידישער יוניאָן־באַוועגונג, וואָס איז פון די אימיגראַנטן געשאַפן געוואָרן און איז ענג געווען פאַרבונדן מיט די לאַנדסמאַנשאַפט־קרייזן. מען קען אויך ניט מסכים זיין מיט ל אַ מ ע ד ש אַ פּ י ר אָ אין זיין אַרטיקל „אימיגראַציע און לאַנדסמאַנשאַפט", אַז „אין תוך איז ניט געווען קיין צו גרויסער אונטערשייד צווישן די טרייב־כוחות פון דער יידישער און ניט־יידישער עמיגראַציע" — דער חילוק איז שוין גראָד געווען אַ גאַנץ היפּשער, הן בנוגע די פּאָליטיש־רעכטלעכע סיבות, הן בנוגע די עקאָנאָמישע.

ניט געקוקט אויף די קליינע חסרונות, איז דער זאַמלבוך אַ גוטע התחלה; ער איז דערצו פּראַכטפול אַרויסגעגעבן, מיט אַ סך אינטערעסאַנטע בילדער און רעפּראָדוקציעס. און מ'קען נאָר ווינטשן, אַז ענלעכע פאָרשונגען זאָלן דערשיינען וועגן די לאַנדסמאַנשאַפטן אויך אין די אַנדערע יידישע צענטערן פון אַמעריקע.

ז. ש.

על פרשת דרכינו. מאסף לבעיות המדיניות הציונית והשיתוף היהודי־הערבי — (אויף אונדזערע שיידוועגן. זאַמלבוך פאַר פּראָבלעמען פון ציוניס־טישער פּאָליטיק און יידיש־אַראַבישער צוזאַמענאַרבעט). ירושלים תרצ"ט.

בעת אין ארץ־ישראל האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשאַרפן די באַציאונגען מצד די אַראַבער צו יידן און עס האָבן זיך אָנגערוקט די שרעקלעכע געשעענישן פון יאָר 1929, האָט אַ קליינע גרופּע יידישע טוער און שרייבער אין לאַנד געגרינדעט דעם פאַרבאַנד „ברית שלום", מיטן ציל צו געפינען אַ וועג פאַר אַ דערנעענטערונג מיט די אַראַבער, כדי אָפּצוטעמפּן זייער אָפּאָזיציע צום ציוניזם, באַזונדערס צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע. די דאָזיקע באַשיידענע גרופּע האָט אָבער ניט געהאַט קיין מזל. דער ישוב האָט ניט געוואָלט אַפילו הערן דערפון, אַז נאָך אַזעלכע אַכזריותדיקע מעשים מצד די אַראַבער זאָל מען פירן מיט זיי

פאַרהאַנדלונגען. די גרופּע איז זיך שפּעטער פונאַנדערגעפאַלן. איצט האָט זיך דער „ברית שלום" ווידער רעקאָנסטרואירט אונטער אַן אַנדערן נאָמען — „קדימה־מזרחה" — און אַרויסגעלאָזט דעם זאַמלבוך „על פּרשת דרכינו" מיט אַ פאָרמולירונג פון זיין פּראָגראַם.

דער זאַמלבוך מאַכט אַ רושם — און דווקא ניט צוליב דעם, וואָס מען איז מסכים מיט זיינע אויספירן, נאָר מחמת מיר האָבן פאַר זיך אַ געניי פאָרמולירטן אני־מאמין פון דער גרופּע, באַגרינדט אין די אַרטיקלען פון ר' בנימין (דעם רעדאַקטאָר), א. בובער, ר. וועלטש, מרגלית־קאַלוואַריסקי, א. סימאָן א"אַ. גאָר אַן אַנדערע פראַגע איז, ווי אַזוי שטעלט זיך פאַר אָט די גרופּע די רעאַליזירונג פון איר פאַרגעלייגטן הסכם.

שוין אין זיין אַריינפיר שרייבט דער רעדאַקטאָר: „די נאַאיווע מיינונג, אַז דער ציוניזם איז אַן ענגלישע פראַגע און ניט קיין אַראַבישע... עקסיסטירט איצט ניט מער. די לאָנדאָנער קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט, אויסער די ארץ־ישׂראלדיקע אַראַבער, אויך פאָרשטייער פון אַראַבישע מלוכות, האָט בולט אונטערגעשטראָכן, אַז דער ציוניזם איז אויך אַן אַראַבישע פראַגע. ס'איז דעריבער אַ היסטאָרישער מוז — קומען צו אַ הסכם מיט דעם צווייטן סעמיטישן פאָלק וועגן אַ פאָליטיש־עקאָנאָמישער צוזאַמענאַרבעט".

אַ וואָגיקע אַרגומענטאַציע געפינען מיר אין א. סימאָנס אַרטיקל („לפני שנתים — והיום"). מיר גיבן דאָ בקיצור דעם סך־הכל און די אויספירן פון דעם אַרטיקל: „מיר שטרעבן, אַז די אַראַבער זאָלן אָנערקענען די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין יידיש־אַראַבישן ארץ־ישׂראל, וועלכע וואָלט געוועזן גרייט אַריינטרעטן, ביי אָננעמבאַרע גאַראַנטיעס און אונטערן שוץ פון ענגלאַנד, אין דער פעדעראַציע פון אַראַבישע לענדער, וואָס דאַרף געשאַפן ווערן". ווי אַזוי קען דאָס אָבער צו שטאַנד קומען? צוליב דעם איז פריער פאַר אַלץ נויטיק אַן איבערשאַצונג פון די אידעאָלאָגישע ווערטן אין די ציוניסטישע רייען: די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע טאָר ניט באַקומען איר הויפּט־יניקה פון יידישע קאַטאַסטראָפעס; „די אויפבוי־אַרבעט אין א"י קען ניט פאַרקומען אויף די חורבות פון גלות. עס דאַרף אויך אָנערקענט ווערן — מיט געוויסע באַוואָרענישן (פון מיר אונטערגעשטראָכן) — דאָס רעכט פון די אַראַבער אויף נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג". און ווייטער: „מען דאַרף זיך באַמיען צו באַזייטיקן דעם פּחד פון די אַראַבישע מאַסן באַהערשט צו ווערן פון די יידן. מען מוז דעריבער זיך אָפּזאָגן פון דעם געדאַנק וועגן אַ מלוכה. די קאָנסטיטוציע פון ארץ־ישׂראל ווייס נאָר פון צוויי גלייכבאַרעכטיקטע פעלקער, לויט דעם כלל: אָן הערשער און אָן באַהערשטע".

נאָך א. סימאָנס אַרטיקל, ווי בכלל נאָך די אַלע אין דעם זאַמלבוך, שטעלט זיך ווידער און ווידער די פראַגע: צי איז די "קדימה־מזרחה" זיכער, אַז די געמאַכטע קאָנצעסיעס דער אַראַבישער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג וועלן ברענגען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן דיביידע סעמיטישע פעלקער און שאַפן יענע אידעאישע באַוועגונג אויפן מזרח, וואָס טראָגט זיך פאַר די אויגן פונעם רעדאַקטאָר, ר' בנימין, — דעם „פּאַנסעמיטיזם"? דער עקזאָטישער און פאַרשלאָפענער אַראַבישער מזרח, מיט זיינע קעמלען און מולאַייזלען, נויטיקט זיך טאַקע אין אַ געוויסער דינאַמישער קראַפט, וואָס זאָל אים אויפטרייסלען, אָבער די קאָנקרעטיזירונג פון אַ הסכם מיט אָט די מזרח־מענטשן איז גאָר ניט פון די לייכטע זאַכן. איבעראַשנדיק קלינגט די שטעל אין א. סימאָנס אַרטיקל: „מיר האָבן קיין מורא ניט זיך צו זאָגן, אַז סוף־כל־סוף האָבן מיר ניט קיין מאַטעמאַטיש־פעסטע זיכערקייט, אַז די יידיש־אַראַבישע פּראָבלעם קען גינציק געלייזט ווערן דורך אַ הסכם. ס'איז גראָד מעגלעך, אַז דער ציוניזם וועט זיין ציל דערגרייכן אויף אַן אַנדער אופן — אפשר דורך אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, וועלכע וועלן זיך מזלדיק ענדיקן פאַר אונדז"...

אַ מניעה פֿאַר אַ פֿאַרשטענדיקונג איז אויך די קאָמפּליצירטע יידיש־אַראַבישע אַרבעט־פּראָבלעם. אין זיין אַרטיקל אויף דער טעמע איז מ. ערעם געדעכט, אַז אויך די אַראַבער דאַרפֿן קענען אַריינטרעטן אינעם „ארגון־הפּועלים" און געניסן דעם שוץ פֿון דער „הסתדרות". ס'איז אָבער זייער אַ דעליקאַטער און שווערער ענין. ווי זאָל מען באַפֿרידיקן די גוואַלדיקע נויט אין אַרבעט פֿון די יידישע אימיגראַנטן? די טויערן פֿון אַלע דעמאָקראַטישע לענדער זיינען דאָך פּאַקטיש פֿאַרמאַכט פֿאַר די יידישע פּליטים, וועלכע נויטיקן זיך מער ווי אַלע אין ברויט און אַרבעט. וואָס זאָלן מיר לייקענען? ווען מען שאַבט אָפּ פֿון דעם מאָדערנעם מענטשן דעם ציוויליזאַטאָרישן גלאַנץ, באַקומט זיך אַ פּרימיטיווער „אדם הראשון" מיט אַלע זיינע עגאָאיסטישע נטיות. די „הסתדרות העובדים" איז פּרינציפּיעל פֿאַר אַ בשותּפֿותדיקער יידיש־אַראַבישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, און עפּעס־וואָס איז שוין אין דעם פּרט געטאָן געוואָרן. אָבער ווי פֿירט מען עס דורך אין אַ גרעסערן פֿאַרנעם?

דער זאַמלבוך באַנוגנט זיך ניט נאָר מיט קריטיק פֿון דער ציוניסטישער דיפּלאָמאַטיע; עס ווערן געבראַכט אויך אַ ריי דאָקומענטן וועגן פֿאַרהאַנדלונגען מיט פֿאַרשיידענע אַראַבישע פֿירערס. מרגלית־קאַלוואַריסקי ברענגט אייניקע פּראָיעקטן, וואָס וואַרפֿן אַ געווּיסן שיין אויף דער מעגלעכקייט פֿון אַזאַ הסכם. מיט ווען זיך אָפּשטעלן אויף דעם „גינציקסטן" און „פֿריינדלעכסטן" פֿון זיי, וואָס אַ גרופּע איירָאָפּעאיזירטע אַראַבער האָבן פֿאָרגעלייגט אַלס יסוד פֿאַר אַזאַ פֿאַרשטענדיקונג: 1) ארץ־ישראל ווערט אַ בי־נאַציאָנאַלער שטאַט; 2) די רעגירונג און פּאַרלאַמענט קאָנסטרויִרן זיך אויף פּאַריטעטע יסודות; 3) אָן אָפּמאַך מיט ענגלאַנד און די אַריינטרעטונג אין פֿעלקער־בונד; 4) די יידישע עליה ווערט אויף אַ געווּיסער צייט באַגרענעצט, און די צאָל יידן טאָר ניט אַריבער די נאָרמע פֿון 40, אָדער העכסטנס 45 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג...

מען לייענט דורך דאָס לעצטע זייטל, און אין קאָפּ פֿליט דורך אַ מחשבה: „יאָ, שלום... און אויב קיין שלום איז ניטאָ — לאָמיר לכל־הפּחות רעדן וועגן שלום".

ל. י. ר.

Prof. Salomon Goldelman, Löst der Kommunismus die Judenfrage ? Rote Assimilation und Sowjet-Zionismus. Verlag Dr. H. Glanz, Wien 1937, 298 pp.

דאָס בוך פֿון ש. גאָלדעלמאַן (אַ קורצע צייט געוועזן מיניסטער פֿאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע סוף 1918, אין די ערשטע חדשים פֿון ווינישענקאָ—פּעטליורע), וואָס אַנטהאַלט קנאַפּע 300 זייטן, איז אַ זאַמלונג פֿונעם מחברס אַרטיקלען און רעפֿעראַטן, געהאַלטן אין די יאָרן 1930—1936. פּראָפֿ. ש. גאָלדעלמאַן איז פֿון פֿאַך אַן עקאָנאָמיסט און די לעצטע יאָרן פֿאַר דער נאַציריזירונג פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע איז ער אויך געווען באַקאַנט ווי אַ ציוניסטישער עסקן און שרייבער אין פּראָג. דער ראַטנפֿאַרבאַנד אינטערעסירט דעם מחבר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿיל דאָרט גייט אָן אַ פּראָצעס פֿון „רויטער אַסימילאַציע" און אויף וויפֿיל „מאָסקווע האָט פּראָקלאַמירט דעם אונטערגאַנג פֿון דעם יידנטום". אין זיינע אַרטיקלען באַמיט ער זיך דאָס צו דערווייזן מיט פֿאַקטן, דער עיקר פֿונעם עקאָנאָמיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

אייניקע אַרטיקלען, ווי, למשל, „דער וועג פֿון דער יידישער יוגנט", „די יידישע ווירטשאַפֿט־קאָנסטיטוציע" א"אַ פֿאַלן אַזוי ווי אַרויס פֿונעם אַלגעמיינעם קאָנטעקסט. אין תּוך אָבער קומט אויך דאָ בולט צום אויסדרוק דעם מחברס הויפּט־טענדענץ צו באַטראַכטן די יידישע אַסימילאַציע דער עיקר דורך אַ ציוניס־

טישער פּריזמע און צו באַווייזן, אַז אין פּלוג זיינען אַלע פּרואוון אין ראַטנפאַר־באַנד פון יידישער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע ניט מער, ווי „קאָנקורענץ־אונטערנעמונגען“ לגבי דעם ציוניזם, שוין ניט צו רעדן פון די ריין־סאָוועטישע, און כלל ניט יידישע, אינטערעסן, וואָס זיינען געווען דער יסוד און הויפּט־ציל פון אָט די אַלע אונטערנעמונגען.

אין קאַפּיטל „די יידן־פראַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד“ ווערט אויספירלעך אַרומגערעדט די ספּעציפישע טראַגיק פון די יידישע מאַסן, וואָס זיינען אין די ערשטע יאָרן פון דער ראַטנמאַכט געשטאַנען פאַר דער סכנה פון פולשטענדיקן חורבן און אונטערגאַנג. מיטן ערשטן פינפיאָר־פּלאַן, ווען דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן שפּירן אַ דוחק אין גוט אויסגעבילדעטע קאַדערן, האָט זיך די לאַגע פון די יידישע אַרבעט־פעאיקע שיכטן פאַרבעסערט. דעם געוועזענעם יידישן קליינבירגער, וואָס איז מער ווי אַנדערע מסוגל געווען זיך שנעל צוצופּאַסן צו די נייע פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן, איז שטאַרק פאַרלייכטערט געוואָרן דער אָנטייל אין דער רעאַליזירונג פונעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון אינדוסטריאַליזאַציע. אָט דעם אומשטאַנד פאַרגלייכט דער מחבר מיטן אָנהויב פון דער יידישער עמאַנסיפּאַציע אין ד ײ ט ש ל אַ נ ד פון צוריק לערך מיט אַ הונדערט יאָר, ווען דאָס דייטשע בירגערטום האָט צוליב די זעלביקע טעמים, הגם אויף אַ גאָר אַנדערן שטח, זיך געזען געצוואונגען אַריינצוציען די דייטשע יידן אין פּראָצעס פון דער ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע ר אינדוסטריאַליזאַציע.

עס איז קענטיק, אַז דער עיקר צוועק פונעם מחבר איז אַרויפצופירן אויף אַ דרך יענעם טייל פון דער אייראָפּעאישער יידישער יוגנט און יידישער אינטעליגענץ, וואָס איז נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען פאַרכאַפּט פונעם קאָמוניזם. ווייל, ווי דער מחבר ווייזט אָן מיט רעכט, איז דער יידישער אָנטייל אין אַ באַפרייונגס־באַוועגונג באַזונדערס שטאַרק אין איר ערשטער פאַזע. דער מחבר באַמיט זיך צו דעמאַסקירן דעם „סאָוועטישן ציוניזם“, ווי ער רופט עס, און באַווייזן די שעדלעכקייט און די, נאָך זיין מיינונג, אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט פון דער „מאַנדזשורער קאָלאָניזאַציע“, געמיינט דערמיט די יידישע קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן.

ווי פאַרעלטערט און אַרכאַאיש עס קלינגען איצט, אין יאָר 1939, געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען, וואָס האָבן נאָך אין 1937 געהאַט אַן אַקטועלן באַטייט און וואָס פאַר זיי זיינען נאָך דעמאָלט געווען אָפן די טירן פון אַ פאַרלאַג אין ווין!... ווער טראַכט א י צ ט ערנסט וועגן אַ „יידישן צענטער“ אין בירא־בידזשאַן?

Shem. Revue d'action hébraïque. N° I. Juin 1939. Paris, 111 pp.

וועגן אָט דעם גאַנץ שיין געדרוקטן העפט מעג מען זאָגן: דאָס האָט נאָך אויסגעפעלט צו די יידישע צרות! די מחברים (און עס קען געמאָלט זיין, אַז דאָס איז נאָר איינער־צוויי, אונטער עטלעכע פּסעוודאָנימען: גור, בליעל אאַז״וו) זיינען ניט צופרידן מיט יידן, לגמרי ניט צופרידן, אַזוי אַז זיי וואָלטן אייגנטלעך וועלן וואָס גיכער פּטור ווערן פון זיי. אָבער יידן קענען זיך נאָך ראַטעווען אין אַן אייגענער מלוכה אין ארץ־ישראל, וואָס זיי מוזן איינעמען דווקא בחרבם ובקשתם. מיטן ציוניזם זיינען די מחברים ניט צופרידן — צו ווייניק; אויך דער רעוויזיאָניזם וויל ניט גענוג: זשאַבאָטינסקי איז אַ פּשרה־מענטש. וואָס דען זאָלן יידן טאָן? זיי מוזן ווערן העברעער, ע י ב ר י ם. ראשית מוזן זיי אָנהייבן רעדן העברעאיש, אָבער דער עיקר איז, אַז יידן זאָלן מאָנען די אַלטע ירושה פון אַ ה ע ב ר ע א י ש ע ר א י מ פּ ע ר י ע, וואָס זאָל האָבן כלומרשט עקסיסטירט מיט טויזנטער יאָרן צוריק און זאָל האָבן פאַרנומען אַ גוואַלדיקן שטח: פון דעם מזרחדיקן ברעג פון מיטללענדישן ים ביזן פּרת, מיט

קאַלאָניעס אין צפון־אַפריקע און אויף די אינדזלען פון מיטללענדישן ים. אַי וואָס, די געשיכטע ווייס דערווייל גאָרניט צו דערציילן וועגן אַזאַ מעכטיקער עיברישער אימפּעריע? איז דער תירוץ: ראשית, קענען מיר ניט וויסן, וואָס די ערד וועט אויפדעקן — מיר האָבן דאָך דערלעבט, אַז עס זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן אימפּעריעס גאַנצע, לאַנג פאַרשוואונדענע און פאַרגעסענע; והשנית, און דאָס איז דער עיקר: וואָס מאַכט עס אויס? ווען עס איז ניט היסטאָריע, זאָל עס זיין לעגענדע, און לעגענדע איז נאָך בעסער. מיר זעען דאָך היינטיקע צייטן, וואָס מען קען אויפטאָן מיטן כוח פון לעגענדע. און אָט די לעגענדע פון דער אימפּעריע פון די עיברים, וואָס ווערט געשאַפן איצט פאַר אונדזערע אויגן — נאָר זי איז עלול צו פאַרענטפערן די יידישע פראַגע: זי וועט שאַפן אַ גענוג גרויסע טעריטאָריע, וואָס וועט אַריינגעמען אַלע 17—18 מיליאָן יידן, נאָך דעם ווי זיי וועלן מגולגל ווערן אין עיברים. אַי די באַפעלקערונג, וואָס זיצט איצט אויף אָט דער טעריטאָריע? וועט מען זי אונטערטעניק מאַכן מיטן כוח פון באַצווינגער, און זי וועט זיין אַן אָפּהענגיקער מיעוט. און דאָס איז אַלץ נאָר אַן אָנהייב. וואָרעם די באַנייטע אימפּעריע וועט האָבן נאָך פּרעטענזיעס אויף אַ „לעבנס־רוים“ . . .

בכדי דער לייענער זאָל אונדז ניט דאַרפן גלויבן אויפן וואָרט, וועלן מיר דאָ ברענגען אייניקע ציטאַטעס.

„שם“ — ווערט געזאָגט אינעם אַריינפיר־אַרטיקל — איז אַן אַלטער מיוחס־דיקער נאָמען; יידן זיינען די בני־שם, די אמתע סעמיטן. „דער העברעער איז געווען אַ ברודער פונעם העלען לויטן געדאַנק, פון דעם מצרי — לויט זיין קונסט און פון דעם אשורי — לויט זיין מיליטערישער מאַכט“ (ז' 11). יידן זיינען אַמאָל געווען קריג־פירער און געצנדינער, דער מאָנאָטעאיזם האָט זיי אָפּגעשוואַכט און דאָס האָט דערפירט צו גלות. „די העברעאישע אימפּעריע האָט עקסיסטירט מיט 1000 יאָר פאַר קריסטוסן, אונטער דער ממשלה פון דוד, חירם (?) און שלמה. דאָס איז געווען אַן אימפּעריע אַ פעדעראַטיווע און פעאָדאַלע, אַ מעכטיקע און עלאַסטישע . . . מיט קאָלאָניעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן ביזן אינדישן . . . דאָס איז געווען די שטאַרקסטע מלוכה אין איר צייט“ (דאָרטן). „מען דאַרף ווידער יודאַאיזירן די יידן. די אַסימילאַציע און רעוואָלוציע מיט זייער אידעאַל פון אַלגעמיינער גלייכהייט זיינען שונאים פונעם א י מ פּ ע ר י אַ ל ן י ו ד אַ א י ז ם“ (ז' 12).

רעדנדיק וועגן דער אויפנעם־מעגלעכקייט פון ארץ־ישראל, מאַכט אַן אַנדער מחבר אַן אויספירלעכן חשבון, אַז צו די יאָרן 1950—1955 קען די צאָל יידן דאָ דערגיין ביז 7—8 מיליאָן, און די אַראַבער וועלן דעמאָלט אויסמאַכן נאָר 15 פּראָצענט; עס וועט זיך אָנהייבן אַ יידישע מאַסן־אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל פון אַמעריקע, רוסלאַנד (!) וכדומה. „און אין די נאָענטסטע 25—30 יאָר וועט די ווידעראויפלעבונג פון דער העברעאישער נאַציע פאָרקומען פאַר אונדזערע אויגן, אָדער — קיינמאָל ניט פאָרקומען. מיר טרעטן אַריין אין דער סאַמע שווערסטער פאַזע, וואָס פאָדערט העזה און עקשנות, עקשנות אין דער העזה“ (ז' 77).

צום סוף — אַ קורצע ציטאַטע פונעם אַרטיקל „אַ דיאַלאָג צווישן אַ מענטש און אַ ייד“. דער ייד טענהט, אַז יידן האַלטן זיך שפלדיק, און די אַנטיסעמיטן זיינען אין דעם פּרט גערעכט, יידן פאַרדינען די פאַראַכטונג מצד די אַנטיסעמיטן. „הייסט עס, אַז לויט אייער מיינונג איז דאָס רעכט פון כוח דאָס אמתע רעכט?“ — פרעגט דער ניט־ייד; „יאָ“, — ענטפערט דער ייד . . .

וואָס קען מען נאָך צוגעבן צו אָט דער נעבעכדיקער יידישער נאָכקרימעניש פון נאַציזם און פאַשיזם? איין שטיקל מעלה איז פאַראַן אין אָט דעם זשורנאַל: וואָס ער איז געדרוקט ניט אין יידיש, נייערט אין פראַנצויזיש; די יידישע יונגעלייט וואָלטן סיי ווי מסתמא קיין גרויסן טעם ניט געפונען אין אָט דעם געמיש פון רעאַקציאָנערער פאַנטאַסטיק און עם־הארצות . . .

Oskar Wolfsberg, Zur Zeit- und Geistesgeschichte des Judentums. Verl. «Die Gestaltung», Zürich 1938, 295 pp.

דער מחבר איז אַ מענטש מיט אַ ברייטער פילאָסאָפישער און יידיש־היסטאָרישער בילדונג און איז אויך אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין די ציוניסטישע קרייזן (איצט — אין ירושלים). אין דעם בוך ווערט געגעבן אַ גרינדלעכער היסטאָריש־פילאָסאָפישער אַנאַליז פון די גייסטיקע שטרעמונגען אין יידנטום אין 19־טן י״ה (דער עיקר אין דייטשלאַנד), וואָס האָבן געהאָלפן איידעאיש אויספורעמען דאָס איצטיקע יידנטום. דאָס בוך טיילט זיך אין 5 קאַפּיטלען: 1) אַלגעמיינער טייל — וועגן די פּראָבלעמען פון יידישער געשיכטע, ישראל בין העמים אד״גל, 2) די תקופה פון השכלה, 3) חסידיזם און מתנגדיזם, 4) רעפאָרם־באַוועגונג און אָרטאָדאָקסיע, 5) אַסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם. דער מחבר באַטראַכט די אַלע פּראָבלעמען פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל־ר עָ ל י ג י ע ז ן שטאַנדפּונקט. ער באַציט זיך נעגאַטיוו ניט בלויז צו דער השכלה און רעפאָרם־באַוועגונג, נאָר אויך צו דער אָרטאָדאָקסיע אין איר יידיש־דייטשער פאָרמאַציע, ווייל איר האָט געפעלט „עלאַסטישקייט״. דעם אייביקן עלעמענט פון יידישן קיום זעט ער אין דער טראַדיציע און נאַציאָנאַלן גייסט. דאָס בוך, רייך מיט פאַקטן פון דער יידישער גייסטיקער געשיכטע, איז געשריבן אין אַ פיינעם סטיל און דורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלן פּאַטאָס (פג״ל אויך די רעצענזיע אויף דעם בוך פון ג. ב ו ב ל י ק אין „מאָרגן־זשורנאַל״ פון 26־טן פעברואַר 1939).

Salomon Goldman, Crisis and Decision. New York: Harper and Brothers, 1938, 206+XIII pp.

אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען פון דעם באַקאַנטן אַמעריקאַניש - העברעאישן שרייבער, ציוניסטישן עסקן און ראַבאַי שלמה גאָלדמאַן וועגן די לויפיקע יידישע פּראָבלעמען. מיר גיבן דאָ די קעפּלעך פון די וויכטיקסטע אַרטיקלען: „דער אָרט פון יידן אין דער מאָדערנער וועלט״, „לאָזשעס, לאָזשעס און נאָך אַמאָל לאָזשעס״, „פאָלק — און ניט „איזם״, „דער אַנטיסעמיטיזם שטייט אויף תחית־המתים״, „די פּירער פונעם אַמעריקאַנער יידנטום״, „ראַבינערס און ראַבינערס״. פאַראַן אויך אַן אינטערעסאַנטע שטודיע וועגן יידנטום און באָלשעוויזם, מיט אַן אָנווייז פון די וויכטיקסטע מחברים, וואָס האָבן אויף דער טעמע געשריבן (ז׳ 19—21). דער מחבר איז באַקאַנט, ווי אַ גוטער קענער פון דער העברעאישער און מערב־אייראָפּעאישער קולטור, באַזיצט אַ שאַרפע פען און אַ פיינעם ענגלישן סטיל. דאָס בוך לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס.

Francis James Brown and **Joseph Slabey Roucek,** Our Racial and National Minorities. New York : Prentice-Hall, 1937, 877 pp.

„אונדזערע ראַסן־ און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן״ — אַ זייער גרונטיקע, אויספירלעכע, וויסנשאַפטלעכע מאָנאָגראַפיע וועגן 43 נאַציאָנאַלע מיעוטים אין די פאַראייניקטע שטאַטן. וועגן יעדערן פון זיי שרייבט אַ ספּעציאַליסט פון אָט דער מינדערהייט־גרופּע. דער קאַפּיטל „די יידישע אַמעריקאַנער״ (ז׳ 406—425) איז אָנגעשריבן פון האַרי שניידערמאַן. צום סוף פון ווערק איז צוגעגעבן אַן אויספירלעכע ביבליאָגראַפיע צו דער פראַגע.

Maurice J. Karpf, Jewish Community Organization in the United States. New York: Bloch Publishing Co., 1938, XV+234 pp.

דער מחבר, וואָס באַשרייבט ווי יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירט אויפן עקאָנאָמישן, קולטורעלן און סאָציאַלן געביט, איז אַ באַקאַנטער סאָציאָלאָג, וואָס פאַרנעמט זיך אויך מיט פּראַקטישער סאָציאַלער אַרבעט. אין יסוד פון דעם בוך ליגט דער מאַטעריאַל, וואָס ער האָט צוגעשטעלט צו דער קאָנפערענץ פאַר יידישער סאָציאַלער אַרבעט (פאַר־

געקומען אין לאָנדאָן אין 1936). דאָ איז דער מאַטעריאַל אַ סך אויסגעברייטערט און דערפֿירט ביזן יאָר 1938. דאָס בוך האָט 12 קאַפּיטלען: וועגן דער יידישער באַפֿעלקערונג, עקאָנאָמישער טעטיקייט, באַציאונגען צווישן יידן און ניט־יידן, עמיגראַציע און אימיגראַציע, וועגן די יידיש־אַמעריקאַנישע אָרגאַניזאַציעס אויף די פֿאַרשיידנסטע געביטן. צום סוף קומט אַן אויספֿירלעכע ביבליאָגראַפֿיע. דאָס ווערק איז אילוסטרירט מיט זייער אַ סך פֿאַקטן און ציפֿערן און קען דינען פֿאַר אַן אויסגעצייכנטן האַנטבוך וועגן דער געזעלשׂ. סטרוקטור פֿונעם אַמעריקאַנער יידנטום. (פֿגל׳ אויך די רעצענזיע אויפֿן בוך אין דעם «Jewish Quarterly Review», יולי 1939, פֿילאַדעלפֿיע, ז׳ 83—85).

Samuel P. Abelow, History of Brooklyn Jewry. Brooklyn, N. Y.: Scheba Publ. Co., 1937, 344 pp.

די לעצטע יאָרן זיינען דערשינען אַ גאַנצע ריי מאָנאָגראַפֿיעס און זאַמלביכער וועגן די פֿאַרשיידענע יידישע ישובים מעבר לים. איצט האָבן אויך די יידן פֿון ברוקלין, וואָס איז נאָר אַ טייל פֿון ניו־יאָרק, זוכה געווען צו אַן אייגענער מאָנאָגראַפֿיע וועגן דער געשיכטע פֿון זייערע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן, אויספֿירלעך באַשריבן אין אַ באַנד פֿון כמעט 350 זייטן.

Haeem Samuel Kehimkar, The History of Bene-Israel in India. Tel-Aviv: Dayag Press, 1937, 290 +28 pp.

אַ באַשרייבונג פֿון די אַלט־איינגעזעסענע יידן, פֿון די „בני־ישראל", אין אינדיע — פֿון אַמאָל דער „מיוחסדיקער און חשובער קהילה פֿון סאָלדאַטן, קאָלאָניזאַטאָרן און דינער פֿון דער בריטישער אימפּעריע, וואָס האָבן נאָך צוויי טויזנט יאָר לעבן אין אינדיע זיך אומגעקערט איצט צוריק צום מקור פֿונעם רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן יידנטום", קיין ארץ־ישׂראל, ווי עס ווערט געזאָגט אין דעם בוך. חוץ דער געשיכטע פֿון די „בני ישראל" — אויך אַ באַשרייבונג פֿון זייערע קהילה־אַנשטאַלטן און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ביאָגראַפֿיעס פֿון אָנגעזעענע פּערזאָנען, אַ רייכער פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַל (לידער, לעגענדעס און אַז״וו), ווי אויך אילוסטראַציעס פֿון רעליגיעזן צערעמאָניאַל, פֿון די שולן וכדומה. דאָס בוך, אין ענגליש, איז דערשינען אין תל־אביב.

Cecil Roth, The Jewish Contribution to Civilisation, Macmillan Ltd, London 1938, 357 pp.

אַ גרינדלעך ווערק פֿונעם באַקאַנטן יידישן היסטאָריקער סעסיל ראָט אין לאָנדאָן וועגן דעם, וואָס יידן האָבן בייגעטראָגן פֿאַר דער אַלגעמיינער קולטור און ציוויליזאַציע. ניט געקוקט אויף דער פֿריקרער טעמע וועגן די „יידישע פֿאַרדינסטן" פֿאַר דער וועלט, איז דאָס בוך אַליין פֿאַר זיך גוט צונויפֿגעשטעלט און אינטערעסאַנט. עס ווערט געגעבן אַן איבערבליק, אילוסטרירט מיט אַ סך היסטאָרישע פֿאַקטן, פֿון דעם, וואָס יידן האָבן געגעבן אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור, מוזיק, סצענע, אויפֿן געביט פֿון פֿילאָסאָפֿיע און וויסנשאַפֿט בכלל, אין עקאָנאָמיק, געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, פֿילאַנטראָפּיע אאַז״וו. עס ווערט באַהאַנדלט די היסטאָרישע ראָלע פֿון יידן אין די אַנטדעקונגען פֿון נייע לענדער (ז׳ 63—68), די פֿאַלש אויסגעטייטשטע ראָלע פֿון יידן אינעם געלט־האַנדל, די פֿאַנטאַסטיק פֿונעם שיילאָק־מאָטיוו וכדומה ריין־אַפּאָלאָגעטישע טעמעס, באַאַרבעט אָבער דורך אַ דערפֿאַרענער האַנט. צום סוף קומט אַ רייכע ביבליאָגראַפֿיע (ז׳ 323—328). דאָס בוך אַנטהאַלט אויך אַ ריי אילוסטראַציעס.

Prof. S. R. Steinmetz, Prof. Barge, Dr. Hagedoorn, Dr. R. Steinmetz, De Rassen der Menschheid. «Elsevier» 1938, 478 pp.

„די מענטשלעכע ראַסעס" — אַ קאָלעקטיוו גרונט־ווערק, אין האָלענדיש, פֿון אַ ריי אָנגעזעענע האָלענדישע געלערנטע וועגן דער ראַסן־טעאָריע. עס ווערט אויפֿגעדעקט די עם־הארצות און אומגעלומפּערטקייט פֿון דער נאַציסטישער טעאָריע פֿון ראַסע בכלל און יידי־

שער בפרט. עס ווערט געגעבן אַן אַנטראָפּאָלאָגישער אַנאַליז און אַ כאַראַקטעריסטיק פונעם גייסטיקן מהות פון יידנטום, פון זיין הויכער עטיק, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין דעם מאָנאָטעאיזם, אין דער מיטלעלטערלעכער יידישער פילאָסאָפיע, שפּעטער אין ספּינאָזעס און קאַרל מאַרקס׳ טעאָריע.

Oskar I. Janowsky and **Melvin M. Fagen**, International Aspekts of German Racial Policies. New York: Oxford University Press, 1937, 266 pp.

דאָס בוך „די אינטערנאַציאָנאַלע אַספּעקטן פון דער דייטשער ראַסן־טעאָריע" איז אַ קאָלעקטיווע אַרבעט אין ענגליש פון צוויי מחברים, יאַנאָווסקי און פאַדזשען, און טראָגט אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אַ קיצור פון דער אַרבעט איז צוגעשטעלט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1936, אין דער פאָרם פון אַ פּעטיציע צום פעלקער־בונד, אין נאָמען פון אַ ריי גרויסע יידישע און ניט־יידישע אָרגאַניזאַציעס, אָנגעזעענע טוער, געלערנטע, שרייבער וכדומה. אַלס אויסגאַנג־פּונקט פאַר דער אַרבעט דינט דער באַרימטער בריוו פון דזשיימס מאַקדאָנאַלד, דעם הויך־קאָמיסאַר פון פעלקער־בונד פאַר די דייטשע פּליטים, ביי זיין אָנגעבן אין דעמיסיע, אין וועלכן ער האָט דערקלערט, אַז קיין שום ערלעכע מיטאַרבעט מיט היטלער־דייטשלאַנד איז ניט מעגלעך.

דאָס בוך אַנטהאַלט עטלעכע טיילן: פּרעצעדענטן אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלע אַקציעס צום שוץ פון מענטשן־רעכט; די פּאָליטיק פון נאַצי־דייטשלאַנד פון שטאַנדפּונקט פון אינטערנאַציאָנאַלע רעכט; די אויפגאַבן פון פעלקער־בונד. אין דער הוספה קומט אַ פולער איבערבליק פון דער דייטשער ראַסיסטישער געזעצגעבונג ביז סעפּטעמברע 1936. עס קומט אויך אַ פאָרוואָרט פון דזשיימס בראַון סקאָט און אַ נאָכוואָרט פונעם באַקאַנטן ענגלישן דעפּוטאַט וועדזשוואוד.

I. A. Cole, Just back from Germany. London: Faber and Faber Ltd., 1938, 333 pp.

דער מחבר פון דעם בוך „ערשט צוריק פון דייטשלאַנד", קענטיק — אַ ניט־ייד, גיט אַ לעבעדיקן איבערבליק פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין נאַצי־לאַנד און שטעלט זיך אויך אָפּ אַ סך אויפן יידישן מצב בכלל און אויף דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע פון „שטירמער" בפרט. דער מחבר באַצייכנט די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע ווי „פּאָרנאָגראַפיע", אָבער ער איז זיך מודה, אַז די ווירקונג פון דער מעכטיקער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע איז אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו אים, וואָס איז פריי פון יעטווידן ראַסיסטישן פּאָראורטייל, איז ניט שטענדיק געראָטן צו באַפרייען זיך פון איר השפּעה.

Douglas Reed, Insanity Fair. London: Ionathan Cape, 1938, 431 pp.

דער מחבר פון דעם בוך „אַ יאַריד פון משוגעת" איז אַן ענגלישער זשורנאַליסט, וואָס האָט אָפּגעלעבט אין דייטשלאַנד 7 יאָר, פילט אַ צוגעבונדנקייט צו דעם לאַנד און באַשרייבט מיט שמערץ, וואָס די נאַציס האָבן פון דעם געמאַכט. ער איז ווייט פון באַרעכטיקן דעם אַנטיסעמיטיזם, פונדעסטוועגן באַמיט ער זיך צו פאַרקלענערן די יידישע צרות און שרייבט, אַז יידן האָבן סוף־כל־סוף ניט אַזוי שטאַרק געליטן; ער האַלט אַפילו פאַר זייער איבערגעטריבן די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין דייטשלאַנד און עסטרייך... דערביי אונטערשטרייכט דער מחבר, אַז ער איז אַ „דעמאָקראַט".

Julius Gordon, Pity the Persecutor. New York: Richard R. Smith, 1938, 194 pp.

„האָט רחמנות אויפן פאַרפאָלגער" — אַזוי הייסט דאָס בוך פונעם ראַבאַי גאָרדאָן, אין וועלכן ער באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז דער נאַצי־אַנטיסעמיטיזם, נעבעך, קען פאַרשאַדן דייטשלאַנד גופא, און אַז פון הויכן עטישן שטאַנדפּונקט איז דייטשלאַנד דער אמתער קרבן פון זיין ברוטאַ־

לער פּאָליטיק... דער מחבר ווייזט אָן אויף דעם מאָראַלישן חורבן, וואָס די דייטשע רציחות מאַכן אָן אין די רייען פון די נאַציס גופא. ער באַטראַכט די דיקטאַטורן נאָר ווי אַ קורצן עפּיזאָד אין דער געשיכטע, ווייל ער גלויבט באמונה־שלמה אין דעם אייביקן כוח פון דער ליבעראַלער דעמאָקראַטיע. דער מחבר שטעלט זיך אויך אָפּ אויספירלעך אויף דער דייטשער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע אין די פאַראייניקטע שטאַטן און רופט צו באַקעמפן אָט די סכנה.

Heinz Preiss, Die Anfänge der völkischen Bewegung in Franken. Verl. F. Willmy, (Nürenberg?), 1937, 92 pp.

דאָס ביכל, וואָס איז דערשינען אין דייטשלאַנד, גיט אַן אויספירלעכע געשיכטע פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין פראַנקען און אירע אָנפירער, אין איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס דאָס איז אַ ד אָ ק ט אָ ר ־ ד י ס ע ר ־ ט אַ צ י ע אויף דער טעמע וועגן ש ט ר ײַ כ ע ר ן און זיין ראָלע ווי אַנטיסעמיטישן פירער; דער מחבר איז אַליין אַן אַקטיווער נאַצי. אַזוי האָט שוין שטרייכער זוכה געווען צו ווערן אַ טעמע פאַר אַ דאָקטאָר־טעזע אין דער דייטשער „וויסנשאַפט"...

Karl Arns, Index der anglo-jüdischen Literatur. Verlag Poeppinghaus, Bochum, 1938, 105 pp.

אַן אויספירלעכער איבערבליק פון 220 ווערק פון ענגליש־יידישע שרייבער, פילאָסאָפן, פּאָליטיקער וכדומה פאַר די לעצטע 100 יאָר, מיט אַ סך ציטאַטעס, קריטישע און ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען. דאָס בוך איז דערשינען אין דייטשלאַנד. דער מחבר, אַ קענער פון דער ענגלישער ליטעראַטור, איז אַ געטרייער חסיד פון נאַציזם, און אָט די טענדענץ לאָזט זיך, נאַטירלעך, פילן אויך אין דער דאָזיקער ריין־ביבליאָגראַפישער אַרבעט.

Gemeinschaftsarbeit der jüdischen Jugend. Aus der Arbeit d. Reichsausschuss der jüd. Jugendverbände 1933-1936. Berlin 1937, 157 pp.

אינעם ערשטן טייל פון בוך ווערט געגעבן אַ סעריע אַלגעמיינע אַרטיקלען וועגן דער יידישער יוגנט־באַוועגונג אין דייטשלאַנד אין די ערשטע פיר יאָר פון דער היטלער־רעגירונג; דער צווייטער טייל דערציילט וועגן דער פּראַקטישער אַרבעט פון די יידיש־דייטשע „יוגנט־פאַרבאַנדן"; דער דריטער רעדט וועגן די אויפגאַבן פון דער אַרבעט אין דער צוקונפט.

F. Goldmann und **G. Wolf,** Tod und Todesursachen unter der Berliner Juden. Berlin, Reichsvertretung d. Juden in Deutschland, 1937, 82 pp.

אַ ריין־סטאַטיסטישע אַרבעט וועגן טויט־פאַלן צווישן די בערלינער יידן און זייערע סיבות. די טעמע איז נאַטירלעך באַהאַנדלט זייער פאָרזיכטיק, מחמת אויך די טרוקענע ציפערן וועגן די יידישע טויט־פאַלן קענען אַ סך דערציילן וועגן די קרבנות פונעם נאַצי־רעזשים...

George Antonius, The Story of the Arab National Movement. Philadelphia: Lippincott Co., 1939, 471 pp.

אַן אויספירלעכע שטודיע וועגן דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון איר אויפקום אין 19־טן י"ה ביז היינטיקן טאָג. דער מחבר איז אַ קריסטלעכער אַראַבער און איז אין משך פון יאָרן געווען אַ באַאַמטער פון דער פּאַלעסטינישער רעגירונג. אַ שאַרפער שונא פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט ער נאָכן פאַרלאָזן זיין אַמט געפירט אַן ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע אין ענגלאַנד און אַמעריקע קעגן די יידישע פאָדערונגען. צום סוף פון זיין בוך גיט ער מאַקע אין דעם גייסט אַן אַנאַליז פון דער פּאַלעסטינע־פּראָבלעם און פון די תנאים, אויף וועלכע די פּראָבלעם קען, לויט זיין מיינונג, געלייזט ווערן.

אַ ל ג ע מ יי נ ע ע נ צ י ק ל אָ פּ ע ־ ד י ע. באַנד „יידן א". דובנאָוו־פאָנד, פּאַריז 1939, 656 שפּאַלטן (פּאָליאָ).

דער ערשטער באַנד „יידן" פון דער פונדאַמענטאַלער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע אין יידיש, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין פּאַריז און וואָס ביז איצט

זיינען שוין פון איר דערשינען 4 בענד. די בענד „יידן" רייסן איבער די ריי פון אלף־בית, מחמת זיי טראָגן אַ זעלבשטענדיקן כאַראַקטער, אַ מאָנאָגראַפישן, און באַהאַנדלען ספּעציעל יידישע פראַגעס. אַזעלכע בענד „יידן" ווערן פאָרויסגעזעען צוויי; אין דעם ערשטן ווערן געגעבן אַ ריי מאָנאָגראַפיעס, וואָס באַהאַנדלען מער די מאַטעריעלע זייט פון יידישן פאָלק און יידישן לעבן: יידישע אַנטראָפּאָלאָגיע (ד"ר י. ברוצקוס), אַרכעאָלאָגיע (פּראָפ. סוקעניק), געשיכטע (א. מענעס, ד"ר א. שטיינבערג) און היסטאָריאָגראַפיע (א. טשעריקאָווער), יידישע סטאַטיסטיק (ד"ר א. רופין), דעמאָגראַפיע (פּראָפ. ל. הערש), עקאָנאָמיק (י. לעשצינסקי), עמיגראַציע (פּראָפ. ל. הערש), קאָלאָניזאַציע (ד"ר י. שטיינבערג), קאָאָפּעראַציע (י. יאַשונסקי), יידישע אַליינפאַרוואַלטונג (ד"ר ווישניצער), יידישע רעכט (ד"ר ש. אייזענשטאַדט), יידישער לעבנסשטייגער (ד"ר י. העלער). אין צווייטן באַנד וועלן באַהאַנדלט ווערן דער עיקר די גייסטיקע דערשיינונגען. די מאָנאָגראַפיעס זיינען געשריבן פון ספּעציאַליסטן, קאָמפּאַקט און אויסשעפּנדיק. עס קומען 130 סטאַטיסטישע טאַבעלעס, אַ ים מיט פאָטאָגראַפישע און צייכנערישע אילוסטראַציעס, היסטאָרישע קאַרטעס, דיאַגראַמעס, אייניקע — קאָלירטע. באַזונדערס וויכטיק איז די קאָלירטע היסטאָרישע קאַרטע פון יידישע וואַנדערונגען. דער באַנד איז מוסטערהאַפט אַרויסגעגעבן, אין אַלע פּרטים, און קען דינען אַלס זייער ערנסטער האַנטבוך, געשריבן אין אַ פּאָפּולערער פאָרם, אָבער געהאַלטן אויף אַ שטרענגוויסנשאַפטלעכער הויך. — אין די קומענדיקע נומערן וועלן מיר געבן אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג פון דעם ווערק.

ווילנער אַלמאַנאַך, אונטער דער רעדאַקציע פון א. י. גראָדזענסקי. פאַרלאַג „אָוונט-קוריער". ווילנע 1939. 366 שפּאַלטן.

די אַרויסגעבער פון אַלמאַנאַך האָבן זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַ גרעסערע אָפּשפּיגלונג פון דער יידישער ווילנע, פון אַלע אירע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס. אין אַ געוויסער מאָס איז די גוטע כוונה פון די אַרויסגעבער רעאַליזירט געוואָרן, הגם דאָ און דאָרט קען אַ געניט אויג באַמערקן אין דעם צונויפשטעל פון מאַטעריאַל אַ געוויסע צופעליקייט, וואָס איז מן הסתם אַ פּועל־יוצא פון דער שנעלער, אַזוי צו זאָגן געטריבענער אַרבעט. דאָס בוך פירט אַריין דעם לייענער אין אַלע אינטימע ווינקעלעך פונעם יידישן געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן לעבן אין ירושלים דליטא. מיר האָבן דאָ אַרטיקלען, באַריכטן און רעפעראַטן פון אַלע יידישע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, פון אַלע צדקה־חברות און אָרגאַניזאַציעס.

די וויכטיקסטע אַרבעטן אין אַלמאַנאַך זיינען: „10 יאָר ווילנער קהילה", פון ווערבלינסקי; „געשיכטע פון יידישן שפּיטאָל אין ווילנע", פון ד"ר א. ווירשובסקי; „דער ייוואָ צו זיין בר מצווה", פון ד"ר מ. וויינרייך; אַ רעצענזיע וועגן ז"ב „ווילנע", פון משה שאַליט; רעפעראַט וועגן יידישן פּען־קלוב אין ווילנע, פון ז. רייזען; וועגן „יונג־ווילנע", פון ש. ביילים; „ווילנער היסטאָרישע עטנאָגר. געזעלשאַפט און איר מוזיי", פון א. י. גאָלדשמידט; וועגן יידישן וועלטלעכן שול־וועזן, פון ש. באַסטאָמסקי; וועגן העברעאישן שול־וועזן אין ווילנע, וועגן שול־קולט אַאַז"ו. מיר געפינען אין דעם בוך אויך די געהעריקע אינפאָרמאַציעס וועגן די אַנשטאַלטן פון דער יידישער רעליגיעזער ווילנע. אין דעם אַלמאַנאַך קומען אויך אַריין לידער פון חיים גראַדע, א. סוצקעווער, אַ דערציילונג פון מ. לעווין און זכרונות פון י. וויגאָדסקי, הירש אַבראַמאָוויטש, ב. באָריסאָוו.

יובל-בוך פון „הייַנט", תר"סח — תר"צח (1908 — 1938), וואַרשע, 310 ז. (טעקסט).

אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע עסקנים, וואָס שטייען נאָענט צו די יידישע נאַציאָנאַלע קרייזן, האָט אַרויסגעלאָזן סוף פאָריקן יאָר אַ גרויסן זאַמלבוך צום 30־

יאָריקן יובל פון דער צייטונג „היינט",
אין וועלכן עס זיינען אַריין אַרטיקלען,
אָפּהאַנדלונגען, לידער, פראַגמענטן פון
דערציילונגען וכדומה פון איבער 80
שרייבער און נאַציאָנאַלע כלל־טוער. אין
אַ ריי אַרטיקלען פון די נאָהענטסטע
מיטאַרבעטער פון דער צייטונג ווערט
געשילדערט די געשיכטע פון דער צייי־
טונג און פון איר פאַרשפּרייטונג.
אויסער די אַרטיקלען, וואָס טראָגן
דעם כאַראַקטער פון „פּראָ דאָמאָ סואַ",
געפינען מיר אין דעם אַלמאַנאַך, וואָס
איז אַגב אילוסטרירט, אויך גרעסערע
אַרבעטן פון א. טאַרטאַקאָווער, י. לעש־
צינסקי, ד"ר גרשון לעווין, מ. אוסיש־
קין, י. גרינבוים, לעאָ קעניג, י. טשער־
ניכאָוו און אַנדערע.

מאַרק טורקאָוו, אויף יידי־
שע פעלדער. אַ נסיעה איבער אַרגענ־
טינע. וואַרשע 1939. 200 זז.

דער מחבר האָט געמאַכט אַ נסיעה
איבער דער יידישער אַרגענטינע און
באַשריבן זיינע איינדרוקן אין אַ בוך,
וועלכן ער הייליקט „יענע האָרעפּאַשנע
יידן, וואָס האָבן דורך שווערער אַרבעט
און מיט פיל מענטשלעכע קרבנות פאַר־
וואַנדלט די ריזיקע אַרגענטינער סטע־
פּעס אין בליענדיקע פעלדער". מיר גע־
פינען דאָ אפשר ניט קיין סך נייעס
וועגן די אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס,
דערפאַר אָבער ווערן זיי באַשריבן מיט
רירנדיקן יראת־הכבוד פאַרן יידישן האָ־
רעפּאַשניק, פאַר די נויטן פון זיין טאָג־
טעגלעכקייט און מענטשלעכער שאַפונג,
מיט וואַרעמקייט און אין אַ לייכטן
סטיל. דאָס בוך איז (באַזונדערס ביי
די וואַרשעווער פאַרהעלטעניש) שיין
אַרויסגעגעבן.

ל. מלאך, פון פּוילן ביז טערקיי.
רעפּאָרטאַזשן. פאַרלאַג א. ב. צעראַטאַ,
פּאַריז 1939. 206 זז.

אַ זאַמלונג רעפּאָרטאַזשן פונעם פרי
פאַרשטאָרבענעם (1936) באַקאַנטן
יידישן שרייבער, וואָס האָט אַרומגע־
רייזט די גאַנצע יידישע וועלט. ל. מלאך
איז דער מייסטער פונעם יידישן רע־
פּאָרטאַזש. דאָס רוב אַרטיקלען זיינען
שוין פריער געווען געדרוקט אין צייי־
טונגען, אָבער איצט, צונויפגענומען אין
דער יזכור־אויסגאַבע, מאַכן זיי אַ רושם
מיט זייער גאַנצקייט און פילפאַרבי־
קייט. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן גע־
וואָרן פונעם „ל. מלאך־קאָמיטעט" אין
פּאַריז, מיט ליבע און פיינעם געשמאַק.

מנחם לינדער, יידישע וואַנ־
דערונגען פאַר די לעצטע 10 יאָר. ווילנע 1938, 32 זז.

אַ סעפּאַראַטע אויסגאַבע אין אַ בראָ־
שור־פאָרם פון אַן אַרבעט, וואָס איז
געווען פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל
„יידישע עקאָנאָמיק" פון דער עקאָנאָ־
מישער סעקציע ביים „ייוואָ". אַ גרינט־
לעכע שטודיע, רייך אילוסטרירט מיט
סטאַטיסטישע טאַבעלעס. עס ווערט גע־
געבן אַ בילד פון דעם צוזאַמענבראָך
פון דער יידישער מיגראַציע אויפן פאָן
פון די ענדערונגען אין דער וועלט־
ווירטשאַפט. די בראָשור איז אַרויס אין
דער סעריע „ביבליאָטעק פון ייוואָ".

Le gérant : Léon Zaslavsky. PRINTED IN FRANCE.

S.N.I.E., 32, Rue de Ménilmontant, Paris (20e)